This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

12

1968

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסטר

אכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

דעקאַבער

12

1968

אינהאַלט

זײַט

ארן בייגעלמאן. דער גאָלדענער לײַכטער (דערציילונג סאָף). צייכענונגען פון ו. זובאָוו 3

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. אין לעבן פארליבט (לידער) 33

שמועל גאָרדאָן. דעם באַלשעמס געסל (פּיעסע) . . . 36

מאָטל גרוביאַן. אָנהייב טאָג (לידער) 72

יויסעף ראבין. זיבן אוטאָביִאָגראַפישע נאָוועלן . . . 75

יאָסל בוכבינדער. לידער 99

מוישע טייף. א מײַסעלע פאר קליין און גרויס . . . 100

פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד.

עסטער מילער. צוויי כאַווערים (דערציילונג) . . 104

אף די שפורן פון געשעענעם. מענדל געלער. דער שווײַגער, ו. גרעס. נאַוואַבאַ, מ. שאַווער. פון טויט לעבעדיק. אי. זעליאָני. איסאַק פרידמאַן — סטעפאַן יאַראָש. כ. ארעצקי. גאָרקי און מאַיאַקאָווסקי — מיטגלידער פון „געזערד“ 108

טריבונע פון לעבן

יעכיִעל טשיטשעלניצקי. דער אינדערוואָכן פון א זאַוואָד 114

כאיִם מאַלטינסקי. דער שמיד דער קאַפּוליער (פאַר־צייכענונג) 119

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

מוישע גאָלדבלאַט. אונדזער פּאָלוואָר 122

אָפּקלאַנגען. רעפליקעס. מיינונגען 130

ייִסראָעל סערעבריאַני. בא דער שוועל פון דער נײַער וועלט 133

אונדזערע מיטיילונגען. מעשולעם סורקיס. א קולטור־פּײַערונג מיט 20 יאָר צוריק א. פריבלודע. צו דער געשיכטע פון ייִדישע פאַמיליע־נעמען 137

אבע פינקעלשטיין. צום 75־טן געבורטסטאָג פון נאָכעם אויסלענדער 142

קורצע רעצענזיעס. מירע שנייערסאָן. וועגן מענדל ליפשיצעס בוך „בא זיך אין דער היים“, מוני גליזער. וועגן בעלא גאָלדווירטס בוך „איבער גרענעצן“ 147

ראָמאַס אלעקנא. נאָכעם אַלפּערטס אקוואַרעלן . . . 149

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 149

פאַרשיידנס 150

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאַטשיק. „שמחת הנפש“ 152

די ייִדישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן . . . 153

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 154

כראָניק 103, 129, 136

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ פארן יאָר 1968 156

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אַשעראַוויטש,

אי. באַרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

ארן בייגעלמאַן



דער גאָלדענער לײַכטער

13

אונדזער שטאָט־טעאַטער האָט זיך געפונען אינעם הויז פונעם ראַיויספּירקאָם. דאָס דאָזיקע הויז איז דאָס גרעסטע און דאָס העכסטע אין שטאָט. דרײַ שטאָק די הייך איז עס. דער טעאַטער איז אויפן ערשטן גאָרן. דער גרויסער זאַל איז קימאַט שטענדיק דאָ ליידיק. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל מיר האָבן ניט קיין אייגענע אַרטיסטן. אַמאָל קומט צו אונדז אַראָפּ אַ טרופּע פון אַן אַנדער שטאָט, אָבער דאָס טרעפט זעלטן.

איך האָב זייער ליב טעאַטער, פּונקט ווי קינאָ. עס געפעלט מיר אַלץ, וואָס איך זע דאָרט. אין טעאַטער איז אַפילו אינטערעסאַנטער, אין קינאָ זעט מען נאָר, און דאָ זעט מען און מע הערט.

ווען איך בין צוגעקומען מיט מײַן מעלדונג צום טעאַטער, זײַנען אַלע פיר טירן געווען פאַרמאַכט. איך האָב אַ שטופּ געטאָן איין טיר, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע — פאַרשפּאַרט. איך בין געשטאַנען און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אויף איינער פון די טירן האָב איך דערזען אַ געלע קנאָפּקע, זי איז אָבער געווען זייער הויך. וויפל איך האָב זיך ניט געסטאַרעט, האָב איך ניט געקאָנט דערלאַנגען. איך בין אונטערגעשפּרונגען, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער — איינמאָל ניין. דעמלט בין איך אַוועק זוכן אַ שטעקל. ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק, איז די טיר שוין געווען אָפן.

די אויפראַמערן, וואָס האָט מיט אַ בעזעם אונטערגעקערט דעם דיל, איז מיר געגאַנגען אַנטקעגן.

— וועמען דאַרפסטו דאָ, זונעניו? — האָט זי געפרעגט.

— איך וויל אַרײַנטרעטן אין דער מוזיק־שול.

— וואָס פאַר אַ שול? דאָ איז אַ טעאַטער.

ווען איך האָב איר דערקלערט, אַז באַם טעאַטער וועט זײַן אַ שול, האָט זי מיך אָפּגעשיקט צום דירעקטאָר.

— אָט אַהין גיי, אין עקסטן ווינקל.

איך בין געגאַנגען מיטן לאַנגן קאָרידאָר, ביז איך בין צוגעקומען צו אַן אָפענער טיר, ווו

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11.

עס זײַנען געזעסן צוויי מאַנצבלען. דער מאַנצבל, וואָס איז געזעסן מיטן פּנים צום אַרײַנגאַנג, האָט מיך באַמערקט און אָנגעהויבן פֿאַרגעבן פֿראַגן:

— וואָס שטייסטו דאָ? וואָס ווילסטו? ווער האָט דיך אַרײַנגעלאָזט אַהער?

איך האָב זיך שוין געקליבן ענטפֿערן, נאָר יענער, וואָס איז געזעסן צו מיר מיט דער פּלייצע, האָט זיך אויסגעקערעוועט און איך האָב דערקענט אַבראַשען.

— ס'איז דאָך ליאָוועטשקע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

ווען אַבראַשע שמייכלט, ווערן באַ אים די אויגן אַזעלכע גוטע, אַז דיר דאַכט זיך, אַז ער איז דײַנער גאָר־גאָר אַ נאָענטער פֿרײַנט. ציין האָט אַבראַשע שטאַרק ווײַסע, און אַליין איז ער אַ שוואַרצכיינעוודיקער, מיט אַ קוטשמע שוואַרצע האָר.

— וואָס האָסטו געוואָלט, ליאָוועטשקע? — האָט אַבראַשע מיך געפֿרעגט.

— כ'האָב געבראַכט אַ מעלדונג אין דער מוזיק־שול.

— ריכטיק. מאַלאַדיעץ. דו ביסט געקומען איינער אַליין?

כ'האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— זייער גוט האָסטו געטאָן. אָט האָט איר, ביטע, — האָט אַבראַשע זיך אויסגעקערעוועט צו יענעם. — איר טײַנעט, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין אַרטיקע קויכעס. אָט האָט איר אַרטיקע קויכעס, — האָט אַבראַשע אָנגעוויזן אויף מיר. — איר ווייסט כאָטש, וויאַזוי דאָס יאַטל זינגט? וואָס פֿאַר אַ שטים ער פֿאַרמאָגט? דאָס איז דאָך אַ צוקינפֿטיקער סאָבינאָוו, אויב מע זאָל אים נאָר לערנען! אָט נעמט אים, געפֿינט נאָך עמעצן און מאַכט אַ קאָנצערט. עס זײַנען פֿאַראַן אַר־טיקע קויכעס, מע דאַרף זיי נאָר אויסזוכן, טײַערער דירעקטאָר.

— אַרטיסט, סאָבינאָוו, קאָנצערט! — האָט דער דירעקטאָר אָפּגעלאַכט. — ער האָט אַ וויַז געטאָן אויף מיר און פֿאַרגעזעצט: — אָט טוט בעסער אַ קוק אויף אים, אויף אײַער סאָבינאָוון! ער פֿאַרלירט דאָך די הייזלעך.

אַבראַשע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף מיר.

— וואָס איז עס געשען מיט דײַנע הייזלעך?

— כ'האָב אָפּגעריסן אַ קנעפּל, עס פֿאַרביטן אויף אַ שטעקל.

— וואָס זאָגט איר אויפֿן אַרטיסט? — האָט דער דירעקטאָר זיך צעלאַכט. — פֿאַרביטן די קנעפּלעך אויף אַ שטעקל...

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָב איך שטיל דערציילט אַבראַשען, וואָס אַזוינס איז פֿאָר־געקומען:

— כ'האָב ניט געקאָנט געפֿינען קיין שטעקל אויף אָנקלײַנגען, און דאָס גלעקל איז צו הויך.

— איז וואָס? — האָט אַבראַשע געשמייכלט.

— האָב איך איינעם אַ יאַטל אָפּגעגעבן דאָס קנעפּל פֿאַר זײַן שטעקעלע.

ביידע, דער דירעקטאָר און אַבראַשע, האָבן זיך צעלאַכט.

— איר זעט, — האָט אַבראַשע געזאָגט, — דעם ערשטן קאָרבן פֿאַר דער קונסט האָט ליאָוועטשקע שוין געבראַכט. נו, און ווען זאָל ער אָפּגעבן די מעלדונג זײַנע?

— ניט מיר, פֿאַרשטייט זיך, דער קולטאָפּטייל נעמט צונויף די מעלדונגען.

ווײַטער האָט מיר שוין אַלץ דערקלערט אַבראַשע:

— גיי, ליאָוועטשקע, אַרום און אַרום דעם טעאַטער, ווערסטו זיך אָנשטויסן אויף אַ הויכן גאַנעק, דאָרט הענגט אַ שילדל, אויף וועלכן ס'איז אָנגעשריבן: „אָפּטייל פֿאַר קולטור־ און מאַסן־אַרבעט פֿונעם בלאַגאָפּאָלסקער ראַיִיספּירקאָם", דאָרט וועט מען נעמען באַ דיר די מעלדונג.

— כ'האָב אַלץ פֿאַרשטאַנען.

— ס'איז הײַנט באַ אײַך אַ פֿאַרזאַמלונג? — האָט אַבראַשע מיך אַ פֿרעג געטאָן.

— יאָ, — האָב איך זיך געכידעשט, — פֿונוואַנען ווייסט איר?

— כ'וועל זײַן אויף דער פֿאַרזאַמלונג, האָט אַבראַשע געזאָגט, — מירן זיך דאָרט זען. נו, גיי, און זאָל זײַן מיט דערפֿאָלג.

צום הויכן גאַנעק פֿונעם קולטאָפּטייל האָב איך גלײַך געטראָפֿן. די טיר איז געווען צע־פּראַלט, און איך האָב דערזען אַ סאַך אָנגעשטעלטע, וואָס זײַנען געזעסן באַ זייערע שרײַבטישן. צו וועמען איך דאַרף צוגיין, האָב איך ניט געוווּסט, דאַן האָב איך באַשלאָסן זיך ווענדן צום פֿעטער, וואָס איז געזעסן באַם גרעסטן טיש:

— איר נעמט צו מעלדונגען אין מוזיק־שול?

יענער האָט אַפֿילו דעם קאָפּ ניט אויפֿגעהויבן. ער האָט בלויז אויסגעצויגן די האַנט צוזאַ־מען מיטן הענטל־פֿען און געוויזן אַהין, ווו עס איז געזעסן אַ פֿרוי אין ברילן.

ווי נאָר איך בין צוגעקומען צו איר טיש, האָט זי אָפּגערוקט די גרויסע בויגנס פּאַפּיר, אין וועלכע זי האָט ביז איצט אַרײַנגעקוקט, און מיך אַ פֿרעג געטאָן.

— געבראכט א מעלדונג?

איך האָב איר דערלאַנגט מײַן בייגעלע פּאַפּיר.

— זעץ זיך, — האָט זי מיר אָנגעוויזן אַף א שטול לעבן זיך. — אזוי! הייסט עס, זייער, זייער, — האָט זי פיר מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט, — נו, איז זייער גוט... נאָר דעם אדרעס האָסטו ניט אָנגעשריבן. און וויפל ביסטו אלט? זאָג, וועל איך פארשרײַבן. ווארט, און וואָס נאָך איז בא דיר ניט פארשריבן? די סאָציִאלע לאגע!

איך האָב געשוויגן. כ׳האָב אָבער געוווּסט, אז מע וועט מיך עס פרעגן...

— דו ווייסט ניט, וואָס עס הייסט סאָציִאלע לאגע? — האָט די מומע געפרעגט. — נו, מיט וואָס פארנעמט זיך דער טאטע דײַנער?

— ער האלט א קלייטל, — האָב איך שטיל געזאָגט.

— א, אָט וואָס! — ביז איצט האָט זי געקוקט אַף מיר איבער די ברילן, און איצט האָט זי פארוואָרפן דעם קאָפּ און מיך באטראכט דורך די ברילן־גלעזלעך.

— אזוי, הייסט עס, א הענדלער? איז וואָס פאר א הענדלער איז ער, א גרויסער, א קליינער?

איך האָב געשוויגן.

— נו, וועלן מיר אזוי פארשרײַבן. — זי האָט ארײַנגעלייגט מײַן מעלדונג אין א פּאַפּ־קע, — איצט איז שוין אלץ, קאָנסט גיין.

נאָר איך בין ניט אוועקגעגאנגען.

— איז וואָס זשע שטייסטו, איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אז דו מעגסט שוין גיין אהיים.

— און אין שול האָט מען מיך צוגענומען?

— איך נעם דען צו? צונעמען וועט א קאָמיסיע, מע וועט נאָך פריִער אויסהערן אלעמען, מינאסטאם וועט די קאָמיסיע זײַן די קומענדיקע וואָך. מיר וועלן דיר געבן צו וויסן. — זי האָט ארונטערגענומען די ברילן. — ווילסט נאָך עפּעס פרעגן?

איצט, אָן די ברילן, האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז זי איז מיטאמאָל ייִנגער געוואָרן. זי האָט געקוקט אַף מיר לאנג און אופמערקזאם. פּלוצעם האָט זי א ווונק געטאָן צו מיר און זיך צעשמייכלט.

— זײַ ניט פארזאָרגט, — האָט זי געזאָגט.

ס׳איז מיר באלד געוואָרן פריילעך, און איך האָב אויך אָנגעהויבן צו שמייכלען.

14

די פּיִאָנערישע פארזאמלונג איז פאָרגעקומען אינעם נײַעם קלוב פון די קוסטארן. אָפּי־ציִעל האָט דער קלוב נאָך ניט געארבעט. ערשט אין עטלעכע טעג ארום האָט געדארפט פאָר־קומען די עפענונג.

מיר האָבן פארנומען די ערשטע ריי, און דאָרט, אַף דער בינע, איז געשטאנען א טיש, באדעקט מיט א רויטן טישטעך, בא וועלכן עס איז געזעסן אונדזער פּיִאָנער־וואָזשאטע דאשע, א פּיִאָנערקע, וואָס האָט געפירט דעם פּראָטאָקאָל, און אבראשע. אלע האָבן זיי געטראָגן רויטע האלדזטיכלעך. אבראשע אויך. ער איז געווען אָן ערן־פּיִאָנער פון אונדזער אָטריאד.

איך האָב זיך זייער געערגערט. און ווען דאשע האָט געמאָלדן, אז הײַנט וועט מען צונע־מען נאָר מיך אײנעם, האָב איך זיך מאמעש דערשראָקן.

— קום אהער צום טיש, ליאָווע, — האָט דאשע געזאָגט.

איך בין ארוף אַף דער בינע און גלײַך דערפילט, אז אלע קוקן אַף מיר. ווען איך טרעט ארויס, קוקן אויך אלע, אָבער ווי נאָר איך הייב אָן זינגען, פארגעס איך אין דעם. דאָ אָבער בין איך געשטאנען און געשוויגן. איך האָב געשוויגן, און זיי, אין זאל, האָבן אויך געשוויגן.

— דערצייל וועגן זיך, — האָט דאשע געזאָגט, — וויִאזוי לערנסטו זיך, וועלכע פליכטן פילסטו אויס.

איך האָב אופגעעפנט דאָס מויל, נאָר ארויסריידן א וואָרט האָב איך ניט געקאָנט. אין האלדז איז מיר איבערגעטריקנט געוואָרן. כ׳האָב א פּאָר מאָל א שלונג געטאָן די לופט און געזאָגט ניט מיט מײַן קאָל:

— כ׳בין אריבער אין פערטן קלאס.

דאשע האָט א ביסל צוגעווארט און ווײַטער געפרעגט:

— וויִאזוי ביסטו אריבער? וואָס פארא אָפּשאצונגען האָסטו באקומען?

— אזוי זיך.

— שלעכטע האָסטו?

— ניין.

— און גוטע?

— כ'האָב.

— א סאך?

— אלע.

אבראשע האָט זיך צעלאַכט:

— און דו זאָגסט „אזוי זיך".

איצט האָבן שוין אלע אָנגעהויבן לאַכן. איך האָב זיך א ביסל בארויִקט און, דאכט זיך, א שמייכל געטאָן.

— און וועלכע פליכטן פילסטו אויס? — האָט דאשע ווידער געפרעגט.

— איך בין אין קרײַזל פון קעמפערישע אטעיִסטן און ארבעט מיט דער באָבע גאָלדע.

— נו, און די באָבע האָט דיך נאָך ניט געמאכט פאר קיין גלייביקן? — האָט זיך ארײַנגעמישט אבראשע.

— ניין. די באָבע גאָלדע איז א ווילע.

— און דו?

— איך?.. אזוי זיך.

אלע האָבן זיך ווידער צעלאַכט, און איך האָב אויך אָנגעהויבן לאַכן.

— די באָבע גאָלדע איז זייער א גוטע, — האָב איך שוין אליין פאָרגעזעצט אָן א פראַגע. — זי גלייבט אין גאָט, ווײַל זי איז אן עלנטע, זי לעבט איינע אליין.

— גוט טוסטו, וואָס דו גייסט צו איר. און וואָס נאָך פארא פליכטן פילסטו אויס? — האָט דאשע געפרעגט.

— מער גאָרנישט.

— וואָס הייסט, — האָט אבראשע אויסגעשריִען, — אין שול טרעטסטו ארויס? לידער זינגסטו? דאָס איז דען ניט קיין געזעלשאפטלעכע ארבעט? אָט וויל איך אויך הײַנט הערן, ווי דו זינגסט, אין נײַעם קלוב. ווי מיינט איר, כעוורע, מיר וועלן אים בעטן זינגען?

— זינגען, זינגען! — האָבן אלע אָנגעהויבן טומלען. אין זאל האָט אזש גענומען הודען.

— איר הערט, כעוורע? — האָט אבראשע אופגעהויבן א פינגער צו דער סטעליע. — איר הערט א מין רעזאָנאנס!

— ווער האָט פראגן? — האָט דאשע זיך געווענדט צו די פּיאָנערן.

— ניטאָ! — אין זאל האָט ווידער גענומען הודען.

— און ווער וויל ארויסטרעטן?

קיינער האָט ניט געוואָלט.

— איז וועלן מיר אָפּשטימען.

פּלוצעם איז אופגעשטאנען זיאמע און אופגעהויבן א האנט:

— איך וויל זאָגן.

דאשע האָט א שאָקל געטאָן צו אים מיטן קאָפּ.

— זײַן טאטע איז א לישעניעץ!

אין זאל איז געוואָרן שטארק שטיל, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז עמעצער האָט מיט עפּעס געפּלעט מיר דעם קאָפּ, איך בין געשטאנען און מוירע געהאט זיך א ריר טאָן.

— נו, איז וואָס? — האָט אָף א קאָל געפרעגט אבראשע.

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. אבראשע האָט זיך אופגעהויבן און צוגעגאנגען צו מיר.

— וועמען נעמען מיר אָן פאר א פּיאָנער? — האָט ער געפרעגט. — ליאָוון צי זײַן טאטן? ליאָווע איז דען ניט אזא, ווי איר אלע? ער איז ערגער פון אײַך? איר ווייסט דען ניט, אז קינדער פון לישענצעס, און אפילע ניט אזעלכע לישענצעס, ווי זײַן טאטע איז, נאָר קינדער פון אויסגעשפּראָכענע סאָנים, קאָנען זײַן אונדזערע פרײַנט, — אבראשע איז אָף א ווײַלע אנשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט געוואָרט אָף אן ענטפער, נאָר אלע האָבן געשוויגן. ער האָט אלעמען באטראכט און פאָרגעזעצט: — דער דאָזיקער קלוב וועט טראָגן דעם נאָמען פון יאנקעוו גרינבערגן, און איך וויל אײַך טאקע דערציילן, ווער איז ער געווען, אָט דער יאנקעוו גרינבערג, און פארוואָס איז באשלאָסן געוואָרן אָנרופן דעם קלוב אָף זײַן נאָמען.

אלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן, איך האָב אויך אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו אבראשען.

— יאנקעוו גרינבערגן האָב איך געקענט, — האָט אבראשע אָנגעהויבן, — ער וואָלט

איצט אַלט געווען אַזויפֿיל, וויפֿל איך, נאָר ער איז אומגעקומען בייס דעם בירגערקריג נאָך גאָר א יונגינקער, קימאַט א ייִנגל. ער האָט בעסאַכאַקל אָפּגעלעבט אַכצן יאָר.

א שווערע צײַט איז עס געווען. די רויטע זײַנען דעמלט אָפּגעטראָטן, און די שטאָט איז פֿאַרבליבן אָן גאָטס באַראָט, ווי מע פֿלעגט אַמאָל זאָגן. די מאַכט האָט זיך געביטן קימאַט יעדע וואָך. איין באַנדע נאָך דער אַנדערער זײַנען דורכגעגאַנגען די שטאָט. ווער נאָר איז דאָ ניט געווען! פּעטליוראָווצעס, מאַכנאָווצעס, זשופּאַניקעס, גרינע, בלאָווע — באַנדעס פֿון אַלערליי קאָלירן, און אַלע האָבן זיי געראַבעוועט און געשאָסן. די מענטשן זײַנען געווען אין איינע שרעק. מע האָט זיך געסטאַרעט זײַן אינייַנעם, צוזאַמען זיך אויסגעבאַהאַלטן. אַפֿילע באַטאָג האָט מען מוירע געהאַט באַווײַזן זיך אָף דער גאַס.

אָפּט איז די שטאָט געבליבן אינגאַנצן אָן א באַלעבאָס, און דעמלט האָבן זיך גענומען צו זייער מעלאָכע אַלערליי פֿאַרברעכער — גאַנאָווים, רויבער און גלאַט שפּאַנע. אין יעדן ווינקל האָבן זיי געקאָנט אויסטאָן און דערהאַרגענען. ס׳איז נייטיק געווען געפֿינען וועלכע־ניט־איז שוץ. איז אָט, האָבן זיך צונויפֿגענומען א מאָן צוואַנציק און האָבן אָרגאַניזירט א דרוזשינע פֿון זעלבשוץ. אַלס קאָמאַנדיר פֿון דער דאָזיקער דרוזשינע האָט מען אויסגעקליבן לייב גרוווערן. א סטאָליער איז ער. איר קענט אים מיסטאָם. איך בין אויך געווען אין יענער דרוזשינע.

ווען אין שטאָט זײַנען קיין באַנדעס ניט געווען, פֿלעגן מיר פּאַטרולירן די גאַסן, היטן דעם מאַרק, אַז מענטשן זאָלן קאָנען עפּעס קויפֿן, אויסבײַטן, נאָר ווען אין שטאָט פֿלעגט אַרײַן א באַוואָפֿנטע באַנדע מיט ביקסן, מיט קוילנוואַרפֿערס, האָבן מיר גאָרנישט ניט געקאָנט אופּטאָן. וואָס האָבן מיר געקאָנט מאַכן מיט עטלעכע רעוואָלווערן?

איינמאָל האָט אין שטאָט זיך אַרײַנגעריסן זייער א גרויסע באַנדע אין דער שפּיץ מיט עפּעס אָן אַטאַמאַן הריצקאָ. פֿאַרויס זײַנען געגאַנגען צוויי באַנדיטן מיט א שוואַרצער פֿאָן, אָף וועלכער ס׳איז געווען אויסגעמאָלט א שאַרבן מיט איבערגעקרייצטע ביינער.

נאָך די פֿאָנענטרעגער האָט געשפּאַנט אָן אָרקעסטער, וואָס האָט געפּויקט, געבלאָזן אין מעשענע טרויבן, געריפּעט אָף פֿידלען. אָנגעטאָן זײַנען די באַנדיטן געווען ווער אין וואָס — אין זײַדנס און אין טראַנטעס, נאָר געוועער האָבן אַלע געהאַט א סאַך. כוץ א ביקס, האָט יעדער איינער געטראָגן ניט וויניקער פֿון צוויי רעוואָלווערן, געווען באַהאַנגען מיט גראַנאַטעס, שווערדן און קוילן־סטענגעס. אָף עטלעכע טאַטשאַנקעס זײַנען געשטאַנען קוילנוואַרפֿערס, אַפּי־לע א האַרמאַט האָט די באַנדע אויך געהאַט.

ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט די שיינע מוזיק, האָבן אַלע גענומען זיך באַהאַלטן, נאָר די באַנדיטן האָבן רײַטנדיק אָף פֿערד אָנגעיאָגט א סאַך מענטשן, זיי האָבן פֿון די שטיבער אַרויסגעיאָגט קינד־און־קייט און אַלעמען צונויפֿגעטריבן אָפֿן מאַרק־פּלאַץ. דעם מאַרק האָבן די באַנדיטן אַרומגערינגלט, אַז קיינער זאָל ניט אַנטלויפֿן. פֿאַרן האַמוין איז געשטאַנען די גאַנצע באַנדע. דער אַטאַמאַן האָט, זיצנדיק אָף זײַן פֿערד, געהאַלטן א רעדע.

ער האָט געזאָגט, אַז זײַנע העלדישע שלאַכטלײַט ראַבירן ניט און פֿאַרגוואַלטיקן ניט. זײַן אָטריאַד נעמט בלויז צונויף קאָנטריבוציע, און ער האָט טאַקע גלײַך אָפֿן אָרט אָנגערופֿן די סומע, וועלכע ער פֿאָדערט פֿון דער שטאָט. דאָס איז געווען א מוירעדיק גרויסע סומע — א האַלבער מיליאָן גאָלדענע רובל. קיין פּאַפּירן געלט דאַרף ער ניט, געלט האָט איצט קיין שום ווערט ניט. זאָל מען צונויפֿזאַמלען גאָלדענע זאַכן, אַלץ וועט אָפּגעשאַצט און אונטערגעציילט ווערן, ווי אין דעם בעסטן יוּוועליר־מאַגאַזין. דאָס גאָלד דאַרף מען אים ברענגען אין דרײַ מעסלעס אַרום, פּונקט צען אַזייגער, ער וועט וואַרטן אין דער גרויסער שול. ער אַליין, דער אַטאַמאַן, וועט באַקומען די קאָנטריבוציע. און איצט, האָט ער געזאָגט, וועלן אָפּגעקליבן ווערן צוואַנציק אָרעווניקעס פֿון די כאָשעווסטע לײַט, וועלכע וועלן זיך אויך געפֿינען אין שול. לעבן די אָרעווניקעס וועט טאָג און נאַכט שטיין א קוילנוואַרפֿער. און אויב אין דרײַ טעג אַרום וועט דאָס גאָלד ניט געבראַכט ווערן, וועט מען זיי דערשיסן. דערשאָסן וועלן זיי ווערן, וואָס עס זאָל ניט געשען, די רויטע זאָלן אַפֿילע אָנטרעטן אָף די פּיאַטעס. צוויי מינוט אָף דעם וועט שטענדיק קלעקן...

אַבראַשע איז אָף א ווײַלע שטיל געבליבן, באַטראַכט די כעוורע אין זאַל און א פֿרעג געטאָן:

— איר זײַט נאָך ניט מיד געוואָרן? די געשיכטע איז א לאַנגע.

— ניין, ניין! ניט מיד! — האָבן אַלע אויסגעשריִען אין איין קאָל.

אַבראַשע האָט מיר א ווונק געטאָן, איך זאָל זיך אַנידערזעצן.

— צוויי באַנדיטן זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די פֿערד, — האָט אַבראַשע פֿאָרגעזעצט, — און זײַנען צוגעגאַנגען צום אַטאַמאַן, דערנאָך איז אויך אונטערגעקומען א דריטער, ניט פֿון

הריצקאָס באַנדע. דאָס איז געווען דער היגער מילנער, אַלע האָבן אים גוט געקענט. ביז איצט שטייט נאָך זײַן מיל לעבן טײַך.

דער אטאמאן האָט ארויסגענומען פון זײַן פעלדטאַש א צעטל און גענומען אויסרופן פאַמיליעס. אויב עמעצער האָט זיך ניט אָפּגערופן און ניט ארויסגעגאנגען פאָרויס, האָט דער מילנער, אָט דער הונט, אָנגעוויזן מיטן פינגער, און די באַנדיטן האָבן יענעם ארויסגעשלעפּט. אזוי זײַנען צונויפגעקליבן געוואָרן אַלע צוואַנציק אָרעווניקעס. מע האָט זיי ארומגערינגלט און אָפּגעפירט אין שול אַרײַן, און דער אטאמאן מיט זײַן סוויטע זײַנען אוועקגעריטן צום מילנער אַהיים.

די ארעסטירטע האָבן זיך געפונען אפן בעלעמער, מע האָט אָנגעצויגן א שטריק פון איין וואנט צו דער אנדערער. ווײַטער פון דער שטריק האָט קיינער ניט געטאָרט מאכן קיין שפאַן. די טיר פון דער שול איז געווען צעפּראַלט, און לעבן דער טיר איז אף א הויכן טיש געשטאַנען א קוילנוואָרפער, וואָס איז געווען אָנגעצילט אפן בעלעמער.

באַם קוילנוואָרפער איז טאָג ווי נאכט געזעסן א באַנדיט. אין פּאַליש, אין פּירהויז, הייסט עס, האָבן זיך ארומגעדרייט נאָך א צען באַנדיטן. אָט אזוי האָט מען אָפּגעהיט די ארעסטירטע. עס זײַנען פארבײַ צוויי טעג און ס'איז אָנגעקומען דער דריטער, דער לעצטער טאָג. מאָרגן צען אזייגער דאַרף צוגעשטעלט ווערן די קאָנטריבוציע. נאָר וועגן דעם האָט אפילע קיין רייד ניט געקאָנט זײַן — די שטאָט האָט קיין גאָלד ניט פארמאָגט. אַלץ, וואָס איז געווען, האָבן שוין פון לאַנג צוגערויבט אנדערע באַנדעס. אין אַלע הײַזער איז געשטאַנען א יאָמער. מע האָט מוירע געהאַט ניט נאָר פאַר די אָרעווניקעס, נאָר פאַר זיך אַליין אויך. א שרעק איז געהאנגען אף דער שטאָט. אין אַלע שולן האָט מען טפילע געטאָן, מע האָט געבעטן באַ גאָט, ער זאָל באַווײַזן א נעס און אָפּראַטעווען די מענטשן פון טויט. נאָר קיין ניסים געשעען ניט.

מיר, די דרוזשיניקעס, האָבן אַלץ געטראַכט און געטראַכט. נאָר וואָס האָבן מיר, צוואַנציק מאַן, געקאָנט אופטאָן קעגן אזא מוירעדיקער באַנדע? און די צײַט גייט. ס'איז אָנגעקומען דער לעצטער אָפּדערנאַכט. מיר זײַנען געזעסן אין שטוב פון אונדזער קאָמאַנדיר, באַ לייבן. די פענצטער זײַנען געווען פארהאנגען, אפן טיש איז געשטאַנען א צוגעדרייטער לאָמפּ.

פּלוצעם הערן מיר, עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אָנגעקלאַפּט האָט מען שטיל — צוויי־דרײַ מאָל. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט. אַלע אונדזערע זײַנען געווען אפן אָרט. ווער זשע קאָן עס זײַן? מיר האָבן געוווּסט, אז קיינער גייט איצט ניט ארויס אף דער גאַס, אַלע זיצן אין דער היים, אונטער פארשפּאַרטע טירן.

לייב איז צוגעגאנגען צו דער טיר און געפרעגט:

— ווער איז?

— עפנט אוף, זײַט אזוי גוט, — האָבן מיר דערהערט, ווי עמעצער בעט שטיל.

לייב האָט אופגעעפנט. אין שטוב איז ארײַנגעקומען א באָכער, ניט קיין הויכער, אָבער א שלאַנקער, מיט אַן איידל געזיכט. ער האָט געזאָגט „א גוטן־אָוונט", נאָר קיינער האָט אים ניט געענטפערט. אַלע האָבן שווײַגנדיק געקוקט אף אים — דאָס איז געווען יאַנקעוו, דעם מילנערס זון, דער זון פונעם גזלן און פארעטער. די פאַמיליע פונעם מילנער איז געווען גרינבערג.

פּונקט ווי ער וואָלט געוווּסט, וועגן וואָס מיר טראַכטן, האָט יאַנקעוו געזאָגט:

— איך ווייס, אז איר כידעשט זיך, פארוואָס איך בין געקומען צו אײַך. מײַן פאָטער האָט אָפּגעטאָן א שרעקלעכע זאַך. אף צו ראַטעווען זיך איז ער מאַקריוו מיט אַנדערע. יאָ, יאָ, ער איז א פארעטער און א מאָסער, נאָר איך בין צו אײַך געקומען ניט צוליב דעם, איך זאָל דאָס אײַך זאָגן. אפילע ווען דער טאַטע מײַנער זאָל אזוי ניט געווען טאָן, וואָלט איך סײַוויסײַ געקומען. איך קאָן ניט, גלייבט מיר, איך קאָן ניט שטיין מיט פארלייגטע הענט און צוקוקן, ווי מענטשן קומען אום. די דאָזיקע נעכט האָב איך ניט צוגעמאכט קיין אויג און צוגעקלערט א פּלאַן, וויאַזוי צו ראַטעווען די אָרעווניקעס און ארויסיאָגן די באַנדיטן פון שטאָט. אָט פאַר־וואָס איך בין געקומען...

— וואַרט נאָר צו, יאַנקעוו! — האָט לייב אים אָפּגעשטעלט. — אײַל זיך ניט אזוי — געקומען און שוין פאַרטיק א פּלאַן! מיר זײַנען דאָ אויך די נעכט ניט געשלאָפן און געקלערט. לאָז, וועל איך פרײַער עפּעס פרעגן, ניין, ניט דיך, נאָר אים, אבראַשען, — האָט לייב אָנגעוויזן אף מיר, — אבראַשע איז אויך א יונגער, אין דײַן עלטער. ענטפער מיר נאָר, אבראַשע, דו קענסט יאַנקעוו גרינבערגן, איז וואָס ווייסטו אונדז זאָגן וועגן אים?

איך האָב געוווּסט, אז יאַנקעוו האָט פארענדיקט די גימנאַזיע מיט א גאָלדענער מעדאַל, אז א באָכער איז ער א שטילער, ניט קיין גאַדלען, כאָטש ער איז א זון פון א גוויר. מיר פלעגן זיך אמאָל באַגעגענען אף דער גאַס און שמועסן מיט אים.

— באטראכט זיך, אבראשע, — האָט לייב געזאָגט, — באטראכט זיך גוט! דאָ גייט וועגן לעבן און טויט.

— איך האָב זיך באטראכט, — האָב איך געענטפערט, — קיין שום שלעכטס קאָן איך וועגן יאנקעוון ניט זאָגן.

— א דאנק דיר, אבראשע! — האָט יאנקעוו אויסגעשריִען. — א גרויסן דאנק דיר! — האָט ער איבערגעכאזערט. — איך האָב געוווּסט, אז איר וועט אזוי פּאַשעט מיר ניט גלייבן, וועגן דעם האָב איך אויך געקלערט. איז אָט וואָס איך וועל אײַך זאָגן. דער אטאמאַן מיט זײַנע קלאָווים האָבן זיך צעלייגט בא אונדז אין שטוב. דאָס גאנצע הויז און דער הויף זײַנען פאר־וואלגערט מיט געווער. באזונדערס זײַנען פאראן א סאך גראנאטעס. א ביסל האָב איך צונויפ־געגנומען און פארבאהאלטן אין א גוט ערטעלע — ביקסן, רעוואָלווערן, קוילן און גראנאטעס. איך קאָן איצט מיט אײַך גיין און באווײַזן.

— אנו, אבראשע, — האָט לייב געהייסן, — גיי זיך מיט אים דורך און כאַפּ א קוק.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט, האָב איך געזאָגט:

— אלץ איז אזוי, ווי יאנקעוו האָט דערציילט. געווער וועט איצט קלעקן פאר אלעמען, און אויך פאר אנדערע וועט סטײַען, אויב עמעצער וועט נאָר קומען.

אין צימער איז געוואָרן טומלדיק.

מע האָט זיך דערפרייט מיט דער יעדיִע — געווער האָט געפעלט.

— זאָל זײַן שטיל, — האָט לייב שטרענג געזאָגט. דערנאָך האָט ער א קוק געטאָן אף יאנקעוון און געהייסן אים זיך אנידערזעצן:

— איצטער ווייסן מיר, אז דו ביסט אונדז א גוטערפרײַנט. א סוינע שענקט ניט קיין געווער.

ווען יאנקעוו האָט זיך אנידערגעזעצט, האָט לייב געזאָגט:

— און איצט קאָנען מיר אויך אויסהערן דײַן פּלאַן.

— מײַן פּלאַן איז זייער פּראָסט, — האָט יאנקעוו אָנגעהויבן, — יעדנפאלס, דאכט זיך מיר אזוי. ער באשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל באלאנגט צו אײַך. מאָרגן באגינען גייט איר ארויס הינטער דער שטאָט און פונקט צען אזייגער מיט צען מינוט הייבט איר אוף א שטארק גערודער — איר הייבט אָן שיסן, אופרײַסן גראנאטעס, שרײַען „הורא"...

— וועלן די באנדיטן מיינען, אז די רויטע גרײַפן אָן, — האָט לייב אונטערגעכאפּט, — און וועלן מאכן פּלייטע.

אלע האָבן זיך צעלאכט.

— איר לאכט?! — האָט יאנקעוו אויסגעשריִען. לייב האָט אופגעהויבן די האנט.

יאנקעוו האָט שטיל געזאָגט:

— זיי וועלן אומבאדינגט אנטלויפן, זיי האָבן שרעקלעך מוירע פאר די רויטע. איך האָב אליין געהערט, ווי דער אטאמאַן האָט געזאָגט, אז זײַנע וואַיאקעס קאָנען האלטן מילכאָמע נאָר מיט ווײַבער. אומזיסט לאכט איר!

— ניט פון דיר לאכן מיר, — האָט לייב אים בארויִקט, — מיר לאכן דערפאר, ווײַל אונדזער פּלאַן איז פונקט אזא. אָט פרעג בא אים, — האָט ער אָנגעוויזן אף איינעם א דרוזשי־ניק, — בא אים באקומט זיך אפילע נאָך בעסער.

— איך האָב פאָרגעשלאָגן, — האָט אונטערגעכאפּט דער דרוזשיניק, — מיר זאָלן צונויפנעמען א האמויק, אז אלע זאָלן שרײַען, און ניט אין איין אָרט, נאָר אין פארשיידענע.

— דאָס איז זייער ריכטיק, — האָט יאנקעוו אונטערגעכאפּט, — אײַער פּלאַן איז בעפּיי־רעש בעסער. די באנדיטן וועלן מיינען, אז מע האָט זיי ארומגערינגלט און זיי וועלן נאָך גיכער מאכן די פּלייטע.

— אנטלויפן וועלן זיי, — האָט לייב אָפּגעזיפצט, — נאָר פריִער וועלן זיי דערשיסן די ארעסטירטע. צוויי מינוט וועלן זיי שטענדיק געפינען דערצו.

— די אָרעווניקעס נעם איך אף זיך, — האָט מיט זיכערקײַט אין דער שטים געזאָגט יאנקעוו. — אָט דאָס איז טאקע דער צווייטער טייל פון מײַן פּלאַן. איר דארפט אָבער זען אָנהייבן פונקט צען אזייגער מיט צען מינוט און אין קיין פאל ניט פריִער.

— צען אזייגער מיט צען מינוט? — האָט לייב זיך פארכידעשט. — דעמלט וועט שוין זײַן שפּעט.

— ניין, ניט שפּעט. איך דארף אָנהייבן פריִער פון אײַך און פריִער פארענדיקן. אניט וועלן זיי דערשיסן די אָרעווניקעס. איך וועל אָנפאנגען פונקט צען, און צען אזייגער מיט צען מינוט וועלן זיי שוין זײַן אָפּגעראטעוועט. און איר וועט מעגן זײַן רויִק און זיך טאָן אײַערס.

— נאָר וואָס איז דאָס פאר א פּלאַן? — האָט לֿייב געפרעגט. — וויאַזוי וועסטו איינער אַליין זיי ראַטעווען?

יאנקעוו האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט.

— איך האָב געוואָרט, אז איר זאָלט מיך דאָס פרעגן, נאָר ענטפערן קאָן איך ניט, איך קאָן קיין איינצלהייַטן אייַך ניט דערציילן, אַלץ דארף געלייזט ווערן אפן אָרט. נאָר איך פארזיכער אייַך, אז אַלע צוואנציק וועלן אָפּגעראַטעוועט ווערן! איך בעט אייַך, גלייבט מיר!

יאנקעוו האָט געקוקט אַף אונדז מיט פלאַמענדיקע אויגן. די דאָזיקע אויגן האָבן זיך גע־בעטן און אין דער זעלבער צייַט געפאָדערט.

לֿייב האָט געשוויגן. אַלע האָבן געקוקט אַף אים און געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן.

— דו ביסט נאָך יונג, יאנקעוו, — האָט לֿייב געשאָקלט מיטן קאָפּ, — וויאַזוי קאָנען מיר דיר גלייבן צי ניט גלייבן, אז מיר ווייסן ניט דייַן פּלאַן?

— נאָר קיין אנדער פּלאַן האָט איר דאָך ניט, — האָט יאנקעוו אָפּגעענטפערט.

יאָ, דאָס איז געווען אַן עמעס. מיר האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי ראַטעוועט מען די מענטשן. נאָך ביז דעם, ווי יאנקעוו איז אהער געקומען, האָבן מיר געהאַט באַשלאָסן, אז מאָרגן אינ־דערפרי גייען מיר ארויס הינטער דער שטאָט און הייבן אָן שיסן און טומלען. אויב מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייַט צו ראַטעווען די אַרעוואַניקעס, וועלן מיר כאָטש פּרוּוון ניט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם.

לֿייב האָט לאַנג געשוויגן. מיר האָבן אַלע געשוויגן. קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס פאָר־צולייגן.

— יאָ, קיין פּלאַן האָבן מיר ניט, — האָט סאָפּקאָלסאָף לֿייב געזאָגט, — עס וועט זיך גאָרנישט ניט ענדערן, צי וועלן מיר דיר גלייבן צי ניט, איז וועלן מיר דיר שוין בעסער גלייבן. ווי מיינט איר, כאַווײרים? — האָט ער זיך געווענדט צו אונדז.

אַלע זייַנען מאַסקים געווען. קיין אנדער אויסוועג האָט מען ניט געזען.

— נאָר עפּשער זאָלן מיר דיר געבן עמעצן צוהילף? — האָט לֿייב געפרעגט.

— ניין, ניין! — האָט יאנקעוו גלייַך אָפּגעענטפערט. — איך מוז זייַן איינער אַליין.

— איז זאָל אַזוי בלייַבן, — האָט לֿייב געמאַכט אַן ענדע און זיך אופגעהויבן. — מאָרגן, פּונקט צען אזייגער מיט צען מינוט הייבן מיר אָן. — ער האָט אָנגענומען יאנקעוון פאר די אַקסל און אים ארייַנגעקוקט אין די אויגן. — אויב דו וועסט אָפּראַטעווען די צוואנציק מענטשן, — האָט לֿייב געציילט די ווערטער, — וועסטו אופטאָן א גרויסע זאַך!

יאנקעוו האָט פארריסן דעם קאָפּ און געקוקט אַף לֿייבן — יענער איז א סאַך העכער געווען פון דעם באָכער. פּלוצעם האָט יאנקעוו זיך א וואַקל געטאָן און צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צום סטאָליערס ברוסט, ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעריסן פון אים און אַוועק צו דער טיר. בא דער שוועל איז ער שטיין געבליבן און זיך אויסגעקערעוועט.

— א דאַנק אייַך, כאַווײרים! — האָט ער מיט א פארדומפּן קאָל געזאָגט און ארויס פון שטוב.

דאָס, וואָס אַף מאָרגן איז פאָרגעקומען, האָבן געזען און געהערט די אַרעוואַניקעס. עס האָבן עס אויך צוגעזען אונדזערע צוויי דרוזשיניקעס, וועלכע לֿייב האָט דאָך געשיקט צו דער שול, זיי זאָלן שטילערהייט צוקוקן, און אויב ס'וועט מעגלעך זייַן, קומען יאנקעוון צוהילף.

בא דער צעפּראַלטער טיר איז געשטאַנען א וואַכמאַן. ער האָט שוין פון לאַנג מיט אומ־געדולד געקוקט אַף דער גאַס. עטלעכע באַנדיטן זייַנען צו אים ארויסגעגאַנגען פון דער שול און אים עפּעס געפרעגט. יענער האָט בייז אָפּגעענטפערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין.

פּונקט צען אזייגער האָט זיך באַוויזן יאנקעוו. ער האָט געטאַסקעט א גרויסן טשעמאָדאַן, ווייַזט אויס, זייער א שווערן.

דער וואַכמאַן האָט אים באַמערקט און פון פרייד אַזש א שפּרונג געטאָן און דערבייַ צע־שפּרייט די הענט. ער האָט אָבער באַלד זיך אָנגעכמורעט.

— שטיי! ווער ביסטו דאָס? — האָט ער אויסגעשריִען. — וואָס טאַסקעסטו דאָרט?!

— די קאָנטריבוציע טראָג איך, — האָט יאנקעוו רויִק געענטפערט.

— קאָנטריבוציע! — האָט יענער א ברום געטאָן. — און איך האָב שוין געמיינט, אז מירן דארפן שנייַדן גורגעלעך און אופטרענען פּערענעס. — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און פארשוווּנדן הינטער דער טיר.

— רום אונדזער אטאַמאַן! — האָט ער א רעווע געטאָן. — די קאָנטריבוציע האָט מען געבראַכט!

באַלד נאָכן וואַכמאַן איז אויך יאנקעוו ארייַן אינווייניק. דער אטאַמאַן מיט זייַן סוויטע און די וועכטער האָבן אים אין פּאָליש ארומגערינגלט.

— הער אטאמאן! — האָט יאנקעוו געזאָגט הויך אף א קאָל אזוי, אז די אָרעוווניקעס זאָלן דורך דער אָפענער טיר אים הערן, — איך האָב געבראכט די קאָנטריבוציע, וואָס איר האָט אף אונדז ארופגעלייגט.

— און פארוואָס אין דער לעצטער מינוט? — האָט אומצופרידן געפרעגט דער אטא־מאן. — און פארוואָס האָט מען דיך, אזא יונגיטשקן, געשיקט איינעם אליין?

— הער אטאמאן, — האָט יאנקעוו גיך גערעדט, — אונדזערע זקיינים האָבן זייער לאנג געוויגן און אונטערגעכעזשבנט דאָס גאָלד...

— נו, איז וואָס?

— זיי האָבן געמאכט א כעזשבן, אז עס פעלט א הונדערטער און זייער מוירע געהאַט, אז איר וועט ווערן אין קאַס, האָבן זיי געשיקט מיך.

— הונדערט רובל!.. — האָט זיך צעלאָכט דער אטאמאן, און אלע איבעריקע האָבן אויך אויסגעשאָסן א געלעכטער. — הונדערט רובל! אָט ליימענע קעפּ! אנו, באוויַיז, שיט ארויס!

יאנקעוו האָט זיך ארומגעקוקט. ווי א וואנט זײַנען ארום אים געשטאנען די באנדיטן. פון פאָרנט דער אטאמאן. הינטער די פלייצעס פון אטאמאן איז צעפראלט געשטאנען די טיר, וואָס פירט אין שול. און אין דער טיר־ראם דער אָנגעצילטער קוילנווארפער, וואָס איז איצט געשטאנען א פארלאָזטער. יאנקעוו האָט איבער די קעפּ געזען די אָרעווניקעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעכאפּט מיט די הענט פאר דער שטריק, אויסגעצויגן די העלדזער און זיך צוגע־הערט.

— הער אטאמאן, — האָט יאנקעוו געזאָגט, — דערלויבט צוגיין צום פענצטער, דאָרט איז ליכטיקער.

— רעכט, — האָט אײַנגעשטימט דער אטאמאן, — קום צום פענצטער.

אלע האָבן זיך אויסגעקערעוועט פון דער טיר און מיט א טומל זיך געלאָזט נאָך יאנקעוון. איצט האָבן די ארעסטירטע שוין קיינעם ניט געזען, בלויז דער איינזאמער קוילנווארפער האָט געקוקט אף זיי. יאנקעוו האָט אוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאן אפן טישל לעבן פענצטער און גענומען עפּעס זוכן אין די קעשענעס. אלע האָבן נאָכגעשפּירט זײַנע באַ־וועגונגען.

— וואָס זוכסטו עס? — האָט דער אטאמאן געפרעגט.

— אָט שוין, געפונען! דאָס שליסעלע.

די באנדיטן האָבן נאָך מער זיך אָנגערוקט אף יאנקעוון, ער האָט מאמעש געפילט זייער אָטעם בא זיך אפן האלדז. יאנקעוו האָט ארײַנגעשטעלט דאָס שליסעלע אין שלאָס, נאָר דאָס דעקל בלויז עטוואָס אונטערגעהויבן. — באלד, באלד, — האָט ער זיי בארויִקט, — עפּעס האָט זיך דאָרט פארטשעפּעט, איין ווײַלינקע. — ער האָט ארײַנגערוקט אין טשעמאָדאן איין האנט, דערנאָך די צווייטע, זיך אומגעקוקט צום אטאמאן און געפרעגט:

— וויפל איז איצט דער זייגער, הער אטאמאן?

— צוליב וואָס דארפסטו עס וויסן?

— איך דארף וויסן, ווען ס'איז געקומען דײַן טויט!

דערבײַ האָט ער אָן עפן געטאָן דאָס דעקל און פלינק אראָפּגעשלײַדערט פון טיש דעם טשעמאָדאן. שווערע קײַלעכדיקע גראנאטעס האָבן מיט א קלאפּערײַ זיך צעשאָטן אפן דיל אונ־טער די פיס פון די באנדיטן, און באלד האָט א הילך געטאָן אן אופרײַס...

יאנקעוו גרינבערג האָט גוט דורכגעטראכט זײַן פּלאן. אים איז קלאָר געווען, אז ער וועט אומקומען, און דערפאר טאקע אונדז גאָרנישט ניט געוואָלט זאָגן. ער האָט מוירע געהאַט, אז מיר וועלן אים ניט לאָזן גיין.

קיין איין שפּליטער איז ניט ארײַנגעפלויגן אהין, ווו עס האָבן זיך געפונען די אָרעווניקעס, אויך דאָס האָט יאנקעוו פאָרויסגעזען, דערפאר האָט ער אלעמען אוועקגעפירט ווײַטער פון דער אָפענער טיר.

דער אופרײַס איז געווען אזא מעכטיקער, אז מיר, דרוזשיניקעס, האָבן אים געהערט אזש הינטער דער שטאָט. ס'איז געווען פּונקט צען אזייגער מיט צען מינוט. אונדזער קאָמאנדיר לייב דער סטאָליער האָט געגעבן א סיגנאל, און מיר האָבן אָנגעהויבן שיסן און שרײַען „הורא“. ווען מיר זײַנען אין א צײַט ארום ארײַנגעקומען אין שטאָט, זײַנען שוין די באנדיטן נעלעם געוואָרן. מיר האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער שול, און דאָרט דערזען א שרעקלעך בילד. די ווענט פונעם פּאָליש זײַנען געווען פארשפּריצט מיט בלוט, די פענצטער ארויסגעריסן צוזא־מען מיט די ראמען, דער דיל פארוואלגערט מיט טויטע באנדיטן, אָבער יאנקעוון האָבן מיר צווישן זיי ניט געפונען. נאָכן אופרײַס זײַנען די ארעסטירטע אנטלאָפן און מיטגענומען מיט זיך זײַן טויטן קערפּער. אין דער ראם פון דער טיר איז נאָך אלץ געשטאנען דער קוילנוואר־

פער. ער, דער קוילנוואַרפער, איז אויך געווען א טויטער. א שפּליטער האָט צעגעריקט דעם שלאָס זײַנעם.

אף יאַנקעווס לעווײַע איז געקומען די גאַנצע שטאָט. צוואַנציק מאַן — די געוועזענע אַרעוויניקעס — האָבן געטראָגן דעם אָרן. דעם נעס, וואָס די אַרעסטירטע האָבן דערוואַרט, האָט זיי געבראַכט ניט גאָט פון הימל, נאָר יאַנקעוו גרינבערג...

אבראַשע איז אַנשוויגן געוואָרן, ער איז געשטאַנען און מיט טרויער אין די אויגן געקוקט אין זאַל אַרײַן. אויך מיר האָבן געשוויגן און געוואַרט, וואָס נאָך וועט ער זאָגן.

— איצט ווייסט איר, — האָט אבראַשע שטיל פאָרגעזעצט, — ווער ס'איז געווען יאַנקעוו גרינבערג און פאַרוואָס אָט דער קלוב וועט טראָגן זײַן נאָמען. יאַנקעוו איז אומגעקומען פאַר די, וועלכע זײַן פאָטער האָט פאַרמישפּעט צום טויט. זײַן טאַטע איז געווען א פאַרעטער, און יאַנקעוו איז געוואָרן א העלד. אָט פאַרוואָס מע טאָר ניט מישפּעטן די קינדער לויט זייערע עלטערן. קינדער זײַנען ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע טאַטעס. קינדער זײַנען אַלע גלײַך, און ליאָווע איז פּונקט אַזאַ, ווי איר אַלע, ער איז ניט שולדיק, וואָס זײַן טאַטע איז א לישעניעץ. איך לייג פאָר צונעמען ליאָווען פאַר א פּיאָנער.

— צונעמען, צונעמען! — האָבן אַלע אין איין קאָל געשריִען. די כעוורע זײַנען אופגעשטאַנען פון די ערטער און אָנגעהויבן אפּלאָדירן. איך האָב אויך גענומען פּאַטשן אין די דלאָניעס, נאָר זיך גלײַך געכאַפּט און אופגעהערט — כ'האָב זיך דערמאָנט, אז דאָס נעמט מען מיך אָן פאַר א פּיאָנער.

— שטילער! שטילער! — האָט דאַשע געקלאַפּט אין טיש. — מע דאַרף דאָך אָפּשטימען. אַלע האָבן אופגעהויבן די הענט.

— איינשטימיק! — האָט דאַשע געמאָלדן. — פאַרשרײַב, — האָט זי געזאָגט צום מיידל, וואָס האָט געפירט דעם פּראָטאָקאָל, — צוגענומען איינשטימיק.

15

דעם גאַנצן וועג אהיים בין איך געלאָפן. געוואָלט וואָס גיכער אָנזאָגן די בסורע דער מאַמען. נאָר דעם ערשטן האָב איך באַגעגנט סיאָמען. כ'האָב אים געכאַפּט אונטער די פּאַכוועס און גענומען זיך דרייען מיט אים איניינעם — פּונקט ווי נעכטן.

— מע האָט מיך צוגענומען! איינשטימיק צוגענומען!

— ווו זשע איז דײַן האַלדזטוך?

— א האַלדזטוך וועט אויך זײַן! — האָב איך אויסגעשריִען און אַרײַן אין שטוב.

די מאַמע האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער גוטער יעדיִע, מיר האָט זיך אפילע געדאַכט, אז עס האָבן גענומען פינקלען טרערן אין אירע אויגן.

— אויב מע האָט דיך צוגענומען פאַר א פּיאָנער, — האָט זי געזאָגט, — וועט מען דיך עפּשער אויך צונעמען אין מוזיק־שול.

— אַוואַדע וועט מען צונעמען! — איצט האָב איך געגלייבט אין אַלץ.

— הײַנט איז געווען בא אונדז דער פיניַנספּעקטאָר, נאָר ער האָט גאָרניט איבערגעשריבן, — האָט די מאַמע מיר אײַנגערוימט ווי א סאָד.

— איז דאָך גוט, — האָב איך זיך דערפרייט.

— וואָס איז די גוטסקײַט? דו מיינסט, אז מע וועט אונדז מויכל זײַן די שטײַערן? ניין, ווײַזט אויס, אז דאָס קלייטל וועט דער טאַטע מוזן פאַרמאַכן.

— אָט דאָס איז טאַקע גוט! — האָב איך אויסגעשריִען.

— און וואָס וועט דער טאַטע טאָן, ווען דעם האָסטו געטראַכט? ער האָט דאָך, ניט קיין מעלאָכע אין די הענט. אמאָל, אין דער יוגנט, איז ער געווען א סטאָליער. נאָר ער האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסן.

— אונדזער שאָכן לייב וועט אים אויסלערנען.

— אף דער עלטער ווערן א לערן־ייִנגל, — האָט די מאַמע א זיפץ געטאָן, — נאָר קיין אַנדער ברײַרע איז ניטאָ. מיר האָבן אויך געטראַכט וועגן דעם. מיט לייבן האָבן מיר שוין געשמועסט, ער געדענקט, אז דער טאַטע האָט אמאָל געאַרבעט סטאָליאַרקע.

— און איך וועל קוקן, ווי דער טאַטע לערנט זיך, און אויך עפּעס נאַשן. און מירן מער קיין לישענצעס ניט זײַן, — האָב איך געטרוימט אף א קאָל.

פאַרנאַכט, ווען ס'האָט גענומען טונקל ווערן, האָט די מאַמע געזאָגט:

— מע דארף גיין אָפּנעמען די קושעטקע. עפּעס איז מיר מלאָסנע אויף דער נעשאָמע, איך האָב ניט ליב האָבן צו טאָן מיט אָט דעם שימענען.

— וויאַזוי זשע וועסטו אַליין זי טראָגן? — האָב איך געפרעגט. — וואַרט שוין צו, ביז דער טאַטע וועט קומען.

— כ׳קאָן מער ניט וואַרטן, כ׳וועל בעטן דינען, זי זאָל מיר העלפן.

די מאַמע האָט זיך עפּעס זייער לאַנג געזאַמט, ביז איך אַרויס אַ קוק טאָן, ווו זי איז אהינגעקומען, און דערזען, וויביידע — זי און די מומע דינע — גייען אַרויס פון שימענס הויף, נאָר אָן דער קושעטקע. די מאַמע איז געווען זייער צערודערט.

— איך האָב אָבער געוווסט, — האָט זי אויף אַ קאָל געזאָגט צו מיר, — ער וויל ניט געבן. ער זאָגט, זי זאָל דערוויַיל שטיין באַ אים, ער האָט אַרייַנגעלייגט זייַנע זאַכן אַהין, טייַנעט ער.

— ס׳איז דאָך אָבער אונדזער קושעטקע!

די מאַמע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס כידעשסטו זיך? ס׳איז דאָך אַ קאַטאָרזשניק!

איך האָב ווידער גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. פאַרוואָס רופן אים אַלע קאַטאָרזשניק. שימען איז דאָך אַ פּאָליטקאַטאָרזשאַן, און פּאָליטקאַטאָרזשאַנעס זייַנען ווי לעווינסאָן, ווי יאַנקעוו גרינבערג. פאַרוואָס זשע איז ער ניט אַזאַ?..

ווען דער טאַטע האָט זיך דערוווסט, וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען, האָבן זייַנע אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט קאַס:

— וואָס הייסט, ער וויל ניט געבן! — די קינבאַקן באַ אים זייַנען שאַרף אַרויסגעטראָטן אויפן פּאָנעם — קום! — האָט ער שטרענג געזאָגט צו דער מאַמען, גלייַך זי וואָלט געווען די שולדיקע.

איך בין זיי אויך נאָכגעגאַנגען. כ׳האָב זייער זיך געשראָקן. ניין, ניט פאַר דער קושעטקע, — פאַרן טאַטן האָב איך מוירע געהאַט. אַזוי איז ער קעסיידער אַ שטילער, דער טאַטע מייַנער, נאָר ווען ער צינדט זיך אָן, קאָן ער פאַרפירן אַ קריג און אַפילע וואָרפן זיך שלאָגן.

דער טאַטע איז אַרייַן צו שימענען אין שטוב און קיין וואָרט ניט געזאָגט, ער האָט זיך אַפילע ניט געגריסט. האַסטיק איז ער צוגעגאַנגען צו דער קושעטקע און זי צעעפנט. זי איז געווען אַ פּוסטע.

— נעם! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דער מאַמען.

— וואָס מאַכט זי אַ טומל? — האָט שימען גוטמוטיק גערעדט, ווי צו זיך אַליין. — כ׳האָב נאָר געוואָלט אַרויסנעמען די זאַכן.

מיר זייַנען אַרויס אויף דער גאַס, און איך האָב אַ טראַכט געטאָן:

און עפּשער האָט דער מאַמען זיך אויסגעדאַכט, ער איז דאָך אַ פּאָליטקאַטאָרזשאַן, און די באָבע גאָלדע שטעלט זיך אויך אייַן פאַר אים.

16

ס׳איז שוין מער ווי אַ וואָך, ווי איך האָב אָפּגעגעבן די מעלדונג אין דער מוזיק־שול, און מע האָט מיך נאָך אַלץ ניט אַרויסגערופן אויף דורכקאָנטראָלירן די פייִקייַטן. די מאַמע ערגערט זיך שוין — עפּשער איז די מעלדונג פאַרפאַלן געוואָרן, מע וואָלט געדאַרפט, זאָגט זי, צוגיין אַ פרעג טאָן.

ניין, איך ערגעץ וועל איך ניט גיין. איך בין איצט פאַרנומען. כ׳האָב זיך אַרייַנגעטאָן אין שאַכמאַט־שפּיל. די גאַנצע צייַט שפּיל איך מיט מייַן כאַווער מענדל, וועמען מע רופט „מע־ניאַלע". שטענדיק בייַט ער עפּעס אויס — אַ פּייַפּעלע אויף אַ מעסערל, אַ ראַגאַטקע אויף אַ רימען. אַלע האָבן באַ אונדז צונעמענישן, מיך רופט מען ליאָווקע דער פלוידערזאַק, ווייַל איך האָב ליב צו דערציילן. מיך אַרט עס ניט. זאָל זייַן פלוידערזאַק.

מענדל איז באַ אונדז דער בעסטער שאַכמאַטיסט. באַ אַלעמען געווינט ער. און וואָס איז דער כידעש, אַז ער שפּילט די גאַנצע צייַט, ער איז אַפילע גרייט ניט גיין באָדן זיך, אַבי שפּילן.

אין איינעם אַ כמורנעם טאָג זייַנען מיר געזעסן און געשפּילט, באָדן האָט זיך ניט געגלוסט. מיר האָבן שוין געשפּילט די זיבעטע פּאַרטיע. דאָס מאָל האָט מיר באַזונדערס געגליקט, איך האָב צוויי מאָל געוווּנען. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט, ווי די מומע דינע שרייַט:

— סיאָמעטשקע! סיאָמעטשקע!

זי האָט געשפּאַנט איבער דער גאַס און געהאַלטן אין איין רופן דעם זון.

איך האָב אופגעהויבן דעם קאָפּ און איר גענומען נאָכקוקן, נאָר קיין באַזונדער אַכט האָב איך דערויף ניט געלייגט. די מומע דינע רופט אָפט סיאָמען. קוים גייט דורך א שאָ צוויי און ער איז ניטאָ, לויפט זי ארום פון גאס צו גאס און פרעגט בא אַלעמען, צי האָט מען ניט געזען איר סיאָמען, א קליין דאר ייִנגעלע, אין אַזעלכע און אַזעלכע הייזלעך, איך אַזאַ און אַזאַ העמ־דעלע, דערבײַ הייבן אָן אירע אויגן קאָסיען און די באַקן ווערן צונטער־רויט. ווען די מומע דינע ערגערט זיך, ווערן די באַקן אירע רויט. זי ווערט רויט און נעמט קוקן קאָסאָקע, ווען זי לאַכט אָדער ווען זי בייזערט זיך.

שטענדיק, ווען מע האָט לאַנג ניט געקאָנט געפינען סיאָמען, פלעג איך זיך נעמען אים אָפּזוכן. בא אונדז אין שטאָט האָב איך געקאָנט געפינען וואָס איר ווילט און וועמען איר ווילט. כוץ דעם, האָב איך גוט געוווּסט סיאָמעס פּאַסטעמקעס. כ׳האָב געוווּסט, ווו ער האָט ליב צו שפּילן זיך, וווּהין ער גייט און אַף וואָס ער האָט ליב צו קוקן.

איך בין געווען אַזוי ארײַנגעטאָן אין דער שפּיל, אז איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז סיאָמע איז פאַרפאַלן געוואָרן. ערשט אין א פּאָר שאָ ארום זע איך, ווי די מומע דינע גייט — קוים וואָס זי שלעפּט די פיס. איך האָב זיך פאַרכידעשט.

— וואָס איז עס מיט אײַך, מומע?

— סיאָמע איז פאַרפאַלן געוואָרן, אַלע גאַסן בין איך אויסגעלאָפן און קאָן אים ניט געפינען.

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז זי זוכט אים שוין פון לאַנג.

כ׳האָב אויך זיך אָנגעהויבן צו ערגערן. ער איז אַפילע ניט געקומען וואַרמעס עסן. סיאָמע פלעגט אָפט פאַרשפּעטיקן צום עסן, נאָר איצט איז שוין דורכגעגאַנגען גוטע עטלעכע שאָ, שוין צײַט געווען, ער זאָל קומען.

— געלט האָט ער געהאַט? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— א קלייניקײַט, כ׳האָב אים געגעבן אַף מאַראָזשענע.

— אויב אַזוי, איז ניטאָ זיך וואָס צו זאָרגן, — האָב איך פריילעך דערקלערט, — איר מעגט גיין אהיים, כ׳וועל אים אַליין געפינען.

סיאָמען האָב איך געקענט. קוים האָט ער געהאַט געלט, הייסט עס, אַז ער איז אַוועק אין קינאָ. איך האָב זיך גלײַך באַרויִקט און אַפילע זיך ניט געלאָזט לויפן. נאָר ווען איך בין צוגע־קומען צום קינאָ־טעאַטער, האָב איך אָנגעהויבן צווייפלען. לויט דער נײַער אַפישע, וואָס איז דאָ געהאַנגען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַף אַזאַ פילם וועט מען סיאָמען ניט ארײַנלאָזן. אַף דער אַפישע איז געווען געמאָלדן: „קינדער ביז 16 יאָר ווערן ניט דערלאָזט". דאָך האָב איך געוואַרט, ביז דער סעאַנס האָט זיך פאַרענדיקט, — עפּשער האָט ער זיך פּאַרט דורכגעשמוגלט, דער טײַוול!

דער סעאַנס האָט זיך ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן, און איך האָב נאָך געהאַט צײַט מער פון א שאָ, בין איך דערווײַל צוגעלאָפן צום וואָקזאַל, אין סקווער, צום טײַך און נאָך אין א פּאָר ערטער, נאָר סיאָמען האָב איך אין ערגעץ ניט געפונען. כ׳בין ווידער געקומען צו לויפן צום קינאָ־טעאַטער.

סאָפּקאָלסאָף האָבן זיך פאַנאַנדערגעעפנט די טירן און ס׳האָבן זיך א שאָט געטאָן מענטשן. איך בין געשטאַנען, ביז מע האָט די טיר ניט פאַרמאַכט. נאָר סיאָמע איז ניט געווען.

ס׳איז מיר געוואָרן ביטער אַף דער נעשאָמע. סיאָמע איז פאַרפאַלן געוואָרן! קוים פלאָנ־טערנדיק מיט די פיס, האָב איך זיך געלאָזט אהיים. פּלוצעם איז מיר געקומען אָפן זינען, אַז ביז וואָס־ווען האָט ער שוין געקאָנט קומען. מיר האָט זיך אַזוי פאַרוואָלט אים זען, אַז איך האָב זיך געלאָזט לויפן. געלאָפן בין איך דעם גאַנצן וועג, ערשט נאָענט פון אונדזער שטוב האָב איך גענומען גיין, ווײַל איך האָב א טראַכט געטאָן, אַז אויב סיאָמע איז ניט געקומען, וועט די מומע דינע זיך נאָך מער דערשרעקן.

ניין, סיאָמע איז ניטאָ. ווען די מומע דינע האָט מיך דערזען איינעם אַליין, האָט זי גענו־מען יאָמערן. דער פעטער סאָלאָמאָן, סיאָמעס טאַטע, און דער זיידע זײַנער דאָוויד האָבן זיך שוין אומגעקערט פון דער אַרבעט. ביידע, סײַ דער זיידע, סײַ דער טאַטע, האָבן זי באַ־רויִקט:

— דאָס ייִנגל האָט זיך פאַרשפּילט, ער וועט זיך אומקערן. וואָס טומלסטו?

אַזוי האָבן זיי אײַנגערעדט די מומע דינע, נאָר אַף זייערע פּנעמער איז געווען צו זען, אַז זיי גלייבן אַליין ניט אין די אייגענע ווערטער.

און דער זיידע דאָוויד טאָר זיך ניט ערגערן, ער איז שוין זייער אַלט.

ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט שכנים, און אַלע האָבן אויך איינגעשטילט די מומע דינע. דער גלעזער איציק האָט פאָרגעשלאָגן צוגיין אין מיליציע און זאָגן, אַז ס'איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ יינגל. פון דער דאָזיקער אייצע האָט די מומע דינע נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו קלאָגן, און דער פעטער סאַלאָמאָן האָט גענומען זיך זידלען. איך האָב מער ניט געקאָנט דאָס צוזען און בין אוועק פונדאַנען.

אָפּגעשטעלט האָב איך זיך לעבן דער שטוב פון דער אַלטער זעלדע. לעבן איר שטוב איז געשטאַנען אַ קאַמער, אין וועלכער זי האָט געהאַלטן דאָס האָלץ און פאַרשיידענע אַלטע זאַכן. הינטער דער קאַמער איז געווען שימענס שטוב. די וואַנט פון שימענס שטוב, וואָס גייט אַרויס צו דער קאַמער, האָט קיין פענצטער ניט, נאָר אַ שמאָלינקע טיר איז דאָרט פאַראַן, וואָס איז אויך שטענדיק פאַרשפּאַרט. מע האָט געזאָגט, אַז דאָרט איז שימענס אַ קאַמער. נאָר אַריינגיין גייט ער אַריין דורך אַן אַנדער טיר, וואָס געפינט זיך באַ אים אין שטוב. צווישן דער וואַנט און זעלדעס קאַמער איז געווען אַ שמאָלינק סיטקעלע. איך בין אַריין אַהין, זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט. דאָ האָט קיינער מיך ניט געקאָנט זען. מער האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, און טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון מיינע אויגן. איך וויין און רייב די טרערן מיט די פויסטן. אומגעריכט האָב איך דערהערט, ווי עפּעס האָט אַ שאָרך געטאָן איבער מיר, איך האָב זיך צוגעהערט — עמעצער זיפצט, דאַכט זיך. אַ ביסל האָב איך זיך דערשראָקן. עפּשער האָט עפּעס אַ כייע זיך פאַרקליבן אויפן דאַך, האָב איך אַ קלער געטאָן. דער דאַך איז געווען אַ פלאַכער, מע האָט אויף אים אָנגעשאָטן ערד און ער איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט הויך גראָז.

כ'האָב פאַרגעסן דעם קאַפּ, נאָר זען זע איך דערוויילע גאָרניט, איך הער נאָר, ווי עמעצער שאַרט זיך צום ברעג. איך בין אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און וואַרט. אָט האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר באָרוועסע פיס, זיי האָבן אָנגעטאַפּט דאָס סטויפיקל, וואָס סטאַרטשעט פון דער קאַמער, און... האָפּ! אַראָפּ אויף דער ערד.

— סיאָמע! — האָב איך אויסגעשריען, און ביז ער האָט זיך נאָך באַוויזן אויסדרייען צו מיר מיטן פּנים, האָב איך אים אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן.

נאָר סיאָמע האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן פון מיר.

— סיאָמע! — שריי איך און לאָז זיך נאָך אים.

אַ ביסל ווייטער פון דער קאַמער האָט סיאָמע זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס איז מיט דיר געשען, סיאָמע? — בין איך צו אים צוגעשפּרונגען.

ער קוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע אויגן און ציטערט, ווי אַ בלאַט.

— קום פונדאַנען, גיכער קום!.. — רעדט ער קוים אַרויס.

— וואָס איז מיט דיר פאָרגעקומען? דעם גאַנצן טאָג זוכט מען דיך, מע האָט שוין גע־מיינט, אַז דו ביסט דערטרונקען געוואָרן, אַז מע האָט דיך דערהאַרגעט, געשאָכטן, מע האָט זיך שוין געקליבן גיין אין מיליציע. וואָס האָסטו דאָרט געטאָן?

נאָר סיאָמע זאָגט קיין וואָרט ניט און ציטערט אַלץ.

— פאַר וועמען האָסטו זיך אַזוי איבערגעשראָקן?

— פאַר ראַקאָוון. פאַרן באַנדיט ראַקאָוו, — האָט ער גענומען שעפּטשען, — ער איז דאָ געווען, איך האָב אים אַליין געזען.

— וואָס? — האָב איך שוין אויך שטיל געפרעגט.

— איך בין געלעגן אויפן דאַך, און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אָט דער־אָ טיר, און נאָך אים איז געגאַנגען שימען. כ'האָב מורע געהאַט, אַז זיי זאָלן מיך ניט הארגענען, בין איך געלעגן אין גראָז, און זיי האָבן מיך ניט געזען. זיי זיינען דאָ געשטאַנען און גערעדט. דערנאָך זיינען זיי ווידער אַריין אין שטוב, נאָר כ'האָב סיי ווי מורע געהאַט אַראָפּקריכן, דערפאַר האָט עס אַזוי לאַנג געדויערט.

כ'האָב דערפילט, אַז מיך הייבט אויף אַן וואָרפן ווי אין אַ קאַדאָכעס.

— עפּשער ביסטו געשלאָפן, סיאָמע, און ס'האָט זיך דיר געכאָלעמט? מיר איז ער אויך געקומען צו כאָלעם, אָט דער באַנדיט.

— ניין, איך בין ניט געשלאָפן, — איך האָב נאָר זייער מורע געהאַט.

— סיאָמע, — האָב איך געזאָגט, — מע דאַרף וועגן דעם קיינעם ניט דערציילן, — דיין מאַמע וויינט אַזוי אויך גענוג. האָבן מיר אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט, — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

און מיר זיינען אוועק... וויי, וואָס עס האָט זיך נאָכדעם אָפּגעטאָן!..

דערזען סיאָמען, האָט די מומע דינע אַ שפּרונג געטאָן און אים אָנגעהויבן קושן און האַלדזן, זי קושט אים און וויינט. פּלוצעם האָט זי אים אָפּגעשטויסן פון זיך און גענומען זיד־

לען. זי האָט זיך אָבער באלד צעלאכט און ווידעראמאל צוגעפאלן אים קושן. דערנעבן איז געשטאנען דער פעטער סאָלאָמאָן און געמאכט אן אָנשטעל, אז באלד וועט ער אים מיימעסן.

— אָט וועל איך דיך!.. אָט וועל איך דיך באלד...

און דער זיידע דאָוויד איז געזעסן אף א שטול אינגאנצן א בלאסער און געשמייכלט.

— ווו זשע ביסטו געווען? — האָט מען געפרעגט סיאָמען.

— דאָרט, אף דער לאָנקע, — האָב איך אפגיך פארכאפט און דערבײַ אָנגעוויזן מיטן פינגער אין דער ווײַט, — ער איז דאָרט אנשלאָפן געוואָרן אין גראָז.

איך האָב אומיסטן אזוי געזאָגט, אז שימען זאל זיך ניט דערוויסן, אז סיאָמע איז הײַנט געלעגן אפן דאך און געזען דעם באנדיט ראקאָוון, אניט וואָלט שימען נאָך געקאָנט הארגענען סיאָמעטשקען. שימען איז אפאנעמעסן א שרעקלעכער מענטש. די דערוואקסענע זײַנען טאקע גערעכט.

17

סאָפקאָלסאָף איז אָנגעקומען א פאפירל, אז מע רופט מיך ארויס אין שטאָט-טעאטער דורכקאָנטראָלירן מײַנע פייִקײַטן. די מאמע גייט אויך מיט מיר.

— אלציינס, — האָט זי געזאָגט. — וועט מען צונעמען, איז גוט. וועט מען ניט צ׳ינעמען, איז מיט מיר צי אָן מיר אלציינס.

זי האָט מיך אויסגעפוצט אין א נײַ גארניטערל, זיך אליין אויך שיין אָנגעטאָן, און מיר זײַנען אוועק. ווען מיר זײַנען צוגעקומען צום טעאטער, זײַנען אלע פיר טירן געווען צעפראלט.

— טו נאָר א קוק, וואָס פאר אן אוילעם! — האָט די מאמע זיך געכידעשט, ווען מיר זײַנען ארײַן אין טעאטער.

אן אוילעם איז טאקע געווען, נאָר ניט אזא גרויסער, ווי דער מאמען האָט זיך אויסגעוויזן. מע איז געזעסן נאָר אין די ערשטע דרײַ רייען — קינדער און דערוואקסענע. אייניקע האָבן געהאלטן אינסטרומענטן אין פוטליארן און אָן פוטליארן.

— ווּהין וועט מען דאָס אלעמען ארײַנעמען? — האָט די מאמע זיך געערגערט.

אין דורכגאנג איז געשטאנען א פרוי. דערזען אונדז, האָט זי זיך געלאָזט אנטקעגן. איך האָב זי גלײַך דערקענט, דאָס האָט זי צוגענומען בא מיר די מעלדונג.

— א גוטמאָרגן — האָב איך זיך באגריסט מיט איר.

— א גוטמאָרגן, — האָט זי געענטפערט און אָנגעכמורעט די ברעמען. — א, דאָס ביסטו? דאָס האָסטו געשריבן זייער, זייער, זייער... — און האָט זיך צעלאכט. — זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער מאמען. — איר האָט מיט זיך גאָרניט געבראכט? נו, זעצט זיך.

— און וואָס האָבן מיר געדארפט ברענגען? — האָט די מאמע ניט פארשטאנען, זי האָט זיך אָבער באלד געכאפט. — ניין, מיר דארפן ניט קיין אינסטרומענטן, ער איז בא מיר א זינגער.

איך האָב זיך אנידערגעזעצט לעבן א מיידעלע מיט א רויטן באנט אפן קאָפּ. באנאנד מיט איר איז געזעסן איר פאָטער.

— איך שפּיל אף א פידל, — האָט זי באוויזן אפן פוטליאר, וואָס איז געשטאנען לעבן איר טאטנס פיס, — און דו?

— איך זינג.

מיר זײַנען געזעסן זייער לאנג. דאָס מיידעלע מיטן באנט האָט עפּעס גערעדט, נאָר איך האָב קימאט ניט געהערט, וואָס זי זאָגט. איך האָב געקוקט אפן פאָרהאנג און מיט אומגעדולד געווארט, ער זאל זיך אופעפענען. נאָר ער האָט זיך ניט געעפנט. אפן סאמע ראנד פון דער בינע איז ארויסגעגאנגען א יונגע פרוי און געזאָגט:

— כאווײרים, באלד וועלן מיר אָנהייבן אויסהערן די קינדער. עס וועלן אָנגענומען ווערן די קינדער, וואָס שפּילן שוין אף א מוזיקאלן אינסטרומענט אָדער וואָס זינגען. אָנקומען אין דער שול ווילן א סאך, נאָר צונעמען האָבן מיר א מעגלעכקײַט זייער א באגרענעצטע צאָל, דערפאר וועלן אָפּגעקליבן ווערן די פייִקסטע. דער דורכקוק וועט פאָרקומען בא א פאר-מאכטן פאָרהאנג. ארויסרופן וועלן מיר צו פינף קינדער. די, וועלכע זײַנען אין דעם לעצטן צענדליק, קאָנען גיין שפּאצירן אָדער אין קינאָ, ווײַל זיי וועט אויסקומען ווארטן לאנג.

דערנאָך האָט זי איבערגעלייענט באזונדערע צעטלען, צו פינף פאמיליעס אין יעדערן. איך בין געווען אין לעצטן פינפלינג. קוים-קוים האָב איך געפּויעלט בא דער מאמען, מיר זאָלן דערווײַל גיין אין קינאָ.

נאָך א ביסעלע וואָלטן מיר פארשפעטיקט. דאָס קינאָ־בילד, וואָס מיר האָבן געקוקט, איז געווען לֿאנג, דערבײַ איז אונדז אויסגעקומען צו ווארטן עפשער א שאָ צײַט, ביז דער פאָריקער סעאנס האָט זיך פארענדיקט.

ווען מיִר זײַנען געקומען צו לֿויפן, זײַנען אין טעאטער געזעסן נאָר פיר קינדער פון מײַן פינפלֿינג.

— זעסט, מאמע, — האָב איך אויסגעשריִען, — מיר זײַנען געקומען צו דער צײַט.

— דאנקען גאָט, — האָט די מאמע זיך בארויִקט.

דאָס מיידעלֿע מיטן גרויסן באנט איז נאָך אויך געזעסן, — ווײַזט זיך ארויס, אז זי איז אויך אין מײַן פינפלֿינג.

— און מיר זײַנען געווען אין קינאָ, — האָב איך זיך איבערגענומען.

— און מיר זײַנען געגאנגען אהיים, — זי האָט א טיפן זיפץ געטאָן, מיר ארײַנגעקוקט אין די אויגן און שטילֿ געזאָגט: — אוי, איך האָב אזוי מוירע.

ווי נאָר זי האָט עס געזאָגט, האָב איך זיך אויך אָנגעהויבן צו שרעקן.

הינטערן פאָרהאנג האָט עמעצער געזונגען, נאָר אין עטלֿעכע מינוט ארום איז שטילֿ געוואָרן, דער פאָרהאנג האָט זיך עטוואָס צעעפנט, און עס האָבן זיך באוויזן דרײַ מיידעלֿעך און צוויי יאטלֿעך. זייערע עלֿטערן, וואָס זײַנען געזעסן אין דער ערשטער ריי, האָבן אלֿע מיטאמאָלֿ אָנגעהויבן אויספרעגן די קינדער, די קינדער האָבן אויך גערעדט אלֿע איניינעם, און ס'איז אומעגלֿעך געווען עפּעס צו פארשטיין.

דער פאָרהאנג האָט זיך ווידער צערוקט, און די זעלֿבע מומע, וואָס האָט פריִער פאָרגעלֿייענט די צעטלֿען, האָט אונדז אויסגערופן. מיר זײַנען ארופגעגאנגען אף דער בינע, אונטערגעהויבן דעם פאָרהאנג און געבלֿיבן שטיין — קיינער איז דאָרט ניט געווען. אינמיטן איז געשטאנען א טיש, א פּיאנע און עטלֿעכע בענקלֿעך, אף וועלֿכע עס זײַנען געלֿעגן פארשיידענע אינסטרומענטן.

— אהער גייט, — האָב איך דערהערט א קאָלֿ לֿעבן זיך.

הינטער א צווייטן פאָרהאנג איז ארום א גרויסן טיש געזעסן די קאָמיסיע. פינף מענטשן זײַנען זיי געווען. בא איין זײַט טיש איז געזעסן א באיאָרטער מאנצבלֿ מיט גראָווע האָר. די אויגן האָט ער געהאלֿטן אראָפגעלֿאָזט און אויסגעזען זייער מיד. ער האָט אפילֿע קיין קוק ניט געטאָן אף אונדזער פינפלֿינג. מײַן בלֿיק האָט צוגעצויגן זייער א דיקער מאנצבלֿ, בא וועמען די האָר זײַנען געווען ווײַס ווי שניי. איך האָב גלֿײַך באשלֿאָסן, אז דאָס איז יענער באוווסטער ארטיסט, וואָס איז ספּעציִעלֿ געקומען צו פאָרן. לֿעבן אים איז געזעסן דער דירעקטאָר פון אונדזער טעאטער. ער האָט מיך באמערקט און עטוואָס א שמייכלֿ געטאָן. ווײַזט אויס, דערקענט. זיאמעס טאטע, לֿייזער פוקס, איז אויך געווען אין דער קאָמיסיע. איין אויג איז געווען בא אים פארזשמורעט און דאָס אנדערע צעעפנט. ער האָט געהאלֿטן אין איין קוקן אף מיר.

— זעצט זיך! — האָט געזאָגט דער גראָוער. — אָט דאָרט אף די בענקלֿעך. שוין די לֿעצטע? — האָט ער געפרעגט די פרוי, וואָס האָט אונדז אויסגערופן. יענע האָט א שאָקלֿ געטאָן מיטן קאָפּ. — צײַט צו פארענדיקן. מאָרגן וועט מען דארפן מאכן אן איבערײַס. — ער האָט אונדז אלֿע פינף באטראכט און דערבײַ געפּאָכעט אף זיך מיט א צונויפגעלֿייגטער צײַטונג. — מירן אָנהייבן, כאווער קריטשעווסקי? — מיר האָבן אלֿע אויסגעקערעוועט די קעפּ צו קריטשעווסקין. איז אָט ווער עס איז דער בארימטער ארטיסט! פארוואָס זשע זיצט ער ניט אויבנאָן? ער איז דאָך דער גלֿאוונער.

דער ארטיסט קריטשעווסקי האָט אופמערקזאם אונדז באטראכט.

— צײַט צו פארענדיקן, — האָט ער געזאָגט, — שוין אָפּגעווינט. פריִער האָב איך געקאָנט זיצן א גאנצן טאָג אף עקזאמענעס...

— אזוי, — האָט געזאָגט דער גראָוער, — פארענדיקט מיט דער צײַטונג, האָט ער אפּגיך אָנגערופן איין פאמילֿיע, א צווייטע — אזוי... — איך בין געווען דער לֿעצטער. — לֿיאָווע לֿיפשיץ, — האָט ער זיך אף א ווײַלֿע אָפּגעשטעלֿט און גענומען לֿייענען אין פּאפּיר.

— וועלֿכער לֿיפשיץ איז עס?

— אָט דער, — האָט זיאמעס טאטע אָנגעוויזן אף מיר, — דער טאטע זײַנער האלֿט א קלֿייטלֿ...

— יאָ, — האָט ער קורץ א זאָג געטאָן און אונדז באטראכט.

— איז וועמען האָב איך אויסגערופן דעם ערשטן? — האָט ער גלֿײַכגילֿטיק געפרעגט.

צום טיש איז צוגעגאַנגען אַ דיק באָכערל מיט אַ באַיאַן אין די הענט.

— נו, שפּיל! — האָט ער אַ ווונק געגעבן דעם יִינגל, — שפּיל וואָס דו קענסט. קיין באַיאַן האָבן מיר נאָך הײַנט ניט געהערט.

ווען דאָס יִינגל האָט פאַרענדיקט, האָט קריטשעווסקי אַ מידער זיך אופגעהויבן פון אָרט, צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנע און דורכגעשפּילט אַ קורצע מעלאָדיע.

— כאַזער איבער אַפן באַיאַן! — האָט ער געזאָגט.

דאָס יאַטל האָט געגומען שפּילן, קריטשעווסקי האָט עטוואָס אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל.

— לאָמיר נאָכאַמאָל, נאָר הער אופמערקזאַם, — און קריטשעווסקי האָט אַ צווייט מאָל דורכגעשפּילט די זעלבע מעלאָדיע. דאָס יִינגל האָט איבערגעכאַזערט.

— איצט איז שוין בעסער, — האָט קריטשעווסקי געזאָגט און זיך אופגעהויבן, — כ׳מיין, אַז ס׳וועט זײַן גענוג.

נאָכדעם איז אַרויסגעגאַנגען דאָס מיידעלע מיטן רויטן באַנט.

זי האָט לאַנג געשפּילט אַפן פידל, און דער אַרטיסט קריטשעווסקי האָט געשוויגן. סאָף־קאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן:

— זאָג מיר, פאַרוואָס שפּילסטו אַף אַ פידל? פאַרוואָס ניט אַף קיין וויאָלאָנטשעל? — האָט ער שוין געשריִען. — ווער האָט עס דיר אונטערגעשטופּט אַ פידל?!

— איך קען זינגען, — האָט דאָס מיידעלע אים געקוקט אין פּאָנעם.

— נו, זינג, — האָט ער שוין שטילער געזאָגט.

איר דיק, צאַרט קעלכל איז, ווײַזט אויס, געפעלן אַלעמען. באַ קריטשעווסקין אַפן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— אָט האָט איר, — האָט ער געשמייכלט, — זי זינגט דאָך גוט און דאַרף זינגען, האָט מען איר אַרײַנגערוקט אין די הענט אַ פידל.

ס׳איז געקומען מײַן ריי. איך בין אַרויסגעגאַנגען אַף דער מיט פון דער בינע און געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. דער דירעקטאָר פון טעאַטער האָט אַ שמייכל געטאָן און אַף אַ קאָל געזאָגט:

— און אָט איז סאָבינאָוו!

— פאַרוואָס עפּעס סאָבינאָוו? — האָט זיאַמעס טאַטע זיך אַרײַנגעמישט. — זײַן פאַמיליע איז ליפשיץ.

— וואָס, איר ווייסט ניט, דאָס איז דאָך סאָבינאָוו!

קריטשעווסקי האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און מיט קאַס אים איבערגעריסן:

— זאָל זײַן גענוג! איר וועט שפּעטער האָבן צײַט זיך צו כאַכמענען.

מיטאַמאָל האָב איך אופגעהערט זיך צו שרעקן. מיך האָט פאַרדראָסן אַפן דירעקטאָר, וואָס האָט מיך אָנגערופן פאַר אַלעמען אין די אויגן סאָבינאָוו, אַף זיאַמעס טאַטע, וואָס האָט געקוקט אַף מיר מיט בייזע אויגן. איך בין אין קאַס געוואָרן און זיך אופגעהערט צו ערגערן.

כ׳האָב אַליין געפילט, אַז די שטים מײַנע קלינגט שטאַרק. געזונגען האָב איך א ליד וועגן אַן אַלטן שנײַדער, וואָס נייט און נייט א גאַנצע וואָך און פאַרדינט א גראָשן מיט א לאָך.

דער אַרטיסט קריטשעווסקי האָט פאַריסן דעם קאָפּ און געשמייכלט. ווען איך האָב פאַר־ענדיקט זינגען, איז ער נאָך אַלץ געזעסן מיט א פאַרהויבענעם קאָפּ. מיטאַמאָל האָט ער זיך א ריס געטאָן פון אָרט און צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנע.

— יעליזאַוועטא גריגאָריעוונאַ, — האָט ער געזאָגט, — דערלויבט מיר, איך וועל אַליין אַקאָמפּאַנירן. זאָגט, אַז מע זאָל עפענען דעם פאָרהאַנג, — האָט ער זיך געווענדט צום דירעק־טאָר פון טעאַטער, — לאָמיר הערן בא א פולן רעזאָנאַנס.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזונגען אין טעאַטער. עמעס, אין זאָל זײַנען געזעסן נאָר פינף מענטשן — איין טאַטע און פיר מאַמעס, נאָר צווישן זיי איז אויך געווען מײַן מאַמע. זי האָט געקוקט אויף מיר, און איך האָב געוווּסט, אַז טרערן שטייען איר אין די אויגן.

איך האָב אויסגעזונגען אַלע לידער, וואָס איך האָב געדענקט.

— מער קען איך ניט, — האָב איך געמאָלדן.

קריטשעווסקי איז אופגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו מיר. ער האָט אַרופגעלייגט ביידע הענט אַף מײַנע אַקסל און פּאַמעלעכן געזאָגט:

— א גרויסן דאַנק דיר, איך בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב דיך אויסגעהערט. מיר וועלן מיט דיר אַן אַרבעט טאָן.

— ער זינגט טאַקע גוט, — האָב איך געהערט, ווי דער דירעקטאָר זאָגט צו עמעצן. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ. נייַן, ער האָט איצט קיין כויזעק ניט געמאַכט, ער איז געווען פאַרכידעשט. זיאַמעס טאַטע האָט אַלץ געקוקט אַף מיר מיט זײַן קאַלטן דורכדרינגלעכן בליק, פּונקט ווי פריִער.

זאָל ער קוקן! כ׳האָב פאַר אים קיין מוירע ניט! איצט האָב איך פאַר קיינעם קיין מוירע ניט.

19

דעם זעלבן טאָג האָט די גאַנצע גאַס אונדזערע שוין געוווּסט, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין טעאַטער. נאָך אַפן וועג אַהיים האָט די מאַמע אָפּגעשטעלט אַלע באַקאַנטע און דערציילט, ווי איך האָב געזונגען. דערנאָך זײַנען צו אונדז געקומען א סאַך מענטשן — די מומע דינע, די מומע כײַע, גלאַט שכיינים, און די מאַמע האָט ווידער אַלעמען דערציילט, וויִאַזוי מע האָט ספּעציעל געעפנט דעם פאָרהאַנג און וויִאַזוי דער באַרימטער אַרטיסט קריטשעווסקי האָט מיר אַליין אַקאָמפּאַנירט.

אַלע האָבן באַגריסט די מאַמע און מיך, נאָר מיר איז געווען א ביזאָיען, וואָס די מאַמע נעמט זיך אַזוי איבער.

— נישקאָשע, נישקאָשע, — האָט זי מיך באַרויִקט און אַליין דערבײַ זיך געגרויטלט, — אַז מע דערלעבט פאַר אַזויפיל יאָרן א ליכטיקע מינוט, פאַרוואָס זשע זאָל מען זיך ניט פרייען?

צו אונדז האָט זיך געיאַוועט רעב בעניע, אָט יענער בעניע, וואָס זאָגט שטענדיק, אַז פריִער איז געווען בעסער און איצט איז אַלץ ערגער. אַמאָל איז דער דאָזיקער בעניע געווען דער גאַבע פון שול, ווּ עס איז איצט דער קלוב.

ער איז אַרײַנגעקומען, א קוש געטאָן די מעזוזע און געגומען שפּעטשען. אָנגעטאָן איז ער געווען אינגאַנצן אין שוואַרצן, די געל־גראָווע באָרד האָט פאַרדעקט זײַן ברוסט. דאָס גאַנצע פּאָנעם איז בא אים פאַרוואַקסן געווען, עס האָבן נאָר אַרויסגעקוקט די ליפּן, ווי צוויי דינע רויטע פּאַסיקלעך, און די אויגן אונטער די גרויסע אָנגעכמורעטע ברעמען. איך האָב אַזש א ציטער געטאָן, ווען איך האָב אים דערזען.

די מאַמע האָט זיך אויך פאַרכידעשט, זי איז אָבער באַלד געקומען צו־זיך.

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן, רעב בעניע! — האָט זי גיך גערעדט און דערבײַ אַוועקגע־שטעלט א בענקל אינמיטן דער שטוב, — זעצט זיך, רעב בעניע.

רעב בעניע האָט, אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן שטעקן, פּאַמעלעכן זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן בענקל.

— מיר האָבן שוין געהערט, געהערט! — האָט ער געשאָקלט מיט דער באָרד. — זאָל ער וואַקסן בא אײַך, אײַער בעניאָכיד.

א נאַכעסדיקער שמייכל האָט זיך ווידער באַוויזן אַף דער מאַמעס פּאָנעם.

— איר האָט שוין אויך געהערט, רעב בעניע? — האָט די מאַמע זיך געכידעשט, פּונקט ווי זי אַליין וואָלט גאָר קיינעם גאָרנישט ניט געזאָגט.

— מע ווייסט, מע ווייסט, — האָט דער גאַסט געשמייכלט, — נו, און מע האָט אים טאַקע צוגענומען? — האָט ער א פרעג געטאָן גאָר מיט אַן אַנדער טאָן.

— דער ארטיסט אַליין האָט געזאָגט, אַז ער וועט לערנען מיט אים, — האָט די מאַמע געענטפערט.

— ארטיסט, ארטיסט! — האָט בעניע געשאָקלט מיטן קאָפּ. — מע זאָגט, אַז דאָרט זיצט א קאָמיסיע און דער שנײַדער לייזער איז אויך דאָרט, — האָט רעב בעניע פון אונטער די ברעמען געכאַפּט א קוק אַף דער מאַמען.

דער שמייכל איז אנטרונען פון דער מאַמעס געזיכט. זי האָט אָבער גאָרנישט ניט געענט־פערט.

רעב בעניע האָט ווידער גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ און אופגעשטאַנען פון אָרט:

— זאָל דער אייבערשטער אײַך געבן הצלחה. — און איז אוועק.

— פונוואַנען האָט עס אים דער ניטגוטער אָנגעטראָגן, גייט ארום, ווי דער מאַלעכהאַ־מאָוועס, — האָט די מאַמע אים געזידלט.

הײַנט איז דער טאַטע אהיימגעקומען פריִער, ווי שטענדיק. ער האָט שוין אַלץ געוווּסט — מיר האָבן עס דערקענט לויט דעם גוטן שמייכל אַף זײַנע ליפּן. איך בין אונטערגעשפּרונגען און געבליבן הענגען אַף זײַן האַלדז. דער טאַטע האָט מיך פון דער גרינג א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— דאַנקען גאָט, וואָס פון דיר האָב איך כאָטש נאַכעס, — ער האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין א זײַט און די אָקסל זײַנען בא אים אראָפּגעזונקען.

— וואָס איז געשען, בערל? — האָט די מאַמע זיך דערשראָקן.

— דאָס קלייטל, ראָכעלע, האָבן מיר פאַרמאַכט, — האָט דער טאַטע געענטפערט און מיד זיך אראָפּגעלאָזט אַפן בענקל.

— וואָס זשע וועט ווײַטער זײַן? — די מאַמע האָט געפרעגט און באַלד אַליין טאַקע געענטפערט. — און עפּשער איז אַזוי בעסער?

— קום אהער, לייבעלע, — האָט דער טאַטע מיך א רוף געטאָן, — כ'האָב געהערט, אַז דער ארטיסט האָט דיך געלויבט. און ווען וועט מען ווויסן אַן ענטפער?

— אין דרײַ טעג ארום וועט מען אויסהענגען צעטלען, — האָט די מאַמע געענטפערט.

מיט אויגן, פאַרנעפּלטע פון טרערן, האָט די מאַמע געקוקט אַף די צעטלען.

— לייען איבער נאָכאַמאָל, עפּשער האָסטו דורכגעלאָזט, ניט באַמערקט?

איך האָב ווידער געקוקט, געלייענט אַלע פאַמיליעס פון אָנהייב ביז סאָף. אין צעטל פון די אָנגענומענע אין שול בין איך ניט געווען.

— אָט ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, — האָט געזיפצט די מאַמע, — און איך, דער נאַר, האָב זיך שוין געפרייט. גערעכט איז געווען רעב בעניע. ניט דער ארטיסט באַשליסט, נאָר לייזער דער שנײַדער, ער ווייסט בעסער, ווער עס דאַרף זינגען און ווער וויינען.

מיר זײַנען געשטאַנען בא דער טיר פונעם טעאַטער, לעבן די אויסגעהאַנגענע צעטלען, און ניט געקאָנט אוועקגיין. דרײַ טעג האָבן מיר מיט אומגעדולד געוואַרט אַף די צוויי בויגן פּאַפּיר, וואָס זײַנען צוגעשפּיליעט געווען מיט קנאָפּקעס. איך האָב ווידער און ווידער געלייענט די פאַמיליעס און בין אַלעמען מעקאַנע געווען. סאַראַ גליקלעכע קינדער!..

— קום, — האָט די מאַמע מיך גענומען פאַר דער האַנט, — מירן גיין אָנזאָגן די שיינע בסורע דעם טאַטן. ער האָט אויך געגלייבט. צו פרי האָב איך זיך געפרייט.

מיר האָבן גענומען פאַמעלעכן שפּאַנען. פּלוצעם האָב איך זיך אָפּגעשטעלט.

— מאַמע! — האָב איך אויסגעשריִען. — קום, קום צו אבראַשען.

— וואָס אבראַשע? דו מיינסט טאַקע, אַז אבראַשע קען אַלץ?

איך האָב זיך אָבער ניט געלאָזט איבעררײדן.

— איך וועל אים אַלץ דערציילן! — האָב איך גענומען כליפּען. — אַלץ אים זאָגן.

כ'האָב איבערגעלאָזט די מאַמע און אַנטלאָפן.

איך האָב אים לאַנג ארומגעזוכט, אבראַשען. ווּעמען כ'האָב ניט געפרעגט, האָט געזאָגט, אַז אָט ערשט איז ער געווען. איך בין ארומגעלאָפן, ווי א דולער, נאָר אומזיסט.

און אין שטוב בא אונדז זײַנען געווען געסט.

ארום דעם טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט א יאָמטעוודיקן טישטעך, איז געזעסן דער טאַטע, רעב בעניע און דער כאַזן סימכע. די מאַמע איז געשטאַנען בא א זײַט און געקוקט אַף די געסט. איר פּאָנעם האָט געפלאַמט פון נאַכעס. דער טאַטע האָט אויך געשמייכלט.

סימכע איז געווען א באַרימטער כאַזן. באַרימט איז ער געווען ניט נאָר בא אונדז, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט. א סאַך באַלעבאַטים פון שטאָט וואָלטן געהאַלטן פאַר א קאַוועד, ווען סימכע דער כאַזן זאָל מאַסקים זײַן קומען צו זיי אַף א וואָרמעס, כאָטש אין א יאָמטעוו. און פּלוצעם, אין א װאָכעדיקן טאָג, אַזא גאַסט! פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען איז עס געווען א גרויסע פרייד.

ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָבן אַלע אויסגעקערעוועט די קעפּ צו מיר.

— אָט איז אונדזער זון, — האָט מיך פאַרגעשטעלט די מאַמע. — לײבעלע, רעב סימכע איז געקומען צו אונדז צוגאַסט און וויל זיך באַקענען מיט דיר.

איך בין געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געשוויגן.

— פאַרוואָס זשע גריסטו זיך ניט? — האָט די מאַמע געפרעגט.

איך האָב שטיל געזאָגט א גוטהעלף און פאַרזיכטיק געכאַפּט א קוק אַפן כאַזן. יענער האָט אַף מײַן באַגריסונג אויך געענטפערט שטיל, און אַף זײַנע ליפּן האָב איך באַמערקט א ניט זיכער שמייכעלע. שוין זשע איז דאָס יענער סימכע דער כאַזן, וואָס זעט אויס באַם אָמעד, ווי אַן עכטער קיניג? דאָרט פלעגט ער שטענדיק שטיין העכער פון אַלעמען. די פּילקאַנטיקע סאַמעטענע שוואַרצע יאַרמלקע האָט אַף זײַן קאָפּ אויסגעזען ווי א קרוין. פון ביידע זײַטן זײַנען אין צווײ רייען געשטאַנען די מעשוירערים, וואָס האָבן געטראָגן דרײַעקיקע יאַרמלקעס. אַלע האָבן זיי געטראָגן אַלציינע זײַדענע קאַפּאָטקעלעך פון סאַמעט, אַלע זײַנען זיי געווען שיינע און שלאַנקע. און געזונגען האָבן זיי — אַך, ווי איך בין זיי מעקאַנע געווען! און איצט איז דער כאַזן געזעסן אַנטקעגן מיר, געשמייכלט און געשוויגן.

די מאַמע האָט זיך אַנידערגעשטעלט הינטער מײַנע פּלייצעס.

— רעב סימכע האָט זיך אָנגעהערט וועגן דײַן זינגען, — האָט זי געזאָגט, — און איז זיך מאַטריַיעך געווען צו קומען, קעדיי דיך אויסהערן. זינג עפּעס, לייבעלע.

— און וואָס זאָל איך זינגען?

— זינג די ליד וועגן שנײַדער, וואָס דו האָסט געזונגען אין טעאַטער, — האָט פאַרגעלייגט די מאַמע.

ווי נאָר כ׳האָב גענומען זינגען, איז דער שמייכל פונעם כאַזנס ליפּן אַנטרונען. ער איז גלײַך ערנסט געוואָרן, און ס׳איז שווער געווען צו טרעפן, צי עס געפעלט אים מײַן זינגען, צי ניט. נאָר ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָט ער אופגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

— דו קענסט זינגען, בא דיר איז א גוטע שטים.

— און קיינער האָט אים ניט געלערנט, — האָט די מאַמע אונטערגעכאַפּט. דער כאַזן האָט ניט געענטפערט. ער האָט געקוקט אַף מיר. די אויגן זײַנען געווען בא אים גרויסע, טונקעלע, מיט שיידימלעך אין די שוואַרצאַפּלען.

— און עפּעס א יידיש שטיקל קענסטו? — האָט דער כאַזן זיך דערקונדיקט.

— איך קען זינגען פון קאַלנידרע, אָבער אָן ווערטער, דעם ניגן, וועלכן עס זינגט בא אײַך דאָס יינגל.

— ווער זשע האָט עס דיך אויסגעלערנט?

— קיינער ניט, — האָב איך געזאָגט, — ווען איך בין נאָך געווען א קלײנינקער, האָב איך געהערט, ווי איר האָט געזונגען.

דער טאַטע האָט א פאַרכידעשטער געקוקט אַף מיר. א ליבער שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אַף זײַן געזיכט. איצט האָט ער פאַרגעסן אין אַלע זײַנע געשעפטן.

דער כאַזן האָט אַף א ווײַלע זיך פאַרקלערט און דערנאָך פאַרגעלייגט:

— איז לאָמיר צוזאַמען א פּרווו טאָן.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך איבערגעוווּנקען. אַפילע רעב בעניע האָט א הייב געטאָן זײַנע שווערע ברעמען, וועלכע ער האָט ביז איצט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, און געכאַפּט א קוק אַפן כאַזן. רעב סימכע זאָל זינגען אין א שטוב?! ביז איצט האָט אַזעלכס נאָך ניט פּאַסירט.

דער כאַזן האָט פון זשיליעט־קעשענע אַרויסגענומען דעם קאַמערטאָן און פון דער גרינג א קלאַפּ געטאָן מיט אים איבערן ברעג פון טיש, די צווײ דינע ציינדלעך פונעם קאַמערטאָן האָבן אָנגעהויבן ציטערן, דער כאַזן האָט אים ניט צוגעטראָגן צום אויער, נאָר אים געהאַלטן אין דער האַנט — ער האָט שטענדיק געזונגען מיטן קאַמערטאָן אין דער האַנט.

דער כאַזן האָט פאַרמאַכט די אויגן און שטיל אָנגעהויבן זינגען. די האַנט מיטן קאַמערטאָן האָט זיך באַוועגט. מיטאַמאָל איז די האַנט זײַנע אַף אַן אויגנבליק שטיין געבליבן. נאָר איך האָב שוין געוואָרט אַף דער דאָזיקער רעגע און צו דער צײַט אונטערגעכאַפּט. דער טרויעריקער ניגן האָט דערלאַנגט ביז דער סטעליע, אָפּגעקלונגען אין די שויבן. דער שמייכל פון דער מאַמעס

פּאָנעם איז פאַרשוווּנדן. טרערן, איינע נאָך די אַנדערע, האָבן זיך גענומען קײַקלען איבער אירע באַקן, און ער, רעב סימכע, האָט דאַפּקע אַ שמייכל געטאָן.

ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָט דער כאַזן גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געשוויגן, און אַלע איבעריקע האָבן אויך געשוויגן. רעב בעניעס גרויסע ברעמען זײַנען ווידער געווען אַראָפּ־געלאָזט. אויך דער טאַטע איז געשטאַנען און אָף קיינעם ניט געקוקט.

— אויב איר, רעב בער, זײַט מאַסקים, — האָט סאָפּקאָלסאָף געזאָגט דער כאַזן, — און אויב ס'איז מאַסקים אײַער געשעצטע פרוי, קאָן איך נעמען אײַער זון צו זיך אין כאָר.

דער טאַטע האָט מיט כידעש אין די אויגן אַ קוק געטאָן אָף יענעם, נאָר גאָרנישט ניט געענטפערט. און אַלע זײַנען ווידער שטיל געבליבן. איצט האָט די מאַמע שוין ניט געקוקט אָפן כאַזן, נאָר אָפן טאַטן. דאַן האָט דער טאַטע געזאָגט.

— דאָס איז אַ גרויסער קאָוועד פאַר אונדז, רעב סימכע, ס'איז אָבער זייער אַן ערנסטער איניען. מע דאַרף עס באַקלערן. און באַם ייִנגל דאַרף מען אויך פרעגן.

איך האָב שטיל אָנגעהויבן שעפּטשען, אַזוי אַז איך אַליין האָב ניט געהערט מײַנע ווער־טער: „ביסט אַ גוטער, אַ טײַערער טאַטע ביסטו...“

דער כאַזן האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, נאָך אים איז גלײַך אופגעשטאַנען בעניע.

— אַלע אונדזערע צאָרעס שטאַמען דערפון, וואָס מיר האָבן אופגעהערט צו זײַן ייִדן, — דאָס זײַנען געווען די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר דער גאַנצער צײַט.

דעם זעלבן אָוונט איז אַבראַשע אַליין געקומען צו אונדז. פאַר מיר איז דאָס געווען אַזאַ פרייד, אַז איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן און זיך צוגעדריקט צו אים, ווי ער וואָלט געווען מײַן טאַטע.

די מאַמע מיטן טאַטן האָבן זיך אויך דערפרייט.

— סאַרע גליקלעכער טאָג איז הײַנט באַ אונדז, — האָט אויסגערופן די מאַמע, — אָט זײַט איר אויך געקומען!

— און ווער נאָך איז געווען באַ אײַך?

— רעב סימכע דער כאַזן. ער האָט געוואָלט ליאָוועטשקען נעמען צו זיך אין כאָר.

— ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט בעטן. עס ווערט באַ זיי גיך געמאַכט! כאָטש וואָס איז דער כידעש. נאָר ליאָווען וועלן מיר זיי ניט אָפּגעבן! — האָט אַבראַשע אויסגעשריִען. — מיר וועלן זיך נאָך פאַר אים אַ ראַנגל טאָן.

— און מיר ווילן אויך ניט, — האָט די מאַמע געשאָקלט מיטן קאָפּ, — אָבער וואָס קאָנען מיר מאַכן? אין מוזיק־שול האָט מען אים דאָך ניט אַרײַנגענומען.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט אַבראַשע איר איבערגעשלאָגן, — אַלץ ווייס איך, דער־פאַר בין איך טאַקע געקומען. איר פאַלט נאָר ניט אַראָפּ באַ זיך. מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך. מאָרגן זאָלסטו, אַבראַשע, קומען צום טעאַטער, פּונקט עלף אַזייגער, מירן מיט דיר זיך דורכגיין אין איינעם אַן אָרט.

— אַבראַשע! — האָט אויסגערופן די מאַמע. — איר זײַט אַ גאָלדענער, וויאַזוי זאָלן מיר אײַך אָפּדאַנקען!

— וואָס עפּעס אָפּדאַנקען? — איז אַבראַשע בארויגעז געוואָרן. — דאָ גייט ניט אין קיין דאַנק. דאַנקען דאַרף מען דער סאָוועטנמאַכט.

21

דער קאָרידאָר איז געווען אַ לאַנגער און אַ שמאָלער. די גאַנצע צײַט האָט ער זיך פאַר־קערעוועט אָף רעכטס. דאָס איז דערפאַר, ווײַל די געבײַדע פון ראַיוויספּירקאָם איז אַ קײַלעכ־דיקע. איך בין געגאַנגען הינטער אַבראַשען. לענגאויס די ווענט זײַנען געשטאַנען בענקלעך און דיוואַנען, אָף וועלכע עס זײַנען געזעסן אַ סאַך מענטשן.

אַבראַשע האָט געשפּאַנט גיך און די גאַנצע צײַט זיך באַגריסט מיט אַלעמען.

„אַ גרוס!“, „אַ גרוס!“ — האָט ער ווי אויסגעשאָסן און דערבײַ געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַ גרוס, אַבראַשע!

— אַבראַשע, זדראַוו!

אַלע האָבן אים געקענט, און מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט גיין מיט אים באַנאַנד, נאָר ס'איז געווען צו ענג.

כ'האָב ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

— פאַרוואָס איז דער קאָרידאָר אַזאַ שמאָלער?

— דערפֿאַר, — האָט אבראשע געזאָגט אַף א קאָל, — ווײַל דער ארכיטעקטאָר האָט מי־נאַסטאַם פריִער געבויט טורמעס.

— ריכטיק, אבראשע! — האָט זיך צעלאַכט עפּעס א מאַנצבל, לעם וועלכן מיר זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען. — אַן עמעסער טורמע־קאָרידאָר.

— דו לאַכסט נאָך, כאַוואַר מיטין, — האָט אבראשע זיך אָפּגעשטעלט לעבן יענעם, — און ווען וועט גרייט זײַן דער סטאַדיאָן?

מיטין האָט גלײַך אופגעהערט צו לאַכן. ער האָט ארויסגעשלעפּט פֿון קעשענע א גרויס נאָזטיכל און גענומען ווישן דעם אָפּגעגאָלטן פּאַרשוויצטן קאָפּ.

— וואָס בין איך שולדיק, קיין מיטלען זײַנען ניט פֿאַראַן, — האָט מיטין זיך פֿאַרענט־פֿערט, — און קיין ארבעטס־קראַפֿט...

אבראשע האָט אים א דראָע געטאָן מיטן פֿינגער און זיך געלאָזט ווײַטער:

— קיין ארבעטס־קראַפֿט... קיין מיטלען, — האָט ער אופגערעגט איבערגעכאַזערט, — מירן נאָך הײַנט א שמועס טאָן!

מיטאַמאָל האָט דער קאָרידאָר זיך געענדיקט און מיר זײַנען געבליבן שטיין לעבן א ברייטער טיר, אַף וועלכער ס'איז געהאַנגען א רויט שילדל מיט ווײַסע אויסיִעס: „סעקרעטאַר פֿון בלאַגאָפּאָלסקער ראיאָן־קאָמיטעט פֿון קפּ(ב)או". אבראשע האָט האַסטיק א צי געטאָן די טיר, און מיר זײַנען ארײַן אין א גרויס צימער.

דאָ איז געשטאַנען א שיינער דיוואַן, בענקלעך ארום די ווענט און א לאַנגער טיש. אין דער לינקער זײַט — א טיר באַשלאָגן מיט רויטער צעראַטע. אַפֿן דיוואַן זײַנען געזעסן צוויי — א פֿרוי מיט א מאַנצבל. בא א קליין טישעלע — א קורץ־געשוירן מיידל, וואָס האָט געפּיקט אַף א מאַשינקע.

— א גרוס, גאַליע! — האָט אבראשע געזאָגט דער מאַשיניסטקע, און צו יענע, וואָס אַפֿן דיוואַן, זיך א נייג געטאָן און שוין שטילער, — א גוטמאָרגן! א סאַך אוילעם? — האָט ער מיט די אויגן א ווײַז געטאָן אַף דער טיר.

— איינער, — האָט גאַליע געענטפֿערט.

— און איר, אבראשע, האָט אַלץ קיין צײַט ניט? — האָט געשמייכלט די פֿרוי, וואָס איז געזעסן אַפֿן דיוואַן.

אבראשע האָט געשיקט זיך אויסגעקערעוועט צו איר.

— ווי שטענדיק, — האָט ער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און איר וועט ווידער זיך בעטן אויסער דער ריי?

— איך בעט שטאַרק. ס'איז זייער אַן ערנסטער און דרינגענדיקער עניִען.

— וועגן אים? — האָט די פֿרוי איבערגעפֿירט אַף מיר דעם בליק.

— וועגן אים.

— נו, ווי מיינט איר, לעאָניד סערגייעוויטש, — האָט זי געפֿרעגט דעם מאַנצבל, וואָס איז געזעסן מיט איר באַנאַנד, — מיר וועלן אים דורכלאָזן?

— וואָס קאָן מען שוין מאַכן, יעלענאַ יאָסיפֿאָוונאַ, — האָט יענער צעשפּרייט די הענט, — מיט קינדער לאָזט מען שטענדיק אויסער דער ריי.

די רויטע טיר האָט זיך צעעפֿנט, און א דיקער מאַנצבל איז פֿון דאָרט ארויסגעשפּרונגען. ער האָט זיך אַף קיינעם ניט אומגעקוקט און איז פֿאַרשוווּנדן אין דער ארויסגאַנג־טיר.

— דעם פּאַרטפֿעל! — האָט יעלענאַ יאָסיפֿאָוונאַ אויסגעשריִען און דערבײַ מיט דער האַנט אָנגעוויזן אַפֿן פֿענצטער, ווו עס איז געשטאַנען אַן אָנגעפּוישטער לעדערנער האַנטטאַש.

— ער וועט זיך אומקערן, — האָט גאַליע געשמייכלט, — ניט ער איינער פֿאַרגעסט...

— נו, לעאָווע, — האָט אבראשע מיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, — קום!

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און פֿאַרזיכטיק זי געעפֿנט.

— מע קאָן, וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש?

— קום ארײַן, קום ארײַן! — האָט מען געענטפֿערט פֿון אינעווייניק.

אין דער טיף פֿון צימער איז בא א טיש געזעסן דער סעקרעטאַר פֿון ראיקאָם. זײַנע לאַנגע האָר זײַנען צעשאָטן געווען איבערן שטערן.

אבראשע האָט זיך צוגעזעצט לעבן טיש און מיר אויך אָנגעוויזן אַף א בענקל.

— נו, איך הער, אבראשע. ביסט געקומען ניט אַליין, מיט א פּיִאָנער? — האָט וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש א ווונק געטאָן אין מײַן זײַט.

— וועגן אים שפּעטער, ס'איז א לאַנגע געשיכטע. פֿריִער פֿאַר אַלץ וועגן מיטינען.

— וועגן מיטינען, — האָט א זיפֿץ געטאָן דער סעקרעטאַר, — ער ליגט מיר שוין אין דער גאַרגערעס, ניט ער, פֿאַרשטייט זיך, כ'מיין דעם סטאַדיאָן.

— מיטין קלאָגט זיך, אַז ס'איז ניטאָ קיין מיטלען.

— קלאָגן זיך קאָן ער. נו, גוט, מירן אים אַרויסרופן אַף דער ביוראָ, — וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש האָט פאַרנאָטירט עפּעס אין קאַלענדאַר, וואָס איז געשטאַנען אַף זײַן טיש, דער־נאָך אופגעהויבן דעם קאָפּ, — דערלאַנג אַהער דײַן פּיאַנערישע פּראַגע.

— דאָס איז ניט קיין פּיאַנערישע, וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש, גאָרניט קיין פּיאַנערישע פּראַגע. מע האָט אים ניט צוגענומען אין מוזיק־שול.

— פאַרוואָס זשע האָסטו געבראַכט נאָר אים איינעם? האָסט געדאַרפט קומען מיט אַלע, מע האָט דאָך אַ סאַך ניט אַרײַנגענומען.

— ליאָווע איז גאָר אַן אַנדער זאַך. אַלע איבעריקע האָט מען ניט צוגענומען צוליב באַ־רעכטיקטע סיבעס — ווייניק באַגאַבטקײַט, און אים האָט קריטשעווסקי שיר ניט צעקושט. איך האָב געבראַכט אַהער ליאָווען, איר זאָלט אַליין הערן, וואָס פאַר אַ שטים ער פאַרמאָגט.

דער סעקרעטאַר האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אַך, אַבראַשע, אַבראַשע! שטענדיק נעמסטו דעם אָקס פאַר די הערנער. — ער איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן, אַ קוק געטאָן אַף מיר, דערנאָך אַף אַבראַשען. — די סאָציאַלע לאַגע?

— יאָ, — האָט אַבראַשע געזאָגט.

— וואָס זשע ווילסטו, מיר זאָלן אים צונעמען און די קינדער פון אונדזערע אַרבעטער אָפּזאָגן?

— קינדער זײַנען אַלע גלײַך.

— דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק, — איז דער סעקרעטאַר מאַסקים געווען, — נאָר וואָס קאָן מען מאַכן? דו ווייסט דאָך דאָס ווערטל וועגן די שפּענער, וואָס פליִען, ווען מע האַקט דעם וואַלד.

— דאָס ווערטל, — האָט אַבראַשע שוין מיט כּעס געזאָגט, — האָט אַהער קיין שײַכות ניט. קינדער זײַנען ניט קיין שפּענער! אַף צו ראַטעווען אַ קינד וואַרפט מען זיך אין פײַער און אין וואַסער, — האָט ער געקוקט גלײַך אין די אויגן דעם סעקרעטאַר.

וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש האָט אים ניט איבערגעשלאָגן, ער האָט אָנגעכמורעט די ברע־מען און געהערט.

— ביסט אַ היציקער, אַבראַשע, — האָט ער שטיל געזאָגט, — און דערצו נאָך יונג.

— וואָס קער זיך אָן אַהער „יונג“, „היציק“? כ'זאָג דאָס, וואָס איך טראַכט. איך בין זי־כער, אַז מיט ליאָווען איז מען זיך באַגאַנגען ניט ריכטיק. צונעמען אין שול דאַרף מען לויט די פייִקײַטן. און ער איז דער סאַמע באַגאַבטער. מיט אַזאַ שטים וואַרפט מען זיך ניט. מיר וועלן וואַרפן, וועלן אַנדערע אונטערכאַפּן.

— דו ווייסט דאָך, אַבראַשע, אַז די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן, מע האָט אַלץ אַרומגערעדט, אָפּגעשטימט. איך קאָן דיר באַווײַזן דעם פּראָטאָקאָל, ער איז באַ מיר.

וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש האָט פון טישקעסטל אַרויסגענומען אַ פּאַפּקע און זי דער־לאַנגט אַבראַשען.

— אָט האָט איר! — האָט אַבראַשע אַ טײַטל געטאָן מיטן פינגער אין די פּאַפּירן. — טוט אומיסטן אַ קוק אַף פּוקס' אַרויסטרעטונג, — דאָס איז דאָך אַ פינצטערער נעפּעש! איך קען אים גוט! מיט צען־עלף יאָר צוריק, בייס דעם בירגערקריג, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַ־מען מיט די ווײַבער און קינדער, און איצט איז ער וואַכזאַם מער פון אַלעמען, אין יעדן זעט ער אַ סוינע. און אָט דער, — האָט אַבראַשע געוויזן אַף אַ צווייט זײַטל, — ער האָט אַ גוטן שמעקער, ער פילט, ווהין דער ווינט בלאָזט. אָט האָט איר אײַך די קאָמיסיע!

— האָסט זיי פײַן צעטרייבערט! — האָט וויאַטשעסלאַוו מיכײַלאָוויטש געשמייכלט. — נו, גוט, אַבראַשע, מיר וועלן עפּעס צוטראַכטן.

22

די מאַמע מיטן טאַטן האָבן ווידער גענומען האָפן, אַז מע וועט מיך אַרײַנעמען אין שול. איצט האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן: „דער סעקרעטאַר אַליין האָט געזאָגט“.

דער טאַטע האָט געצייצעט, מע זאָל דערווײַל קיינעם גאָרנישט ניט דערציילן. מע וועט אים צונעמען, וועלן אַלע זיך דערוויסן.

די מאַמע איז מאַסקים געווען. וואָס מיינט מען, זי איז אַ טאַם, צי וואָס? און זי האָט קיינעם ניט געזאָגט, נאָר בעסאַד־סוידעס — דער מומע דינע. די מומע כײַע האָט זיך אַליין דערוווּסט...

אָבער מער פון אַלעמען האָב איך אַליין געגלייבט. איך האָב אַפילע געוווּסט, וויִאַזוי דאָס וועט פאָרקומען. מע וועט מיר נאָכאַמאָל צושיקן אַ בריוו און דאָרט וועט זײַן אָנגעשריבן, אַז ס׳איז דערלאָזט געוואָרן אַ טאָעס, און איצט איז שוין אַלץ אין אָרדענונג.

אָף דעם בריוו האָב איך גענומען אַרויסקוקן שוין דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר איך האָב זיך אומגעקערט פון ראַיקאָם. איך האָב געמיינט, אַז פאַרנאַכט וועל איך אים באַקומען, דעם בריוו. דעם אַנדערן טאָג בין איך פון אינדערפרי אָן געזעסן אָף דער פריזבע און געוואַרט אָפן בריוו־טרעגער. כ׳האָב געקוקט אין אַלע זײַטן, נאָר דעם בריווטרעגער האָט מען ניט געזען. אַנטקעגן, אָף יענער זײַט גאַס, האָט זיך באַוויזן סיאָמע. דערזען מיך, איז ער צוגעגאַנגען.

— דערציילן דיר עפּעס, סיאָמע? — האָב איך געפרעגט.

— און איך וועל דיר אויך דערציילן.

— דו? — האָב איך זיך פאַרכידעשט.

— נאָר פריִער דו.

איך האָב באַשלאָסן זיך ניט אַמפּערן. נאָר וואָס דערציילט מען אים? די לעצטע צײַט האָב איך קימאַט גאָרנישט ניט געלייענט, געווען פאַרטאָן אין שאָך, זיך געייסעקט מיט דער מוזיקשול און גאָר פאַרגעסן אין דער מײַסע מיטן לײַכטער, וועלכע די באָבע גאָלדע האָט מיר דערציילט.

סיאָמע האָט אויפמערקזאַם מיך אויסגעהערט, קיין איין מאָל ניט איבערגעשלאָגן, און ווען כ׳האָב פאַרענדיקט, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס אויך עפּעס וועגן דעם לײַכטער, און די פאַמיליִע פונעם סויכער ווייס איך.

— וויִאַזוי קאָנסטו עס וויסן? — האָב איך געלאַכט פון אים. — די באָבע גאָלדע האָט דאָך נאָר מיר דערציילט, מער קיינעם ניט. און די פאַמיליִע פונעם סויכער האָט זי ניט אָנגערופן. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז זי איז אַ גאָלדענע.

— פײַנגאָלד איז זײַן פאַמיליִע!

— פונוואַנען ווייסטו?

סיאָמע האָט אַ ציטער געטאָן און גענומען מיר קוקן אין די אויגן. איך האָב שוין געמיינט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן, אָבער באַלד האָב איך זיך געכאַפּט:

— מינאַסטאַם האָסטו מיר וועגן דעם טאַקע געוואָלט דערציילן?

— יאָ, — האָט סיאָמע געשאָקלט מיטן קאָפּ, — איך וויל שוין לאַנג, נאָר דו ביסט קעסיידער פאַרנומען, און אַנדערע, האָסטו מיר אָנגעזאָגט, זאָל איך ניט דערציילן.

— וועגן וואָס, — האָב איך שטיל געפרעגט, — וועגן באַנדיט ראַקאָוו?

— יאָ, שימען האָט דעמלט מיט אים גערעדט וועגן דעם לײַכטער.

— דערצייל מיר שטילערהייט, סיאָמעלע, וואָס האָסטו געהערט?

— זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער טיר, — האָט סיאָמע אָנגעהויבן, — און איך האָב גלײַך דערקענט דעם באַנדיט. כ׳האָב זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, נאָר אַלציינס האָב איך געהערט. דער באַנדיוגע האָט געזאָגט: „לאָמיר בעסער דאָ שטיין, אין דײַן קאַטוך קאָן מען דערשטיקט ווערן“. דערנאָך האָט שימען געזאָגט: „דאָ מעג מען, אַהער וועט קיינער ניט אַרײַנקומען“. דערנאָך האָט ווידער געזאָגט ראַקאָוו: „דו, שימען, ווייסט שטענדיק, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט. דו ביסט דאָך בא אונדז אַן אַלטער וואָלף“.

דערנאָך האָט סיאָמע זיך דערמאָנט, ווי ראַקאָוו האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז איינמאָל איז שימען פונדעסטוועגן דורכגעפאַלן, און דערפאַר צוועלף יאָר געטראָגן קייטן אָף די פיס.

איך האָב סיאָמען ניט געלאָזט צורו, ביז ער האָט מיר ניט דערציילט מיט אַלע פּישטשעווקעס אַלץ, וואָס ער האָט געהערט. סאָפּקאָלסאָף האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וויִאַזוי שימען איז געוואָרן אַ פּאָליטקאַטאָרזשאַן. סיאָמע האָט דאָס ניט איין מאָל געהערט פונעם זיידן.

ראַקאָוו מיט זײַנע כעווריע האָבן אַמאָל געוואָלט באַראַבעווען איינעם אַ גענעראַל. דער גענעראַל איז געווען זייער אַ שלעכטער, ער פלעגט דערשיסן אַרבעטער. די פּאָליציי האָט שטאַרק אָפּגעהיט דעם דאָזיקן גענעראַל. און ווען ראַקאָוו מיט זײַנע לײַט זײַנען אָנגעפאַלן אָף אים, האָט די פּאָליציי פאַרכאַפּט נאָר שימענען, וואָס איז אויך געווען אין ראַקאָווס שײַקע, אַלע איבעריקע באַנדיטן זײַנען זיך צעלאָפן. די פּאָליציי האָט געמאָלדן, אַז שימען איז אַ רעוואָליוציִאָנער און אַז ער האָט געוואָלט שיסן דעם גענעראַל, נעקאָמע נעמען פאַר די אַרבעטער. אָט אַזוי איז שימען געוואָרן אַ פּאָליטקאַטאָרזשאַן.

ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, ווער איז עס אַזוינס שימען, פאַרוואָס די דערוואַקסענע האָבן אים ניט ליב און רופן אים קאַטאָרזשאַן.

— אוי, באַנדיוגעס! — האָב איך אויסגעשריִען.

— זיי האָבן נאָך געוואָלט אַרויסגאַנווענען דעם לײַכטער באַם סויכער פײַנגאָלד.

— וועגן לײַכטער איז דאָך נאָר א מײַסעלע.

— ניין, ניט קיין מײַסעלע. שימען האָט געזאָגט, אז ער ווייסט שוין לאַנג וועגן לײַכטער. באלד ווי ער האָט אראָפּגענומען די קייטן, האָט ער אים אָנגעהויבן ארומזוכן, ער איז אפילע געפאָרן אין דער שטאָט, ווו עס האָט געוווינט דער סויכער, און דאָרט האָט ער זיך דערוווסט, אז דעם לײַכטער האָט דער סויכער איבערגעלאָזט דעם ווײַב.

— ריכטיק! — האָב איך אונטערגעכאַפּט. — די באָבע גאָלדע האָט אויך אזוי געזאָגט.

— שימען האָט דערציילט ראַקאָוון, — האָט סיאָמע געשעפּטשעט, — אז די באָבע גאָלדע איז דעם סויכערס ווײַב. און אז איר פאמיליע איז אויך פײַנגאָלד.

איך האָב זיך דערמאָנט, אז די באָבע גאָלדע איז געווען זייער טרויעריק, ווען זי האָט מיר דערציילט וועגן לײַכטער, אז זי האָט שטארק געוויינט באַם ליכט־בענטשן.

איז אויב אזוי, — האָב איך געקלערט, — אויב די באָבע גאָלדע איז דעם סויכערס ווײַב, איז דער לײַכטער טאַקע בא איר...

— סיאָמע! — האָב איך א געשריי געטאָן און אופגעשפרונגען פון אָרט, נאָר איך האָב זיך אליין פארשטעלט דאָס מויל און שוין שטיל געפרעגט: — סיאָמע, זיי ווילן הארגענען די באָבע גאָלדע?

און סיאָמע האָט מיר דערציילט, וואָס ער האָט נאָך געהערט.

שימען האָט שוין באוויזן איבערנישטערן בא דער באָבע גאָלדע אַלץ, אפּן בוידעם און אין קעלער, נאָר דעם לײַכטער האָט ער ניט געפונען. ער האָט געזאָגט, שימען, אז נאָר אין איין אָרט קאָן ער זײַן — אין גרויסן קאסטן, וואָס שטייט שטענדיק אונטער א שלאָס בא דער באָבען אין צימער. ער האָט געזאָגט, אז מע וועט דאָס שטיקל ארבעט קאָנען אָפּטאָן אין עט־לעכע טעג ארום — די באָבע גאָלדע קלײַבט זיך ערגעץ אוועקפאָרן.

איך האָב אַלץ אויסגעהערט און געהייסן סיאָמען, ער זאָל דאָ בלײַבן ווארטן, און אליין בין איך אוועקגעלאָפן צו דער באָבע גאָלדע. כ'האָב געציטערט, געמיינט, אז מיט איר איז שוין עפּעס שלעכטס געשען.

אָף דער טיר פון דער באָבע גאָלדעס שטוב איז געהאנגען א גרויסער שלאָס. די שכיינים האָבן מיר געזאָגט, אז די באָבע איז נעכטן אוועקגעפאָרן אין אן אנדער שטאָט אָף קיווער־אָוועס צו איר זון, אז אין דרײַ טעג ארום וועט זי זיך אומקערן.

צוריקוועגס בין איך געגאנגען פּאַוואָליע. „דרײַ טעג, — האָב איך געקלערט, — און דרײַ נעכט... אין איינער פון די דרײַ נעכט וועלן די באנדיטן אופרײַסן דעם שלאָס און זיך פאר־קלײַבן צו דער באָבען אין שטוב...“

דער טאַטע איז געזעסן אָנגעבויגן איבערן טיש און געשריבן מיט א קליין אָפּשניצל פון א בלײַשטיפט. צוליב דער קורצזיכטיקײַט בייגט ער זיך שטענדיק אזוי אײַן באַם שרײַבן, און קיין ברילן וויל ער ניט אָנטאָן. דער קאָפּ נעמט אים ווי טאָן, — זאָגט ער.

אין שטוב זײַנען מיר געווען אינצווייען — איך מיטן טאַטן. ער איז איצט אמערסטן אין דער היים, דאָס קלייטל איז שוין א צײַט פארמאכט און דאָרט איז מער ניטאָ וואָס צו טאָן, זיצט ער אין שטוב און כעזשבנט.

איך בין געשטאנען און געקוקט, ווי דער טאַטע שרײַבט אויס לאַנגע זײַלעכלעך ציפערן און דערנאָך פירט ער מיטן בלײַשטיפט פון אויבן אראָפּ און כעזשבנט אונטער.

כ'האָב מיט אומגעדולד געוואַרט, אז ער זאָל שוין וואָס גיכער ענדיקן, נאָר ער האָט אַלץ עפּעס געשעפּטשעט און איבערגעשריבן ציפערן אין זײַן בלאָקנאָטל פון די פאַפּירלעך, וואָס זײַנען געלעגן אין א דיקער פּאַפּקע.

— טאַטע! — האָב איך סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאלטן. — איך וויל דיר עפּעס דערציילן.

— נו, דערצייל, — האָט ער א מורמל געטאָן, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ.

— ניין, דאָס איז זייער א גרויסער סאָד.

דער טאַטע האָט זיך אָנגעלענט אפּן ווענטל פון בענקל און גענומען קוקן אָף מיר.

— טאַטע, — האָב איך אָנגעהויבן שעפּטשען זייער שנעל, — שימען וויל ארויסגאַנווענען פײַנגאָלדס לײַכטער און באַגאַנווענען די באָבע גאָלדע. שימען איז ניט קיין פּאָליטקאַטאָרזשאַן, נאָר פּאָשעט א באנדיט. די באָבע איז אוועקגעפאָרן אָף דרײַ טעג, וועלן זיי באנאכט זי באַ־גאַנווענען.

— ווארט נאָר צו, — האָט דער טאַטע מיך איבערגעשלאָגן און גענומען זיך אײַנקוקן אין מיר.

— מיין ניט, אז איך בין פארשלאָפט געוואָרן. איך בין געזונט, אָט האָסטו א פּיאָנעריש וואָרט! סיאָמע איז געלעגן בא דער אַלטער זעלדע אפן דאַך און האָט אַלץ געזען און געהערט.

— א־א, סיאָמע? — האָט דער טאַטע א שמייכל געטאָן.

— לאַך ניט, טאַטע, מע דאַרף וואָס גיכער עפּעס טאָן. סיאָמע האָט זיך שטאַרק דער־שראָקן, ווען ער האָט דערזען ראַקאָוון, נו, דעם באַנדיט. און איך האָב אויך מוירע...

— ראַקאָוון?! — האָט דער טאַטע פאַרכידעשט איבערגעפרעגט. ער איז אופגעשטאַנען, פאַרמאַכט די טיר און די פענצטער. — און איצט דערצייל. אָבער שרײַ ניט און אײַל זיך ניט.

איך האָב אַלץ אויסגעדערציילט. דער באָבעס מײַסעלע האָב איך אויך פּינקטלעך איבער־געכאַזערט. דער טאַטע האָט אופמערקזאַם געהערט און מיך ניט איבערגעשלאָגן.

— א פריילעכע געשיכטע, — האָט דער טאַטע ארויסגעזיפצט, — הייסט עס, אז שימען האָט זיך ווידער גענומען פאַר זײַן אַלטער מעלאָכע. מיט ראַקאָוון זיך סקאָמפּאַנייעט. וועגן דעם דאַזיקן לײַכטער האָב איך אויך עפּעס געהערט. — דער טאַטע האָט א מינוט געשוויגן. — דו האָסט מער קיינעם ניט געזאָגט וועגן דעם? — האָט ער שטרענג א קוק געטאָן אף מיר.

— קיינעם ניט, נאָר דיר.

— און סיאָמע?

— וואָס רעדסטו, טאַטע? איך האָב אים אָנגעזאָגט, נאָר ער וועט אזוי אויך קיין פּיפּס ניט טאָן, ער האָט שטאַרק מוירע.

דער טאַטע איז געזעסן שטיל און געקוקט ערגעץ אף דער וואַנט, זײַנע קורצזיכטיקע אויגן, האָט זיך מיר געדאַכט, זענען איצט קלאָל גאָרניט. זײַן געזיכט איז טונקל געוואָרן, און איך האָב זיך נאָך מער דערשראָקן.

— א שיין שטיקל אַרבעט האָסטו מיר אונטערגערוקט, — האָט דער טאַטע געזאָגט, ווי צו זיך אַליין. ער איז אופגעשטאַנען פון אָרט, צוגעגאַנגען צום פענצטער, דורך וועלכן מע האָט געקאָנט זען שימענס שטוב. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו מיר, ארופגעלייגט די הענט אף מײַנע אַקסל. — הער מיך, לייבעלע, אופמערקזאַם, איך וועל איצט ערגעץ צוגיין, און דו זוך אויס סיאָמען און לאָז אים ניט אָפּ פון זיך דעם גאַנצן טאָג, ער זאָל קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגן, און דו זאָלסט ניט פּלאַפּלען, דער מאַמען דאַרף מען אויך גאָרנישט ניט זאָגן, אין קיין פאַל ניט.

דער טאַטע איז אוועק. איך האָב אָפּגעזוכט סיאָמען און אים ניט אָפּגעלאָזט פון זיך אף קיין שפּאַן. דער קליינער האָט זיך געשפּילט, אַלעמאָל אופגעהויבן די אויגן אף מיר און גע־וואָרט, איך זאָל אים עפּעס זאָגן, אָבער פרעגן האָט ער גאָרנישט ניט געפרעגט.

ווי נאָר דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט, האָט די מאַמע גענומען גרייטן צום טיש.

— זעץ זיך, בערל, אָט שוין דערלאַנג איך עסן, — האָט זי געזאָגט און גענומען זיך פּאָרען מיטן געפעס אין בופעט.

— ניין, איצט וועל איך ניט עסן, איך דאַרף נאָך ערגעץ צוגיין.

די מאַמע האָט מיט כשאַד אף אים א קוק געטאָן:

— וואָס איז שוין ווידער געשען?

— מיט מיר? גאָרנישט.

— וואָס זשע ביסטו געקומען, אז דו דאַרפסט אוועקגיין?

— איך דאַרף עפּעס נעמען, כ'האָב פאַרגעסן...

די מאַמע האָט מיט אומצוטרוי ווידער גענומען קוקן אף אים. דער טאַטע האָט קיין ליגן ניט געקאָנט זאָגן, ער האָט זיך גענומען פּאָרען מיט די פּאַפּירלעך אין טישקעסטל און דערבײַ צו מיר געזאָגט:

— אין קינאָ ווײַזט מען הײַנט א נײַע קאַרטינע, אויב דו ווילסט, לייבעלע, קאָנסטו גיין.

— צוליב דעם האָסטו זיך אומגעקערט אהיים? — האָט די מאַמע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער טאַטע האָט אופגעהויבן די אויגן פונעם טישקעסטל און בייז געזאָגט:

— איך האָב דיר שוין דערקלערט, אז איך דאַרף דאָ נעמען מײַנעם א כעזשבן.

די מאַמע האָט פאַרביסן די ליפּן און איז אוועק אין קיך.

— נעם סיאָמען, — האָט דער טאַטע אָנגעהויבן שעפּטשען צו מיר, — און גיי מיט אים אוועק אין סעדל פון אויספּירקאָם, איך וועל אײַך דאָרט געפינען, אָבער איינס און צוויי!

סיאָמע איז געזעסן אף דער פּריזבע פון זײַן שטוב. איך האָב א פּאָך געטאָן צו אים מיט דער האַנט.

דער טאַטע איז געקומען אין סקווער טייקעף נאָך אונדז.

— באַלד וועל איך אײַך אוועקפירן צו איינעם א מענטשן, — האָט ער געזאָגט, אים וועט איר דאַרפן אַלץ דערציילן און ענטפערן אף אַלץ, וואָס ער וועט אײַך פרעגן.

אין אויספּירקאָם האָבן מיר זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק. אין איינער א טיר, אף וועלכער ס'איז ניט געהאנגען קיין שום שילדל, האָט דער טאטע אָנגעקלאָפּט. פון הינטער דער טיר האָט מען געענטפערט „ביטע", און מיר זײַנען אריַינגעגאנגען. באַם טיש איז געזעסן א מיליציאָנער.

— דאָס זײַנען זיי? — האָט דער מיליציאָנער א שמייכל געטאָן און גענומען אף אונדז קוקן. דאָס געזיכט זײַנס איז געווען זייער א היימישס, און איך האָב זיך גלײַך אופגעהערט צו ערגערן. פּלוצעם האָט ער פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג, אויסגעצויגן דעם ציַיג־פינגער און א שאָס געטאָן צוערשט אין מיר און דערנאָך אין סיאָמען.

— דו ביסט ליאָווע, און דו סיאָמע. ריכטיק? — און די אויגן זײַנען באַ אים געוואָרן פריילעכע, פונקט ווי באַ קאָלקען, ווען ער פרעגט: „געטראָפן?"

— ריכטיק! — האָבן מיר ביידע צוזאמען, איך און סיאָמע, אויסגעשריִען, און אונדז איז גלײַך געוואָרן פריילעך.

— און מיך רופט מען סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטש. ווען איך בין געווען א קליינינקער, האָט מען מיך גערופן סטיאָפּקע דער טויבן־טרײַבער. כ'האָב שטארק ליב געהאט טײַבעלעך, איצט האָב איך זיי נאָך אויך ליב.

— מײַנע כאווירים קאָליע און וואָווע זײַנען אויך טויבן־טרײַבער, — האָב איך געזאָגט.

— אזוי גאָר! מע וועט זיך דארפן באקענען מיט זיי, אָבער אן אנדערשמאָל. און איצט זעצט זיך צו, וועלן מיר א שמועס טאָן. און איר, כאוער ליפשיץ, — האָט ער זיך געווענדט צום טאטן, — וועט זײַן אזוי גוט און צוווארטן אין קאָרידאָר.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט, ווי מע זאָגט דעם טאטן „כאווער"...

סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטש האָט געפרעגט באַ סיאָמען:

— דו האָסט זיך שטארק דערשראָקן פארן באנדיט?

— שטארק.

— און וויאַזוי זעט ער אויס?

— ער האָט איין אויג און וואָנצעלעך.

— און ווער האָט דיר געזאָגט, אז ער האָט א בלינד אויג און וואָנצעלעך?

— מיר האָבן אים איינמאָל שוין געזען, איך מיט ליאָווען, ווען ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון בריק.

— האָסטו אים, הייסט עס, געקענט?! — האָט זיך דערפרייט סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטש. — דאָס איז זייער וויכטיק. גוט, זייער גוט. און איצט, סיאָמע, דערצייל אלץ, וואָס דו האָסט געזען און געהערט.

ווען סיאָמע האָט אלץ אויסדערציילט, האָט דער מיליציאָנער זיך געווענדט צו מיר:

— און דו, ליאָווע, וואָס ווייסטו?

— איך ווייס דאָס מײַסעלע וועגן לײַכטער, וואָס די באָבע גאָלדע האָט מיר דערציילט.

— איז לאָמיר הערן, ס'איז אינטערעסאנט.

סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטש האָט אלץ אויסגעהערט און באשטעטיקט:

— ס'איז טאקע אינדערעמעסן אינטערעסאנט. יאָ, יאָ, ס'איז געווען א לײַכטער, עפּשער ניט פונקט אזא, ווי אין דער באָבעס מײַסעלע, נאָר זייער א זעלטענע זאך, א גאָלדענע און זייער א טײַערע.

דערנאָך איז סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטש אופגעשטאנען פון אָרט און צוגעגאנגען צו אונדז.

— נו, כעווראקעלעך, — האָט ער געשמייכלט, — איר זײַט עכטע יאטן, און דײַן טאטע, ליאָווושקע, האָט ריכטיק געטאָן. איר האָט אונדז גוט צוגעטראָפן. דעם דאָזיקן באנדיט זוכן מיר טאָג און נאכט. ער איז זייער א געפערלעכער, א כײַע. איצט וועלן מיר אים עפּשער פאקן און ניט נאָר אים אליין. וועגן צווייטן האָבן מיר אפילע ניט געוווּסט, און דאָס איז שוין אונד־זער שולד. איצט הערט, וואָס עס פאָדערט זיך פון אײַך: קיין פּיפּס זאָלט איר ניט טאָן וועגן דעם אלץ, — האָט סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטש געדראָאָט מיט א פינגער, — קיינעם קיין וואָרט ניט! איר האָט פארשטאנען?

— מיר האָבן פארשטאנען, סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטש, מיר האָבן פריִער אויך קיינעם ניט געזאָגט, נאָר אײַך און דעם טאטן.

— ריכטיק. און איצט וועל איך אריַינרופן דײַן טאטן.

דער מיליציאָנער האָט אופגעעפנט די טיר און א רוף געטאָן:

— קומט אריַין, כאווער ליפשיץ.

דער טאטע איז פאַרזיכטיק אריַינגעגאנגען און געבליבן שטיין באַ דער טיר מיט א אײַנגע־בויגענעם רוקן און ניט זיכער געקוקט אף סטעפּאַן מיטראָפאנאָוויטשן, און מיר האָט זיך געוואָלט

אויסשרײַען: „טאַטע, פּאַרוואָס קוקסטו אַזוי, מע רופֿט דאָך דיך אַן כאַוועך!" סטעפּאַן מיטראָ־פֿאַנאָוויטש איז צו אים צוגעגאַנגען און דערלאַנגט די האַנט:

— אַ גרויסן דאַנק אײַך. און דאָס איז נאָר דערווײַל. איר האָט געהאַנדלט ווי אַן עכט־סאָוועטישער מענטש.

דער טאַטע האָט אַ דריק געטאָן די אויסגעשטרעקטע האַנט און רויִק געענטפֿערט:

— נו, ווי דען, ס'איז דאָך זעלבסטפֿאַרשטענדלעך.

— איך קלער אויך אַזוי, — האָט יענער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — אַנדערש קאָן ניט זײַן.

24

די ערשטע נאַכט איז דורכגעגאַנגען רויִק, אין דער אַנדערער איז עס פֿאָרגעקומען.

פֿריִער פֿאַר אַלעמען האָט זיך אויפֿגעכאַפּט די מאַמע. אין דער פֿינצטער האָט איר שפּאַ־טשערײַ אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק.

— בערל, דו הערסט, בערל?

עס האָט זיך געדאַכט, אַז מע שיסט ערגעץ גאָר נאָענט. איין שאָס, אַ צווייטער... און שטיל... נאָכדעם האָט אָנגעהויבן הילכן איינס נאָכן אַנדערן און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

— ריבוינעשעלוילעם, וואָס איז דאָרט? — ווי נאָר די מאַמע האָט עס געזאָגט, האָבן ווידער דורכגעקנאַלט דרײַ שאָסן און באַלד האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך געשריי:

— אַ־אַ־אַ־אַ!

דאָס געשריי איז אָבער גלײַך איבערגעריסן געוואָרן, און ס'האָט זיך דערטראָגן אַ געפּילדער פֿון עטלעכע שטימען מיטאַמאָל. נאָך דעם איז שטאַרק שטיל געוואָרן.

מיר זײַנען געזעסן אין די בעטן, געקוקט אין דער פֿינצטערניש און געוואַרט... דאַכט זיך, אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט.

— וואָס איז געשען? — האָט באַ דער מאַמען געציטערט דאָס קאָל.

דער טאַטע האָט געשוויגן.

— עפּשער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מילכאָמע? — האָט זי אַלץ געוואָלט דערגיין.

— אַ מילכאָמע! — האָב איך זיך צעלאַכט. — וואָס פֿאַר אַ מילכאָמע?!

—שלאָף, לייבל! — האָט דער טאַטע מיר שטרענג געזאָגט.

איך האָב זיך אײַנגעדעקט מיט דער קאָלדרע, און אַז קיינער זאָל ניט הערן, גענומען שפּאַ־טשען: „איך שווײַג, איך שווײַג"... ס'איז מיר קאַלט געוואָרן, און כ'האָב אַ ביסל געציטערט.

אויפֿגעכאַפּט האָב איך זיך מיטאַמאָל, ווי עמעצער וואָלט מיך אַ שטויס געטאָן. איך האָב צעעפֿנט די אויגן און אַראָפּגעשפּרונגען פֿון געלעגער. די גאַנצע שטוב איז פֿול געווען מיט זון און דורך די אָפֿענע פֿענצטער האָבן זיך אַרײַנגעריסן פֿאַרשיידענע שטימען. כ'האָב אַרופֿגעכאַפּט די הייזלעך און אַרויס אױף דער גאַס.

אינמיטן וועג זײַנען געשטאַנען אונדזערע שכיינים און צווישן זיי דער טאַטע מיט דער מאַמען. איך האָב זיך פֿלינק דורכגעשטופּט צו זיי.

אין דער מיט פֿונעם רעדל איז געשטאַנען לייב גרוווער דער סטאָליער. באַנאַכט, ווען ער האָט דערהערט, ווי מע שיסט, איז ער אַרויס פֿון שטוב און זיך געלאָזט לויפֿן.

— מע האָט געוואָלט באַראַבעווען גאָלדען, — האָט לייב דערציילט, — און די מיליציע האָט, ווײַזט אויס, וועגן דעם זיך דערוווּסט און געמאַכט אַ זאַסאַדע[1]. רויבער זײַנען געווען צוויי. איינער איז געשטאַנען אויף זעקס[2], און דער צווייטער האָט זיך גענומען באַברען מיטן שלאָס פֿון דער טיר. דעם, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט מען גענומען שטיל און גיך, ער האָט זיך באַלד אונטערגעגעבן. ווער דאָס איז, האָב איך ניט געזען, נאָר דער אַנדע־רער... דער אַנדערער איז געווען ראַקאָוו.

— ראַקאָוו?! — האָט מען אָנגעהויבן איבערפֿרעגן פֿון אַלע זײַטן.

— דער באַנדיט ראַקאָוו?!

— און וואָס האָט ער געדאַרפֿט באַ דער באָבע גאָלדע, — האָט העכער פֿון אַלעמען אויסגעשריִען די מומע כײַע, — וואָס האָט זי אַזוינס, די באָבע גאָלדע?

— אָט דאָס, זעט איר, ווייס איך ניט, — האָט לייב צענומען די הענט.

דער טאַטע האָט מיך צוגעדריקט צו זיך, נאָר איך האָב אַזוי אויך געשוויגן. מיטאַמאָל

---

[1] לאַקערונג; [2] אויף דער וואַך.

האָט עמעצער מיך אָנגעכאַפּט פאַרן עלנבויגן, איך האָב א קער געטאָן דעם קאָפּ און דערזען סיאָמען. ער האָט געקוקט אַף מיר מיט א פּאָר פרייליכע אויגאַנעס און געשמייכלט.

— דערציילט, רעב לייב, דערציילט, — האָבן אַלע געבעטן.

— ראַקאָוו האָט אָנגעהויבן שיסן, — האָט דער סטאָליער פאַרגעזעצט, — די מיליציע האָט אויך געשאָסן, נאָר ווײַזט אויס, זיך געסטאַרעט ניט טרעפן אין אים, מע האָט געוואָלט אים נעמען א לעבעדיקן. האָט מען אים געלאָזט אויסברענגען אַלע קוילן, און ווי נאָר ער האָט אופגעהערט שיסן — פון אַלע זײַטן זיך א לאָז געטאָן צו אים, נאָר ער, דער פאַדליוגע, האָט זיך דורכגעריסן און גענומען לויפן. ער האָט ניט געזען, אַז איך שטיי באַם שכײנעסדיקן שטיבל, און א שפרונג געטאָן גלײַך אַף מיר. נו, האָב איך אים באַגעגנט מיט צעשפּרייטע הענט... בא מיר האָט ער זיך שוין ניט ארויסגעריסן.

אַלע האָבן געשמייכלט און געקוקט אַף לייבן מיט לויכטנדיקע אויגן, זיך איבערגענומען מיטן שאָכן. אָבער ער, לייב, האָט ניט געשמייכלט, זײַן געזיכט איז געווען שטרענג.

— איך האָב מיט דעם דאָזיקן באַנדיט אַלטע כעזשבוינעס, נאָך פון בירגערקריג. ראַקאָוו האָט, ווײַזט אויס, מיך דערקענט. ווען איך האָב אים א קוועטש געטאָן און ער האָט דערפילט, אַז אויסרײַסן זיך וועט ער שוין ניט, האָט ער אָנגעהויבן רעווען, ווי א כײַע. און דאָ זײַנען אָנגעלאָפן מיליציאָנערן און אים אַזוי פאַרקוטעט, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין ניט אַנטלויפן.

— איצט איז געקומען זײַן סאָף, — האָט געזאָגט דער זיידע דאָוויד, — שוין לאַנג צײַט.

דעם זעלבן טאָג איז באַוווּסט געוואָרן, ווער עס איז געווען דער צווייטער רויבער. קיינער האָט זיך אַפילע ניט פאַרכידעשט. מע האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, ווער איז אַזוינס שימען, בלויז די מיליציע האָט עס ניט געוווּסט.

אויך וועגן לײַכטער איז באַוווּסט געוואָרן. דאָס מאָל האָבן זיך אַלע פאַרכידעשט. קיינער האָט ביז איצט ניט געוווּסט, אַז דער רײַכער סויכער פײַנגאָלד איז געווען דער באָבע גאָלדעס מאַן. קיינעם איז אַפן זינען ניט געקומען, אַז בא איר קאָן זײַן אַזא טײַערע זאַך.

אַפן צווייטן טאָג איז אין דער היגער צײַטונג געווען אָפּגעדרוקט:

„די מיליציע האָט פאַרהאַלטן צוויי געפערלעכע באַנדיטן, איינער פון זיי, ראַקאָוו, איז ניט לאַנג צוריק אַנטלאָפן פון אונטערן קאָנוואָי. דער ראַיוּספּירקאָם טראָגט ארויס א דאַנק די כאַווײרים ב. ל. און ל. ג. און די קינדער ל. ל. און ס. ר., וועלכע האָבן געהאָלפן כאַפּן די באַנדיטן".

די דאָזיקע צײַטונג האָט מען אומעטום געלייענט, באַזונדערס האָט מען זיך געכידעשט, וואָס קינדער האָבן געהאָלפן פאַקן אַזעלכע באַנדיוגעס, און אַלע האָבן געוואָלט וויסן, ווער זײַנען זיי עס. נאָר איך, ליאָווע ליפשיץ, און סיאָמע ראַבין האָבן געשוויגן.

געשוויגן האָב איך, ביז צו אונדז איז ניט געקומען אַבראַשע.

אַבראַשע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט דעם טאַטן און געזאָגט:

— איך באַגריס אײַך!

דער טאַטע האָט אַף אים א קוק געטאָן און א ווונק געגעבן אַף דער מאַמען.

אַבראַשע האָט זיך צעלאַכט.

— מיט וואָס באַגריסט איר עס אים און וואָס לאַכט איר? — האָט די מאַמע זיך געכי־דעשט.

— איך באַגריס אײַער מאַן און אײַער זון אויך, — האָט אַבראַשע מיך ארומגענומען. — ווי העלדן באַגריס איך זיי. דאָס שרײַבט מען הײַנט וועגן זיי אין דער צײַטונג. און לאַכן לאַך איך דערפאַר, וואָס איר ווייסט ניט וועגן דעם.

די מאַמע האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט און זיך אוועקגעזעצט.

— וואָס טוט זיך דאָ?! — האָט זי גענומען גוואַלדעווען. — מײַן זון און מײַן מאַן כאַפּן באַנדיטן, און איך ווייס גאָרניט. — זי האָט זיך אָבער באַלד צעלאַכט. — ווען איך זאָל געווען וויסן, וואָלט איך געשטאָרבן פון שרעק. דאַנקען גאָט, וואָס אַלץ האָט זיך בעשאָלעם געענדיקט. נאָר וויאַזוי איז עס פאָרגעקומען?

— איך וויל אויך וויסן, — האָט אַבראַשע אונטערגעכאַפּט.

איך האָב זיי אַלץ דערציילט.

— אָט האָט איר אײַך שפּענער! — האָט שטיל א בורטשע געטאָן אַבראַשע.

נאָר דאָס סאַמע אינטערעסאַנטע איז ערשט געווען אַף מאָרגן, ווען די באָבע גאָלדע איז געקומען צו פאָרן. זי האָט נאָך ניט באַוויזן צוקומען צו דער שטוב, ווי מע האָט פון אַלע זײַטן גענומען זיך צונויפלויפן. פון אָנפאַנג האָט די באָבע זיך דערשראָקן, דערנאָך, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די רויבער האָבן געוואָלט צוגאַנווענען איר לײַכטער, האָט זי אָנגעהויבן לאַכן. זי האָט זיך אַזש געקאַטשעט פון געלעכטער.

— קומט, — האָט זי גערופן אַלעמען, — קומט, וועל איך אײַך באַווײַזן דעם דאָזיקן לײַכטער.

די טיר פון איר שטוב איז געווען פאַרכאַסמעט און אַ מיליציאָנער איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג. דער מיליציאָנער האָט דורכגעקוקט דער באָבע גאָלדעס דאָקומענטן און זי אַרײַנגעלאָזט אין שטוב. אין צימער איז מיטאַמאָל געוואָרן פול מיט מענטשן. די באָבע האָט אופגעעפנט דעם קאַסטן און אַרויסגענומען דעם לײַכטער. ער איז געווען פּונקט אַזאַ ווי אינעם מײַסעלע: פיר ליליעס זײַנען מיט די שטענגעלעך זיך צונויפגעוואַקסן. דרײַ בעכערלעך האָבן אַרומגערינגלט דאָס פּערטע, די שטענגעלעך זײַנען פון אונטן געווען אויסגעבויגן און אַף זיי איז דער לײַכטער געשטאַנען. ער איז געווען שיין, נאָר געבלישטשעט האָט ער ניט זייער שטאַרק.

— ער איז אַ גאָלדענער? — האָט מען געפרעגט בײַ גאָלדען.

— אָט פּרוווט אים אופהייבן? — האָט פאָרגעלייגט די באָבע.

מע האָט געפּרוווט. ער איז געווען שווער.

— גאָלד איז טאַקע שווער, האָט די באָבע גאָלדע דערקלערט. זי האָט גענומען דעם לײַכטער און אים איבערגעקערט. — און איצט טוט אַ קוק אַהער.

דער לײַכטער איז פון אינעווייניק געווען אָנגעגאָסן מיט עפּעס אַ גרויען מעטאַל.

— דאָס איז בלײַ, — האָט די באָבע געזאָגט, — עמעסער בלײַ. דערפאַר איז ער אַזוי שווער. פון אויבן איז בראָנזע און אינעווייניק בלײַ. דעם עמעסן לײַכטער, דעם גאָלדענעם, האָט מײַן מאַן נאָך ביז דער רעוואָליוציע פאַרבאַהאַלטן אין עפּעס אַן אויסלענדישן באַנק, און אַהיים האָט ער געבראַכט אָט דעם דאָזיקן. פון אָנפאַנג האָב איך אויך ניט געוווּסט, נאָר שפּעטער, ווען מײַן מאַן איז אַנטלאָפן, האָב איך זיך דערקונדיקט. כ'האָב אָפּגעשאָבן פון אינעווייניק די פאַרב... אָט האָט איר אים. טאַקע קעדײַ געווען מיך באַרויבן. — און זי האָט זיך ווידער צעלאַכט.

און דערנאָך איז אָנגעקומען דער בריוו, אַף וועלכן איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט. דאָרט איז געווען אָנגעשריבן, אַז איך, ליאָווע ליפּשיץ, בין פאַרעכנט פאַר אַ שילער פון דער מוזיק־שול.

■

ווײַזט אויס, אַז איך בין זייער לאַנג געזעסן אין סקווער. פון צײַט צו צײַט האָב איך געכאַפּט אַ קוק אין אַ זײַט, ווו קינדער האָבן זיך געשפּילט אין שניי, נאָר די געדאַנקען מײַנע זײַנען געווען זייער ווײַט פון דאַנען — זיי האָבן געבלאָנקעט אין מײַן קינדהײַט. איך האָב זיך אופגעהויבן און אַוועק אַף דער גאַס, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אונדזער הויז, ווו עס איז געשטאַנען דאָס הויז פון דער מומע דינע. איך בין געגאַנגען פּאַמעלעכן, הינטער די פּאַרקאַנס האָבן געבילט הינט, זיך געריסן פון די קייטן. ווו זשע איז עס געשטאַנען אונדזער הויז? ווײַזט אויס, אַ ביסל ווײַטער. אומגעריכט האָב איך זי דערזען, דער מומע דינעס שטוב, די איינציקע אַלטע שטוב, וואָס איז דאָ געבליבן. איך בין געבליבן שטיין און געקוקט. זי איז געווען פּונקט, ווי דעמלט, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז נידעריקער און קלענער געוואָרן, די שטוב. דאָ, אַף דער פּריזבע, איז אָפּט געזעסן סיאָמע. עפּשער וועט זיך באַלד עפענען די טיר און ער וועט אַרויסגיין? ניין, קיינער איז ניט אַרויסגעגאַנגען.

כ'האָב אַליין ניט געקאָנט באַשליסן, צי זאָל איך אַרײַנגיין צי ניט. די טיר איז געווען פאַרמאַכט. כ'האָב שטיל אָנגעקלאַפּט. אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די זעלבע זקיינע, וואָס איז הײַנט פאַרבײַגעגאַנגען, בײַס איך בין געזעסן אין סקווער. זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אַף מיר מיט אַ שטאַרן בליק. אין האַלדז האָט מיך עפּעס אָנגעהויבן שטיקן, דאָך האָב איך געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, וואָס איך באַאומרויִק אײַך. אַמאָל האָבן דאָ געוווינט מײַנע פרײַנט.

— קום אַרײַן, לייבעלע, — האָט געזאָגט די אַלטע, — איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען. כ'האָב דיך הײַנט געזען לעבן וואָקזאַל.

— מומע דינע?!

איר שטאַרק געעלטערט פּנים האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. זי האָט אַף מיר געקוקט, נאָר, ווײַזט אויס, מיך ניט געזען.

— זעץ זיך צו, לייבעלע.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. זעצן האָט מען זיך געקאָנט נאָר אַפן איינציקן בענקל, וואָס איז דאָ געשטאַנען. דאָס בעטל באַם פענצטער איז געווען ניט פאַרבעט, אַף די צאַרגעס זײַנען געהאַנגען פאַרשיידענע מאַלבושים.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן בענקל, און די מומע דינע האָט זיך צוגעזעצט אַפן בעטל און באַלד זיך גענומען וויגן: לינקס — רעכטס, לינקס — רעכטס.

— איך האָב געוווּסט, אַז דו לעבסט, — האָט זי געזאָגט און דערבײַ ניט אופגעהערט זיך צו וויגן, — איך האָב געוואַרט אַף דיר...

אין צימער איז שוין געווען טונקל. מיטאַמאָל האָט די מומע דינע אופגעהערט הוידען זיך און אירע ליפּן האָבן גענומען שמייכלען.

— דו ביסט געקומען, לייבעלע, — האָט זי געזאָגט מיט איר אַמאָליק קאָל, פּונקט אַזוי, ווי זי פלעגט צו מיר ריידן, ווען איך פלעג אַרײַנקומען צו סיאָמעלען.

— מומע דינע, — האָב איך שטיל געזאָגט.

זי האָט זיך ניט אָפּגערופן, זי האָט אַלץ געקוקט אַף מיר מיט איר פאַרגליווערטן בליק און געשמייכלט. פּלוצעם האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, ניט מיר, נאָר זיך אַליין:

— ווי נאָר ער פלעגט אופעפענען די טיר, איז דער זיידע אים געגאַנגען אַנטקעגן. זיי האָבן ניט געקאָנט לעבן איינער אָן דעם אַנדערן. דער זיידע האָט נאָר מיט סיאָמעטשקען געשמועסט, נאָר אַף אים געקוקט, נאָר צוליב אים געלעבט. יאָ, געלעבט... — מיטאַמאָל איז זי עפּעס ווי אויסגעלאָשן געוואָרן, דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן. — די גאַנצע צײַט שטייט ער מיר פאַר די אויגן, — זי האָט שוין ווידער זיך געוויגט, — נאָר קיינער איז ניטאָ, ניט סיאָמעלע, ניט דער זיידע דאָוויד, ניט סאָלאָמאָן, אַלע ליגן זיי אין ריוו. איך בין דאָרט אויך געלעגן, די גאַנצע גאַס ליגט דאָרט אין די באַלקעס, נאָר איך איינע זיץ דאָ, אויך אַ טויטע... איך האָב געוווּסט, אַז דו לעבסט. איך האָב געוואַרט, דו זאָלסט קומען, קעדיי דיר איבערגעבן דעם בריוו פון סיאָמען.

די מומע דינע האָט זיך אָנגעבויגן און פון אונטער דער צעראַטע אַפן טישעלע אַרויסגענומען אַ שילעריש העפטל.

— אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן פון מײַן זון, פון סיאָמעלען. דו זעסט, די לעכעלעך און די פלעקן? די לעכעלעך זײַנען פון קוילן און די פלעקן פון זײַן בלוט, פון סיאָמעס בלוט. איך האָב דאָס העפט געפונען בא אים אַף דער ברוסט און עס אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. דאָס האָט ער געשריבן צו דיר. נאַ, נעם.

דאָס העפט איז געווען שטאַרק צעקנייטשט, נאָר די טאָוועלעך האָבן זיך פאַרהיט. אַלע זײַטלעך פונעם העפט זײַנען געדיכט געווען פאַרשריבן מיט אַ בלײַשטיפט. אין אַ סאַך ערטער זײַנען די אויסיִעס געווען אָפּגעריבן און פאַרפלעקט מיט בלוט. נאָר דעם אָנהייב האָט מען געקאָנט לײַכט איבערלייענען.

„טײַערער פרײַנט ליאָווע ליפשיץ, איך שרײַב דיר ניט קיין בריוו, דאָס רייד איך מיט דיר צום לעצטן מאָל. אין עטלעכע שאָ אַרום וועל איך שוין זײַן טויט. איך ווייס, אַז דו וועסט מיך קיינמאָל שוין ניט הערן און קיינמאָל ניט דורכלייענען די דאָזיקע שורעס. נאָר ס'איז שרעקלעך וואַרטן אַפן טויט און גאָרנישט ניט טאָן. מיר איז סאַכאַקל זיבעצן יאָר, און איך וויל ניט שטאַרבן. איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס איך דאַרף שטאַרבן, און קיינער פאַרשטייט עס ניט. אייניקע שעפּטשען, טוען טפילע, נאָר דער מערסטער טייל שרײַט, רײַסט אַף זיך דאָס לײַב, אָבער קיינער ענטפערט ניט. ליאָווע, טײַערער, אויב דו וועסט יאָ אַמאָל איבערלייענען, בעט איך דיר... — ווײַטער זײַנען עטלעכע שורעס פאַרמעקט... — דעם לעצטן פרײַטיק פאַר דער מילכאָמע האָב איך אָפּגעגעבן עקזאַמענעס...“

פּלוצעם האָב איך דערהערט דער מומע דינעס קאָל. איך האָב אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— אַפילע יענעם פרײַטיק, — האָט זי געזאָגט, — האָט קיינער ניט געטראַכט, אַז עס קאָן עפּעס שלעכטס געשען. קיינער האָט ניט געטראַכט וועגן טויט. ער איז געקומען גאָר פון אַן אומגעריכטער זײַט.

די מומע דינע האָט לאַנג גערעדט, אַראָפּגערעדט אַלץ, וואָס איז איר געלעגן אַפן האַרצן, אָבער קיין טרערן האָבן אין אירע אויגן זיך ניט באַוויזן. די טרערן האָט זי שוין פון לאַנג אויסגעוויינט.



די פילצאָליקע לידער־זאמלונגען פונעם טא־לאנטפולן דיכטער מאָטל טאלאלאיעווסקי, זײַנע דראמאטישע און פּראָזאִישע ווערק, וואָס זײַנען דערשינען אין מעשעך פון העכער 40 יאָר, זײַנען ברייט באוווּסט אונדזער לייענער.

איצט, ווען מאָטל טאלאלאיעווסקי ווערט אלט 60 יאָר, באגריסן מיר אים הארציק און ווינטשן אים, ער זאָל שטענדיק בלײַבן שעפעריש יונג.

אין לעבן פארליבט

מײַן דין־וועכעזשבן

הײַנט גיב איך אָפּ דער וועלט א דין־וועכעזשבן
פאר מײַנע זעכציק דורכגעלעבטע יאָר...
כ׳שטיי בא א קרענעצע, פון וועלכער מע קאָן שעפּן
סײַ גרויען אָוואר און סײַ העלע וואָר.

כ׳האָב פון דער קרענעצע געשעפּט געטרײַ און פלײַסיק,
כ׳בין ניט קיין איבערקלײַבער, — גאָט באהיט!
אמאָל געלאָסן און אמאָל אויך בײַסיק
געקלונגען האָט מײַן אויסגעבענקטע ליד.

עס פלעגט אמאָל דער לײַכטזין מיך פארפירן:
א וואָרט א קלינגעוודיקס, א פוסטע גראמען־שפּיל,
און כ׳האָב זיך ניט באמיט ביז אין דער טיף דערשפּירן
דעם סאָד פונעם געדאנק און פון געפיל.

איר זעט — ניט רײַך, ניט שרײַענדיק מײַן קלייד איז,
קיין גוטס ניט אָפּגעשפּאָרט, איך בין ניט רײַך.
דאָס בינטל לידער און מײַן גראָוער קאָפּ — די איידעס,
ווי שווער דאָס שווימען איז אין לעבנס־טײַך...

ראַדיאָ

עס שטייט בא מיר צוקאָפּנס
א ראדיאָ — א פּראכט!
זי זאָגט מיר א גוטמאָרגן,
זי ווינטשט א גוטע נאכט,

זי זאָגט פאָרויס דעם וועטער,
זי ברענגט די נײַסטע נײַס,
זי שרײַט: ס׳איז הייס — א גענעם,
זי קרעכצט: ס׳איז קאַלט, ווי אײַז.

דאָס אייגעלע דאָס גרינע
צינדט אָן זיך, ווען איך וויל.
עס רעדט מיט מיר דאָס קעסטל
ווען הילכיק און ווען שטיל.

פון גאָר דער וועלט יעדיעס,
געזאַנגען אָן א שיר.
אַט רעדט צו מיר דערהויבן
די ראַכוועס פון סיביר,

אַט הערט ניט אויף צו קלאָגן
די מוטער אין וויעטנאַם,
און ס'דאַכט: איך זע פון גרויל'ן,
פון גרימצאָרן דעם פלאַם;

אַט וואַלגערט פון די פיס מיך
דער שעקער פון פעקין.
וואָס זײַנען זיי דאָרט, גאָטעניו,
אַראָפּגעגאַן פון זין?!

איך קען ניט אַלע שפּראַכן,
נאָר יעדעס וואָרט כ'פאַרשטיי —
אַלוועלטלעך איז דער צאָרן,
אומענדלעך איז דער ווי...

עס טרעפט, איך קום א גליקלעכער
צו זיך אין שטוב אַרײַן,

און שליס איך אײַן די ראַדיאָ —
כ'פאַל מיטאַמאָל אַרײַן

אין די געדיכטע נעצן
פון וועלט און קעגנוועלט,
און ס'טוט אַף מיר א ווייע
מיט וואַרעמקייט און קעלט.

עס ווערט דער צימער ענג מיר
און אַף מײַן האַרצן שווער,
ווען פרעמדע שטימען בייזע
פון קעסטל איך דערהער.

די פרעמדע שטימען — דראָענדיק
און פול מיט שוואַרצער שרעק.
און ס'גלוסט זיך א געשריי טאָן:
— אַראָפּ, אַראָפּ פון וועג!

דאָס אייגעלע דאָס גרינע,
עס איז שוין אָנגעגליט.
איך טו א דריי די ראַדיאָ —
אַנו, דערלאַנג א ליד!

עס זאָל מײַן האַרץ דערפרייען זיך,
און ס'זאָל מײַן ווי צעווייען זיך!

דער סאָד פון לעבן

איך האָב ניט פאַרלאָזט זיך
אַף קיינעמס באַראָט,
ווײַל טיף כ'האָב באַזיניקט
פון לעבן דעם סאָד:

וואָס טיפער די וואָרצלען —
אַלץ שטאַרקער דער בוים;
וואָס טרײַער די ליבע —
אַלץ גרעסער דער טרוים.

וואָס העכער די כוואַליעס —
אַלץ גרעסער דער שוים;
א מענטש דאַרף זיך האַלטן
אַליין אין זײַן צוים,

ווײַל גיסטו איר נאָך,
איז פאַרפאַלן דײַן קאָפּ;

און ס'טראָגט דיך דאָס לעבן
אין וויסטן גאַלאָפּ.

וואָס ברייטער די נעצן —
אַלץ רײַכער דער פאַנג.
איז זע, אַז אומענדלעך
זאָל זײַן דײַן געזאַנג.

אַז קלינגען אין אים
זאָל די ראַכוועס פון פעלד,
די טרײַהייט, דער שטאָלץ,
די געוואַגטקייט פון העלד;

אויב יאָ — וועט דיך לויבן
די זון און די ערד,
אויב ניט — איז דײַן לעבן
קיין גראָשן ניט ווערט.

די צײַט

אַף לינקער האַנט איך טראָג די אומשטערבלעכע צײַט,
און יעדן אינדערפרי כ'צי אָן מײַן אַלטן זייגער.
איך לאָד זי אָן, די צײַט, מיט מי, ווי ס'איז מײַן שטייגער,
ווײַל כ'ווייס פון קינדווײַז אָן, וואָס יעדע ווײַל באַטײַט.

מײַן זייגער שטייט ניט אָפּ און לויפט ניט אַף פאָרויס,
ער כאַפּט זיך ניט — ער ווייסט, אַז איך וועל ניט פאַרשפּעטיקן.

כ׳בין ניט געווינט דעם לויף פון צײַט פאַרגעטערן,
כאָטש כ׳ווייס: דעם מענטשנס לעבן איז ניט גרויס...

כ׳וויל קיין באַלכויוו ניט זײַן דער אומשטערבלעכער צײַט —
קיין טאָג, קיין מינדסטע שאָ, קיין רעגעלע אפילו.
איך וויל, עס זאָל מײַן ליד ניט זײַן קיין פּוסטע טפילע —
א שטיצע זאָל זי זײַן אין ליבע און אין שטרײַט!

זאָל איך ווידעראַמאָל זאָגן

זאָל איך ווידעראַמאָל שווערן
בא לעוואָנע און בא שטערן,
אז ביז לעצטן אָטעם מײַנעם
וויל איך דיר, נאָר דיר געהערן?

זאָל איך ווידעראַמאָל זינגען
יענע ליד פון זיבן רינגען,
וואָס אין יעדער רינג — דײַן נאָמען,
ווי א וואַסערפאַל, טוט קלינגען?

זאָל איך ווידעראַמאָל זאָגן,
אז אָן דיר מיך הייבט אָן שלאָגן
א מעשונע־בייזער פיבער,
ביז עס הייבט ניט אָן צו טאָגן
און כ׳דערהער דײַן אָטעם:
— ליבער...

איך וואַרט אַף איר

אפילו פויגלען פּוצן זיך און גרייטן זיך,
ווען פון באַגעגעניש עס קומט די העלע ווײַל —
די גראָזן ווערן שטיל,
די צווײַגן ברייט צעשפּרייטן זיך,
עס פליט דער גאַסט,
מע פילט אים פון דער צענטער מײַל!

עס פליט דער גאַסט. ער האָט שוין אויסגעמיטן
אי שטורעמווינט, אי רעגן־נעץ, אי שטויב...
ער האָט פון בענקעניש,
ווי איך, געליטן
און פאַר זײַן קומען מאָנט ער ניט קיין לויב.

ער וויל בלויז, אז דאָס וואָרקען פון זײַן פּאָר
זאָל קיינעם ניט, בלויז אים אַליין געהערן.
ער וויל, אז אין קאַיאָר
זאָל ער די ליבע־ליד דערהערן,
וואָס עפנט אוף די הערצער די פאַרכמאַרעטע
און מאַכט זיי ליכטיקער,
און לעבט זיי אוף...

איך גרייט זיך אויך צום קומען פון מײַן כאַווערטע.
זי פליט צו מיר.
זי האָט דערהערט מײַן רוף!

שמועל גאָרדאָן

דעם באַלשעמס געסל

פּיעסע אין זעקס בילדער

אָנטיילנעמער

הילעל, בא די צוויי־דרייַ און אכציק יאָר.
שיפרע — זייַן פרוי, קימאט צוויי מאָל ייִנגער פונעם מאן.
ליבער (מילאן) — זייער זון, צוויי און צוואנציק יאָר.
מאטעש.
עסטער — זייַן טאָכטער.
יוינע.
ציפע — זייַן פרוי.
מאנוס.
באָרעך.
איטע — זייַן פרוי.
דאָווידקע — זייער איניקל, א ייִנגל פון נייַנצען יאָר.
כעוועד.
אלעקסיי.
נאטאליע פעטראָוונע — זייַן שוועסטער.
שייַע.
קיווע.
מיטראָפאן.
אָלענע — זייַן פרוי.
סאָלאָמיע — זייער טאָכטער.
קלעזמאָרים, פייַערלעשער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין מעדזשיבעזש — א שטעטל אף אוקראַיִנע — אין די זעכציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

דאָס ערשטע בילד

דעם באַלשעמס געסל. אפן שמאָלן און גרינעם ראָג שטייט א בלוי־געפארבט הויז מיט א הויכן גאנעק און א גלעזערנער וועראנדע. אף די טרעפּלעך פונעם גאנעק, בא וועלכן עס איז ארויסגעשטעלט צום פארקויפן אלט מעבל, זיצט איטע און פרעגלט אייַנגעמאכטס. אונטערן צעצווייַגטן ווייַנשלבוים אין אָפענעם הויף שפּילט דאָווידקע אף אן אקאָרדעאָן עטיודן. צווישן דער באָבען מיטן איניקל גייט די גאנצע צייַט א באהאלטענע שפּיל: דאָווידקע פּרווט ארייַנשמוגלען אין די עטיודן שטיקלעך ניגונים פון פארשיידענע לידער. איז אָבער איטע אף דער וואך. כוץ דעם, וואָס זי לאָזט ניט אראָפּ פון אים קיין אויג, דיריזשירט זי נאָך דערבייַ מיטן קאָכלעפל און ציילט אים אויס, ווי א ווזוואָדנער, די מוזיקאלע טאקטן: איינס און, צוויי און, דרייַ און, פיר און, ראַז אי, דווא אי... אאוו.

עטוואָס טיפער אינעם געסל שטייען בישכיינעס צוויי שטיבלעך מיט הויכע צאָקאָלן. די רויט־געפארבטע לאָדנס פון די פענצטער און האלב־גלעזערנע טירן זייַנען צוגעקייטלט צו די ווענט. אפן ערשטן שטיבל הענגט א שילדל, אף וועלכן ס׳איז אויסגעמאָלט א סיפאָן. אינעם שכיינעסדיקן שטיבל געפינט זיך א שלאָסער־ווארשטאט. בא די דרויסנדיקע טרעפּלעך שטייט א שלייַפשטיין, אין וועלכן ס׳איז אייַנגעמאָנטירט א פושקע, ווהין מע ווארפט ארייַן די מאטבייעס פאר באנוצן זיך מיטן שלייַפשטיין.

ארופצו, העכער אינעם געסל, זעט זיך ארויס א שטיק פארדראנקעוועטע וואנט. פון מאָל צו מאָל באווייַזט זיך דאָרט כעוועד. דאָס קליידל פארוקט העכער די קני, קריכט זי ארייַן מיט די באָרוועסע פיס אינעם געמיש פון ליים און קיזעק און נעמט זיך פלייַסיק קנעטן, זינגענדיק דערבייַ שטיל א האלב־ייִדישע, האלב־אוקראַיִנישע ליד.

אין מעשעך פון דער צייַט, וואָס עס דויערט דאָס ערשטע בילד, קומען ארייַן עטלעכע מענטשן עפּעס אָנשארפן, אראָפּלאָזנדיק דערבייַ אין דער פושקע א מאטבייע, אָנפילן די סיפאָנען מיט זעלצער־וואסער. סע טרעפט, אז עמעצער פון די פארבייַגייער פארהאלט זיך עטלעכע רגעס באם ארויסגעשטעלטן מעבל.

א י ט ע (פּאַרזעצנדיק ציילן און דיריזשירן). איינס און, צוויי און, דרײַ... דאָווידקע!

ד אָ ו ו י ד ק ע. האַ?

א י ט ע. ווידער שוין? האָסט מיר שוין ווידער אָנגעהויבן דײַנע שטיקלעך? וועסט מיר אַמאָל אופֿהערן מיט דײַן „שאַגאַיו פּאָ מאָסקווע“ און מיט דײַנע „דווא בערעגא או אָדנאָי רעקי“, צי ניין, האַ? וועמען ווילסטו עס נאַרן וועמען? ער מיינט, ער וועט מיר אונטערוקן אַ „שאַגאַיו פּאָ מאָסקווע“ אַנשטאָט אַן עטיוד און איך וועל עס אָנעמען פֿאַר טוירעס לאָקשן. ניט געטראָפֿן דאָס אָרט, פֿײַנער פֿיִאָנער דו מײַנער. דו וועסט בא מיר שפּילן נאָר פּאָ נאָטאַם, ווי ראַפֿאַיִל נאַטאַנאָוויטש האָט אָנגעזאָגט. פֿאַרשטאַנען? איז ראַז אי, דווא אי, טרי אי...

אין געסל באַווײַזט זיך כעוועד מיט צוויי עמער וואַסער אין די הענט.

כ ע וו ע ד. אַ גוטער העלף אײַך, איטע־קרוין. (שטעלט אַראָפּ די עמער אָף דער ערד.) וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער פֿײַנער נײַס אונדזערער?

א י ט ע. ס'איז טאַקע אַן עמעס? מײַן באָרעך גלייבט עפּעס ניט איבעריקס אין דעם. עס קאָן ניט זײַן, זאָגט ער.

כ ע וו ע ד. וואָס הייסט עס קאָן ניט זײַן, אַז יוינע דער שטריקלדרייער האָט אַליין געזען, ווי דער יִמאַך שמוי וועזיכרוי זאָל ער ווערן האָט זיך הײַנט פֿאַרטאָג געשלעפּט אַהער צופֿוס, שלעפּן זאָל מען אים אָף אַ שטריק.

א י ט ע. אָט דאָס פֿרעגט ער דאָך טאַקע, מײַן באָרעך. וואָס, ער ווייסט דען ניט, אַז דאָ לעבן ווידער יִדן? און וואָס עפּעס צופֿוס גאָר?

כ ע וו ע ד. וואָס האָט איר געוואָלט, ער זאָל נאָך אַרײַנפֿאָרן אַהער נאַשפּיץ מיטן אוטאָבוס? גוואַלד געשריִען, ווי טראָגט עס גאָר די ערד אָף זיך אַזעלכן!

א י ט ע. נו און ער, רעב הילעל, ווי איז מיר, ווייסט שוין פֿון דער שיינער נײַס?

כ ע וו ע ד. רעב הילעל איז, שײַנט מיר, גאָר ניטאָ אין דער היים. אַוועקגעפֿאָרן קיין לעטיטשעוו זיך דערריידן מיט די קלעזמער. אַ קאַשע עפּעס. בא אַזאַ עלטער אויסגעבן אַ זון, און אַ בעניאָכיד נאָך דערצו.

א י ט ע. טאָמער, כאָלילע־וועכאָס, איז טאַקע אַן עמעס, אַז דער יִמאַכשמויניק איז דאָ, וועט עס שוין זײַן יענע כאַסענע. רעב הילעל קאָן זי גאָר אָפּלייגן.

כ ע וו ע ד. וואָס הייסט אָפּלייגן, אַז כאָסן־קאַלע מיט די מעכוטאָנים, האָב איך געהערט, זײַנען שוין אין וועג. וויפֿל מיינט איר, געדויערט עס אַהער פֿאָרן פֿון לעניִנגראַד? אוי, וואָס שטיי איך? די רעמאָנטנע בריגאַדע דאַרף דאָך באַלד קומען, און איך בין נאָך אַפֿילע ניט צוגעטראָטן מאַכן דעם ראַסטוואָר. (נעמט די עמער און גייט אַוועק.)

א י ט ע (צו דאָווידקען, וועלכער שפּילט אַ ליד פֿון אַ קינאָפֿילם). כאַפּסט דערווײַל, זע איך, אַרײַן. וואָס טראַכסטו זיך, פֿרעג איך דיך? נאָך איין „שאַגאַיו פּאָ מאָסקווע“, און וועסט בא מיר אָנהייבן פֿון סאַמע אָנהייב, פֿון דעם ערשטן עטיוד וועסטו אָנהייבן. (טוט אַ זיפֿץ.) נאַ דיר גאָר אַזאַ מין אָנשיקעניש אָף אונדזער קאָפּ! פֿונוואַנען האָט ער זיך עס מיטאַמאָל גענומען, אַז נעמען זאָל אים די מיסע־מעשונע. (זעצט פֿאָר דיריזשירן.) איינס און, צוויי און...

אָפֿן ראָג באַווײַזט זיך מאַנוס מיט אַ קליין לעדערן רענצל אין דער האַנט. דערזעענדיק, ווי איטע דיריזשירט, בלײַבט ער שטיין.

א י ט ע (ניט באַמערקנדיק מאַנוסן). דאָווידקע, ווידער שוין?

ד אָ ו ו י ד ק ע. באָבע, נו איך שפּיל דאָך דיר אַן עטיוד.

א י ט ע. אַזוי גאָר? פֿון ווען אָן, ווייל איך וויסן, איז „פּוסט בודיעט סאָנצע אי פּוסט בודו יאַ“ געוואָרן אַן עטיוד? פֿאַרגעסט, אַפּאָנעם, אַז די באָבע דײַנע קען שוין, באָרעכהאַשעם, אָף אויסווייניק די אַלע גאַמעס מיט די עטיודן ניט ערגער ווי דער כאַזן, לעהאַוודל, דאָס דאַוונען. (באַמערקט מאַנוסן.) אַ גוט־העלף. געזען, סאַראַ קונצן דאָס פֿײַנע אייניקל פּראַוועט עס מיט דער באָבען? דער לערער פֿון מוזיק, ראַפֿאַיִל נאַטאַנאָוויטש, האָט טויזנטער מאָל אָנגעזאָגט, מע זאָל אַכטונג געבן, ער זאָל, כאָלילע, ניט שפּילן נאַ סלוך, ווײַל דאָס שפּילן נאַ סלוך, הייסט עס, קוילעט אַוועק. איר זאָגט עפּעס?

מ א נ ו ס. ניין, גאָרניט.

א י ט ע. ס'איז אַ מין אַלקאָהאָל איז עס, זאָגט ער. זעט איר דאָך, ווי עס פֿאָלגט. און צו וועמען, מיינט איר, האָט מען נאָכדעם טײַנעס? צו דער באָבען, פֿאַרשטייט זיך. אַז אין אַלץ, באָרעכהאַשעם, איז הײַנטיקע צײַטן שולדיק די באָבע.

מ א נ ו ס (גייט צו נעענטער צום ווײַנשלבוים, אונטער וועלכן עס זיצט דאָווידקע). וויפֿל איז מען עס אַלט, יונגערמאַן?

א י ט ע. דאָס צענטע יאָר, קיין אײַנהאָרע, ביז הונדערט און צוואַנציק. דאכט זיך, הא, גענוג, וואָס כ׳האָב אף זיך די שטוב מיטן גאָרטן מיט אַלץ מיטאנאנדער, דארף איך נאָך אכ־טונג געבן, דאָס פײַנע טאכשיטל זאָל כאָלילע ניט פארפעלן די אינדערפריִעדיקע פיזקולטורע, ווי אמאָל דעם מוידע־אני, לעהאוודל, און העלפן אים, ניטאָ ווער ס׳זאָל לאכן, גרייטן די אוראָקן. און צו וועמען, מיינט איר, קומט ער צו לויפן מיט די אוגאַדײַקעס און פיאָנערסקע זאָרקעס?

מ א נ ו ס. נו, און טאטע־מאמע, וואָס?

א י ט ע. טאטע־מאמע וואָס? באטאָג איז מען דאָך אפן זאוואָד, און אז עס קומט דער פארנאכט, פליט מען אף דער סאמאָדעיאטעלנאָסט. וואָס, איר ווייסט ניט?

מ א נ ו ס. קימאט דאָס זעלבע, וואָס בא מיר. איך בין אויך א שטיקל זיידע.

א י ט ע. בעקיצער, סע קלעקט מיר ארבעט ביז אהער־אָ. איז, דאכט זיך, גוט, איאָ? העלפט גאָט, און סע ווערט מיטאמאָל א מאָדע זיך פארשרײַבן אין אָטשערעד אף א פיאנע אין קרעדיט. האלב מעדזשיבעזש, וואָס זאָג איך האלב, קימאט ס׳גאנצע שטעטל און א שטיק קאָלווירט שטייען אין אָטשערעד. דערווײַל, ביז וואָס־ווען, האָט מען אויסגעקויפט אין קראָם אַלע קארדעאָנען, מיט די באיאנען, מיט די הארמאָשקעס, און כעוורע קלעזמאָרים שארן גאָלד.

מ א נ ו ס. אזוי גאָר? נו, און עפּעס א סאך קלעזמער פארמאָגט אײַער מעדזשיבעזש?

א י ט ע. ווו האָט איר עס הײַנטיקע צײַטן קלעזמאָרים אין די שטעטלעך? אפילע ליפּאָוועץ, סטאָליארסקיס ליפּאָוועץ, איז געבליבן אָן א קאפּעלע. כ׳ווייס טאקע ניט, וואָס וואָלט געווען, ווען אונדזער ראפאיל נאטאנאָוויטש, רעב רעפאָעל הייסט עס, זאָל ניט געווען ווארפן קירזש־נערײַ און זיך נעמען צוריק צום שפּילן. א ראכמאָנעס, זאָג איך אײַך, אף דעם מענטשן. מע צערײַסט אים מאמעש אף שטיקלעך. ווי איז מיר, זיך צערעדט און אפילע פארגעסן בעטן זיצן. דאָווידקע, טראָג ארויס א בענקל!

מ א נ ו ס. א דאנק. ניטאָ, מײַן ליבע פרוי, ווען צו זיצן. זאָגט מיר, ביטע, ווו וווינט דאָ בא אײַך הילעל דובין?

א י ט ע. רעב הילעל דער שנײַדער? ארופצו, העכער, טאקע דאָ, אין דעם באַלשעמס געסל. (קוקט אף מאנוסן מיט פארדאכט). צו וואָס, אשטייגער, דארפט איר עס צו רעב הילעלן? איר קערט זיך מיט אים עפּעס אָן? קיין היגער, לויט דער אויסשפּראך אײַערער, ווי איך זע, זענט איר ניט. כ׳מיין, ניט קיין פּאָדאָליער.

מ א נ ו ס. קימאט ווי געטראָפן. א מאָסקווער.

א י ט ע. אוי, זאָלט איר מיר געזונט זײַן. (שרײַט ארײַן אין הויף.) באָרעך, באָרעך, קום נאָר אהער. (בייגט אָן מאנוסן א צווײַגל פונעם ווײַנשלבוים.) זײַט זיך מעכאבעד.

מ א נ ו ס. א דאנק. (פארזוכט.) בא אונדז אין מאָסקווע זעט מען עפּעס גאָר ניט אזעלכע גרויסע ווײַנשל.

א י ט ע. אוי, זאָלט איר מיר געזונט זײַן. איר ווייסט, וואָס כ׳האָב אײַך צו בעטן? עפשער וואָלט איר מיטגענומען פאר מײַן זון א פאָר סלויעקלעך אײַנגעמאכטס? כ׳האָב דאָרטן אָן אויס־געגעבענעם זון. בא ליכאטשאָוון ארבעט ער. אפן זיל. (גיט זיך פלוצעם א לאָז אין הויף מיט א געשריי.) בריס, מעשומעדעסטע. זי האָט מיר שוין, דאכט זיך, פארשפּאָרט אָן ארבעט, די גא־נעווטע. (פארשווינדט אין הויף.)

מ א נ ו ס (צו דאָווידקען). אנו, מאעסטראָ, ווײַז נאָר אָקאָרשט, וואָס דו קענסט. האָב ניט מוירע. דער דיריזשאָר דײַנער איז איצט פארנומען מיט דער קאָץ. (באטראכט דאָס ארויסגע־שטעלטע מעבל.)

דאָווידקע באווײַזט זיך ניט צורירן צו די קלאווישן פון אקאָרדעאָן, ווי עס קומט אָן איטע. אין איין האנט האלט זי א געקוילעטע הון, אין דער אנדערער — א זאלץ־ברעטל.

א י ט ע. נאָך איין רעגע — פארשפּאָר איך שוין פּראָווען שאבעס. (זעצט זיך אפן גאנעק מאכן די הון.) איר באטראכט, זע איך, דאָס מעבל. אויב איר זײַט אף דעם א קוינע, וועלן מיר זיך מיט אײַך איבעריקס ניט דינגען.

מ א נ ו ס. איר קלײַבט זיך פונדאנען ארויספאָרן?

א י ט ע. וואָס עפּעס ארויספאָרן? מיר זײַנען זיך שוין באָרעכהאשעם גענוג אָנגעפאָרן. דאָס האָט אונדז דער מאָסקווער זון ארײַנגעשיקט א נײַעם גארניטור מעבל, האָבן מיר דאָס אַלטע ארויסגעשטעלט צום פארקויפן.

מ א נ ו ס. זיצט איר און ווארט אף א קוינע? דאכט זיך, פיל גלײַכער נעמען און אָפּפירן דאָס מעבל אפן מארק.

א י ט ע. אוי, זאָלט איר מיר געזונט זײַן, באַ אונדז, אַז עמעצער דאַרף פֿאַרקויפֿן עפּעס אַ גראַמאָזדקע זאַך, איז שטעלט ער עס אַרויס פֿאַר דער שטוב. מיר זאָלן אַזוי גיך פּאַטער ווערן פֿון אַלע בייזע און פֿינצטערע אַנשיקעניש, ווי גיך עס וועט זיך אָפּזוכן אַ קוינע. (שרײַט ווידעראַמאָל אַרײַן אין הויף.) באָרעך! באָרעך! (צו מאַנוסן.) איז וועט איר מיר טאָן די געפֿעליקײַט און מיטנעמען פֿאַר מײַן זון אַ סלויעקל אײַנגעמאַכטס?

אין הויף באַווײַזט זיך באָרעך מיט אַ גראָב־אײַזן אין דער האַנט.

ב אָ ר ע ך (דערזעט מאַנוסן). שאָלעם אַלייכעם.

מ א נ ו ס. אַלייכעם שאָלעם.

ב אָ ר ע ך. האָסט מיך גערופֿן, איטע?

א י ט ע. געפֿונען דעם מענטשן, וועמען מע קאָן זיך דערופֿן. נאָר ער וואָזיעט זיך. דערזעט ער נאָר ערגעץ אַ פֿרײַ סאָטקעלע ערד, פֿאַרזייט ער עס באַלד. ס'איז דיר קאַרג דער אייגענער גאָרטן מיטן סעדל, וואָס דו זוכסט זיך נאָכאַנאַנד אויס נײַע גיטער, האַ?

ב אָ ר ע ך. אײַ, גיי מיר שוין גיי. כ'האָב פֿײַנט, אַז מע רעדט נאַרישקײַטן. איך טו עס, וואָס, פֿון פּאַרנאָסע וועגן? (צו מאַנוסן.) פֿאַר דער מילכאָמע איז באַ אונדז געווען, ווי אין אַלע יִדישע שטעטלעך, אַ שטוב אַף אַ שטוב. איז געקומען דער דײַטש, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן, און צענומען די בעסטע הײַזער. גאָלד האָבן זיי דאָרט געזוכט.

א י ט ע. זוכן זאָל זיי דער מאַלעכהאַמאָוועס.

ב אָ ר ע ך. וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז איך קאָן ניט צוזען דעם צאַר פֿון דער ערד! די ערד איז ניט קיין אקאָרע. איך זאָל ניט געווען פֿאַרפֿלאַנצן דאָ נאָך אַ פּאָר סעדלעך און גערטנדלעך, וואָלט אויסגעוואַקסן אַ וואַלד קראָפּעווע, אַז מע וואָלט די הײַזער ניט אַרויסגעזען. נאָר האַלעוווײַ קומט אַפֿילע הײַנט אַ בולדאָזער און נעמט אָפּ באַ מיר אַלע מײַנע גיטער.

א י ט ע. כ'האָב אָבער מוירע, אַז ביזוואַנען דער בולדאָזער וועט זיך דערקלײַבן צו דײַנע גיטער, וועלן די גיטער אַרויסציִען פֿון דיר דאָס כּיִעס. פֿאַרגעסט, אַפּאָנעם, אַז ביסט שוין אַרויס פֿון קאָן, אַז דו ביסט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ פּענסיִאָנער. (ווײַזט אַף מאַנוסן.) פֿרעגסט אַפֿילע ניט, פֿונוואַנען דער מענטש איז. זיי זײַנען דאָך פֿון מאָסקווע.

ב אָ ר ע ך. קומט דאָך אײַך אַוואַדע אַ שאָלעם אַלייכעם, וואָרעם מיר זײַנען מיט מאָסקווע גאַנץ נאָענטע קרויווים. (צו איטען.) זיי זײַנען עפּשער אַ קוינע אַפֿן מעבל, צי זיי האָבן כיישעק זיך... (צו מאַנוסן.) איז קומט, זײַט מויכל, אין שטוב. וועלכע, אייגנטלעך, פֿאַרלאַנגט איר? דרײַ אַף פֿיר, פֿיר אַף זעקס, צי עפּשער גאָר קאַבינעטנע?

א י ט ע. וואָס דרייסטו אַ מענטשן דעם קאָפּ מיט פּאָטאָגראַפֿירן זיך? זיי פֿרעגן זיך גאָר נאָך אַף הילעל דעם שנײַדער.

ב אָ ר ע ך (אַ ביסל צעטומלט). וואָס, אַן ערעך, דאַרפֿט איר עס צו רעב הילעלן? עפּשער אים אָנזאָגן די פֿײַנע בסורע? איז ער ניטאָ איצט אין דער היים. אַוועקגעפֿאָרן.

מ א נ ו ס. וואָס פֿאַר אַ בסורע?

ב אָ ר ע ך. איר האָט גאָרניט געהערט?

מ א נ ו ס. פֿונוואַנען, אַז איך בין נאָרוואָס געקומען צו פֿאָרן. ס'האָט כאָלילע עפּעס געטראָפֿן?

ב אָ ר ע ך. מיר וויסן נאָך, אייגנטלעך, אַליין ניט. כ'ווע, וואָס אונדזער יוינען קאָן זיך אַמאָל אויסווײַזן.

מ א נ ו ס. אָבער פּאָרט, וואָס איז געשען?

א י ט ע. אויב, כאָלילע, דאָס איז נאָר עמעס...

ב אָ ר ע ך. נו, ווי קלערסטו, ער זאָל געווען לעבן, דער רויצייעך, וואָלט ער די אַלע צוואַנציק יאָר ניט געלאָזט הערן וועגן זיך? ער האָט דאָך דאָ אַן אייגענע שוועסטער. און כאָטש אַלעמען, וואָלט ער ניט מוירע געהאַט קומען אַהער? ער איז שוין, מיין איך, לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ.

א י ט ע. אָבער כעווער זאָגט דאָך, אַז יוינע האָט אים הײַנט אַליין געזען.

ב אָ ר ע ך. אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ קרומער איז געלאָפֿן... (צו מאַנוסן.) איז וואָס, אייגנטלעך, דאַרפֿט איר צו רעב הילעלן? איר ווילט זיך באַ אים עפּעס אויפֿנייען?

א י ט ע. וואָס דיר קאָן אײַנפֿאַלן! אַ מענטש קומט פֿון מאָסקווע, פֿרעגסטו אים, צי איז ער ניט געקומען זיך עפּעס נייען. אין מאָסקווע זײַנען שוין ניטאָ קיין שנײַדער? נאָך אַ וווּנדער, וואָס דו פֿרעגסט ניט, צי זײַנען זיי ניט געקומען זיך אַרײַנשטעלן אַ קלין.

מ א נ ו ס. וואָס, וואָס? ווּהין, אַנטשולדיקט מיר, אַ קלין?

א י ט ע. אין די הויזן, פֿאַרשטייט זיך. מעדזשיבעזש, ווי איר זעט, איז אײַנגעטונקען אין סעדער. פֿאַר א קאַרב קריגט איר דאָ דעם בעסטן עמער גדוילן. בערעס. הײַנט אז אויבס איז בעזיל־האזאל, מוז מען צוויי־דרײַ מאָל פֿארן זומער אָנקומען צו א שנײַדער. באָרעך, טו זיך נאָר א קער. (באָרעך דרייט זיך אויס, פֿאַרהייבט עטוואָס דאָס רעקל, פֿון אונטער וועלכן עס זעט זיך ארויס א גרויסער טונקעלער קלין אין די זומערדיקע העלע הויזן.)

ב אָ ר ע ך. און ווינטער, אז סע נעמט אײַנפֿאלן דער בויך, גייט מען ווידעראמאָל צום שנײַדער, ער זאָל ארויסנעמען פֿון, כ'בעט אײַך איבער, די טאַפּליעס.

דאָווידקע, וואָס הערט זיך צו צום געשפּרעך, נעמט שטילערהייט שפּילן א מין פּאָפּורי. אויסער מאנוסן באמערקט עס, דאכט זיך, קיינער ניט. באָרעך טראָגט ארויס פֿון שטוב א בענקל.

ב אָ ר ע ך. פֿארן זעלבן געלט קאָן מען זיך דאָך צוזעצן. הילעל וועט נאָך, מיין איך, אזוי גיך ניט קומען. דער לעטיטשעווער אוטאָבוס וועט ערשט זײַן ארום פֿינף־זעקס אין אָוונט.

מ א נ ו ס (זעצט זיך צו). א דאנק. זאָגט איר, ער ארבעט נאָך, רעב הילעל? ער איז דאָך אָבער, ווי איך האָב געהערט, שוין אריבער די אכציק.

ב אָ ר ע ך. נו איז וואָס? אָט איז בא אונדז פֿאראן יאָסל דער באָנדער. איטע, וויפֿל איז ער אלט?

א י ט ע. ווער? יאָסל דער באָנדער? בא די נײַנציק, קיין אײַנהאָרע.

ב אָ ר ע ך. איז גייט ניט דורך דער זונטיק, יאָסל זאָל ניט ארויסטראָגן אפֿן מארק א דייזשקעלע צום פֿארקויפֿן און אמאָל טאקע צוויי אויך. קימאט אלע פּענסיאָנערן ארבעטן בא אונדז ביסלעכווײַז צו אין דער היים.

מ א נ ו ס. נו, און ער?

ב אָ ר ע ך. דעם פֿינינספּעקטאָר מיינט איר? ס'איז איצט אן אנדער צײַט. וואָס פֿאר א העזעק, אשטייגער, זאָגט מיר, האָט די מעלוכע פֿון דעם, וואָס איך, באָרעך גריץ, לעמאָשל, פֿאָטאָגראפֿיר דאָרטן אַפֿ דורכן טאָג א צוויי־דרײַ פֿארשוין, צי כ'ווייס, רעב הילעל, לאָמיר זאָגן, נייט עמעצן אוף אן אָנצוג? די מעלוכע קאָן דען זײַן קעגן, מיר זאָלן לעבן בעסער?

מ א נ ו ס. און סע קלעקט פֿאר אלעמען ארבעט?

ב אָ ר ע ך. איר ט'מיר אנטשולדיקן, איר וווינט טאקע אין דער סטאָליצע, נאָר ווי איך זע, ווייסט איר קנאַפּ, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל. איר ווייסט, ווי סע לעבט זיך הײַנטיקע צײַטן דעם קאָלווירטניק?

א י ט ע. דאָס דאָרף האָט נאָך קיינמאָל אזוי גוט ניט געלעבט.

ב אָ ר ע ך. און דאָס איז שוין א קלאָל: לעבט אוף דאָס דאָרף, לעבט אוף דאָס שטעטל. ווער, מיינט איר, קויפֿט דער ערשטער אויס אין די קלייטן דעם ניילאָן, מיט דער באָלאָניע, מיטן דזשערסי? און טאָמער זײַנען, כאָלילע, די הויזן ברייטער מיט א סאנטימעטער, ווי די מאָדע איז איצט, צי דאָס רעקל ליגט ניט אזוי אויסגעגאָסן, וועט מען עס אײַך, מיינט איר, נעמען אזוי און אָנטאָן? גאָט באהיט. און צו וועמען קומט מען מיט אזא שטיקל ארבעט? די אטעליע איז בא אונדז אזוי פֿארוואָרפֿן מיט ארבעט, אז ווייניקער ווי פֿאר א כוידעש וועט זי עס אײַך ניט מאכן, און רעב הילעל, צי אן אנדער שנײַדער א פּענסיאָנער, מאכט עס פֿאר א טאָג. דאָס זעלבע איך. דער, וואָס דארף סראָטשנע א פֿאָטאָגראפֿיע, דער קומט צו מיר. מע טרעפֿט אהער דעם וועג, כאָטש סע הענגט ניט בא מיר, ווי איר זעט, קיין שילדל מיט קיין וויטרינע.

א י ט ע. באָרעך, פֿאָטאָגראפֿיר זיי, אַף ציקאַווּעסט, אָפּ, און זאָל מאָסקווע זאָגן מעווינעס. אַף א קאָלירטע פֿאָטאָגראפֿיר זיי אָפּ.

ב אָ ר ע ך. מאכטייסע.

מ א נ ו ס. מירן עס, מיין איך, אָפּלייגן אַף אן אנדערשמאָל. איך פֿאָר נאָך מאָרגן ניט אוועק.

ב אָ ר ע ך. און אז הײַנט, וואָס ארט אײַך? קיין געלט בא אײַך בעט איך דאָך ניט דער־פֿאר. (גייט ארײַן אין שטוב.)

מ א נ ו ס (צו דאָווידקען). נו, און יידישע לידער, קענסטו?

א י ט ע. א שײַלע צי ער קען! מע זאָל אים נאָר לאָזן נא סלוף, וואָלט ער אײַך מעכאבעד געווען מיט אזעלכע אנטיקלעך, וואָס מע הערט עס אפֿילע אין מאָסקווע ניט.

מ א נ ו ס. און „מײַן מאמעס פֿריילעכס" קענסטו שפּילן?

פֿון שטוב קומט ארויס באָרעך מיט א גרויסן אלטמאָדישן פֿאָטאָ־אפּאראט.

באָרעך. דער פּייזאַזש איז מיר עפּעס דאָ ניט גאָר אינגאַנצן. פון איין זײַט די פּאַן אײַנגעמאַכטס מיטן ארויסגעשטעלטן מעבל, פון דער אנדערער זײַט די געמאַכטע הון.

איטע. איז פאָטאָגראַפיר זיי אָפּ אין סעדל, אונטערן בארנבוים.

באָרעך. אויך א געדאנק. ווי זאָגט זיך עפּעס דאָרטן, בא אונדז אין די ספרים: ניטאָ קיין שענערס פון א בוים. איטע, קום אויך, וועסט פונדעסטוועגן אכטונג געבן, ער זאָל זיך צופעליק ניט אונטערכאַפּן, דער פּין. ס׳איז איצט פּונקט די צײַט פון ווארמעס.

איטע. זע נאָר, דאָווידקע, די קאַץ זאָל זיך דאָ דערווײַל ניט מאכן פלייִשיק.

דאָווידקע. איך וועל זי פארשפּאַרן אין שטוב. קיס, קיס, קיס...

אלע אָפּ. אין געסל דערהערט זיך א טומל. ס׳קומט אָן יוינע מיט ציפּעך. ציפּע האלט דעם מאן פארן רעקל און לאָזט אים ניט גיין.

ציפּע. יוינע, איך וועל שרײַען גוואלד!

יוינע (בעט זיך). ציפּע.

ציפּע. איך וועל, זאָג איך דיר, שרײַען גוואלד. האָב כאָטש ראכמאָנעס אָף מיר. הייב זיך מיט אים ניט אָן. ס׳איז דאָך א גאזלען. ער קען דערלאַנגען מיט א מעסער אויך.

יוינע. איך האָב אים אין דר׳ערד. פאר א געבונדענעם וואָלף איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן.

ציפּע. פאָלג מיך, יוינע. כוץ דיר, איז שוין ניטאָ, ווער עס זאָל גיין?

יוינע. אײַ, ציפּע, ציפּע, דו זאָלסט אזעלכעס זאָגן! גיי אהיים. איך קום באלד צוריק. קאַלזמאַן רעב הילעל האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון לעטיטשעוו, דארף מען זען, אז דער גאזלען זאָל זיך פונדאַנען פארנעמען צו אלדי שווארצע יאָר.

ציפּע. אָט באלד פאָלגט ער דיך.

יוינע. מירן זען.

ציפּע. דו וועסט בא מיר אליין ניט גיין. איך וועל רופן מענטשן.

יוינע. מאך ניט קיין טומל, בעט איך דיך. עס וועט מיט מיר גאָרנישט ניט געשען. (גייט האסטיק אוועק.)

ציפּע. ווינד איז מיר. ער קאָן אים דאָרט, כאָלילע, נאָך מיימעסן. יוינע! יוינע! ווארט צו! יוינע! יוינע!.. (לויפט אים נאָך.)

פון שטוב גייט ארויס דאָווידקע און מאכט פעסט צו הינטער זיך די טיר.

דאָווידקע (זינגט שטיל). „אָט דער ברונעם אָט דער, און די קאַץ“... (רעדט.) און די קאַץ האָב איך פארטריבן אונטערן בעט. מיא־או, מיא־או. (ער טוט אָן דעם אקאָרדעאָן און זעצט זיך שפּילן. פון אָנפאנג שפּילט ער עטיודן, אין א ווײַלע ארום אָבער שפּילט ער שוין פארשיידענע ניגונים.)

פון הויף קומען אָן איטע, באָרעך, מאַנוס.

איטע. זײַט איר גאָר א קלעזמער, לאָזט זיך אויס.

מאַנוס. טויזנטער אנטשולדיקונגען, מײַן ליבע פרוי, ניט קיין קלעזמער, נאָר אן אר־קעסטראַנט פון אָפּערע־טעאַטער.

איטע. זאָל זײַן אזוי.

באָרעך. ווי קומט אָבער, פארשטיי איך ניט, די קאַץ איבערן וואסער. געשיקט האָט אײַך אהער, זאָגט איר, קאַלעס־צאַד, און קאַלעס־צאַד איז דאָך לענינגראַד, בעשאַס איר אליין זײַט גאָר א מאָסקווער.

מאַנוס. סטאַניסלאַוסקיס און דאַנטשענקאָס אָן אָרקעסטראַנט קען מען אויך אין לע־נינגראַד. (פּאַריכט אָף דער ברוסט די אָרדענס מיט די מעדאַלן.)

באָרעך. איר זײַט, זע איך, קיין אײַנהאָרע ניט, א ייִד א נאָגיד, ווי אונדזער יוינע.

מאַנוס. ניט צו פארזינדיקן. דעם טרודאָוואָי האָב איך פארדינט אין טעאַטער, נאָר די שטערנדלעך מיט די מעדאַלן האָב איך געבראַכט פון פראָנט. כ׳האָב דאָרטן אויך געשפּילט, נאָר ניט אָף קיין פידל און ניט אָף קיין קלאַרנעט. אָף א הארמאַט האָב איך געשפּילט, ווי סע שרײַבט זיך אין דעם ייִדישן זשורנאַל.

דאָווידקע. „שפּילסט אָף א פּויק? ניין, גענעראַל! נו, אָף א פלייט? ניין, גענעראַל! אָף וואָס זשע שפּילסטו, ענטפער סאָלדאַט! אָף א הארמאַט!“

מאַנוס. עהע! ער יאָכלט דאָך בא אײַך אָף ייִדיש, דער באָכער.

באָרעך. פארוואָס זאָל ער ניט יאָכלען? וואָס איז ער, קיין ייִד ניט?

מ א נ ו ס. דרײַסיק יאָר אָפּגעשפּילט אין טעאַטער. איצט שפּיל איך נאָך אויך, אָבער בלויז צוויי כאַדאָשים אין יאָר, ווי אַלע פּענסיאָנערן. די איבעריקע צען כאַדאָשים טו איך קימאַט דאָס זעלבע, וואָס איר. אַרבעט צוביסלעכווײַז אונטער. כ׳האָב מיר, אַזוי צו זאָגן, מײַן אייגענע קאַפּעלע, און מיר שפּילן אַף כאַסענעס, אַף כאַנוקאַס-האַבאַיִסן און סטאַם אַף סימכעס. איך אַליין שפּיל אַף פיר אינסטרומענטן. (עפנט דאָס רענצל און לייגט פון דאָרטן אַרויס אַ פלייט, אַ סאַקסאָפאָן, אַ קלאַרנעט.) דעם פערטן אינסטרומענט, דעם פידל, האָב איך געלאָזט אין דער היים. בעקיצער, וויאַזוי איז דאָס דערגאַנגען, וועט איר פרעגן, צו מאַטוויי אַרנאָלדאָוויטשן, צו דער קאַלעס פאָטער, וואָס ער האָט מיך אַרויסגערופן מיט מײַן קאַפּעלע פון מאָסקווע אַזש צו זיך קיין לענינגראַד, מיר זאָלן שפּילן בײַ זײַן טעכטערל אַף דער כאַסענע?

א י ט ע. בײַ וועמען, זאָגט איר, אַף דער כאַסענע?

מ א נ ו ס (ווי ער וואָלט ניט דערהערט). אָפּגעשפּילט די כאַסענע, רופט ער זיך צו מיר אָן, מאַטוויי אַרנאָלדאָוויטש: „כאַפּט זיך אַראָפּ אַף עטלעכע טעג פריִער פון מיר צו מײַן מעכוטן קיין מעדזשיבעזש און קנעלט דאָרט דערווײַל אײַן מיט זייערע קלעזמער עטלעכע הײַנטצײַטיקע שטיקלעך: אַ „זיבן און פערציק“, די טאַנגאָ „שאַבעס“, אַ „טוויסט“... מיט איין וואָרט, מיר אָנגעגעבן אַ גאַנצע מעניו, וואָס צו שפּילן אַף דער שושן-כאַסענע.

א י ט ע. כ׳פאַרשטיי ניט. וואָס הייסט, ס׳איז שוין געווען די כאַסענע? און וואָס איז עס אַזעלכעס שושן-כאַסענע?

מ א נ ו ס. נו, דאָס רעדט זיך אַזוי. בעקיצער, בין איך געקומען.

ב אָ ר ע ך. הערט, עפּשער וואָלט איר גאָר פאַרבליבן בײַ אונדז? מע וואָלט אײַך דאָ אויסגעכאַפּט, ווי אַ גאָלדן פינגערל.

א י ט ע. אָט באַלד וואַרפט ער דיר אַוועק מאָסקווע מיט לענינגראַד און באַזעצט זיך אַף דער באַלאָטינקע. עפּעס אַ פײַנער מענטש דער מעכוטן?

מ א נ ו ס. מאַטוויי אַרנאָלדאָוויטש? זעט אויס צו זײַן אַ גאַנץ לײַטישער מענטש. פאַרנעמט, זאָגט מען, אין דעם לענינגראַדער „טאָרגאָווי דוואָר“ עפּעס גאָר אַ הויכע שטעלע.

ב אָ ר ע ך. ניט אַזאַ וואַזשנער יִכעס! כ׳ווייס ניט, ווי בײַ אײַך, נאָר אונדזערע האָבן פײַנט דעם מיסכער טאַכלעס-סינע. רעב הילעל זאָל באַצײַטנס געווען וויסן, ווער און וואָס, וואָלט ער, האָב איך מוירע, זיך מיט אים גאָר ניט מעשאַדעך געווען. אוי, וויפל אָט דער רעב הילעל איז זיך עס נעבעך אויסגעשטאַנען! דער איינציקער אַלפּי-נעס געראַטעוועטער יִיד פון אַזאַ שטעטל, ווי אונדזער מעדזשיבעזש.

א י ט ע. נאָר זעט, ווי שטאַרק דער מענטש איז. רעב הילעל איז פאַר דער מילכאָמע געווען שוין אַ זיידע. איז אָנגעפלויגן דער דײַטש און אויסגעהאַרגעט בײַ אים די גאַנצע מישפּאָכע. אַלע, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן, ליגן, ראַכמאָנע-ליצלאַן, אין גרוב. ווי שטאַרק סע דאַרף זײַן דער מענטש, אַז מע זאָל צו עטלעכע און זעכציק יאָר, און נאָך אַזאַ בראָך ווידעראַמאָל גיין צו דער כופּע, עפּשער וועט מען זוכע זײַן צוריק ווערן אַ טאַטע, צוריק ווערן אַ זיידע. און רעב הילעל, ווי איר זעט, איז זוכע געווען דערצו.

ב אָ ר ע ך. רעב הילעל איז באָרעכהאַשעם בײַ גאָט קיין בעניאָכיד ניט. עלטערע פון אים האָבן געײַלט פונסנײַ פאַרפירן אַ לעבן, מע זאָל באַווײַזן איבערלאָזן נאָך זיך אַ יוירעש. עס גייט דאָך וועגן קיִעם.

עס קומט אָן **צ י פּ ע.** גייט און רעדט צו זיך אַליין.

צ י פּ ע. ווי איך האָב זיך עס בײַ אים געבעטן: יוינע, גיי ניט, יוינע, גיי ניט.

ב אָ ר ע ך. וואָס האָט דאָרט בײַ אײַך אַזעלכעס פּאַסירט, ציפּע?

צ י פּ ע (ציטערט אויף). האַ? גאָרניט.

ב אָ ר ע ך. איז וואָס זײַט איר אַזוי צעטראָגן?

צ י פּ ע. גאָרניט. (רופט אָפּ באָרעכן אָן אַ זײַט, ווײַזט אַף מאַנוסן.) ווער איז עס דער מענטש?

ב אָ ר ע ך. אַ קלעזמער. געקומען אַף דער כאַסענע.

צ י פּ ע. נו יאָ, מער ווי קלעזמאָרים גייט אונדז איצט ניט אָפּ. אוי, האָט זיך דאָ בײַ אונדז פאַרקאָכט אַ כאַסענע! מײַן יוינע, ווינד איז מיר, איז דאָך איצטערט בײַ אים.

ב אָ ר ע ך. בײַ וועמען?

צ י פּ ע. בײַ דעם מערדער, די ערד זאָל אים נעמען.

ב אָ ר ע ך. איז עס טאַקע אָן עמעס? (וויל זיך לאָזן גיין.)

צ י פּ ע. פליט ניט. איר וועט מאַכן ערגער.

ב אָ ר ע ך. ווער איז נאָך געגאַנגען מיט אײַער יוינען?

צ י פ ע. קיינער ניט.

ב אָ ר ע ך. איך נעם מיט זיך דעם אַלכימיקער, און מיר גייען טייקעף אַהין.

צ י פ ע. גאָט באַהיט! יוינע האָט מיך פֿאַרשוואָרן, איך זאָל קיינעם ניט שיקן. מע קאָן מיט דעם, זאָגט ער, נאָר קאַליע מאַכן. אוי, רעב באָרעך, די שאַ זאָל ניט זײַן...

ב אָ ר ע ך. גייט שוין גייט. אײַער יוינע איז, דוכט מיר, געווען אַ סאָלדאַט, און אַ סאָלדאַט, ציפּע, טײַערע, דאַרף מען ניט לערנען, ווי און וואָס... און כוץ אַלעמען, ווי סע שטייט דאָרט באַ אונדז ערגעץ געשריבן אין די ספֿאָרים, איז פֿאַר אַ כײַע, וואָס זיצט שוין אין שטײַג...

צ י פ ע. אָבער אַ כײַע בלײַבט פֿאָרט אַ כײַע. וויי, ווי איך האָב זיך עס באַ אים געבעטן: יוינע גיי ניט, יוינע גיי ניט. (אָפּ.)

א י ט ע (צום מאַן). וואָס איז דאָרט באַ איר אַזעלכעס געשען?

ב אָ ר ע ך. אייסעך.

א י ט ע. פֿונדעסטוועגן?

ב אָ ר ע ך. איך זאָג דאָך דיר,· אַז גאָרניט. (נעמט דעם גראָב־אײַזן און וויל זיך לאָזן גיין.)

א י ט ע. באָרעך, האָסט באַ זיך אַ פּיטאַקל?

ב אָ ר ע ך. וואָסי?

א י ט ע. איז זײַ אַזוי גוט און גיי שאַרף מיר אָן דאָס מעסער. כ'האָב שוין ניט קיין קויעך צו דעם. טעמפּ, ווי אַ שטיק האָלץ.

ד אָ ו ו י ד ק ע. באָבע, אָנשאַרפֿן דאָס מעסער קאָסט אַ גריוונע.

א י ט ע. וואָס זאָגט איר אָף מײַן קאָנטראָל? דער שלײַפֿשטיין, דאָווידקע, איז מיר אַנומלטן געבליבן שולדיק אַ פּיטאַק. און פֿאַרייִנוועגס, באָרעך, פֿיל מיר שוין אָן, באַם אַלכימיקער, דעם סיפֿאָן.

מ א נ ו ס. באַ וועמען האָט איר געזאָגט?

ב אָ ר ע ך. אַ מענטש מאַכט פֿון וואַסער גאָלד, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן דער אַלכימיקער. דער עמעסער נאָמען זײַנער איז גאָר קיווע. (באָרעך נעמט דאָס מעסער מיטן סיפֿאָן און לאָזט זיך גיין אין געסל.)

מ א נ ו ס (שרײַט אים נאָך). זעט, פֿאַרגעסט זיך ניט באַזאָרגן מיט קאַסעטעס, וואָרעם לעניִנגראַדער אויל־עם האָט זיך ליב פֿאָטאָגראַפֿירן. (צו דאָווידקען.) איז באַ וואָס האָבן מיר זיך מיט דיר אָפּגעשטעלט, מאַעסטראָ?

ד אָ ו ו י ד ק ע. באַ דער „מאַמעס פֿריילעכס“.

מ א נ ו ס. מער ווי אָט דאָס „פֿריילעכס“ איז מיר פֿון מײַן מאַמען גאָרנישט ניט פֿאַרבליבן. אַפֿילע די גרוב, ווו די ראָצכים האָבן זי צעשאָסן, איז שוין ניטאָ. בלויז דער ניגן אירער, וועלכן איך האָב קינדווײַז זי געהערט זינגען. „מײַן מאַמעס פֿריילעכס“ האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן, דעם ניגן, און שפּיל אים איצט אָף אַלע כאַסענעס, אָף אַלע סימכעס. דאָס איז איר ייִזקער־נעשאָמעס. איצט שפּילן אים שוין, דוכט מיר, אַלע קאַפּעלעס. איז ווי קומט עס, וואָס דער ניגן איז צו אײַך ניט דערגאַנגען?

מאַנוס נעמט אַרויס פֿון רענצל דעם קלאַרנעט און הייבט אָן שפּילן, באָרעך בלײַבט ווי פֿאַרגליווערט באַ דעם שלײַפֿשטיין. אינעם פֿענצטערל פֿונעם שכיינעסדיקן שטיבל באַווײַזט זיך קי ו ע. ווען מאַנוס ענדיקט שפּילן, גייט באָרעך אַרײַן צו קיווען.

מ א נ ו ס. נו, און איצט, דאָווידקע, פּרווו דו. (קלײַבט זיך אַוועקגיין.)

א י ט ע. וואָס איז די אײַלעניש? רעב הילעל וועט נאָך אַזוי גיך ניט קומען.

מ א נ ו ס. איז וועל איך זיך דערווײַל דורכגיין אַ קוק טאָן אָפֿן שטעטל.

א י ט ע. פֿאַראַן באַ אונדז וואָס אַ קוק טאָן. מע קומט נאָך ביז איצט אַהער צו פֿאָרן פֿון דער וועלט. הערט, ווייסט איר גאָר וואָס? (שרײַט אויס.) כעוועד! כעוועד! איר זעט דאָס ווײַבל, וואָס קנעט די ליים? דאָס איז אונדזער גיד, אַזוי טאַקע רופֿן מיר זי, כעוועד דער גיד. קומט עמעצער צו פֿאָרן, פֿירט זי אים אַרום איבערן שטעטל. באַ איר קענט איר זיך דערוויסן אַלע היסטאָריעס וועגן דעם באַלשעמטאָוו, וועגן דעם ווילנער גאָען, וועגן נאַפּאָלעאָנען, וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער און וועגן אַלץ מיטאַנאַנדער. איר טוט זי נאָר אַ בעט. דאָווידקע, נעם דעם קויש, וועלן מיר אָנרײַסן ווײַנשל אָף קאָנסערווירן.

ד אָ ו ו י ד ק ע. באַלד, באָבע. (זעצט פֿאָר אונטערקלײַבן אָפֿן אַקאָרדעאָן דער „מאַמעס פֿריילעכס“).

א י ט ע און ד אָ ו ו י ד ק ע אָפּ. ס'קומט אָן כ ע ו ו ע ד. דאָס קליידל פֿאַרוקט העכער די קני, די באָרוועסע פֿיס אײַנגעריכט אין ליים.

כ ע וו ע ד. ווער האָט עס מיך דאָ גערופֿן?

מ א נ ו ס. טויזנטער אַנטשולדיקונגען, מײַן ליבע פֿרוי. דאָס זײַט איר כעוועד דער...

כ ע וו ע ר. יאָ, דאָס בין איך כעוועד דער גיד. וואָסי דען?

מ א נ ו ס. איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר ווײַזן אײַער שטעטל.

כ ע וו ע ד. וואָס איז דאָ, מישטיינסגעזאָגט, פֿאַראַן וואָס צו ווײַזן. אַ שטעטל ווי אַלע איצ־טיקע שטעטלעך. נאָר אַ קאַשע עפּעס, איר ווילט דאָך, פֿאַרשטיי איך, זײַן באַם באַלשעם און באַ הערשעלע סטראָפּאָליער. איז טו איך זיך גלײַך איבער, און מיר גייען. (זי שאָבט אָפּ מיט אַ שפּענדל די ליים פֿון די פֿיס און לאָזט זיך גיין. נאָר פּלוצעם שטעלט זי זיך אָפּ.) עפּעס זעט איר מיר אויס שטאַרק קענטלעך. איר זײַט צופֿעליק, אַ קאַשע עפּעס, ניט פֿונעם סאָבעז? מיר דוכט, כ׳האָב אײַך דאָרט געזען.

מ א נ ו ס. געזען, מעגלעך, האָט איר מיך, נאָר ניט אין סאָבעז. באַ סטאַניסלאַווסקין און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ האָט איר מיך געקאָנט זען.

כ ע וו ע ד. באַ וועמען זאָגט איר? איז ניט אין סאָבעז? מיילע. ניין איז ניין. (גייט אַרויס.)

מאַנוס באַטראַכט דאָס אַרויסגעשטעלטע מעבל און ברומט דערבײַ שטיל אַ ניגון.
עס קערט זיך אום כ ע וו ע ד. זי איז אָנגעטאָן אין אַ קורץ קליידל, אין טופֿל אויף הויכע אָפּצאַסן.
דער קאָפּ — אַרומגעבונדן מיט אַ דאָרפֿיש־געקווייטלטער פּאַטשיילקע.

כ ע וו ע ד. ניט גוט, הערט איר, אַז מע בלײַבט אויף דער עלטער אָן פּענסיע. גיי זײַ אַ נאָווי און ווייס, אַז מע דאַרף פֿאַרהיטן די פּאַפּירלעך. אָט האָט זיך באַ מיר פֿאַרוואַלגערט אַ פּאַפּירל, אַז איך בין, ניט הײַנט געדאַכט, געווען אַ דעקלאַסירטע. זאָגן אָבער די סאָבעזניקעס, אַז צו סטאַזש האָט עס קיין שײַכעס ניט. מוז מען דעראַרבעטן דעם סטאַזש. נו, איז דרייט מען זיך.

מ א נ ו ס. דעהײַנע?

כ ע וו ע ד. אָט רעמאָנטירט זיך באַ מיר די שטוב. זי איז אַ קאָמענכאָזעווסקע. מײַנע האָבן די דײַטשן פֿאַנאַנדערגענומען. האָב איך געבעטן דעם קאָמענכאָז, ער זאָל מיך אויך אַרײַנשטעלן אין דער רעמאָנטנע בריגאַדע. די גרויסע טוירע וואָס דאָ איז: אָנשלאָגן דראַנעצעס און מאַכן פֿון ליים און קיזעק אַ געמיש. איז פֿונוואַנען ווילט איר, זאָלן מיר מיט אײַך אָנהייבן? פֿונעם אַלטן בעסוילעם, פֿון דער פֿעסטונג, צי פֿונדאַנען, פֿונעם געסל, ווו ס׳האָט געווינט דער באַלשעם?

מ א נ ו ס. ווי אײַער פֿאַרלאַנג איז.

כ ע וו ע ד. ווען מיר גאָר אָנהייבן פֿונעם שכיינעסדיקן געסל, פֿון דער באַלאָטינקע. דאָרט, אויף דער באַלאָטינקע, דערציילט מען, האָט געווינט אונדזער הערשעלע סטראָפּאָליער, וואָס מיט אים איז פֿול די וועלט. אַ קאַשע עפּעס זײַנע שפּיצלעך. (פֿאַרגייט זיך פֿון געלעכטער, וואָס ענדיקט זיך באַ איר שטענדיק מיט אַ קלינגעוודיק הוסטל.) זיך דערמאָנט די מײַסע, וויאַזוי הערשעלע האָט מיט זיך געבראַכט צו פֿירן צו אַ גוויר אָן אוירעך אויף אַ כאַסענע. שאַט. ביז־וואַנען קלײַבט איר זיך באַ אונדז פֿאַרברענגען?

מ א נ ו ס. ביז סאָף וואָך מיסטאַמע.

כ ע וו ע ד. הערט, וועט איר דאָך אַרײַנכאַפּן אַ יידישע כאַסענע. שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען באַ אונדז קיין כאַסענעס. און פֿונוואַנען זאָלן זיי זײַן, אַז ווי נאָר דאָס יונגוואַרג ענדיקט די שול, אַזוי צעפֿאָרט מען זיך איבער די זאַוואָדן און אינסטיטוטן, און אַז סע קומט כאַסענע האָבן, פֿראַוועט מען די סימכע אין שטאָט. ליבערקע, רעב הילעלס באָכערל, אַז ער האָט פֿאַר־ענדיקט די שול, איז אויך אַוועקגעפֿאָרן זיך לערנען. קיין לענינגראַד איז ער אַוועקגעפֿאָרן. אָבער אַז ס׳איז געקומען צו כאַסענע האָבן, האָט רעב הילעל זיך אײַנגעשפּאַרט איינמאָל ניין: זײַן ליבערלס כאַסענע זאָל מען פֿראַוועון נאָר דאָ.

מ א נ ו ס. איר האָט געוואָלט, אַז אַ מענטש באַ אַזאַ עלטער זאָל זיך שלעפּן אַזש קיין לענינגראַד?

כ ע וו ע ד. קאַרג מאָל, מיינט איר, איז ער געפֿאָרן צום זון צוגאַסט. רעב הילעל איז אויסן געווען גאָר עפּעס אַנדערש. מעסאַמייעך זײַן דאָס שטעטל איז ער אויסן געווען, און מעסאַמייעך זײַן צעבראָכענע הערצער איז דאָך די גרעסטע מיצווע. אַ וואָך, אַז מע האַלט אין איין באַקן און קאָכן. מע האָט אָפּגעדונגען אויף שאַבעסצונאַכטס דעם גרויסן זאָל פֿונעם שפּײַז־קאָמבינאַט. ער אַליין איז הײַנט אַוועקגעפֿאָרן זיך דעריידן מיט די קלעזמער.

מ א נ ו ס (ווײַזט אָן אויף זיך). די קלעזמער, מײַן ליבע פֿרוי, זײַנען שוין דאָ.

כ ע וו ע ד. הײַנט וואָס זשע שווײַגט איר? כ׳האָב אָבער מוירע, די כאַסענע זאָל ניט זײַן קיין פֿאַרשטערטע. איר האָט דאָך שוין מיסטאַמע געהערט די פֿײַנע נײַס?

מ א נ ו ס. אַליאָשקע?

כ ע ו ו ע ד. זעט נאָר, כאַפּט זיך ניט אַרויס מיט קיין וואָרט פאַר רעב הילעלן וועגן דעם. גלײַכער, אַז ער וועט זיך עס דערוויסן, ווען דער יִמאַך שמוי וועזיכרוי וועט שוין דאָ ניט זײַן. יוינע איז אַוועק צו אים. איז גייען מיר. ווי רופט מען אײַך, לאָמיך כאָטש וויסן?

מ א נ ו ס. עמאַנויל דאַנילאָוויטש. אויף פּראָסט ייִדיש וועט עס הייסן מאַנוס.

כ ע ו ו ע ד. און איך הייס, סײַ אויף ייִדיש, סײַ אויף רוסיש, כעוועד. כעוועד דער גיד. אַ קאַשע עפּעס.

פ אַ ר ה א נ ג.

דאָס צווייטע בילד

א מיטלאַלטערלעכע פעסטונג מיט רויִנירטע טורעמס, אַמבראַזורן, פאַראָסטעטע בלאָקן. בא די אַרײַנגאַנגען אין די הײלן ליגן הויפנס ציגל, שטאַבעלן געהילץ. אין דער לינקער זײַט בינע — אַ הויכע, ברייטע טיר מיט אַ שילד „פײַערלעשער־קאָמאַנדע". רעכטס — אַ ברונעם. די אונטערקע זון טרינקט זיך אינעם בוג. אויף די ציגל און שטאַבעלן געהילץ זיצן רעדלעך מענטשן. צווישן זיי — א י ט ע, ש ײַ ע, צ י פּ ע, ש י פ ר ע, ה י ל ע ל. עס גייט אָן אַ געמיטלעכער געשפּרעך. באָרעך זוכט אַ פּאַסיק אָרט פאַר זײַן פּאָטאָ־אַפּאַראַט. אין דער הייך, אויף דער וואַנט, לעבן איינעם פון די טורעמלעך, זיצט ד אָ ו י ד ק ע. פון גראַזש דערטראָגט זיך פון צײַט צו צײַט אַ גערויש פון אַ מאָטאָר.

ב אָ ר ע ך (פון אונטער דעם שוואַרצן טוך, מיט וועלכן ס'איז איבערגעדעקט דער פּאָטאָ־אַפּאַראַט). אײַ, סאַראַ הוסטן, נעבעך, סאַראַ כריפּען, נעבעך. סאַקאָנעס־נעפּאָשעס.

א י ט ע. וועגן וועמען איז עס, באָרעך?

ב אָ ר ע ך. הערסט ניט, ווי די פײַערלעשער־מאַשין גייט נעבעך צו קינד?

צ י פּ ע (צו דאָווידקען). דאָווידל, נו? מע זעט נאָך ניט גיין דאָרט מײַן יוינען?

ד אָ ו י ד ק ע. ניין, מומע ציפּע.

צ י פּ ע (לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ). אוי, ווי איך האָב זיך עס בא אים געבעטן: יוינע, גיי ניט.

ב אָ ר ע ך (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון אונטערן טוך, זאָגט, קימאַט שעפּטשענדיק). ציפּע, מע האָט דאָך מיט אײַך עפּעס אָפּגערעדט. איך שווער אײַך. ער וועט צוריקקומען אַ גאַנצער.

ש ײַ ע. כעוורע פײַערלעשער, דער זייגער איז שוין אַ פערטל אויף זיבן.

ה י ל ע ל. וואָס יאָגסטו אַזוי, שײַע? האָסט נאָך ניט צוגעמאַכט דעם מאַרק, צי וואָס?

ש ײַ ע. איך בין אַ וואָיענער מענטש, רעב הילעל. איך בין אויסגעוואַקסן אויף דיסציפּלינע. קיין דיִאַלעמעס גייען בא מיר ניט אָן. האָט מען געזאָגט זעקס, טאָ בוד דאָבער, דאַרף זײַן זעקס. ניט אַזוי?

ב אָ ר ע ך. געוויס אַזוי. כ'וואָלט נאָר וועלן וויסן, שײַע, אין וועלכן אוסטאַוו איז עס געזאָגט געוואָרן, אַז אַ פאַרוואַלטער פון אַ מאַרק איז אַ וואָיענע דאָלזשנאָסט.

ד אָ ו י ד ק ע (נעמט שטיל זינגען). „קויפּט, קויפּט, קוינים, קוינים קומט אַהער..."

ש ײַ ע. איך וועל דיר באַלד געבן אַ „קויפּט, קויפּט, קוינים", אַז וועסט בא מיר פאַרגעסן, אין וועלכן קלאַס דו גייסט, פּיִאָנער דו אײנער! (צו באָרעכן.) דאָס האָט איר אים אויסגעלערנט ס'שיינע לידל? מיינט אָבער ניט, באָרעך, אַז צו אײַך קאָן מען ניט צוקלײַבן קיין לידל. נאָר וואָס האָב איך מיט אײַך צו דעבאַטירן? איר זאָלט געווען זײַן אַ וואָיענער מענטש...

ב אָ ר ע ך (שלאָגט אים איבער). מיר דוכט, שײַע, אַז איך בין דער זעלבער וואָיענער, וואָס איר. מיר זײַנען מיט אײַך, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, באַגלײַך אַוועק אויף דער מילכאָמע.

ש ײַ ע. צוגעגלײַכט! ערשטנס, בין איך דערגאַנגען קימאַט ביז בערלין, צווייטנס, בין איך געווען אַ טאַנקיסט. כ'מיין, אַז דאָס האָט אויך עפּעס צו זאָגן. און דריטנס, האָט מען מיט מיר אײַנגעקנעלט דיסציפּלינע, ווען איר האָט נאָך אַפילע ניט געוווסט, מיט וואָס מע עסט עס. איר, רעב הילעל, דאַרפט דאָך געדענקען, וויפל דער ראַיקאָם פּאַרטיע האָט עס אין מיר דעמלט אַרײַנגעטײַנעט, איך זאָל ווערן פּאָרזיצער פונעם בײַשטעטלשן קאָלווירט.

הילעל. איך געדענק. פאַרוואָס זאָל איך ניט געדענקען?

שייע. און איצטערט, וואָס? קאַרג האָט מיט מיר איצטערט געהאַט צו טאָן דער ראַיקאָם, איך זאָל ווערן דער פאַרוואַלטער פון מאַרק? וואָס האָב איך דאָרט נאָר ניט געטײַנעט! און טאַקע. ווי קום איך צו מיסכער? אַז סאַכאַקל בין איך גאָר אַ שמיד און האָב פײַנט דעם מיס־כער טאַכלעס־סינע. דאָס איז בא מיר שוין אַ יערושע־זאַך. דער טאַטע מײַנער מיטן זיידן, ווי איר ווייסט, זײַנען אויך געווען שמידן. זאָגט אָבער די פּאַרטיע — מאַלע וואָס דו האָסט פײַנט. און אַז די פּאַרטיע זאָגט „פּריניאַט“, גייען דאָ קיין דיאַלעמעס ניט אָן. מע ענטפערט „יעסט פּריניאַט“, און בוד דאָבער, אַ גוטן טאָג. אָט וואָס איז אַזוינס דיסציפּלינע, כאָווער באָ־רעך הו באָרעך שמוי.

ציפּע. נו דאָווידל, מע זעט אים נאָך אַלץ ניט?

עס קומט אַרײַן כעוועד מיט מאַנוסן.

כעוועד. כאַווײרים ייִדן, ס'איז שוין נאָך דער סרייפע צי פאַר דער סרייפע?

איטע. איר זעט ניט, אַז ס'איז נאָך פאַר האַוודאָלע?

כעוועד. אַבי כ'האָב געיאָגט פון זיך די נעשאָמע. (צו מאַנוסן.) איז געפינען מיר זיך מיט אײַך, ווי איר זעט, אין דער פעסטונג, וועלכע שטייט נאָך פון פאַר כמעלניצקיס צײַטן. באָרעך, נעמט צו די זעניטקע, כ'וועל אײַך סײַווי ניט באַצאָלן. (ווידער צו מאַנוסן). מע זאָגט, איך בין דערבײַ, פאַרשטייט זיך, ניט געווען, אַז דער באַלשעמטאָוו און הערשעלע סטראָפּאָליער זײַנען דאָ געווען גאַנץ אָפטע געסט. פאַר מײַנע צײַטן איז אין דער פעסטונג אײַנגעשטאַנען אַ דראַגונסקע פּאָלק, און דעם רעבנס הויף האָט דערבײַ אָפּגעלעקט אַ שיין ביינדל. אַ קאַשע עפּעס! אײַ האָט מען צו זיי געדאַרפט האָבן אַ הערשעלע סטראָפּאָליער... איצט פּאַשען זיך דאָ ציגן און פּענסיאָנערן קוקן טעאַטער. קומט נאָר מיטוואָך, אַזוי וואַרפט מען האַק־און־פּאַק און מע פליט אהער קוקן, ווי מעדזשיבעזשער פײַערלעשער לערנען זיך לעשן אַ סרייפע. ס'אָן עמעסער טעאַטער, זאָג איך אײַך. מע וואָלט צו זיי אויך געדאַרפט האָבן אַ הערשעלע. (דערזעט הילעלן מיט שיפרען). אַ גוט־אָוונט אײַך, רעב הילעל, אַ גוט־אָוונט אײַך, שיפרע־לעבן. שוין לאַנג זײַט איר געקומען? כ'האָב אײַך געבראַכט אַ גאַסט.

מאַנוס. אָרקעסטראַנט עמאַנויל דאַנילאָוויטש מאַגידאָוו. אָף פּראָסט ייִדיש ווערט עס הייסן מאַנוס.

הילעל. דאָס זײַט איר עס מאַגידאָוו, וועמען דער מעכוטן מײַנער האָט אַראָפּגעשיקט צוקנעלן אַ ביסל מיט אונדזערע קלעזמער? (רוקט זיך אָפּ.) זעצט זיך צו.

כעוועד. אוי, וועל איך עס אַרײַנכאַפּן אַ פּסאַק פון מײַן בריגאַדע! איך האָב דאָך גע־לאָזט איבערשטייך די ראָשטשינע. (לויפט אַוועק).

מאַנוס. דעם עמעס געזאָגט, פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס האָט מען די כאַסענע ניט געקאָנט פּראַווען אין לענינגראַד. כ'וויס, כ'האָב געמיינט, איר זײַט, כאָלילע, ווי זאָגט מען עס, בא אַזאַ עלטער און זאָ ווײַטער. זע איך, איר זײַט נאָך, קיין אײַנהאָרע ניט, אַ מענטש, וואָס קאָן נאָך, אַזוי צו זאָגן, שפּילן אָף אַ פּויק, נו און די פלוינעסטע אײַערע, זאָל געזונט זײַן, איז דאָך אָפּגערעדט. די כאַסענע זאָל געווען זײַן אין לענינגראַד...

הילעל (שלאָגט אים איבער). לענינגראַד, מײַן ליבער פרײַנט, איז ניט זשעדנע אָף קיין כאַסענעס, און בא אונדז געדענקט מען שוין באַלד ניט די צײַט, מע זאָל פירן אין זאַגס אַ באָכער מיט אַ מיידל. איז ווילט איר, איך זאָל בא אַ שטעטל אָפּנעמען די מיצווע זיך מעסאַ־מייעך זײַן אָף אַ כאַסענע פון אַ יונג פּאָרפאָלק?

שיפרע. שוין לאַנג זײַט איר געקומען? איר קערט מיסטאַמע זײַן רעכט הונגעריק. קומט, וועט איר דערווײַל כאָטש עפּעס איבערכאַפּן.

מאַנוס. טויזנט דאַנקען, מײַן ליבע פרוי, כ'האָב שוין איבערגעביסן.

שייע. כ'שטעל מיך פאָר, וויפל כעוועד דער גיד האָט עס אַרײַנגעבראָכט אינעם גאַסט הערשעלעס מײַסעס. פון דעם אַליין קאָן מען זײַן זאַט אַ גאַנץ יאָר. וואָס האָט זי אײַך פונ־דעסטוועגן באַוויזן, כעוועד?

שיפרע. דעם באַלשעמס קייווער האָט זי אײַך באַוויזן?

איטע. אַ שײַלע!

ציפּע. דאָווידל, נו?

דאָווידקע. ניין, מומע ציפּע.

ציפּע. אוי, ווינד איז מיר!

באָרעך. ציפּע, מע האָט דאָך מיט אײַך אָפּגערעדט, ס'זאָל זײַן שטיל.

מאַנוס (דערזעט דאָווידקען). אנו, באָכערל, קום נאָר אהער.

באָרעך. דאָווידקע, גיי, מע רופט דיך.

דאָווידקע. ווער? (שפּרינגט אראָפּ פון דער וואַנט.)

מאַנוס. קום נאָר אהער. (צו הילעלן.) אָט דאָס באָכערל קלער איך אויך אַרײַנעמען אין דער קאַפּעליע. כ'האָב אים הײַנט פאַרהערט. ס'וואַקסט א קיילע.

ציפּע גייט ארויס. אַלע קוקן איר נאָך.

שײַע. זעט נאָר, אז די קיילע אײַערע זאָל מיך אָפּ דער כאַסענע ניט מעכאַבעד זײַן מיט א „קויפט, קויפט, קוינים"...

שיפרע. הילעל, ווי מיינסטו, די קלעזמער זאָלן קומען אהער, צי עמאַנויל דאַנילאָוויטש זאָל אָפּ די עטלעכע טעג עפּשער אראָפּפאָרן צו זיי?

הילעל. די לעטיטשעווער קלעזמער, פאַרשטייט איר מיך, זײַנען נאָך דערצו שטיקלעך שנײַדער, ארבעטן אין דער דאָרטיקער אַטעליע.

איטע. און וואָס זאָלן זיי נעבעך טאָן, אז מע פּראָוועט איצט ניט אין די שטעטלעך קימאַט קיין כאַסענעס? טאָמער האָט זיך פאַרוואַלגערט ערגעץ אין א שטעטל א קלעזמער, מוז ער צוקנעלן בא שנײַדערײַ אָדער בא קירזשנערײַ, צי גאָר ווערן א שערער.

הילעל. און וויבאַלד מע איז אָפּ א שטעלע, קאָן מען פון דער היים אָפּ לאַנג ניט אוועקפאָרן. אייגנטלעך, איז דאָך אײַך אַלציינס — דאָ צי דאָרט. ס'איז ניט ווײַט פונדאַנען. מיטן אויטאָבוס איז עס איינס און צוויי.

שײַע. איז וואָס האָט זי אײַך פונדעסטוועגן באַוויזן, כעוועד?

באָרעך. דעם מאַרק האָט זי אײַך כאָטש געוויזן?

שײַע. און צו די באַלאָטינקער גיטער האָט זי אײַך געפירט?

איטע. וואָס לאַכט איר עס אזוי פון די באַלאָטינקער גיטער? ווען ניט מײַן באָרעך, וואָלט שוין דאָרט לאַנג געווען א וואַלד מיט קראָפּעווע.

הילעל. זאָל זײַן שאָלעם, נאָר ניט געקריגט זיך.

הילעל און שיפרע שמועסן זיך שטיל דורך מיט מאַנוסן.

איטע (רופט אָפּ אָן א זײַט באָרעכן). וואָלסט עפּשער צוגעגאַנגען א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט. ס'איז דאָך ניט קיין שפּילעכל. גיי אָבער ניט אַליין. נעם עמעצן מיט. עפּשער גאָר מעלדן אין מיליציע?

באָרעך. אײַ, גיי שוין מיר גיי. גיב נאָר גוט אכטונג אפן אפּאַראַט. איך וויל אָפּ ציקאַוועסט הײַנט אָפּפאָטרעטלען די פּײַערלעשער. (גייט אוועק.)

מאַנוס. נו·רעכט. זאָל זײַן אין לעטיטשעוו.

שײַע. אײַ, סאַרא שטעטל ס'איז אמאָל געווען לעטיטשעוו, א קראַך קאָן מען זאָגן. און איצט וווינען דאָרט נאָך ווייניקער יִדן ווי דאָ. אײַ, מע זאָל זיך ניט געווען פאַרלאָזן...

מאַנוס. וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן?

שײַע. מע זאָל זיך ניט געווען אײַנריידן, אז מע וועט קאָנען אויסקויפן די נעשאָמע, וואָלטן דאָך אזויפיל קאָרבאָנעס ניט געווען.

הילעל. גיי ווייס, אז דער דײַטש איז אזא גאַזלען. גיי ריכט זיך, אז בא אזא פּײַנעם און לײַטישן מענטשן ווי פּיאָטער דעניסאָוויטש וועט אויסוואַקסן א זינדל, אָן אַליאָשקע, אז די ערד זאָל אים אײַנשלינגען, אויב נאָר ער לעבט נאָך ערגעץ.

עס קערט זיך אום ציפּע, ברעכט די הענט און זיפצט, צו איר גייט צו איטע.

איטע. איך האָב אוועקגעשיקט אהין מײַן באָרעכן.

ציפּע. אוי, איטע טײַערע, כ'האָב מוירע, עס זאָל כאָלילע ניט זײַן צו שפּעט.

איטע. זאָלט איר מיר געזונט זײַן. דאָווידקע, קום נאָר אהער. קריך ארוף אין דער הייך, און ווי נאָר דו וועסט דערזען דעם פעטער יוינען צי דעם זיידן, זאָלסטו גלײַך געבן צו וויסן. מיט א ווונק זאָלסטו געבן צו וויסן. דו הערסט?

דאָווידקע (קלעטערנדיק אָפּ דער וואַנט). איך הער, באָבע, איך הער. (ארופגעכאַפּט זיך אָפּ דער וואַנט, גייט ער דאָרט אום הין און צוריק, ווי א וועכטער.)

מאַנוס (צו שײַען). איז וווינען איצט אין לעטיטשעוו, וואָס איז געווען אמאָל, ווי איר זאָגט, א קראַך, נאָך ווייניקער יִדן ווי דאָ. איז וואָס, הייסט עס, שוין אויס מיטן שטעטל? געווען און ניטאָ?

שײַע. וואָס עפּעס אויס? ווער ווייסט, וואָס די צײַט קאָן אַמאָל ווײַזן. מע קאָן נאָך אַמאָל אופּרופן דאָס שטעטל מאַפּטיר, און מיר זאָלן מיט אײַך ווידער פּראַווען דאָ כאַסענעס, און אַ סאַך כאַסענעס.

הילעל. פּונוואַנען, אַשטייגער, שײַע, וועלן זיך עס דיר אַ שאָט טאָן כאַסענעס?

שײַע. פון די פּיאַטילעטקעס, רעב הילעל, פון די פּיאַטילעטקעס. מע דאַרף אָפּטער אַרײַנקוקן אין בלאַט. דאָרט איז פּינקטלעך אָנגעוויזן, וויפל זאַוואָדן מיט פאַבריקן מע וועט אין די נײַע פּיאַטילעטקעס אויסבויען אין די שטעטלעך, און אַז סע וועלן זײַן זאַוואָדן מיט פאַב־ריקן, וועלן בעמיילע שוין זײַן כאַסאַנים מיט קאַלעס, און אַז סע וועלן זײַן כאַסאַנים מיט קאַלעס, וועלן שוין בעמיילע זײַן כאַסענעס. ס'איז אַ פּאַשעטע דיִלעמע.

עס צעפּראַלן זיך די טירן פונעם גאַראַזש, און עטלעכע פּײַערלעשער, אין ברעזענטענע גאַרני־טערס, אין מעשענע קיווערס, באַהאַנגענע מיטן גאַנצן קלײזײַען, שטופּן אַרויס פון גאַראַזש די רויטע פּײַערלעשער־מאַשין. פון פאָרנט גייט קיווע און בלאָזט אין אַ האָרן.

שײַע. געגנוג שוין בלאָזן שויפער, קיווע. דאַכט זיך, לאַנג צײַט אָנהייבן.

קיווע. סטאָ־ראָ־ניס!

איטע. שאַ, שאַ, וואָס גוואַלדעוועסטו וואָס? מע האָט זיך שוין פּאַסטאַראַניעט אָן דיר. אוי, ער וועט מיר באַלד אײַנוואַלגערן די זעניטקע. (פאַרשטעלט מיט זיך דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט.)

הילעל. וואָס האָט עס דאָרט בײַ אײַך אַזעלכעס פּאַסירט? ווי איז, די שאָ זאָל ניט זײַן, אַז עס ברעכט טאַקע אינדערעמעסן אויס אַ סרייפע? איר האָט דאָך הײַנט פאַרשפּעטיקט קימאַט אַף אַ גאַנצער שאָ.

שײַע. אַף דעם זײַנען זיי דאָך פּײַערלעשער, זיי זאָלן פאַרשפּעטיקן. צו זיך אין דער אַלכימיטשעסקע לאַבאָראַטאָריע וועט ער ניט פאַרשפּעטיקן.

קיווע. איך ווייס נאָך ניט, ווער פון אונדז איז עס דער אַלכימיקער.

איינער פונעם אוילעם. פּאַרטיק, שײַע־האַנאָווי און דער טאַנע רעב אַקיווע נעמען זיך שוין אויסוואַרפן דעם ייִכעס.

הילעל. זאָל זײַן שאָלעם, נאָר ניט געקריגט זיך.

ציפּע. דאָווידל, נו?

דאָווידקע. ניין, מע זעט אים ניט, מומע ציפּע.

איטע. דאַנקען און לויבן. קיווע האָט שוין מיט מאַזל אַרויסגעשלעפּט פון שיידל דעם סעקונדאָמער. שײַע, איר געדענקט ניט, וויפל האָט עס בײַ אים פאָריקס מאָל געדויערט?

שײַע. דאָס פאַרקלײַבן זיך אין קאָסמאָס? פּונקט דרײַ מינוט מיט זעכצן סעקונד. פאַר־נומען דאָס צווייטע אָרט.

דאָווידקע. דאָס דריטע. דאָס צווייטע אָרט האָט פאַרנומען מײַן טאַטע.

שײַע. עפּשער דער זיידע? זעט, ווו איז עס באָרעך? ער האָט זיך דאָך געקליבן אָפּפאָ־טאָגראַפירן די כעוורע פּײַערלעשער!

איטע. ער וועט באַלד קומען.

ציפּע (לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ). אוי, ווינד איז מיר!

הילעל. ציפּע, בײַ אײַך האָט, כאָלילע, עפּעס פּאַסירט?

שײַע. שאַ זאָל זײַן, זיי פאַנגען, דאַכט זיך, אָן.

אַף דער מאַשין הייבט זיך אוף אַ הויכער לייטער. איינער פון די פּײַערלעשער שלעפּט אַרויס אַ רעזינעווע שלאַנג און וויקלט אים שנעל פאַנאַנדער. איין עק פון דעם שלאַנג לאָזט ער אַראָפּ אין ברונעם, דעם אַנדערן עק כאַפּט ער אין דער האַנט און קלעטערט פלינק אַרוף אַפן לייטער.

קיווע (קוקט אַפן סעקונדאָמער). פיר מינוט מיט נײַנצן סעקונד. צופיל. קריך אַראָפּ.

די זעלבע איבונג מאַכט דורך אַ צווייטער פּײַערלעשער.

קיווע. פיר מינוט מיט צען סעקונד. אויך אַ סאַך. איצט גיי איך. רעב הילעל, נעמט, זײַט מויכל, דעם סעקונדאָמער. אַז איך וועל אַ געשריי טאָן „אַליע!", זאָלט איר זײַן אַזוי גוט זאָגן, וויפל האָט עס בײַ מיר געדויערט. איינס, צוויי, דרײַ! אָנגעהויבן. (דורכגעמאַכט די זעלבע איבונג, וואָס די פריִערדיקע צוויי פּײַערלעשער, שרײַט ער אַראָפּ פונעם לייטער.) אַליע!

שײַע. פּונקט פינף מינוט.

הילעל. שײַע, דול ניט דעם קאָפּ. איבער דיר האָב איך פאַרגעסן אָפּשטעלן דעם סע־קונדאַמער. מיר דאַכט, אַז פיר מינוט.

קיווע. איך דאַרף אָבער וויסן פּינקטלעך.

שײַע. האָסטו די ברײַרע קריכן נאָכאַמאָל אַפן הימל. זאָג מיר בעסער: וואָס זעסטו דאָרט? שטעקסט דאָך עפּעס אין קאָסמאָס.

קיווע. דעם מאַרק דײַנעם זע איך (מיט א ניגון.) ווי שיין עס איז אונדזער מעדזשיבעזש! ניטאָ, הערט איר, קיין שענערס אַף דער וועלט. ניטאָ! שײַע, כאַפּ זיך אַרוף צו מיר אהער, אַפן הימל, וועסטו כאַטש אָנקוקן די וועלט.

שײַע. איך האָב שוין געגוג אָנגעקוקט די וועלט. געוועזן קימאַט אין בערלין.

קיווע. וואָס מיר בערלין, ווער מיר בערלין! ווו האָסטו אין בערלין אזא הימל, אזעלכע לאַנקעס, אזא בוג!

איטע. זעט נאַר, אַלכימיקער, איר זאָלט אונדז פון דעם בוג ניט מאַכן קיין גאָלד.

ס׳לויפט אַרײַן כעוועד.

כעוועד. כ׳האָב נאָך ניט פאַרשפּעטיקט? א, דער טאַנע רעב אַקיווע דאַרשנט שוין. ווי זאָגט דאָרט אונדזער הערשעלע סטראָפּאַליער, עס ברענט די שטוב, און דער זייגער גייט...

מאַנוס. גיט מיר צו פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף מען אזא הויכן לייטער, אַז די העכסטע שטוב בא אײַך איז אַנדערהאַלבן שטאָק.

שײַע. זאָרגט זיך ניט, עס וועלן נאָך בא אונדז זײַן פינפשטאָקיקע הײַזער אויך און מיט באַלקאָנען־לאָדזשי. קיווע, מע זעט נאָך דאָרט ניט קיין בולדאָזערס מיט עקסקאַוואַטאָרס? גע־דענקט מײַנע רייד. מע וועט זיך נאָך נעמען צום שטעטל. דאָס איז בא מיר קיין שום דיאַ־לעמע ניט.

עס קומען אַרײַן יוינע מיט באַרעכן. דער ערשטער דערזעט זיי דאָווידקע.

דאָווידקע. באַבע, דער זיידע איז געקומען! מומע ציפּע!

אַלע קערעווען זיך אויס צו די אַרײַנגעקומענע. קיווע קריכט האַסטיק אַראָפּ פון לייטער. הילעל קוקט פאַרכידעשט אַפן אוילעם.

הילעל. וואָס איז געשען? שיפרע, עפּעס באַהאַלט מען דאָ פון אונדז אויס.

שיפרע (מיט א געוויין). אוי, הילעל, ס׳האָט עפּעס פּאַסירט מיט די קינדער.

איטע. שיפרע־לעבן, מיט די קינדער האָט גאָרניט פּאַסירט.

שיפרע. איז וואָס זשע?

הילעל. יוינע.

יוינע. פרעגט ניט, רעב הילעל.

ציפּע. נו זאָג אים שוין.

באַרעך. דער מערדער האָט זיך אומגעקערט.

הילעל. וועלכער מערדער?

כעוועד. אַליאָשקע.

הילעל. ׳אַליאָשקע? (בלײַבט שטיין פאַרגליווערט.)

שײַע רופט אָפּ אין א זײַט יוינען.

שײַע. וואָס האָט ער געענטפערט?

יוינע. איך בין, זאָגט ער, מײַנס אָפּגעזעסן, און איצט קאָן איך מיר וווינען, ווו איך וויל. דאָ, זאָגט ער, בין איך געבוירן, און דאָ, זאָגט ער, וועל איך לעבן, ניט דערלעבן זאָל ער.

שײַע. אפילע אַף די פּאָר טעג, וואָס די כאַסענע וועט דויערן, וויל ער ניט אַוועקפאָרן?

יוינע. ניין.

הילעל. אַליאָשקע?!

שיפרע. באַרויִק זיך, הילעל.

הילעל (אָנכאַפּנדיק שיפרען פאַר דער האַנט). קום!

באַרעך (פאַרצאַמט זיי דעם וועג). איר וועט צו אים ניט גיין. דער גאַזלען...

הילעל (אָפּשטויסנדיק באַרעכן פון וועג). קום, שיפרע!

פאָרהאַנג.

דאָס דריטע בילד

א צימערל מיט א נידעריקן באלקן. אין ווינקל אף א קושעטקע זיצט האלב ליגנדיק א ל ע ק ס יי און רייכערט. נ א ט א ל י ע פ ע ט ר אָ וו נ ע געפינט זיך קיין אָרט ניט. זי דרייט זיך ארום איבערן צימער און רעדט צו זיך אליין. דאָס שכיינעסדיקע צימערל, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט א שווערן שווארצן פאָרהאנג, איז פארזונקען אין כוישעך.

נ א ט א ל י ע. גאָט מייַנער, פארוואָס זייַנען מיר אזוי געשטראָפט? פארוואָס איז ער ניט אויסגערונען בא דער מאמען אין בויך, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן? פארוואָס האָט אים קליינערהייט ניט דערשלאָגן קיין דונער? גאָט מייַנער, נעם אים צו פון אונדז!

א ל ע ק ס יי. שעלט, שעלט, וועסט זיך בא מיר דערשעלטן, שוועסטערקע.

נ א ט א ל י ע (בלייַבט שטיין אנטקעגן אים). שוועסטערקע, רופט ער מיך. וואָס פאר א שוועסטער בין איך דיר. מערדער, ווילדע כייַע! דער טאטע זאָל געוועזן וויסן, אז דו וועסט דינען די דייַטשן, וואָלט ער דיך קליינערהייט מיט די אייגענע הענט דערשטיקט. צוליב דיר, בלוטיקער פאָליציייסקע הונט, איז די מאמע פאר דער צייַט אוועק פון דער וועלט. ווי טראָגט עס דיך די ערד? גאָט מייַנער, פונוואנען האָט ער זיך פלוצעם גענומען אף אונדזער קאָפּ? כ׳האָב געמיינט, ער פוילט שוין לאנג ערגעץ אין דר׳ערד.

א ל ע ק ס יי. רייד, רייד, וועסט זיך בא מיר דעריידן.

נ א ט א ל י ע. וועסט מיך עפשער אויך, ווי גיליאראָוויטשעס אייניקל... וויאזוי האָסטו געקאָנט נעמען און זיך אומקערן צוריק אהער?

א ל ע ק ס יי. און וווהין האָב איך געזאָלט זיך אומקערן פון לאגער?

נ א ט א ל י ע. די וועלט איז שוין פאר דיר קליין? האָסט זיך ניט געקאָנט באזעצן ערגעץ, ווו קיינער קען דיך ניט, קיינער ווייסט דיך ניט, און לעבן דאָרט אין קרענק ביז דער פּע־גירע? מע דארף דאָך עס קענען! נעמען און קומען צוריק אהער!

א ל ע ק ס יי (זעצט זיך אוף, שלעפּט ארויס פון בוזעם־קעשענע זיין נייַינקן פאספּאָרט און פאַכט מיט אים). זעסט? בא מיר איז דער זעלבער פּאס, וואָס בא דיר, וואָס בא יוינען, וועלכער איז מיך געקומען שרעקן, וואָרענען, דראָען, דערמאָנען מיר מייַסעס, וואָס זייַנען פארלאָפן מיט עטלעכע און צוואנציק יאָר צוריק. איך האָב זיך פאר דעם שוין לאנג צעצאָלט, ביז ערלעך אָפּגעזעסן, ווי מע זאָגט בא אונדז, פון גלעקל ביז גלעקל. איז וואָס וויל מען נאָך פון מיר? איך וועל פונדאנען אין ערגעץ ניט אוועקפאָרן. דאָ איז מייַן היים! דאָ בין איך גע־בוירן, דאָ...

נ א ט א ל י ע. געפּייַניקט מענטשן.

א ל ע ק ס יי. נאטאלקא!

נ א ט א ל י ע. וואָס?

א ל ע ק ס יי. איך זאָל וועגן דעם מער פון דיר קיין וואָרט ניט הערן, פארשטאנען? און פון דער שטוב וועל איך זיך ניט ארויסקלייַבן. זי איז מייַנע, פּונקט ווי דייַנע.

נ א ט א ל י ע. פאָר אוועק, זאָג איך דיר, פאָר בעסער אוועק מיט גוטן.

א ל ע ק ס יי. דאָס האָבן דייַנע יידעלעך דיך אָנגעלערנט מיך שרעקן?!

נ א ט א ל י ע. שרעקן שרעקט מען א כייַע, און דו ביסט דאָך טויזנט מאָל ערגער. גיי ארויס אין גאס און הער, וואָס מענטשן ריידן וועגן דיר.

א ל ע ק ס יי. ווער רעדט? דייַנע יידעלעך?

נ א ט א ל י ע. ווער איז דאָ געבליבן פון די יידן? זיי ליגן דאָך אלע אין גרוב. ווייניק פּראוואָסלאוונע האָסטו געפּייַניקט? פארשוועך כאָטש ניט דעם נאָמען פון דעם טאטן, וואָס איז אומגעקומען אפן פראָנט.

א ל ע ק ס יי. נאטאלקע!! פיר מיך ניט ארויס פון געדולד. אויב דיר געפעלט ניט וווינען מיט מיר אונטער איין דאך, איז קאָנסטו זיך נאָך הייַנט ארויסציִען פונדאנען. כ׳וועל נאָך דיר ניט בענקען. און דייַנע יידעלעך גיב איבער, אז איך וועל זיי די כאסענע ניט פארשטערן. איך וועל די עטלעכע טעג איבערזיצן אין שטוב. נאָר אוועקפאָרן פונדאנען — דאָס ניט. (שרייַט.) דאָ איז מייַן היים! איך וועל פונדאנען אין ערגעץ ניט אוועקפאָרן! אין ערגעץ ניט!!

עס עפנט זיך די טיר, און אף דער שוועל באווייַזט זיך ה י ל ע ל. עטלעכע לאנגע רעגעס געדויערט די שטומע באגעגעניש. א געדיכטע פינצטערניש פארפלייצט די בינע. די שייַן צינדט זיך אָן אין צווייטן צימער, וווהין עס ווערט איבערגעטראָגן די האנדלונג.

אין צימער געפינט זיך א נאקעטער דעמבענער טיש, א הילצערן בעט און א ניי־מאשין. א

לעצטער שטראַל פֿון דער סאָפּטאָגיקער האַרבסטיקער זון גליטשט זיך איבער דער הוילער וואַנט.

ס'איז דער דריטער טאָג נאָכן אומברענגען די ייִדן פֿון שטעטל.

אויף אַן איבערגעקערט בענקל, אין אַ יאַרמלקע, אין שקאַרפּעטקעס זיצט דער עטלעכע־און־פֿופֿציקיאָריקער הילעל און נייט אַ פּאָליציייִשן פֿרענטש.

הילעל (מיט אַ טאָן פֿון אַ מענטש, וואָס איז ווײַט אָפּגעשיידט פֿונדאַנען. ער הערט, דאַכט זיך, ניט די אייגענע שטים). אדוישעם נאָסאַן, ער האָט געגעבן, אדוישעם לאָקאַך, ער האָט צוגענומען, ער האָט געגעבן, צוגענומען. אדוישעם נאָסאַן, לאָקאַך... (זיך פֿאַרפּלאָנטערט, נעמט ער פֿונקט אַזוי איינטאָניק איבערכאַזערן.) מיקאָל האָאָמים אַטאָ באָכאַרטאָנו... (קענטיק, אַז ער רעדט שוין אַזוי מיט זיך זייער לאַנג. פּלוצעם, גלײַך ער וואָלט ערשט איצט אָנגעהויבן באַנעמען, וואָס קומט פֿאָר אַרום אים, טוט ער אַ שלײַדער דעם פֿרענטש, הייבט זיך אויף פֿון בענקל און בלײַבט שטיין.) באָכאַרטאָנו מיקאָל... באָכאַרטאָנו... פֿאַר וואָס, ריבוינע־שעל־אוילעם, האָסטו מיך אויסדערוויילט פֿון דער גאַנצער איידע? האָסט מיך איבערגעלאָזט מעקאַיעם זײַן די מיצווע פֿון זיצן שיווע, מאַכן אַן אייל־מאָלע־ראַכמים, זאָגן קאַדעש? (ווי צעמישט.) ייִסגאַדאַל וועיִסקאַדאַש שמיי ראַבאָ... געלויבט און געגרויסט איז דײַן הייליקער נאָמען פֿאַרן גרויסן כעסעד, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מײַן פֿייגען, מיט מײַנע קינדער, מיט מײַנע אייניקלעך, מיטן גאַנצן שטעטל ייִדן, וואָס דו האָסט זיי צוגענומען צו זיך פֿון דער זינדיקער ערד. עס האָט דיר דאָרט, אָפּאָנעם, אויסגעפֿעלט אַ נײַ בינטל נעשאָמעס. בעאָלמאָ דיווריי כאַרוסאָ... (הילעל ווערט פֿון רעגע צו רעגע ווי גרעסער אין וווקס. זײַן שטים גיסט זיך אָן מיט גוווּרע.) אויף אַ דין־טוירע! דו הערסט? אויף אַ דין־טוירע רוף איך דיך, זאָלסט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל זאָגן: וואָס ווילסטו? האָסט כאַראָטע, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן דעם צעלעם־עלויקים, דעם מענטשן? האָסטו דאָך שוין איינמאָל כאַראָטע געהאַט און אַראָפּגעשיקט אַ מאַבל. ווער האָט דיך דעמלט געבעטן, זאָלסט אַרײַנזעצן נויעכן אין דער טייווע? האָסט מוירע געהאַט, ס'וועט דיר נאָכדעם זײַן אומעטיק? האָסטו דאָך אָנשטאָט נויעכן מיטן געזינדל געקאָנט אַרײַנזעצן אין דער טייווע אַן איבעריקע פּאָר לעמפּערטן, ווײַל וואָס איז, אייגנטלעך, אַ לעמפּערט אין פֿאַרגלײַך מיטן מענטשן? אַן אומשולדיקע טויב. און וויפֿל מאָל האָסטו שוין נאָכן מאַבל כאַראָטע געהאַט, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן דעם מענטשן? ביזוואַנען איז דער שיר זיך שלאָגן אַלכעט? (ער לאָזט זיך צוריק אַראָפּ אויפֿן איבערגעקערטן בענקל, אָבער שפּרינגט באַלד אויף.) האַ? עפּשער איז ער עס גאָר, אָט אָ־דער, וואָס האָט אייערנעכטן אויסגעשאָכטן דאָס שטעטל, דער צעלעם־עלויקים? פֿאַרוואָס אַז אַווראָם־אָווינו האָט אויפֿגעהויבן דעם כאַלעף, האָסטו אַראָפּגעשיקט אַ מאַלעך, ער זאָל אָפּפֿירן פֿון ייִצכאָקן די געפֿאַר, און אַז זיי... מיט וואָס זײַנען די אייפּעלעך אין די וויגן זינדיקער פֿון ייִצכאָקן, וואָס דו האָסט זיי געלאָזט אויסשעכטן?! נאָך אַ וווּנדער, וואָס דו האָסט ניט אויסגעגעבן, אַז איך האָב באַהאַלטן אין קאָשעק יעכיִעלקען, ווען דער נאַטשאַלניק פֿון דער פּאָליציי האָט, טרײַבנדיק אונדז צו דער גרוב, מיך אומגעקערט צוריק אַהיים. זיי קאָנען ניט בלײַבן אָן קיין שנײַדער. איז דער גוירל געפֿאַלן אויף מיר. (הערט זיך צו.) אָרעם שוועלבעלע די מײַנס. (הילעל קייטלט צו די טיר, גייט צו צום בעט און נעמט אַרויס פֿון אונטערן סעניק אַן אויפֿגענייט קעצעלע.) אַ קעצעלע, האָט ער מיך געבעטן, זאָל איך אים אויפֿנייען. דער דריטער טאָג, ווי ער ליגט, נעבעך, אין קעלער אין אַ ווינקל צווישן טראַנטעס. צו דער מאַמען בעט ער זיך, צו דער מאַמען און צו דער באָבען. עס וועט הײַנט ווערן אַמאָל נאַכט, איך זאָל קענען אַרופֿנעמען דאָס קינד צו זיך אַהער? און פֿאַרטאָג? פֿאַרטאָג צוריק אין קעלער, האַ? ווי לאַנג קאָן עס אָבער אַזוי דויערן? צו ווען טראָגט מען אים אָפּ, אַז פֿאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייִדן קומט הארגענען, וואַרגן, פֿאַרשטיינען... אייצע, באַשעפֿער פֿון דער וועלט, אייצע! עפּשער אַרײַנלייגן אים אין אַ קויש און לאָזן מיטן בוג, ווי מוישע־ראַביינו מיטן וואַסער? וואָס קומט אָבער אַרויס פֿון דעם, וואָס דער מאַלעך האָט אַרויסגעכאַפּט מוישעס הענטל פֿונעם טאָפּ גאָלד און אַרײַנגעשטופּט אינעם טאָפּ פֿײַער? סײַווי שרײַט מען דאָך, אַז מיר דינען דעם אייגל־האַזאָהאָוו. (פֿאַרהייבט עטוואָס דאָס פֿאָרהענגל פֿון פֿענצטער און זעצט פֿאָר, ווי ער זאָל זיך צו עמעצן ווענדן.) זעסט, ווי מע צענעמט די ייִדישע הײַזער? גאָלד זוכט מען דאָרט. ס'האָט ניט געהאָלפֿן דער טאָפּ פֿײַער. (ער לאָזט אַראָפּ דאָס פֿאָרהענגל און הערט זיך לאַנג אײַן.) וואָס אַ קינד, נעבעך, איז! קיין דרײַ יאָר נאָך ניט אַלט און פֿאַרשטייט שוין, אַז מע טאָר ניט וויינען, מע טאָר זיך ניט באַקלאָגן. ער פֿרעגט נאָר אַלץ: ווו איז די מאַמע? ווו איז די באָבע? (פֿאַרהייבט דעם פֿויסט) באַ אים פֿרעג! באַ אים!! באַ דעם באַלטשוווע!!! האָסט ווידעראַמאָל שוין כאַראָטע, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן דעם מענטשן? איז שיק אַראָפּ אַ מאַבל, וואָס זאָל אַלץ און אַלעמען אַראָפּשווענקען. טויהו־וואָוויהו פֿון אַלץ! פֿון אַלץ!! און אַן ענדע!!!

עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ אין דער טיר.

ה י ל ע ל (כאַפּט דעם פּרענטש, וואָס ער נייט, לאָזט זיך מיט אים, ווי מיט א פאנצער, צו דער טיר). ווער איז עס?

א ל ע ק ס י י (פון יענער זייַט טיר). וואָס פארשפּאַרסטו זיך אינמיטן העלן טאָג?

ה י ל ע ל. דאָס זייַט איר, אלעקסיי פּעטראָוויטש? דער צעלעם־עלויקים גייט, אליאָשקע פּאָליציאַנט. (קייטלט אָפּ די טיר.)

א ל ע ק ס י י. פון ווען באַהאַלטסטו זיך עס אויס, הילקע? (גיט אים גוטברודעריש א קלאַפּ אין דער פּלייצע.) האָב ניט מוירע, איך בין ניט געקומען נאָך דיר. (קוקט זיך ארום, ווי ער וואָלט דאָ עמעצן געזוכט. בא הילעלן פאַלט פון שרעק ארויס דער פּרענטש פון די הענט. ער הייבט אים אָבער אוף, נאָך איידער אלעקסיי האָט עס באַמערקט.) ביסט א גליקלעכער, הילקע, אלע דייַניקע האָבן מיר אוועקגעשיקט צו דייַן גאָט, און דיר, זעסטו, האָט דער נאַטשאַלניק אונדזערער געשענקט דאָס לעבן. ווּעמען נייסטו עס דעם פּרענטש?

ה י ל ע ל. דעם נאַטשאַלניק אייַערן.

א ל ע ק ס י י. און מיר ווען ווּעסטו אופנייען?

ה י ל ע ל. ווען דו ווּעסט זאָגן, אליאָשקע.

א ל ע ק ס י י. איך וועל דיר געבן אַן אליאָשקע, אז ווּעסט בא מיר פון אָרט שוין ניט אופשטיין!

ה י ל ע ל. אנטשולדיקט, וואַשע בלאַהאָראָדיע.

א ל ע ק ס י י. שאָ? ס׳האָט זיך דיר ניט געכאָלעמט, אז ווּעסט מיך ווען־ניט־איז רופן וואַשע בלאַהאָראָדיע? און אז איך קאָן דיך שטעלן צום ווענטל, ווען נאָר איך וויל, האָט זיך דיר געכאָלעמט? (זעצט זיך צו אַפן בּרעג טיש און שפּילט זיך מיט דער נאַהייַקע.) מאָרגן וועל איך דיר ברענגען סכוירע. געדענק, טאָמער ווּעסטו מיר צו דער צייַט ניט אופּ... (דערזעט לעבן זיך דאָס קעצל.) ווּעמען נייסטו עס שפּילכלעך?

ה י ל ע ל. ווּעמען קאָן איך נייען, וואַשע בלאַהאָראָדיע? איר ווייסט דאָך, אז איך בין געבליבן איינער אין שטעטל. דאָס האָט עמעצער פון מייַנע אייניקלעך פארגעסן מיטנעמען מיט זיך אין גרוב.

א ל ע ק ס י י (דערזעט אַפן צווייטן בּרעג טיש א שעלעכל קאַשע). מאַנע־קאַשקע? דאָס האָט אויך עמעצער פון דייַנע אייניקלעך פארגעסן מיטנעמען מיט זיך אהין? איז אָט פארוואָס דו האָסט זיך פארשפּאַרט אינמיטן העלן טאָג. זאָג, ווּעמען באַהאַלטסטו אויס?

ה י ל ע ל. ווּעמען קאָן איך אויסבאַהאַלטן, אז מע האָט בא מיר אלעמען געהארגעט? דאָס האָב איך פאַר זיך אָפּגעקאָכט א קאַשע.

א ל ע ק ס י י. מיך ווילסטו אָפּנארן? פּאָליציי, הילקע, איז שווער אָפּצונארן. געדענק, טאָמער געפין איך בא דיר עמעצן... (זוכט אין בעט, רוקט אָפּ די ניימאַשין, באַטראַכט דעם דיל, די ווענט, גייט ארויס אין קיך.)

ה י ל ע ל. ריבוינע־שעל־אוילעם, טו א נעס. שיק אראָפּ א מאַלעך, ווי דו האָסט עס געטאָן מיט יִיצכאָק־אָווינו אַפן מיזבייעך. ריבוינע־שעל־אוילעם, באַווייַז, אז דו ביסט דאָ. באַשיץ דאָס אומשולדיק אייפעלע.

א ל ע ק ס י י (פון קיך). וואָס לייַכט זיך עס בא דיר דאָרט אין קעלער?

ה י ל ע ל (לאָזט זיך אין קיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט). אלעקסיי פּעטראָוויטש, וואַשע בלאַהאָראָדיע...

אַף דער בינע ווערט שטאָקפינצטער. אין א ווייַלע ארום דערטראָגט זיך פונעם כוישעך יעכיעלקעס דערשראָקן קעלכל.

י ע כ י ע ל ק ע. זיידע, זיי־דע!

ה י ל ע ל. וואַשע בלאַהאָראָדיע, נעם ניט צו בא מיר דאָס אייניקל. גיט מיר אָפּ דאָס קינד.

א ל ע ק ס י י. פּאַשאָל וואָן.

י ע כ י ע ל ק ע. זיידע, גיב מיך ניט אָפּ. איך וויל צו דער מאַמען. זיי־דע...

ה י ל ע ל. אלעקסיי פּעטראָוויטש, האָט ראַכמאָנעס. נעמט ניט צו בא מיר דאָס קינד. וווהין טראָגט איר אים אוועק?

א ל ע ק ס י י. צו דער מאַמען זייַנער.

ה י ל ע ל. נעם מיך אויך.

י ע כ י ע ל ק ע. זיי־דע, זיי־דע.

ה י ל ע ל. איך בין דאָ, יעכיעלקע. איך גיי אויך מיט דיר, שוועלבעלע מייַנס.

א ל ע ק ס י י. מאַרש אַף צוריק!

א גערANGL. הילעל פֿאַלט אום פֿון א שטאַרקן זעץ. אינעם כוישעך ברעכט אויס א פֿאַרשטיקטער געוויין פֿון א פֿרוי. דאָס וויינט אינעם שכיינעסדיקן צימער נאַטאַליע פּעטראָווגע. ביסלעכווײַז ווערט ליכטיק. דער צימער, ווו ס'איז פֿאָרגעקומען די פֿריִערדיקע האַנדלונג, זינקט אײַן אין כוישעך.

אַלעקסיי (שטייענדיק מיטן פּנים צום אראָפּגעהאַנגענעם שוואַרצן פֿאָרהאַנג). **איך האָב פֿאַר דעם באַצאָלט. מע האָט בא מיר פֿאַר אַלץ אָפּגעמאָנט. איך בין קיינעם גאָרניט געבליבן שולדיק.**

נאַטאַליע. **דו רעדסט נאָך?!**

הילעל (דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער עטוואָס אָפֿן געבליבענער דרויסן־טיר). **שיפֿרע!**

עס גייט אַרײַן שיפֿרע און בלײַבט שטיין אויף דער שוועל.

הילעל. **נעענטער קום אהער, שיפֿרע, נעענטער.**

עס לעשט זיך ווידער אויס די שײַן, און עס שווימט אַרויס פֿון כוישעך א טונקל־באַלויכטענער צימער מיט א גרויסן רוסישן אויוון. באַם טיש, אויף וועלכן עס טשאַדעט א קליין קעראָסין־לעמפּל, זיצן מיטראָפֿאַן, אַלענע, סאָלאָמיע און עסן אָוונטברויט. פֿון דרויסן דערטראָגט זיך איין מאָל און א צווייט מאָל א שיסערײַ פֿון אַווטאָמאַטן.

אַלענע (ציילעמט זיך איבער). **האָספּאָדי, מע שיסט שוין ווידער. וואָס טוט זיך עס אויף דער וועלט?**

מיטראָפֿאַן. **דאָס לערנען די דײַטשן, קענטיק, אונדזערע פּאָליציִאַנטן אָפּן פּאָליגאָן. און עפּשער שיסן זיי גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אָנשרעקן די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. אַזא מאַכינע — און ווי מע ציטערט עס פֿאַר די פּאַרטיזאַנער. עך, ווען ניט דער רעוומאַטיזם מײַנער!**

אַלענע. **שטילער.**

עס דערהערט זיך ווידער א קנאַל פֿון אַווטאָמאַטן.

סאָלאָמיִע (פֿאַלט צו מיטן פּנים צום טיש). **אוי, מאַמע, אוי, מאַמאָטשקע...**

אַלענע. **וואָס איז געשען?**

סאָלאָמיִע. **אוי, מאַמאָטשקע. דאָס צעשיסט מען, מיסטאַמע, די לעטיטשעווער ייִדישע בריגאַדע.**

מיטראָפֿאַן. **נאַרישקײַטן. דער סאָווירט נייטיקט זיך אַזוי אין אַרבעטער, וועט מען נעמען און צעשיסן א בריגאַדע פֿון גאַלע יונגע מענטשן, וועלכע די דײַטשן האָבן אַליין אָפּגעקליבן פֿאַרן סאָווירט.**

סאָלאָמיִע. **אוי, וואָס ווייסט איר, ווי די דײַטשן מיט די פּאָליציִאַנטן האָבן זיך עס איבער זיי אײַזדיעקעוועט. סאַרא באַנדיט דער אַליאָשקע איז.**

אַלענע. **האָספּאָדי, ס'וועט קומען אַמאָל אויף זיי א שטראָף.**

סאָלאָמיִע. **הײַנט אינדערפֿרי איז דער הונט אַליאָשקע מיט נאָך עטלעכע פּאָליציִאַנטן געקומען אין סאָווירט, און אָנשטאָט אַרויספֿירן די ייִדישע בריגאַדע אין פֿעלד צו דער אַרבעט האָבן זיי זי פֿאַרשפּאַרט אין א שטאַל, אַוועקגעשטעלט א וואַך און קיינעם ניט צוגעלאָזט נאָענט. אוי, מאַמאָטשקע מײַנע...**

אַלענע. **ש־ש־ש. דאַכט זיך, עמעצער קלאַפּט.**

מיטראָפֿאַן (הערט זיך צו). **יאָ, מע קלאַפּט.**

אַלענע. **דײַטשן!**

סאָלאָמיִע. **דײַטשן קלאַפּן ניט אַזוי.**

אַלענע. **מיטראָפֿאַן, גיי גיב א קוק.**

מיטראָפֿאַן גייט אַרויס און קערט זיך אום צוריק מיט שיפֿרען — א מיידל פֿון צוויי־דרײַ און צוואַנציק יאָר. א דערפֿרוירענע, אין איין אונטערהעמד, די האָר צעפּאַטלט, שטייט זי בא דער טיר און קוקט זיך צעמישט אַרום.

סאָלאָמיִע (טרעט אָפּ פֿון איר א דערשראָקענע). **שיפֿרא?**

שיפֿרע (קוים וואָס מע הערט איר קאָל). **ווו בין איך?**

אַלענע. **גיי אַרײַן, האָב ניט מוירע.**

סאָלאָמיִע. **שיפֿרא, דו דערקענסט מיך ניט? איך בין דאָך סאָלאָמיִא, די מעלקערן סאָלאָמיִא קאָזאַטשענקאָ.**

ש י פ ר ע. סאַלאַמיִא קאַזאַטשענקאַ? (שטרענגט אָן דעם זיקאָרן.) קאַזאַטשענקאַ?

ס אַ ל אַ מ י ע. פֿונוואַנען קומסטו?

ש י פ ר ע. פֿון גרוב.

אַ ל ע נ ע. פֿון גרוב? האָספּאַדי! דיך האָט קיינער ניט געזען גיין אַהער?

ש י פ ר ע. כ׳ווייס ניט. וווּ בין איך?

מ י ט ר אָ פ אַ ן. צווישן מענטשן ביסטו. קריך אַפֿן אויוון. סאַלאַמיִע, גיב איר עפּעס אָנטאָן און דעק זי איַין מיט מיַין פּעלץ. זעסט דאָך, זי איז פֿאַרפֿרוירן.

ס אַ ל אַ מ י ע. און וווּ איז איַיער בריגאַדע?

ש י פ ר ע. אין גרוב. אַלע אין גרוב.

סאַלאַמיִע העלפֿט שיפֿרען אַרויפֿקריכן אַפֿן אויוון, גיט איר אַ קליידל און דעקט זי איַין מיטן פּאַטערס פּעלץ.

אַ ל ע נ ע. מיטראָפֿאַן, ווי מיינסטו, קיינער האָט זי ניט באַמערקט גיין אַהער? עפּשער באַהאַלטן זי אין שטעלכל צי אַפֿן בוידעם?

מ י ט ר אָ פ אַ ן. לאָז זי זיך פֿריִער אַ ביסל דערוואַרעמען. זעסט ניט, וואָס עס טוט זיך מיט איר? זי איז דאָך ווי צעמישט. אַ לעבעדיקע אַרויסגעקראָכן פֿון קייווער...

אַ ל ע נ ע (פֿאַרברעכט די הענט). פּאַטער אין הימל! ווי קאָנסטו עס צוזען?

אַ שטאַרקער קלאַפּ אין דער דרויסן־טיר.

ס אַ ל אַ מ י ע. דיַיטשן! (שפּרינגט האַסטיק אַראָפּ פֿון דער לעזשאַנקע.)

אַ ל ע נ ע. וואָס טוט מען? מיר זיַינען פֿאַרפֿאַלן.

דאָס קלאַפּן ווערט שטאַרקער.

מ י ט ר אָ פ אַ ן. וואָס ס׳וועט זיַין וועט זיַין, מע דאַרף עפֿענען.

ס אַ ל אַ מ י ע. שטיי. וווּ זיַינען די קאָרטן? (זי טוט אַ כאַפּ דאָס לעמפּל פֿון טיש און הענגט עס אויף אַפֿן צוויאַק לעבן אויוון.) נעמט די קאָרטן און קריכט ביידע אַרויף אַפֿן אויוון. גיכער! (מיטראָפֿאַן און אַלענע קריכן אַרויף אַפֿן אויוון, פֿאַרשטעלן מיט זיך שיפֿרען און נעמען מיט פֿליַיס שפּילן אין קאָרטן.) באַלד, באַלד, איך טו זיך נאָר אָן.

סאַלאַמיִע עפֿנט די טיר. אין שטוב ריַיסט זיך אַריַין מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט אַלעקסיי.

אַ ל ע ק ס י י. פֿאַרוואָס האָט איר מיר גליַיך ניט געעפֿנט?

ס אַ ל אַ מ י ע. איך האָב זיך אָנגעטאָן.

אַ ל ע ק ס י י. וווּ איז די יודע?

ס אַ ל אַ מ י ע. וועלכע יודע?

אַ ל ע ק ס י י. דו דריי מיר ניט קיין קאָפּ. מיינסט, איך האָב ניט געזען, ווי זי איז געלאָפֿן אַהער? וווּ איז זי? נו?!

מ י ט ר אָ פ אַ ן. אַ גוט־אָוונט, אַלעקסיי פּעטראָוויטש. אָף וועמען פֿרעגסטו זיך עס נאָך?

אַ ל ע ק ס י י. זיץ, אַלטער לאַפּאָט. איך וועל איבערקערן די גאַנצע שטוב, דאָס גאַנצע געסל. איך האָב אַליין געזען, ווי זי איז געלאָפֿן אַהער. איך וועל ברענגען אַ הונט. געדענקט, טאָמער איז זי דאָ, וועל איך איַיך אַלעמען מיט דער אייגענער האַנט... (שטרעקט אויס דעם רעוואָלווער.) אַלעמען...

עס ווערט פֿינצטער. די שיַין צינדט זיך צוריק אָן אינעם צווייטן צימער.

אַ ל ע ק ס י י (שטייט ווי פֿריִער מיטן פּאָנעם צום אַראָפּגעהאַנגענעם שוואַרצן פֿאָרהאַנג). איך האָב פֿאַר דעם אויך באַצאָלט. מע האָט דאָרט בא מיר פֿאַר אַלץ אופֿגעמאָנט. איך בין מער קיינעם ניט געבליבן שולדיק. אָט. (ער שטרעקט אויס הילעלן און שיפֿרען דעם פּאַס זיַינעם.) אַזאַ פּאַס גיט מען אַרויס נאָר דעם, ווער עס האָט אויסגעקויפֿט די זינד.

ה י ל ע ל (מאַכט אַ טראָט צו אים). און ס׳איז פֿאַראַן אַ שטראָף, מיט וועלכער מע קאָן אויסקויפֿן די זינד פֿאַר אַרויסריַיסן פֿון די הענט אָן אומשולדיק אייפּעלע, פֿאַר נאָכיאָגן זיך נאָך אַ יונג קינד, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פֿון גרוב, פֿאַר פֿיַיניקן און אומברענגען אומשול־דיקע מענטשן? רוף זי מיר אָן, די שטראָף!

אַ ל ע ק ס י י. וואָס זיַיט איר געקומען? וואָס ווילט איר?

ה י ל ע ל (ציילט די ווערטער). רוף זי מיר אָן, די שטראָף, מיט וועלכער מע קאָן אויס־קויפֿן די זינד פֿאַר אַריַינוואַרפֿן לעבעדיקערהייט אין...

אלעקסיי *(שלאָגט אים איבער)*. וואָס זײַט איר צו מיר צוגעשטאַנען? גייט און פרעגט בא אײַעריקע.

הילעל. בא וועמען?

אלעקסיי. בא אײַעריקע האָט מען זיך אויסגעקויפט מיט א ביסל גרעסערע זינד ווי בא מיר. וואָס קוקט איר אָף מיר? יאָ, יאָ.

נאַטאַליע. דו וועסט ווערן אנשטומט?!

הילעל. ניין, ניין, נאַטאַליע פּעטראָוונע. זאָל ער זאָגן. זאָל ער זאָגן, ווער זײַנען עס די אונדזעריקע, בא וועמען מע קאָן אויסקויפן אזעלכע זינד.

אלעקסיי. איר מיינט, מיר האָבן אין לאַגער ניט געלייענט קיין גאַזעטן, ניט געהערט קיין ראַדיאָ און ווייסן ניט וועגן דער שורע־מורע, וואָס אײַעריקע... דאָרטן... פירן מיט די דײַטשן? איז גייט און פרעגט בא זיי, וויפל מאַרק קומט פון מיר, מע זאָל מיר אויך פאַרגעבן.

הילעל. דו הערסט, שיפרע?

שיפרע. איך הער, הילעל.

הילעל. מיר וועלן פרעגן! מיר וועלן ניט נאָר פרעגן, מיר וועלן מאָנען א טשוווע. מיר, די אַלפּי־נעס געבליבענע פון אויסגעשאָכטענע שטעט און שטעטלעך, וועלן מאָנען א טשוווע. איצט זײַנען מיר געקומען צו דיר, זאָלסט אונדז זאָגן, וויאַזוי האָסטו געקאָנט זיך אומקערן צוריק אהער?

אלעקסיי. דאָ איז מײַן היים.

נאַטאַליע. א כײַע האָט ניט קיין היים.

הילעל. א כײַע? וואָס איז אזוינס א כײַע אין פאַרגלײַך מיט אים?

אלעקסיי. גענוג! איך וועל פונדאַנען אין ערגעץ ניט אוועקפאָרן, און שוין!

נאַטאַליע. וועסט אוועקפאָרן!

הילעל. און וועסטו זיך ניט פאַרנעמען פונדאַנען, וועלן מיר דיך ארײַנלייגן אין כיירעם. דו ווייסט, וואָס איז אזוינס כיירעם? איך פרעג דיך צום לעצטן מאָל: וועסט זיך פאַרנעמען פונדאַנען?

אלעקסיי. איר פאַרנעמט זיך פונדאַנען!

הילעל *(טרעט פון אים אָפּ)*. פאַרשאָלטן זאָל זײַן דײַן געביין! פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן באַנאַכט, ווען וועסט זיך לייגן, און באַטאָג, ווען דו וועסט אופשטיין. זײַן פאַרשאָלטן זאָלסטו באַם ארײַנגיין און זײַן פאַרשאָלטן באַם ארויסגיין. שפּאַלטן זאָל זיך די ערד אונטער דײַנע פיס און דער הימל איבער דײַן קאָפּ. זאָלסט בעטן אָף זיך דעם טויט און דער טויט זאָל ניט קומען. פוסטריט זאָל דיר אומעטום נאָכגיין מײַן קלאָלע.

נאַטאַליע. און מײַן קלאָלע.

הילעל. איך וואָרן אַלעמען, און זאָל מײַן וואָרענונג איבערגעגעבן ווערן פון מויל צו מויל: דער, וואָס וועט וויסן, אז מיר האָבן אים ארײַנגעלייגט אין כיירעם, און וועט דאָך האָבן מיט אים וועלכע־ניט־איז מאַגע־מאַסע, שטיין אין זײַנע דאַלעדאַמעס, דער איז אין געפאַר, אז ס'זאָל אָף אים פאַלן די קלאָלע. קום, שיפרע, פונדאַנען. דאָ איז אַלץ פאַרשאָלטן. *(גייען ארויס.)*

נאַטאַליע. איך גיי אויך מיט אײַך. מײַן פוס וועט מער ניט אריבערטרעטן די דאָזיקע שוועל, ביזוואַנען ער וועט דאָ זײַן. *(לאָזט זיך צום ארויסגאַנג.)*

פאָרהאַנג.

דאָס פּערטע בילד

פון דעם שמאָלן דורכגאַנג אין דער נידעריקער שטיינערנער וואַנט, וואָס צאַמט ארום דעם אַלטן מעדזשיבעזשער בעסאַלמען, פירט א פאַרוואַקסענע סטעזשקע צו צוויי גרויסע מאַצייוועס — ענלעכע אָף פראָסטע פירקאַנטיקע טישן. הינטערן בעסאַלמען — א גרינע לאָנקע. דער ווײַטער האָריזאָנט שפּאַרט זיך אָן אָף די פליגל פון ווינטמילן.

כעווע *(הינטער דער בינע)*. וויפל, ווילט איר וויסן, איז שוין דערינען פאַראַן? כ'ל אײַך באַלד זאָגן. *(זי קומט ארײַן צוזאַמען מיט מאַטעשן.)* דער באַלשעם, רעב ייִסראָעל, האָט געלעבט אין איין צײַט מיטן ווילנער גאָען, און דער ווילנער גאָען, שמועסט מען, איז געווען

א שטיקל שמעלקע מיט אים אליין, מיט נאַפּאָלעאָן בען אַפּאַרטע. בעקיצער, כּעזשבן יאָ, כּעזשבן ניט, ס'איז שוין דערינען באַלד א קײַמעלאָן פון אוועלכע צוויי הונדערט יאָר, אויב ניט מיט א שמיציק. נו, און ער, אונדזער הערשעלע סטראָפּאָליער... (פאַרגייט זיך פון געלעכטער.) אוי, איז עס געווען א הערשעלע!

מ א ט ע ש. הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז דען אויך א מעדזשיבעזשער?

כּ ע וו ע ד. א קאַשע עפּעס! אָט איז דאָך זײַן קיווער. די ערשטע מאַצייווע איז דעם באַלשעמס, און די אַנדערע — זײַנע, הערשעלעס.

זיי גייען אַרויף אַפן בעסאַלמען און שטעלן זיך אָפּ בײַ די צוויי גרויע פּירקאַנטיקע שטיינער, וואָס זײַנען אַרומגערינגלט מיט אַלטע האַלב־אײַנגעפאַלענע, פאַרוואַקסענע מאַצייוועס פון עטלעכע דורות.

כּ ע וו ע ד. וואָס זאָגט איר עפּעס, סאַראַ קאָוועד מע האָט עס אים, קיין אײַנהאָרע ניט, אָפּגעגעבן, הערשעלען! מעקאַבער געווען, ווי איר זעט, סאַמע אויבנאָן — לעבן דעם באַלשעם און געשטעלט אים, ווי איר זעט, קימאַט פונקט אַזאַ מאַצייווע — א פּראָסטן שטיינערנעם טיש. איז דאָס געווען א הערשעלע! (פאַרגייט זיך ווידער פון געלעכטער.) די מײַסע מיטן זילבערנעם בעכער און מיטן קליינטשיקן בעכערל האָט איר געהערט?

מ א ט ע ש. זעלבסטפאַרשטענדלעך.

כּ ע וו ע ד. און די מײַסע מיטן אוירעך אַף שאַבעס? און מיטן זאַק האָבער האָט איר אויך געהערט? נו, און וויאַזוי הערשעלע...

מ א ט ע ש. זעלבסטפאַרשטענדלעך.

כּ ע וו ע ד. וואָס זעלבסטפאַרשטענדלעך?

מ א ט ע ש. כ'מיין, פונוואַנען איז געדרונגען, אַז דאָס איז דעם באַלשעמס קיווער? ס'איז דאָך דאָ גאָרנישט ניט אָנגעשריבן. קיין אָס אפילע.

כּ ע וו ע ד. ט'האָסטו דיר. איר מיינט, אַפּאָנעם, אַז איר זענט בײַ מיר דער ערשטער, וואָס איך פיר אַרום ווײַזן מעדזשיבעזש. די גוטע יאָרן מיר און אײַך און אַלע אונדזערע ליבע, וויפל סקורסאַנטן מיט טוריסטן פון אַלע עקן און ברעגן וועלט עס גייען דורך פאַרן יאָר דורך מײַנע הענט. איז ווי קלערט איר, ווייס איך, ווו אײַן און ווו אויס? שאַ. עפּשער ווײַזן אײַך א דאָקומענט. (זי הייבט אויף פון אונטער דעם באַלשעמס מאַצייווע א פאַרשטויבט שטיקל פּאַפּיר און דערלאַנגט עס מאַטעשן.)

מ א ט ע ש. וואָס איז עס פאַר א פּאַפּירל?

כּ ע וו ע ד. לייענט, ט'איר וויסן.

מ א ט ע ש (לייענט). סאָרע די טאָכטער פון לייען, יאַנקעוו דער זון פון קיילען, פײַטל דער זון פון ראָזאַליען, כײַקע די טאָכטער פון גיטלען...

כּ ע וו ע ד (קלײַבט צונויף אונטער דער מאַצייווע נאָך עטלעכע בלעטלעך פּאַפּיר און גיט זיי אָפּ מאַטעשן). נאַט אײַך נאָך א פּעקל.

מ א ט ע ש (לייגט פונאַנדער די פאַרשטויבטע און צעקנייטשטע בלעטלעך פּאַפּיר אַף דעם באַלשעמס מאַצייווע און זעצט פאָר לייענען). ייִסראָעל בען ליובע און מאַניע באַס ראָכל און אַלע אונדזערע ליבע און נאָענטע טוען דיך בעטן, הייליקער רעבע, זאָלסט זיך מיִען פאַרן קיסיי־האַקאָוועד, מיר זאָלן אַלע זײַן געזונט, ניט וויסן מער פון קיין צאָרעס, עס זאָל זײַן שאָלעם און אַכדעס אַף דער וועלט. אָמיין.

כּ ע וו ע ד. אָמיין. אָט האָט איר אײַך נאָך א בינטל קוויטלעך. שאַ, און וואָס איז דאָס? א טילימל צי א מאַכזערל? גיט נאָר, זײַט מויכל, א קוק.

מ א ט ע ש (לייענט פונעם סיפּערל). אַוועסי אַני על קיוורויסייכעם...

כּ ע וו ע ד. א, כ'ווייס שוין. ס'איז די טפילע, וואָס מע זאָגט בײַ א צאַדיק אַפן קיווער. דאָס האָבן, קאָנטיק, די אינטוריסטן דאָ איבערגעלאָזט. זיי לאָזן דאָ אפילע אַמאָל אויך איבער ליכט.

מ א ט ע ש. צו וואָס נאָך ליכט?

כּ ע וו ע ד. מע זעט גלײַך, אַז איר זענט א מיסנאַגיד. א כאָסיד וועט דען פרעגן, צו וואָס צינדט מען אָן ליכט און מע איז מיספּאַלעל.

מ א ט ע ש (זעצט פאָר לייענען די קוויטלעך). ...מײַנע ביידע טעכטער מײַע און מוסיע און דער אײדעם אָסקאַר בען האַצידקאָניעס...

כּ ע וו ע ד (שלאָגט אים איבער). לאָזט צורו, איך בעט אײַך, די שיימעס און הערט בעסער, וואָס פאַר א שפּיצל הערשעלע סטראָפּאָליער האָט אָפּגעטאָן אונדזער רעבן באָרעכלען. דער רעבע רעב באָכערל, זאָל האָבן א ליכטיקן גאַניידן, איז אַף א ווײַלינקע אַרויסגעגאַנגען צוליב

זײַנע באַדערפֿענישן אין דרויסן. נעמט הערשעלע און פֿאַרכאַפּט אַף אַ ווײַלעטשקע רעב באַ־רעכלס שטול. אַזוי ווי ער זיצט, פֿאַלט אַרײַן אַ ייִדענע אַן אָקאָרע און מיט אַ געוויין — הימל עפֿן זיך: רעבע, העלפֿט...

מ א ט ע ש. איך האָב די מײַסע שוין...

כ ע ו ו ע ד. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך?

מ א ט ע ש. יאָ, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. (לייענט ווײַטער.) איך, סעם בען גערטרודע און מײַן ווײַב...

כ ע ו ו ע ד. גאָט מײַנער, נו לאָזט צורו די שײמעס. אַ גערעטעניש האיאַר אַף קוויטלעך. מע האָט נאָך ניט אַרײַנגעלאָזט דעם קאַמבײַן אין ווייץ, און מע שרײַבט אים שוין קוויטלעך. איר ווייסט, וויפֿל מיר האָבן נאָך צו עלעל? (פֿאַרגייט זיך ווידער פֿון געלעכטער.) אײַ, איז עס געווען אַ הערשעלע! אָט דאָס איז געווען אַ קריטיקע מיט אַ סאַמאָקריטיקע. ער וואָלט איצט אויך ניט געזעסן אָן אַרבעט. כ׳מיין, אַז אין לענינגראַד וואָלט ער אויך געהאַט וואָס צו טאָן, צי באַ אײַך זײַנען שוין דאָרט אַלע צאַדיקים און צידקאָניעס? רעב מאַטוויי אַרנאָלדיעוויטש, די זון שטייט ניט, און מיר האָבן נאָך צו גיין און צו גיין. איך דאַרף אײַך נאָך ווײַזן די פֿע־סטונג. אַ שאָד נאַר, וואָס די פֿײַערלעשער דראַפּען זיך הײַנט ניט אַפֿן לייטער. און דעם פּאַרק, און די קאַלבאַסנע, און וואָס נאָך האָב איך אײַך צו ווײַזן?

מ א ט ע ש. איך מיין, אַז מירן די עקסקורסיע אָפּלייגן אַף אַן אַנדערשמאָל. איך פֿאָר נאָך מאָרגן ניט אַוועק און איבערמאָרגן אויך ניט. (נעמט אַרויס דעם טײַסטער.)

כ ע ו ו ע ד. גאָט איז מיט אײַך! איך בין טאַקע אַ בעזפּענסיאָנערקע, און לעמיי, אַ קאַשע עפּעס, זאָל איך לייקענען? אַז די סקורסאַנטן מיט די טוריסטן באַצאָלן מיר פֿאַר מײַן גידעס, זאָג איך זיך ניט אָפּ. איר זענט דאָך אָבער ניט קיין סקורסאַנט, ניט קיין טוריסט, איז אײנמאָל אַוועק. און צווייטנס, וואָס באַטרעפֿט מײַן טירכע אין פֿאַרגלײַך מיט דער מיצווע, וואָס איר גיט צו פֿאַרדינען דעם שטעטל.

מ א ט ע ש. וועגן וואָס פֿאַר אַ מיצווע, אייגנטלעך, רעדט איר?

כ ע ו ו ע ד. אַ קאַשע עפּעס, די כאַסענע... זעט איר אָבער, דאָרט, ווו די רומענער זײַנען אײַנגעשטאַנען, אין אַ מין זשמערינקע, אין אַ שאַרגאָראָד, אין אַ מאַרעפֿע און נאָך אַ פּאָר שטעטלעך, דאָרטן, זאָגט מען, פּראַוועט מען, קיין אײַנהאָרע, שיר ניט יעדן שאַבעסצונאַכטס אַ כאַסענע, און וואָס שײַעך, ווי זאָגט מען עס, זײַנען יענע שטעטלעך נאָך מער שטעטל ווי געוועזן. דאָס נעמט זיך, אַפּאָנעם, פֿון דעם, וואָס די רומענער האָבן בײַס דער מילכאָמע אַנגע־טריבן אַהין זייערע ייִדן. און זייערע ייִדן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, זאָגט מען, אַפֿילע עסרויגים.

מ א ט ע ש. אַזוי גאָר?

כ ע ו ו ע ד. איז וואָס בלײַבט, הייסט עס? מיר לייגן אָפּ די עקסקורסיע אַף נאָך דער כא־סענע? און ווען איז די כאַסענע? טאַקע דעם שאַבעסצונאַכטס, צי... וואָרעם כ׳האָב געהערט ריידן...

מ א ט ע ש. אַז וואָס?

כ ע ו ו ע ד. אַז אײַער מעכוטן, רעב הילעל, קלײַבט זיך זי אָפּלייגן.

מ א ט ע ש. אָפּלייגן? וואָס עפּעס אינמיטנדערינען אָפּלייגן? אַף ווען אָפּלייגן?

כ ע ו ו ע ד. איר פֿרעגט באַ מיר? כ׳ווייס, מיסטאָם ביז מע וועט ניט פֿאַרטרײַבן דעם קעלעוו.

מ א ט ע ש. וועלכן קעלעוו? איר קענט זאָגן מיט אַ מויל?

כ ע ו ו ע ד. אײַער מעכוטן האָט אײַך גאָר ניט דערציילט וועגן דעם פּאַפּיר מיט די כסי־מעס, וואָס מע קלײַבט? נו, אויב אַזוי, פֿאַרשטיי איך שוין גאָרניט. ווען זענט איר אַהער גע־קומען?

מ א ט ע ש. הײַנט אינדערפֿרי.

כ ע ו ו ע ד. און ער האָט אײַך גאָרניט דערציילט?

מ א ט ע ש. הערט נאַר, ייִדענע, איר וועט מיר סאָפּקאָלסאָף זאָגן, וואָס קומט דאָ פֿאָר?!

כ ע ו ו ע ד. יויכעוועד, מײַן ליבער סקורסאַנט, איז אַ גיד אַף גוטע בסורעס. אַף שלעכטע בסורעס איז יויכעוועד קיין גיד ניט. (גייט אַוועק.)

מ א ט ע ש. וואָס פֿאַר אַ קעלעוו, וואָס פֿאַרא מײַסעס? די ייִדענע איז מיר, דוכט זיך, ניט מיט אַלעמען. וואָס הייסט אָפּלייגן די כאַסענע? און וואָס איז עס פֿאַר אַ פּאַפּיר מיט כסי־מעס, וואָס מע קלײַבט? ס׳זאָל געווען עפּעס זײַן, וואָלט מיר דער מעכוטן ניט דערציילט? אַ מאָדנער ייִד איז ער. זיך אײַנגעשפּאַרט, מע זאָל די כאַסענע פּראַוועט נאַר באַ אים, אין מע־דזשיבעזש. מיילע, וועט עס מיך קאָסטן נאָך עטלעכע קערבלעך. ס׳איז דאָך ניט לענינגראַד,

וואָס דער זאָל אַליין האָט אָפּגעקאָסט מער, ווי דאָ וועט קאָסטן די גאַנצע כאַסענע. ניין, אינ־גאַנצן מעשוגע איז זי אָבער ניט, די ייִדענע. עפּעס שטעקט אין דעם. איך זע טאַקע — דער מעכוטן איז מיר עפּעס שטאַרק צעטראָגן. עפּשער איז צו אים דערגאַנגען, אַז די כאַסענע איז שוין געווען און אַז אהער זײַנען מיר געקומען אָפּריכטן די שושן־כאַסענע, ווי סע זאָגט עמאַ־נויִל דאַנילאָוויטש? זאָל זײַן, אַז ער טאַקע אַליין, דער קלעזמער, זאָל עס געווען צעפּויקן? אַ, אײַסעך, מע וועט ווי־ניט־איז דורכקומען. (זעצט פּאָר לייענען די פאַנאַנדערגעלייגטע קוויטלעך, פאַרטראַכט זיך.) עפּשער אויך איבערלאָזן אַ קוויטל? (נעמט אַרויס די פּילפּעדער און שרײַבט צו אַף איינעם פון די צעטעלעך.) איך, מאַטעש, און מײַן ווײַב בעלע און מײַן טאָכטער עסטער און דער איידעם ליבער טוען בעטן דיך, דו זאָלסט... (מורמלט שטיל פאַר זיך און ענדיקט הויך אַף אַ קאָל.) אָמיין. וואָס נאָך, האָט זי געזאָגט, די ייִדענע, טוט מען באַם באַלשעם אַפן קייווער? מע צינדט אָן ליכט און מע דאַוונט. איז ווו זאָל איך איצטער נעמען ליכט? כ'מיין, ער וועט מיר מויכל זײַן, אויב איך וועל ניט שטעלן קיין ליכט. (מישט דאָס סייפּערל.) ווו איז דאָ די טפילע, וואָס מע זאָגט אַפן קייווער פון אַ צאַדיק? אהאַ, אָט איז עס. (מע הערט קימאַט ניט קיין ווערטער, נאָר אַ מין מורמלען.)

מיט שטילע שאַרנדיקע טריט שלײַכט זיך אַרײַן אַ ל ע ק ס יי.

א ל ע ק ס יי (איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם). דאַכט זיך, אַז קיינער האָט מיך ניט באַמערקט. דרײַ טעג געבליבן ביז דער כאַסענע. דרײַ טעג וועל איך נאָך דאַרפן זיך אַזוי אַרומשלעפּן איבער די גערטענער, אין די הינטערהויפן. פון אַלעמען זיך אויסבאַהאַלטן. אַ פּאַפּיר קלײַבן זיי זיך אָנגעבן אַף מיר אין מיליציע, מע זאָל מיך ניט צושרײַבן. קלײַבט אונטערשריפטן! קלײַבט! עך, אָט דער הילקע! גיי ריכט זיך, אַז ער דעכעט נאָך. איך האָב פאַר דיר קיין מוירע ניט, ניטאָ קיין איידעס! (דערהערט מאַטעשעס מורמלענדיק געזאַנג, וואָס האָט מיטאַמאָל פון־סנײַ אויסגעבראָכן.) מע מאָליעט זיך שוין ווידער. מאָליעט זיך, מאָליעט זיך. ער האָט אײַך טאַקע אַ סאַך געהאָלפן, אײַער באַלשעם. (לאָזט זיך גיין און בלײַבט פּלוצעם ווי צוגעשמידט צום אָרט.) באַטיאַ, דו? זדראַווואָ, פרענקעל! וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר? האָסט מיך שוין ניט דערקענט?

מ א ט ע ש (קוקט זיך דערשראָקן אַרום). ווי קומסטו אהער?

א ל ע ק ס יי. אָט האָסטו דיר! איך בין דאָך אַ היגער. פונוואַנען האָסטו זיך גענומען? (גייט אַרויף אַפן בעסאַלמען.) אָט דאָס איז אַ באַגעגעניש! וויפל האָבן מיר זיך מיט דיר, באַטיאַ, ניט געזען?

מ א ט ע ש. שטילער.

א ל ע ק ס יי. וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? ווען האָט מען דיך באַפרײַט?

מ א ט ע ש. שוין לאַנג.

א ל ע ק ס יי. און איך בין אָפּגעזעסן פון גלעקל ביז גלעקל, דעם גאַנצן סראָק. איז ווי קומסטו אהער? וווינסט אויך דאָ?

מ א ט ע ש. ניין. איך וווין אין לענינגראַד.

א ל ע ק ס יי. אין לענינגראַד? וואַרט. דאָס האָט עפּשער דײַן טאָכטער כאַסענע פאַר אונד־זער גילייראָוויטשעס באָכער?

מ א ט ע ש. שטילער. איך בעט דיך, זאָג קיינעם ניט, אַז מיר קענען זיך. דאָ דאַרף עס קיינער ניט וויסן.

א ל ע ק ס יי. האַרנאָ, ניט איז ניט. (לאָזט זיך גיין, שטעלט זיך אָבער באַלד אָפּ.) גע־דענקסט, באַטיאַ, דעם מאָלדאַוואַנער פון אונדזער בריגאַדע, וואָס האָט געקענט די ביבליע אַף אויסוווייניק, ווי אַ ראַבין, גערענקסט? באַלד עפּעס, פלעגט ער זאָגן: אין טאַכאַס איִן. אָן אויג, הייסט עס, פאַר אַן אויג. טאַק אָט, באַטיאַ. קיינער וועט ניט וויסן, ווער דו ביסט און וואָס דו ביסט, אָבער איין זאַך: רייד זיך דורך מיט דײַן מעכוטן, ער זאָל מיך לאָזן צורו. און דעם פּאַפּיר זאָל מען ניט אָנגעבן אין מיליציע. זיי קלײַבן אונטערשריפטן.

מ א ט ע ש. גוט, גוט, איך וועל זיך מיט אים דורכריידן. נאָר גיי אַוועק.

א ל ע ק ס יי. מיין ניט, באַטיאַ, אַז וועסט מיך אָפּנאַרן. אין טאַכאַס איִן.

מ א ט ע ש (אויפגערעגט). „אין טאַכאַס איִן, אין טאַכאַס איִן"... וואָס שרעקסטו מיך? דער מעכוטן מײַנער ווייסט, אַז איך בין געזעסן.

א ל ע ק ס יי. און ער ווייסט אויך, פאַר וואָס דו ביסט געזעסן? און אַז דו ביסט געווען דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליציי אין געטאָ און אונדז געהאָלפן אַרײַנטרײַבן די ייִדן אין די וואַגאָנען...

מאטעש. איך האָב ניט געוווּסט, ווּהין מע פירט זיי.

אלעקסיי. האָסט ניט געוווּסט? און ווּהין טוט מען אהין די קינדער, האָסטו אויך ניט געוווּסט? עפּשער דערמאָנען דיר, ווי דו ביסט אומגעגאַנגען מיט מיר איבער דער געטאָ און געהאָלפן זוכן די אויסבאַהאַלטענע קינדער? צי עפּשער ווילסטו, איך זאָל דיר דערמאָנען.

עס קומט אָן הילעל. אלעקסיי לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און גייט האַסטיק אוועק.

הילעל. וואָס האָט דאָ געטאָן דער רוויצייער, יימאַך שמוי וזיכרוי?

מאטעש. וועגן וועמען פרעגט איר עס, מעכוטן?

הילעל. וועגן אליאָשקען.

מאטעש. אליאָשקע? וואָס פאַר אן אליאָשקע? אַך, אָט דער, וואָס איז נאָרוואָס פונדאנען אוועק? כ׳זאָל אזוי וויסן פון אים. געבעטן בא מיר פארייכערן.

הילעל. און איר האָט אים געגעבן?

מאטעש. איך רייכער דאָך ניט.

הילעל. ער איז איין כיירעם, און דער, וואָס ווייסט עס און וועט האָבן מיטן גאזלען וועלכע־ניט־איז מאגע־מאסע, שטייט איך זייַנע דאַלעדאמעס, איז אף דעם פאַלט אויך די קלאָלע פון כיירעם.

מאטעש. ווי האָט איר עס מיך גלייַך ניט געוואָרנט? כעווועד, דער גיד אייַערער, האָט מיר יאָ עפּעס אָנגעהויבן דערציילן, נאָר אַלץ אזוי פארשטעלט, מיט א האַלב מויל. כ׳ווייס, עפּעס א פאפיר, זאָגט זי, כסימעס, מיליציע. גיי שטויס זיך אָן. איצט פארשטיי איך. דאָס איז אף אים, הייסט עס, קלייַבט איר זיך אָנגעבן א פאפיר אין מיליציע, מע זאָל אים ניט צושרייַבן. און ווי איז בא אים מיקויעך דעם פאס, כ׳מיין, וואָס פאַר א פאס האָט ער?

הילעל. דאָס איז דאָך עס, וואָס ער האָט א ריינעם פאס.

מאטעש. אויב אזוי, וועט אייַך די מיליציע מיט גאָרניט העלפן. ניטאָ אזא דין, מע זאָל אים ניט צושרייַבן. אומזיסט די גאנצע טירכע, און וויבאַלד ער איז נאָך אזא מין גאזלען, ווי איר זאָגט, איז גלייַכער זיך מיט אים ביכלאַל ניט פארפירן. פאָלגט מיך, מעכוטן.

הילעל. איז וואָס, עפּשער שווייַגן? ווי קאָן מען עס שווייַגן? ווי קאָן מען דערלאָזן, אז די מערדער זאָלן זיך אומקערן צוריק אהין, ווו זיי האָבן געשאָכטן?

מאטעש. ס׳וועט דאָך אייַך אַלציינס גאָרניט העלפן. ניטאָ אזא דין.

הילעל. איז זאָל מען ארויסגעבן אזא דין. אויב ניט דאָ, וועלן מיר דעם פאפיר מיט די כסימעס אוועקשיקן קיין מאָסקווע. נאָר שווייַגן וועלן מיר ניט.

מאטעש. דאָס, זעט איר, איז שוין גראָד עפּעס אנדערש. איך אף אייַער אָרט וואָלט גאָר אין דער היגער מיליציע ניט געגאנגען. איך וואָלט לעכאַטכילע אָפּגעשיקט דעם פאפיר גלייַך קיין מאָסקווע, וואָרעם דאָ, זאָג איך אייַך אפריער, וועט עס גאָרניט געבן. פאָלגט מיך. (שאַרט אומבאַמערקט אראָפּ פון דער מאציוועס די קוויטלעך.) ווו זייַנען עס די קינדער?

הילעל. שפּאצירן ארום איבערן שטעטל. איך זאָל ניט פארגעסן. רעב מאנוס איז נאָר־וואָס געקומען פון לעטיטשעוו. ער דארף אייַך, זאָגט ער, נייטיק זען. דאָס בין איך אייַך טאקע, אייגנטלעך, געגאנגען זוכן.

מאטעש. ס׳הייבט זיך שוין אָן.

הילעל. וואָס הייבט זיך אָן?

מאטעש. אייַערע לעטיטשעווער הינקעדיקע קלעזמער בעטן שוין מיסטאמע א נאָד־באווקע.

הילעל. זאָגט עס ניט, מעכוטן. אונדזער אוילעם איז דאָ אזא: קאָלזמאן מע דינגט זיך, דינגט מען זיך, נאָר איז מען דורכגעקומען, מעג נאָכדעם דונערן און בליצן. א וואָרט איז א וואָרט. רעב מאנוס איז געקומען גאָר וועגן עפּעס אנדערש. מיקויעך דאָווידקען איז ער געקומען.

מאטעש. מיקויעך וועלכן דאָווידקען?

הילעל. מיקויעך באָרעך דעם פאָטאָגראַפס אייניקל. אָן דאָווידקען, זאָגט אייַער מאנוס, קאָן ער זיך ניט באגיין. א כאסענע אָן אן אקאָרדעאָן, הייַנטיקע צייַטן, איז, זאָגט ער, פּונקט ווי אמאָל א קאפעליע אָן א פידל.

מאטעש. וויבאַלד עמאנויל דאנילאָוויטש זאָגט, איז ווייסט ער, וואָס ער זאָגט. איר מעגט מיר גלייבן, ס׳האָט מיך געגוג אָפּגעקאָסט אים אראָפּבערענגען אהער. איז קומט. מירן נעמען מאנוסן און גיין צו אייַער פאָטאָגראַף.

הילעל. איך סאָפּעק זיך נאָר, צי וועט ער אים אָפּלאָזן, דאָווידקען. פאָרט א קינד.

מאטעש. נייַן? איז זאָלן אייַערע לעטיטשעווער קומען אהער. מיילע, איז נאָך א הונ־דערטער. (ביידע גייען אוועק.)

האלטנדיק זיך פאר די הענט, קומען אָן פון דער אנדערער זײַט ל י ב ע ר און ע ס ט ע ר.

ל י ב ע ר. איך האָב דיך נאָך ניט פארמאטערט, עסטערקע? זאָג, ביסט צופרידן, וואָס מיר זיינען געקומען אהער?

ע ס ט ע ר. זייער. איך בין דאָך נאָך קיינמאָל ניט געווען אין קיין שטעטל. זע, מילאַנ־טשיק, ווי שיין ס׳פארגייט דאָ די זון. דער הימל איז איצט דאָ אזא, ווי מע וואָלט אף אים געקוקט דורך א קאָלירטן גלאָז. איך וואָלט אזוי געשטאנען און געקוקט און געקוקט. מירן יעדן זומער קומען אהער צו פאָרן. יאָ, מילאַן?

ל י ב ע ר. יאָ, עסטערל, יעדן זומער. דער טאטע מײַנער...

ע ס ט ע ר. פארוואָס איז דער טאטע דײַנער עפּעס אזוי פארזארגט?

ל י ב ע ר. דו מיינסט אזוי? ער איז פּאָשעט מיד. דאָס גאנצע שטעטל איז דאָך פארבעטן אף אונדזער כאסענע, און פונעם קאָלווירט האָט מען אויך אײַנגעלאָדן א סאך מענטשן.

ע ס ט ע ר. צוליב וואָס?

ל י ב ע ר. אזוי איז שוין בא אונדז אײַנגעפירט. מע דינגט אָפּ דעם זאָל פון שפּײַז־קאָמ־בינאט און מע פארבעט דאָס גאנצע שטעטל. שטעלסט זיך פאָר, וויפל דײַגעס עס האָט געהאט דער טאטע? און ער איז שוין, ווי דו ווייסט, ניט קיין יונגיטשקער. כ׳האָב אזוי ליב מײַן טאטע־מאמע, אזוי ליב, אז כ׳וויס אליין ניט וויאזוי.

ע ס ט ע ר. און מיך?

ל י ב ע ר. דיך? (נעמט זי שטײַף ארום.) אָט ווי איך האָב דיך ליב.

ע ס ט ע ר. מילאַנטשיק, וועסט דאָך מיך באלד דערשטיקן.

ל י ב ע ר. ליבע עסטערל.

ע ס ט ע ר. ליבער ליבער. (לאכט.)

ל י ב ע ר. וואָס לאכסטו?

ע ס ט ע ר. ליבער ליבער. ס׳באקומט זיך ניט. און ליבער מילאַנטשיק באקומט זיך. דײַנע זײַנען ניט בארויגעז, וואָס איך האָב דיר איבערגעמאכט דעם נאָמען פון ליבער אף מילאַן? פארוואָס האָט דײַן טאטע געוואָלט, זאָלסט מיך פירן אהער?

ל י ב ע ר. אמאָל־אמאָל, דערציילט דער טאטע, פלעגן כאָסן־קאלע פאר דער כאסענע...

ע ס ט ע ר. בא אונדז איז דאָך שוין אָבער איין מאָל געווען די כאסענע.

ל י ב ע ר (קוקט זיך ארום) ש־ש־ש־ש... קיינער טאָר דאָ דערווײַל וועגן דעם ניט וויסן.

ע ס ט ע ר. בא דיר זײַנען, אפּאָנעם, אלטמאָדישע עלטערן.

ל י ב ע ר. זיי זײַנען זייער גוטע מענטשן. כ׳האָב זיי זייער ליב, און דו וועסט זיי ליב האָבן.

ע ס ט ע ר. און איך וועל זיי רופן טאטע־מאמע. כ׳וויל, זאָלסט מײַנע עלטערן אויך רופן טאטע־מאמע.

ל י ב ע ר. גוט, עסטערל. אָך, סארא שאָד, וואָס די מאמע דײַנע איז ניט געקומען.

ע ס ט ע ר. דו ווייסט דאָך, ווי האָט זי געקאָנט פאָרן נאָך אזא שווערן הארצשלאָג. זאָג מיר נאָר — באלשעם איז אזא פאמיליע?

ל י ב ע ר. ניין, עסטערל. ס׳איז ניט קיין פאמיליע. באלשעמטאָוו הייסט א מענטש, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער א גוטן נאָמען. דער עמעסער נאָמען זײַנער איז גאָר יסראָעל. ווייסט, וויפל יאָר ס׳איז שוין אוועק, זינט ער איז געשטאָרבן? צוויי הונדערט יאָר, אויב ניט מער, און מע האָט אים ניט פארגעסן. אזוינס דארף מען פארדינען.

ע ס ט ע ר. און מיט וואָס האָט ער עס פארדינט?

ל י ב ע ר. מיט גוטסקײַט, מיט ליבע צו מענטשן. מע דערציילט, אז א צײַט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באזעצט בא אונדז אין מעדזשיבעזש, פלעגט ער ארומגיין איבער די דערפער און שטעטלעך און היילן קראנקע מיט קרײַטעכצער, מיט א גוט וואָרט, און דערמיט זיך פאר־דינט דעם נאָמען באלשעמטאָוו, און ניט נאָר בא די יידן.

ע ס ט ע ר. ער איז דאָך אָבער געווען א רעליגיעזער.

ל י ב ע ר. אוודע איז ער געווען א רעליגיעזער. אָבער דאָס איז דאָך געווען מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. זײַנע כסידים...

ע ס ט ע ר. און וואָס הייסט א כאָסיד?

ל י ב ע ר. א כאָסיד? וועסט פרעגן דעם טאטן מײַנעם. דער טאטע ווייסט א סאך מײַסעס וועגן אים, קען א סאך זײַנע ניגונים.

ע ס ט ע ר. ניגונים, און וואָס איז אזוינס ניגונים?

ל י ב ע ר. מעלאָדיעס. בא אים זײַנען אזעלכע הארציקע ניגונים.

ע ס ט ע ר. און דו קענסט זיי?
ל י ב ע ר. אָט די, וועלכע דער טאטע מײַנער זינגט בא דער ארבעט.
ע ס ט ע ר. איז זינג מיר עפּעס אויס.
ל י ב ע ר. אפן בעסאלמען?
ע ס ט ע ר. בא טשײַקאָווסקין אפן קיוועזר זינגט מען דען ניט זײַנע ראָמאנסן?
ל י ב ע ר. איז וואָס זאָל איך דיר זינגען?

זיי לאָזן זיך ביידע אראָפּ אפן גראָז בא דער האלב־אײַנגעפאלענער בעסאלמען־וואנט, און ליבער פארציט שטיל א ניגן אָן ווערטער.

ע ס ט ע ר. עפּעס זייער א קענטלעכער מאָטיוו. ווו האָב איך אים געהערט?

ליבער זעצט פאָר זינגען. עסטער העלפט אים ניט זיכער אונטער, מיטאמאָל דערמאָנט זי זיך און זינגט שוין מיט ווערטער אן אוקראַיִנישע ליד, וואָס איז זייער ענלעך אפן ניגן, וועלכן עס זינגט ליבער.

פ אָ ר ה א נ ג.

דאָס פינפטע בילד

אף אן ארומגעצאמט בערגל, באם ארײַנגאנג אין א געדיכטן סאָסנע־וואלד, שטייט א מאר־מאָרנער דענקמאָל די אומגעקומענע ייִדן. אנטקעגן דעם דענקמאָל זיצן אף צוויי נידעריקע שטאמען ה י ל ע ל און נ א ט א ל י ע פ ע ט ר אָ ו ו נ ע.

ה י ל ע ל. דאָס גאנץ שטעטל אונדזערס, הייסט עס...

נ א ט א ל י ע. וועגן שטעטל איז דאָך אָפּגערעדט. איך דערצייל אײַך וועגן די קאָלווירט־ניקעס. זיי האָבן זיך קימאט אלע אונטערגעשריבן.

ה י ל ע ל. איז וואָס, זאָגט איר, האָט ער אײַך דערוף געענטפערט, דער נאטשאלניק מי־ליציע?

נ א ט א ל י ע. הערט זשע. גענומען די מעלדונג, האָט ער זי דורכגעלייענט און גאָרניט. שווײַגט. איך רייד, און ער שווײַגט. איך זע, ער הערט מיך ניט, וויל איך זיך אופהייבן און גיין. לאָזט ער ניט. מיט איין וואָרט, ער האָט מיך ארײַנגעזעצט צו זיך אין דער מאשין, און מיר זײַנען מיט אים געקומען צו פאָרן אהער. עפּשער א שאָ אפן זייגער איז ער, ווי א סאָלדאט אף דער וואך, אָפּגעשטאנען אָט אָ־דאָ, באם דענקמאָל, געשטאנען און געשוויגן. ערשט צוריקוועגס רופט ער זיך צו מיר אָן: „מעדזשיבעזש איז ניט מאָסקווע, ניט לענינגראד, ניט קיִעוו, אין מעדזשיבעזש שרײַבן מיר צו יעדן איינעם. אײַער ברודער, ווי איר ווײַזט אָן אין דער מעלדונג, האָט א פאספּאָרט, און מיט א פאספּאָרט מוז מען צושרײַבן. מע מוז, נאָר מיר וועלן אים ניט צושרײַבן. אײַ איך האָב דערוף עפּשער קיין רעכט ניט, נאָר איך נעם עס אף זיך. גיט איבער אײַער ברודער, ער זאָל גלײַך קומען“.

ה י ל ע ל. נו, איז ער שוין געווען?

נ א ט א ל י ע. נאָך נעכטן אין אָוונט. אוי, גילִיאראָוויטש, איז דאָס א טרוס! איז דאָס א טרוס!

ה י ל ע ל. אליאָשקע?

נ א ט א ל י ע. אלע אויסוווּרפן זײַנען טרוסן, שרעקלעכע טרוסן. איר האָט אים געדארפט זען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מיליציע. דאָרט, דארף מען זיך פאָרשטעלן, האָט ער ניט געשריִען: „קיינער קאָן מיר ניט אָנווײַזן, ווו זיך צו באזעצן. ווו איך וויל, דאָרט וועל איך וווינען“. יאראָסלאוו ניקאָלײַעוויטש, דער נאטשאלניק פון מיליציע, האָט אים געגעבן אכט און פערציק שאָ. איבערמאָרגן אין דער צײַט וועט זײַן געביין שוין דאָ ניט זײַן, און איר קענט רויִק פראווען די כאסענע.

ה י ל ע ל. די כאסענע? ס'איז דערווײַל אויס כאסענע, נאטאליע פעטראָוונע.

נ א ט א ל י ע. וואָס רעדט איר, גילִיאראָוויטש? איר גלייבט, וואָס דער אויסוווּרף האָט אָנגערעדט אף אײַער מעכוטן? אליאָשקע האָט פּאָשעט געוואָלט פארשטערן אײַך די פרייד, האָט ער אויסגעטראכט, אז אײַער מעכוטן איז געווען ערגעץ אין א געטאָ א נאטשאלניק פון דער פּאָליציע און דערפאר האָט מען אים נאָך דער מילכאָמע ארײַנגעזעצט און ער איז געזעסן מיט ליאָש־קען אין איין רעזשימנעם לאגער. געפונען טאקע וועמען צו גלייבן. איר פארשטייט דען אליין ניט, אז דאָס האָט ער אלץ אויסגעטראכט, קעדיי זיך אָפּרעכענען מיט אײַך פאר דער מעלדונג,

וואָס מיר האָבן אָף אים אָנגעגעבן. מיט מיר, זאָגט ער, וועט ער זיך באַזונדער אָפּרעכענען. געפֿונען וועמען צו גלייבן!

ה י ל ע ל. און אויב ס׳איז עמעס? און אויב ס׳איז עמעס, וואָס אליאָשקע האָט אָנגעדער־ציילט וועגן מײַן מעכוטן? אלע טויטן זיינען דאָך דעמלט פֿאַר אים וויינִיק! דער מעכוטן מײַ־נער, דערציילט אליאָשקע, פֿלעגט העלפֿן די דײַטשן זוכן די אויסבאַהאַלטענע קינדער און אַז אַ מאַמע פֿלעגט זיך אײַנשטעלן פֿאַר איר אייפֿעלע, האָט ער זי מיט אַ שטעקן...

נ אַ ט אַ ל י ע. און איר גלייבט? קאָן דען אַזעלכעס געמאָלט זײַן? אײַער מעכוטן איז דאָך, דאַכט זיך, אויך אַ ייִד.

ה י ל ע ל. און אַז אַ ייִד? פֿון דעם אליין, וואָס ער איז אַ ייִד, איז גאָרניט געדרונגען. איך בין אויך אַ שטיקל צײַט געווען אין געטאָ, ווייס איך, וואָס איז אַזוינס אַ ייִדישער פּאָליציִאַנט, ביפּראַט נאָך אַ נאַטשאַלניק פֿון פּאָליציי. ס׳איז נאָך ניט באַשאַפֿן געוואָרן די שטראָף פֿאַר די דאָזיקע ברוִים, יִמאַך שמאָם וועזיכראָם זאָלן זיי ווערן, וואָוועקי וועקאָוו.

נ אַ ט אַ ל י ע. כ׳האָב אָבער געהערט זאָגן, אַז אײַער מעכוטן איז בייס דער מילכאָמע גאָר געווען אַ פּאַרטיזאַנער. און אַז געזעסן איז ער גאָר פֿאַר עפּעס אַנדערש.

ה י ל ע ל. מעגלעך. אַלציינס. ביזוואַנען איך וועל ניט דערגיין דעם עמעס, וועל איך זיך מיט אים ניט מעשאַדעך זײַן. אויב נאָר ס׳איז עמעס, וועל איך אליין אָנשרײַבן קיין לענינגראַד, מע זאָל מאַטעשן אַרויסיאָגן פֿון דאָרטן. מיט וואָס איז ער דעמלט בעסער פֿון ליאָשקען? אויב איר ווילט וויסן, איז ער ערגער. ערגער! כײַעס, נאַטאַליע פּעטראָוונע, דאַרף מען האַלטן דער־ווײַטערט פֿון מענטשן.

נ אַ ט אַ ל י ע. ווי קאָנט איר צוגלײַכן אײַער מעכוטן צו ליאָשקען? נו זאָל זײַן, אַז ער האָט טאַקע געדינט אין דער ייִדישער פּאָליציי. איז וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אויב די דײַטשן האָבן אים געצווּנגען?

ה י ל ע ל. געצווּנגען? פֿאַרוואָס אָבער האָבן די דײַטשן אויסגעקליבן גראָד מאַטעשן און ניט קיין אַנדערן? זאָרגט ניט, זיי האָבן געוווּסט וועמען צו מאַכן פֿאַר אַ סטאַראָסטע און וועמען צו מאַכן פֿאַר אַ פּאָרזיצער פֿון יודענראַט, פֿאַר אַ נאַטשאַלניק פֿון דער פּאָליציי.

נ אַ ט אַ ל י ע. און פֿונדעסטוועגן זײַנען צווישן די סטאַראָסטעס געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געטאָן קיין בייז.

ה י ל ע ל. איז עפּשער אין זכוס פֿון די זיבעציק לײַטישע סטאַראָסטעס זאָל איך מויכל זײַן אליאָשקען? צי עפּשער זאָל איך אין זכוס פֿון די זיבעציק צאַדיקים, פֿון די זיבעציק לײַ־טישע ייִדישע פּאָליציִאַנטן מויכל זײַן די רעשאָיִם דאָס בייז, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט זייערע ברידער אין געטאָ?

נ אַ ט אַ ל י ע. איר פֿאַרגעסט, גיליאַראָוויטש, אַז די ייִדישע פּאָליציִאַנטן האָבן געהאַט דעם זעלבן סאָף, וואָס אלע ייִדן.

ה י ל ע ל. איז דערפֿאַר דאַרף איך זיי מויכל זײַן דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן באַם לעבן? און ווען ליאָשקען זאָל מען געווען פֿאַרמישפּעטן צום טויט, וואָלט פֿון דעם קלע־נער געוואָרן זײַן שולד? ניטאָ, נאַטאַליע פּעטראָוונע, די שטראָף פֿאַר אַזעלכע ווי ליאָשקע און מאַטעש. דער געריכט איבער זיי האָט זיך נאָך ניט געענדיקט און וועט זיך קיינמאָל ניט ענ־דיקן. קיינמאָל!

נ אַ ט אַ ל י ע. איך האָב אײַך ניט געוואָלט זאָגן. אליאָשקע האָט הײַנט אַ גאַנצן פֿרימאָרגן געקליבן זיך גיין צו אײַך. איך האָב אים אָבער ניט געלאָזט.

ה י ל ע ל. צו מיר? האַ? וואַרט, וואַרט. באַלד דאַרף קומען אַהער מײַן מעכוטן. איז עפּשער, האַ? עפּשער... גוט. זאָל ער קומען, אליאָשקע. זאָגט אים נאָר, ער זאָל זיך ניט דערנענטערן מער ווי אָף פֿיר שפּאַן. זאָל ער זיך ערגעץ דאָ אויסבאַהאַלטן אין וואַלד הינטער אַ בוים, ביז מירן אים ניט רופֿן.

נ אַ ט אַ ל י ע. אַהער וועט ער ניט קומען.

ה י ל ע ל. אויב ער וועט באַלד אַהער ניט קומען, זאָלט איר אים זאָגן, הייסט עס, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעדערציילט, איז אַ ליגן.

נ אַ ט אַ ל י ע. וואָדען, ניט קיין ליגן? זיכער אַ ליגן. אָט וועט איר זען. (גייט אוועק.)

ה י ל ע ל. און אויב ס׳איז אַן עמעס? און אויב ס׳איז דאָך אַן עמעס? פֿאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי פֿאַרלוירן, ווען איך האָב אים געטראָפֿן שטיין מיט ליאָשקען בא דעם באַלשעמס קיוווער?

עס קומט אָן י ו י נ ע מיט אַן אָנגעפּאַקט טאַלעס־זעקל אונטערן אָרעם.

ה י ל ע ל. געבראַכט?

יוינע. געבראכט.

הילעל. אלץ?

יוינע. דאכט מיר, אז אלץ.

הילעל (קוקט זיך אײַן אין דער ווײַט). עפּעס זעט מען זיי ניט גיין.

יוינע. זיי וועלן באלד אלע זײַן. אײַער שיפרע אויך.

הילעל. שיפרע? כ׳האָב דאָך אײַך געבעטן, רעב יוינע, עס זאָל דערווײַל בלײַבן א סאָד.

יוינע. און ווּעמען האָב איך עס, כאָלילע, צעפּויקט? א מענטשן, רעב הילעל, וואָס איז געווען אף דער מילכאָמע, דארף מען, דאכט זיך, ניט לערנען ווי צו האלטן א סאָד.

הילעל. איז פונוואנען פאָרט האָט זיך שיפרע עס דערוווּסט?

יוינע. זי האָט זיך, זאָג איך אײַך, גאָרנישט ניט דערוווּסט. בײַשער וואָס, אז איך בין ארײַן צו אײַך אין שטוב און גענומען אלץ צונויפּפּאקעווען, האָב איך איר דאָך געמוזט זאָגן, וווּהין פארנעם איך עס אלץ.

הילעל. טראכט מען עפּעס צו.

יוינע. זאָלט איר מיר לאנג לעבן. וואָדען, כ׳האָב ניט צוגעטראכט. איך האָב איר איבערדערציילט די זעלבע מײַסע, וואָס דעם מעכוטן אײַערן, אז אזוי און אזוי, אז בא אונדז, מעדזשיבעזשער כסידים, איז פון קאדמוינים אָן קלוימערשט אײַנגעפירט, אז צוויי־דרײַ טעג פאר דער כאסענע פירט מען כאָסן־קאלע בענטשן. זאָגט מיר אײַער שיפרע: „נו, און איך ווו בין? וואָס בין איך מײַן ליבערקען, כאָלילע, קיין מאמע ניט?“

הילעל. מיילע. נו און ער וואָס האָט געזאָגט?

יוינע. דער מעכוטן אײַערער? א טרוקענער נעפּעש. יאָ בענטשן, ניט בענטשן. ס׳איז אים, זאָגט ער, נאָר פריקרע, וואָס עפּעס אפן הייליקן אָרט, ווו די קאָרבאָנעס ליגן?

הילעל. נו?

יוינע. האָב איך אים דערוף געענטפערט, אז אזוי איז אײַער ווילן, און אן עלטערן מענטשן מוז מען נאָכגעבן. אָט, זאָג איך, האָט איר אים דאָך נאָכגעגעבן, געקומען פון לענינגראד פראווען די כאסענע אהער.

הילעל. יענער וועט אויך באלד קומען.

יוינע. ווער?

הילעל. ער, יימאך שמוי וועזיכרוי זאָל ער ווערן.

יוינע. אליאָשקע?

הילעל. ער וועט זיך דאָ אויסבאהאלטן הינטער א בוים, ביז מירן נאָך אים ניט שיקן. איך וועל אײַך געבן א צייכן, ווען אים א רוף טאָן (נעמט ארויס דאָס נאָזטיכל און באווײַזט.)

יוינע. און איר גלייבט, אז ער וועט קומען, דער גאזלען?

עס דערהערן זיך אין דער נאָענט שטימען.

הילעל. זיי גייען.

עס קומען אָן שיפרע, מאטעש, עסטער און ליבער. עסטער האלט אין די הענט פעלד־בלומען.

שיפרע (טוט א פאל מיט א געוויין צום דענקמאָל). אוי, טאטע, מאמע מײַנע טרײַע! מײַנע ליבינקע שוועסטערלעך!

עסטער (לייגט אוועק באם צופוסנס פונעם דענקמאָל די בלומען, כאפּט ארום שיפרען און נעמט זי בארויקן, שלינגענדיק אין זיך די טרערן). נו, מע דארף ניט, מאמע, נו, מע דארף ניט...

הילעל. לאָזט איר זיך אויסקלאָגן. זי האָט גענוג וועמען צו באקלאָגן.

שיפרע (פארהייבט די הענט צום הימל). פארוואָס? טאטע־פאָטער, פארוואָס?

מאטעש. אים פרעגט מען ניט. גענוג, מעכוטענעסטע, גענוג. (הייבט אוף שיפרען פון דער ערד.) איר וועט מיט אײַער וויינען זיי שוין צוריק לעבעדיק ניט מאכן. איר זײַט בא אים ניט קיין באסיעכידע.

הילעל. די צאָרעס פונעם קלאל איז א האלבע טרייסט פארן יאָכיד, ווילט איר זאָגן. ניין, מאטוויי ארנאָלדאָוויטש, ניין! פון דעם, וואָס דאָ אין דער גרוב ליגט אויסגעשאָכטן קימאט דאָס גאנץ שטעטל, און זי, שיפרע, איז, ווי איך, פארבליבן איינינקע אליין פון א גאנצער מישפּאָכע, איז איר... ניין, צאָרעס ראבים איז פאר דעם יאָכיד קיין טרייסט ניט.

מאטעש. איך זאָג דען? נאָר וואָס האָט מען געקאָנט מאכן, אז ס׳איז געווען א גזאר. דער מענטש איז דאָך ניט בא זיך אין די הענט.

ה י ל ע ל. כ׳וויס, כ׳וויס. אדוישעם נאָסן וועאדוישעם לאָקאַך. ער, הייסט עס, האָט געגעבן, און ער האָט צוגענומען. אַף אים, הייסט עס, ווארפט ארוף די שולד פאר אלץ. אַף אים! נו, און ער, פרעג איך, ער, דער מענטש, ער איז וואָס? ריין פון אלעם? ער, דער צעלעם־עלויקים, דער מענטש, איז אין גאָרניט שולדיק? א צאדיק איז ער?! א צאדיק!? ער פילט בלויז אויס דעם ווילן פון זײַן באשעפער? אויב אזוי, איז קוילע, הארגע, שעכט, שענד, ווארף קינדער אין די ברונעמס, פארגעס נאָר דערבײַ ניט זאָגן אדוישעם נאָסן וועאדוישעם לאָקאַך און טרייסטן די לעבעדיקע מיט צאָראס ראבים.

מ א ט ע ש. וואָס איז עס הײַנט מיט אײַך, מעכוטן?

ה י ל ע ל. וואָס זאָל זײַן מיט מיר? גאָרניט. רעב יוינע, גיט מיר, זײַט מויכל, די מענוירע מיט די ליכט. (צינדט אָן די ליכט אין דער מענוירע און שטעלט זי אוועק באם דענקמאָל.)

ע ס ט ע ר (צום פאָטער). טאטע, צו וואָס צינדט מען עס ליכט?

מ א ט ע ש. א מינהעג, אפּאָנעם, אזא בא זיי.

ה י ל ע ל (צו ליבערן). קום אהער נעענטער, מײַן זון. ווּעסט זאָגן קאדעש. דו האָסט, באָרעכהאשעם, נאָך וועמען צו זאָגן קאדעש.

ל י ב ע ר (פארלוירן). טאטע, איך קען דאָך ניט.

י ו י נ ע. זאָג מיר נאָך. (מיט א ניגן און צעצויגן) ייִסגאדאל וועיִסקאדאש שמיי ראבאָ.

ה י ל ע ל. וואַרט צו, רעב יוינע. (צו ליבערן.) כ׳וויס, מײַן קינד, אז דו קענסט ניט און אז קיין וואָרט פון דעם, וואָס יוינע האָט געוואָלט, דו זאָלסט אים נאָכזאָגן, פארשטייסטו ניט. און ווידער ווייס איך, אז דו ביסט ביכלאַל ווײַט פון די אלע זאכן. עפשער...

ל י ב ע ר. טאטע...

ה י ל ע ל (הערט אים ניט). דער באַלשעמטאָוו אונדזערער האָט געהאט געזאָגט, אז א טפילע, אויב זי גייט ניט פון טיפן הארצן, פון דער נעשאָמע ארויס, דערגייט זי אין ערגעץ ניט. זי בלײַבט שטעקן אינמיטן וועג, ווי דאָס געשריי פון א פארבלאָנדזשעטן אין מידבער. וואָס פאר א נעשאָמע, קאָן האָבן א קאדעש, אויב מע פארשטייט ניט, וואָס מע זאָגט, און דערצו, ווען מע האלט נאָך ניט פון דעם. האָבן מיר אָבער נאָך א קאדעש, און דעם קאדעש, מײַן זון, דארף מען דיר שוין ניט טײַטשן. רעב יוינע, גיט מיר, זײַט מויכל, אהערצו דעם סייפער. (יוינע נעמט ארויס פון זעקל א ביכל און דערלאנגט אים.) דאָס איז גאָר דער סידער. (יוינע נעמט ארויס א צווייט ביכל.)

ש י פ ר ע. גיט עס מיר אהער.

ה י ל ע ל. ווידער ניט דאָס! איך האָב אײַך אָנגעזאָגט, איר זאָלט לעמאַנהאשעם מיט זיך פארכאַפּן דעם „גוואלד“. ער איז דאָך בא מיר געלעגן אויבנאָן, ווו אלע ספאָרים.

י ו י נ ע. דעם „סאָוועטיש היימלאנד“ מיינט איר? האָב איך אים אײַך געבראַכט. (נעמט ארויס דעם זשורנאל, בלעטערט אים און דערלאנגט הילעלן.) אָט איז עס.

ה י ל ע ל. (גיט איבער דעם זשורנאל ליבערן). נא, מײַן קינד, און זאָג קאדעש נאָך דײַנע צעשאָסענע ברידער און שוועסטער, זאָג ייִזקער נאָך אונדזער אויסגעשאָכטן שטעטל, נאָך אלע פארשניטענע שטעט און שטעטלעך, ווו דער מערדער איז געוועזן. אָט פונדאנען הייב אָן, אָבער הויך אַף א קאָל, די זײַלן פון דער וועלט זאָלן אופציטערן: „וואלד, וואלד, וואלד“.

א ל ע (זאָגן אים נאָך.) וואלד, וואלד, וואלד.

ה י ל ע ל (העכערט די שטים). גוואלד, גוואלד!! גוואלד!!!

א ל ע. גוואלד! גוואלד! גוואלד!

ל י ב ע ר (שוין גאָר הויך). א וואלד פון שטיינער אַף מענטשנס ביינער.

א ל ע. א וואלד פון שטיינער אַף מענטשנס ביינער.

ל י ב ע ר. א וואלד אָן סאָסנעס...

עס לעשט זיך אויס די שײַן. די צאנקענדיקע ליכט אין דער מענוירע באלײַכטן בלויז דעם דענקמאָל. פון דער הייך דונערט אראָפּ א מעכטיק קאָל, וואָס זינגט אויס די ליד „וואלד, וואלד, וואלד“[1]

ווען עס קומט צו די לעצטע צוויי שורעס, רײַסט זיך איבער דאָס געזאנג, עס צינדט זיך אָן די שײַן, און ליבער זעצט פאָר לייענען מיטן זעלבן נוסעך, וואָס פון אָנפאנג.

ל י ב ע ר. א וואלד שטייט פארגליווערט אַף מענטשנס ביינער
די שטיינער אין הימל ווארפן שטיינער.

---

[1] ווערטער פון ארן ווערגעליס, מוזיק פון שמועל סענדעריי. דער טעקסט פון דער ליד איז געווען פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 12 פארן 1965 יאָר.


Vald... vald... vald vald...
vald vald, vald.. gvald! gvald! gvald!
gvald! gvald! gvald! gvald! A - vald fun štei.ner
af men - čns bej.ner.
Marciale
A vald on sos.nes, a vald on ta.nen. A vald fun xaj.nes, a vald fun
xa.nes. A vald on moxn un on ku - ka.ves, a vald fun Fejges, a vald fun
xa.ves Ni.to kejn fej.gl, ni.to kejn cvi.čers - a vald fun
xaj.ins, a vald fun Ič.es Ni.to kejn krojnen kejnal.te do.ins,
a vald fun Jojnes, a vald fun zo.rexs A vald on groin a.fi.le on so.ves.
Largo
Un.ter di štej.ner li.gn Spi.no.zes.
Moderato
A stein-Ejn-štejn, fun zajn marx un ge.bejn, a štejn fun zajn xejn, fun zajn
jo, fun zajn nejn a štejn! štej ner štej.ner, vos
Largo
tut hir mit zix far.de.kn? A štejn - a šte.tl? Lukov un
Allegro
Lar.nov- štejn štejn Verž.bnix un Sar.nov- štejn
Ef šer geb li bn Pin.čov? Nejn Ef-šer-a zi men fun
Rad.zin? Nejn. Pulav-far-štejnt, Radom-far-štejnt. Lukov. far-
štejnt, Ju - dn rejn!
Largo
Ge.bli bn blojz štaren nis -
ro.fim kojmendlex Ni.to, ni.to šojn di Moj.še.lex,
sloj.me.lex Ni.to, ni.to šojn di Moj.se.lex,
sloj.me.lex
Moderato
Un do.in dem vald,
di štej.ner far vejnt, štej.en ge boj.gn af men.čns ge-
bejn, af men.čns ge.bejn, af men.čns ge.bejn
a tempo
Vald, Vald, vald.. vald vald, vald vald vald
gvald gvald, gvald! gvald! gvald, gvald, gvald, gvald!



א לאַנגע פּאַוזע.

ש י פ ר ע (לאָזט ארויס א טיפן זיפץ). אוי, טאַטע־פאָטער.

ע ס ט ע ר. מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט, מאַמע. (זי נעמט ארום שיפרען. ציטערט, ווי פון קעלט.)

ש י פ ר ע. אָט דאָ זײַנען מיר געשטאַנען. די גוואַלדן, דאָס געוויין פון די קינדער... ווי איז די זון ניט געוואָרן בלינד עס צוצוזען, ווי האָבן זיך עס ניט געשפּאָלטן די הימלען?..

מ א ט ע ש. אויסגעקליבן א טאָג פאר ייזקער, ווען צו זאָגן קאַדעש. ס'איז בא אונדז, דאַכט זיך מיר, א כאַסענע און ניט, כאָלילע, קיין לעוויַיע.

י ו י נ ע. בא אײַך אין לענינגראַד אָף א סימכע דערמאָנט מען ניט די נאָענטע און ליבע? בא אײַך איז דען פאַראַן די שטוב, ווו עס זאָלן ניט זײַן קיין קאָרבאָנעס?

ה י ל ע ל. און איצט, יוינע, זײַט אזוי גוט און גיט מיר דעם טאַלעס. צו מײַן כאַסענע האָט דער שוואָער מײַנער, אָלעוואהאשאָלעם, געלאָזט שרײַבן א סייפערטוירע און זי אַרײַנגעשטעלט אין שולכל. ס'איז איצט אויך פאַראַן ווער סע זאָל שרײַבן, איז אָבער ניטאָ, באָרעכהאשעם, פאַר וועמען צו שרײַבן. אָף יעדן דאַוונער מאַכט, מיסטאַמע, איצט אויס צו עטלעכע סייפערטוירעס.

י ו י נ ע. דאָס איז נאָך פון די קליינע דײַגעס. און די צײַט איז איצט אויך אַן אַנדערע.

ה י ל ע ל. אין מײַן צײַט איז דעם באַלשעמס שולכל געווען דער קאָדשיי־קודאָשים פון שטעטל. איצט איז אונדזער קאָדשיי־קודאָשים אָט אָ־דאָ. (ווײַזט אפן דענקמאָל.) דאָס איז איצט אונדזער הייליקײַט. (ער ציט ארוף אָף זיך דעם טאַלעס און רופט אויס מיט א ניגן.) הייליקע נעשאָמעס פון די פאַרשניטענע אין גרוב, איך, הילעל בען אָשער, רוף אײַך אויף זײַן מײַנע אײדעס, אז איך האָב זיך פאַר אײַך מיט גאָרנישט ניט פאַרזינדיקט, אז מײַנע הענט זײַנען ריין פון האַריגע, פון גזיילע, פון אַלדאָסבייז. ריינע, הייליקע נעשאָמעס, איך, הילעל בען אָשער, און מײַן פלוינעסטע, שיפרע באַס כײַקל, פאַרבעטן אײַך אָף דער כאַסענע פון אונדזער בעניאָכיד ליבער. (צו ליבערן.) זײַ געבענטשט, מײַן קינד. ווו דו זאָלסט זיך ניט קערן און ווו דו זאָלסט זיך ניט ווענדן, זאָל דיר אומעטום נאָכגיין מײַן בראָכע און שײַנען דאָס מאַזל. זאָלסט קיינמאָל ניט וויסן, ניט דו, ניט דײַנע קינדער, ניט דײַנע קינדסקינדער, ניט קיינער אָף דער וועלט פון קיין מילכאָמעס, פון קיין היטלערס, פון קיין געטאָס, עס זאָל זײַן שאָלעם אָף דער וועלט.

ש י פ ר ע. אָמיין.

הילעל טוט אויס דעם טאַלעס און גיט אים איבער מאַטעשן, וועלכער שטעלט זיך אוועק באַם דענקמאָל אָף הילעלס אָרט. הילעל גיט מיטן נאָזטיכל א צייכן יוינען. יוינע גייט אומבאַמערקט ארויס און קערט זיך אינגיכן אום.

מ א ט ע ש (צו הילעלן). וואָס דאַרף איך זאָגן?

ה י ל ע ל. איר האָט דאָך געהערט.

מ א ט ע ש. געהערט איז איין זאַך. איר וועט מיר אָבער א ביסל אונטערזאָגן.

ה י ל ע ל. הייבט אָן פון דעם, פון וואָס איך האָב אָנגעהויבן, פון דער שוווּע: איך, דער און דער, רוף אויף די קדושים זײַן מײַנע אײדעס...

מ א ט ע ש. איך, מאַטעש בען אַריע, רוף אײַך אויף זײַן מײַנע אײדעס, אז איך האָב זיך פאַר אײַך מיט גאָרנישט ניט פאַרזינדיקט, ביז קעגן אײַך איך גאָרניט שולדיק. (פּאַוזע.)

י ו י נ ע (זאָגט אונטער). אז מײַנע הענט זײַנען ריין...

מ א ט ע ש אז מײַנע הענט זײַנען ריין...

י ו י נ ע. פון גזיילע...

מאטעש. פון גזיילע...

יונע. פון רעציכע...

צווישן די ביימער באוויזט זיך אלעקסיי. מאטעש דערזעט אים און לאזט אראפ דעם קאפ.

יונע (כאזערט איבער). פון רעציכע, פון האריגע...

מאטעש שווייגט.

יונע (כאזערט נאך העכער איבער). פון רעציכע, פון האריגע...

שיפרע (דערזעט אלעקסייען). אוי, דער גאזלען! זע, הילעל, דער מערדער!

הילעל. איך זע, שיפרע. (צו מאטעשן.) איר האט, דאכט זיך, געבעטן, מע זאל אייך אונטערזאגן. איז זאגט מיר נאך: מיינע הענט זיינען ריין פון רעציכע, פון האריגע, פון אל־דאסבייז.

מאטעש שווייגט.

הילעל. נו?

עסטער. טאטע?!

שיפרע. וואס זייט איר מיטאמאל אנשוויגן געווארן, מעכותן?

עסטער. טאטע...

ליבער (ווייזט אף אלעקסייען). דאס איז ער, דער פאליציאנט?

שיפרע. ער, זון מיינער, ער!

ליבער גיט זיך אווארף צו אלעקסייען. הילעל פארצאמט אים דעם וועג.

הילעל. שטיי, מיין זון. מע טאר זיך צו אים ניט דערנעענטערן.

שיפרע. זאל ער די רעגע פארנעמען זיך פונדאנען.

יונע. שיפרע טייערע, מע האט נאך אים געשיקט.

שיפרע. ווער?

הילעל. איך. (צו מאטעשן.) איר שווייגט, הא? איז עס, הייסט עס, עמעס? עמעס??

עסטער. וואס איז עמעס?

הילעל. אים, דעם טאטן דיינעם, פרעג.

עסטער. טאטע...

מאטעש. איך בין ניט שולדיק, טאכטער.

יונע. גאט באהיט. געגומען און אויסגעטראכט, נעבעך, אף א מענטשן א בילבל.

הילעל. ווען עמען, רעב יונע, רופט איר מיטן נאמען מענטש?

מאטעש. און איר אף מיין ארט! איר אף מיין ארט וואס וואלט געטאן? איצט זיינען אלע געווארן ריכטער. קיינער וויל ניט שטארבן. דער כאלעף איז געהאנגען איבערן האלדז. אדער, אדער...

יונע. מע האט אייך, הייסט עס, ווילט איר זאגן, געצייט דערצו.

מאטעש. וואדען, איך בין געגאנגען מיטן אייגענעם ווילן?

הילעל. און מיטן אייגענעם ווילן זיינען וויניק געגאנגען?

יונע. פארוואס זיינען די דייטשן עפעס צוגעשטאנען גראדע צו אייך און ניט צו קיין אנדערן?

מאטעש. וואס פרעגט איר בא מיר? זיי האבן מיר אפגעגעבן א באריכט, צי וואס? באפוילן און שויך. וואס האב איך געזאלט טאן? ס'איז ניט געווען קיין אנדער אויסוועג.

הילעל. ווי גאזלענען און הארגענען?

מאטעש. א ליגן! רעכילעס! די יידישע פאליציי האט ניט געגאזלט, קיינעם ניט גע־הארגעט!

יונע. צאדיקים.

מאטעש. צאדיקים ניט צאדיקים, נאר אונדזערע הענט זיינען ריין פון בלוט.

הילעל (גייט הארט צו צו אים). ריין פון בלוט זאגט איר? נו, יא. איר האט בלויז געבונדן די קארבאנעס, געשאכטן האבן דאך אנדערע. איר האט בלויז געהאלפן פארטרייבן די קארבאנעס אין די וואגאנעס, געשטיקט און געברענט האבן דאך אנדערע. איר האט בלויז אפגענומען בא די מוטערס די אויפעלעך, געפלעט זיי די קעפלעך האבן דאך אנדערע. איר האט דאך בלויז...

מאטעש. מיר האָבן ניט געוווּסט, וווּהין מע שיקט אַרויס.

אַלעקסיי. האָסט ניט געוווּסט? און ווער האָט אונדז געהאָלפן זוכן אין געטאָ די אויס־באַהאַלטענע קינדער, ניט דו און דײַנע פּאָליציייער?!

שיפרע. ווײַ געשריִען, איך וועל עס ניט איבערטראָגן. (צו מאַטעשן.) איר זײַט געווען אַ פּאָליציִאַנט?

הילעל. אַ נאַטשאַלניק פֿון פּאָליציע איז ער געווען.

ליבער. איר?

עסטער. דו?

מאטעש. און ווען די פּאָליציי אין געטאָ זאָל געווען זײַן ניט קיין ייִדישע, וואָלט די ייִדן געווען גרינגער? נו, איך בין געווען אין געטאָ אַ נאַטשאַלניק פֿון דער פּאָליציי, אָבער פֿון דער ייִדישער. און מיט אונדז איז דער דײַטש זיך באַגאַנגען ווי מיט אַלע ייִדן. דאָס, וואָס איך בין געבליבן לעבן, איז אַ צופאַל. אַ נעס. איך בין אַנטלאָפן פֿון אונטערן כאַלעף.

הילעל. איז וואָס? זאָל איך עפּשער אין זכות פֿון דעם, וואָס מע האָט אײַך נאָכדעם אויך געטריבן צו דער גרוב, פֿאַרגעבן דאָס בייז?

יוינע. פֿאַרוואָס זײַנען אָבער די דײַטשן צוגעשטאַנען גראַדע צו אײַך?

מאטעש. ווײַל מײַן טאַטע איז ניט געווען קיין שנײַדער און קיין שטריקלדרייער, נו, זײַט איר שוין צופֿרידן?

יוינע. אַז אײַער טאַטע איז ניט געווען קיין שנײַדער און קיין שטריקלדרייער, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן. נאָר ווער זײַט איר געווען, וואָס דער דײַטש האָט זיך געווענדט צו אײַך? פֿון די, וואָס זײַנען אַליין געלאָפֿן זיך אויספּײַנען פֿאַרן דײַטש מיטן ייִכעס?

מאטעש. ווער זײַט איר, וואָס איר פֿרעגט מיך אויס ווי אַן אויספֿאָרשער?

הילעל. ווער? ריכטער איבער אײַך זײַנען מיר.

מאטעש. איבער מיר? די דײַטשן האָבן מיך געטריבן צו דער שכיטע באַגלײַך מיט אַלע ייִדן.

הילעל. איז דערפֿאַר, מיינט איר, זײַט איר בעסער פֿון ליאַשקע פּאָליציִאַנט! (רײַסט אַראָפּ פֿון מאַטעשן דעם טאַלעס און גיט אים יוינען.) נאַט, נאָר לייגט אים ניט אַרײַן צווישן די ספֿאָרים. דער טאַלעס איז פּאָסל. ער איז געווען אָף אַ טומע. (צו מאַטעשן.) אַראָפּ פֿון דער הייליקער ערד! אין כיירעם, ווי אַליאַשקע! זײַן זאָלסטו אייביק נאָוונאַד. ווי אַ הונט זאָלסטו שטיין הינטער דער טיר, און, ווי אַ דורשטיקער אין מידבער, זאָלסטו...

מאטעש. ווילדע מעדזשיבעזשער ברוִים! קום, טאָכטערקע, פֿונדאַנען.

עסטער. אַוועק פֿון מיר! איך בין דיר מער ניט קיין טאָכטער. איין זאַך זאָג מיר נאָר: די מאַמע האָט געוווּסט?

מאטעש. די מאַמע האָט גאָרנישט ניט געוווּסט און ווייסט ניט, און גענוג וועגן דעם. נײַע ריכטער האָבן זיך אָפּגעזוכט. קום, עסטערקע.

עסטער. וואָג ניט צוגיין צו מיר!

אַלעקסיי. נעענטער ווי אָף פֿיר שפּאַן. אָט אַזוי, באַטיאַ. הער אַ גוטן פֿרײַנט. מיר האָבן צוזאַמען מיט דיר געדינט בײַ די דײַטשן, צוזאַמען מיט דיר געזעסן דערפֿאַר אין לאַגער, צוזאַמען האָט מען אונדז דאָ אַרײַנגעלייגט אין כיירעם. איז לאָמיר זיך ווײַטער האַלטן צוזאַ־מען. קום! (מאַכט עטלעכע טריט און שטעלט זיך אָפּ.) געדענקסט, באַטיאַ, דעם מאָלדאַוואַ־נעסקאָ פֿון אונדזער בריגאַדע. אין טאַכאַס אין. (אָפּ.)

מאטעש (צו דער טאָכטער). הער אים ניט. איך האָב ניט געדינט די דײַטשן. איך בין געווען אַ פּאָליציִאַנט, אָבער אַ ייִדישער פּאָליציִאַנט. (גייט אַוועק.)

יוינע. אַוועק, מיסטאַם, צו דעם באַלשעם אָפֿן קייווער. אַוועק ווערן אַ באַלטשוווע. די גאַנצע וועלט איז איצט פֿאַרפֿלייצט מיט באַלטשוועס. מע וואָלט פֿון זיי געקאָנט פֿאָרמירן ניט איין דיוויזיע.

הילעל. צו וואָס נאָך ווערן באַלטשוועס, אַז מע קאָן אַזוי אויך אויסקויפֿן די זינד, און ניט איבעריקס טײַער. איז וואָס, שיפֿרע־לעבן? מאַזלטאָוו אונדז, האַ? אָפּגעריכט די פֿײַנע כאַסענע. גיי זאָג די קלעזמער, אַז זיי קאָנען פֿאָרן אַהיים.

עסטער לויפֿט אַרויס, דאָס פּאָנעם באַהאַלטן אין די הענט. אין אַ ווײַלע אַרום לויפֿט אַרויס אויך ליבער.

יוינע. אַלץ טאַקע יאָ, נאָר די קינדער, רעב הילעל, די קינדער זײַנען דאָך ניט שולדיק.

שיפרע. האָסט דאָך געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט, דער מענוול. אַפֿילע זי, די מעכו־טענעסטע, האָט ניט געוווּסט און ווייסט ביז הײַנט ניט וואָס און ווען.

הילעל. וואָס פאר א מעכוטענעסטע איז זי דיר? גיי, צעצאָל זיך מיט די קלעזמאָרים, און זאָלן זיי פאָרן אהיים.

שיפרע. גאָט איז מיט דיר, הילעל.

הילעל. ווילסט, אונדזער זון זאָל כאסענע האָבן פאר א טאָכטער פון א ראָשע, פון א פארעטער?

יוינע. מיט וואָס זײַנען אָבער שולדיק די קינדער? איר ווילט, אז די קינדער זאָלן באַצאָלן פאר די זינד פון זייערע עלטערן? די וועלט וואָלט דאָך דעמלט אָפּגעגאנגען מיט יאמען בלוט. צופיל שטעלט איר אף זיך, רעב הילעל.

הילעל ((צו שיפרען). גיי צעצאָל זיך מיט די קלעזמער.

עס קערט זיך אום ליבער.

ליבער. טאטע, איך גיי טעלעגראפירן בעלע נאטאנאָוונען, זי זאָל ארויספליִען אהער.

הילעל. וואָס פאר א בעלע נאטאנאָוונע?

ליבער. עסטערקעס מוטער. עמעצער פון אירע דארף דאָך זײַן אף דער כאסענע.

הילעל. וואָס פאר אן עסטער, וואָס פאר א בעלע, וואָס פאר א כאסענע? דער, וואָס האָט געדינט די דײַטשן, וועט ניט זײַן מײַן מעכוטן, זײַן טאָכטער מײַן שנור, איר קינד מײַן אייניקל.

ליבער. עסטער, טאטע, איז דאָך ניט שולדיק.

יוינע. אָט דאָס זאָגן מיר אויך.

ליבער. טאטע, מיר זײַנען שוין אָבער מיט עסטערן...

שיפרע. הילעל...

הילעל. גיי צעצאָל זיך מיט די קלעזמער, זאָגט מען דיר.

ליבער. טאטע...

יוינע. רעב הילעל, צעשטערן א כאסענע פון א יונג פּאָרפאָלק איז פון די גרעסטע אוויירעס.

הילעל. איך נעם די אוויירע אף זיך.

פאָרהאנג.

דאָס זעקסטע בילד

דער הויף פונעם שטעטלדיקן שפּײַז־קאָמבינאט. בא די הוילע טישן, וואָס זײַנען ארויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון א לאנגן כאָף, זיצן קיווע, שײַע, באָרעך און זינגען מיט דעם ניגן, וועלכן עס שפּילט דער אָרקעסטער. צווישן די קלעזמער, וואָס האָבן צוליב דער היץ זיך פארקליבן טיף אין הויף אונטער דעם צעצווײַגטן קאשטאנען־בוים, געפינט זיך אויך דאָווידקע. מאנוס באווײַזט איינצײַטיק אי דיריזשירן, אי שפּילן אף איינעם פון די דרײַ אינסטרומענטן, וואָס הענגען בא אים אראָפּ פונעם האלדז אף זילבערנע קייטעלעך.

דאָס שפּילן און זינגען פארן אופהייבן דעם פאָרהאנג קאָן שאפן אין צושויער־זאל דעם אײַנדרוק, אז אף דער בינע פראוועט מען א כאסענע.

קיווע (נאָכדעם ווי די קלעזמער ענדיקן שפּילן). נייך, וואָס איר זאָלט דאָרט ניט זאָגן, באָר ער האָט געוווּסט א טאָלק אין נעגינע.

שײַע. דעהײַנע, לעמאָשל, ווער?

קיווע. טאקע ער, שלוימע־האמעלעך. ווי שטייט דאָרט, באָרעך, בא אים געשריבן? הא?

באָרעך. בא דאָוויד־האמעלעך, ווילט איר זאָגן? אלע מײַנע ביינער אין מיר זינגען.

קיווע. דאָס האָט ער געזאָגט אנטקעגן אונדז. א מעדזשיבעזשער, כאָווער מאנוס דאניל־אָוויטש, אז ער דערהערט נעגינע, וועט ער אײַך קומען צו לויפן אפילע אינמיטן דער נאכט. בא א מעדזשיבעזשער קאָנט איר פּויעלן מיט נעגינע אלץ אין דער וועלט.

מאנוס. עפּעס זעט מען ניט, מע זאָל געוועזן בא אים א סאך פּויעלן.

קיווע. בא רעב הילעלן? ס'איז דערפאר, אפּאָנעם, כאָווער מאנוס דאנילאָוויטש, וואָס איר האָט אײַנגעקנעלט מיט דער לעטיטשעווער קאפּעלע שנײַדער ניט די ניגונים.

באָרעך. פון דעם באלשעמס אנטיקלעך געדארפט מיט זיי אײַנקנעלן (פארציט מיט דווייקעס א ניגן.)

שײַע. האָדיע אײַך שוין צו אָכקען און באַמקען. (נעמט זינגען.) סאָלאָווי, סאָלאָווי!.. רעב מאנוס דאנילאָוויטש, איר זײַט, זע איך, געווען א וואָיענער מענטש. טאָ דערלאַנגט עפּעס פון די וואָיענע זאכן. (זעצט פאָר זינגען.) נע טרעוואָזשטיע סאָלדאט...

ס'לויפט אַרײַן כעווד.

כעווד. כאווײרים ייִדן, כ'האָב נאָך ניט פאַרשפּעטיקט?

באָרעד. איר זאָלט פאַרשפּעטיקן!

כעווד. נײַן, טאַקע אינדערעמעסן. כ'ווייס, איך הער, מע שפּילט, בין איך געקומען צו לויפן. א קאַשע עפּעס. מיילע, אז נעכטן און אייערנעכטן האָט געשפּילט מוזיק, איז עס געווען א קלאָרע זאַך. מע האָט זיך געגרייט צו דער כאַסענע. אָבער וואָס האָבן קלעזמאָרים הײַנט צו שפּילן? כאַסן־קאַלע זײַנען דאָך נאָך נעכטן אוועקגעפלויגן און געלאָזט דאָס שטעטל, ווי איר זעט, זיצן בא נאַקעטע טישן.

שײַע. מיר פּראַווען הײַנט פּראָוואָדעס, באַגלייטן אַרויס קיין מאָסקווע אונדזער טײַערן גאַסט, עמאַנויל דאַנילאָוויטשן. אָבער ניט אָף לאַנג. מירן אים אינגיכן אַראָפּברענגען צוריק. ניט געזאָרגט זיך, כעווד. קלעזמער וועלן נאָך בא אונדז שפּילן, און א סאַך שפּילן. בא מיר איז עס אַפילע קיין דיאַלעמע ניט, אז ס'וועלן דאָ בא אונדז נאָך זײַן כאַסענעס.

באָרעד. פונוואַנען, אַשטייגער, שײַע?

שײַע. פון די פּיאַטילעטקעס. מע דאַרף לייענען דעם בלאַט. עס וועט, זאָג איך אײַך, אינגיכן ניט זײַן דאָס שטעטל, ווו ס'זאָלן ניט זײַן קיין זאַוואָדן מיט קיין פאַבריקן... און ווי־באַלד ס'וועלן זײַן פאַבריקן מיט זאַוואָדן...

קיווע. כאַדגאַדיע, כאַדגאַדיע. רעב שײַע־האַנאָווי האָט זיך שוין צוגעכאַפּט צו דער אַגאָדע.

ס'קומט אַרײַן ציפּע.

ציפּע. מײַן יוינע איז דאָ ניטאָ? זיצט ער נאָך, הייסט עס, בא רעב הילעלן. א טאָג, אז ער האַלט אין איין אײַנטײַנען מיט אים. נו, וואָס איז טאַקע, נעבעך, שולדיק עסטערקע, אז זי איז געשטראָפט מיט אזא טאַטן, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן איינינעם מיט אַליאַשקען?

שײַע. און איך, מיינט איר, האָב ווייניק מיט אים אײַנגעטײַנעט? געבראַכט אים דעם בײַשפּיל מיט די דעקאַבריסטן. ווער זײַנען געווען די עלטערן בא די דעקאַבריסטן?

קיווע. דו ביסט שוין ווידער דאָ מיט דער אַגאָדע. מיינסט, אז אויסער דיר לייענט שוין מער קיינער קיין גאַזעטן ניט. ציפּע, אָן שפּאַנט אהער אײַער יוינע.

ס'קומט אַרײַן יוינע.

ציפּע. דאָס גייסטו ערשט פון אים? נו?

יוינע. ער לאָזט זיך דען ריידן? שיט פּעך און שוועבל, סאַקאַנעס־נעפאָשעס. נו גוט, נו רעכט, זאָל זײַן, אז מע דאַרף עפּשער שטאַרקער פאַנאַנדערבלאָזן דעם פלאַם פון סינע, און מיקויעך די קינדער איז ער עפּשער אויך גערעכט, אז מע דאַרף אין זיי אַרײַנבלאָזן די סינע צו די ראָצכים. אָבער פאַרלאַנגען, אז די קינדער זאָלן זיך צעצאָלן פאַר די זינד פון די עלטערן...

באָרעד. איך גלייב ניט, רעב הילעל זאָל אזוי קלערן. וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער דער כאַ־סענע, אָף דעם, ווי איך פאַרשטיי, וועט ער ניט אײַנגיין.

מאַנוס. אײַנגיין ניט אײַנגיין, אז ס'איז שוין בא זיי באַלד צוויי וואָכן נאָך דער כאַסענע. דאָ, אייגנטלעך, האָט דאָך געזאָלט זײַן די שושן־כאַסענע.

כעווד. עפּשער וועט איר אזוי גוט זײַן און אונדז פונדעסטוועגן אַנטפּלעקן דעם סאָד, וואָס איז עס אזעלכעס?

באָרעד. ס'איז, שטויס איך מיך אָן, דאָס זעלבע, וואָס שושן־פּורים. אָף מאָרגן נאָך יאָמטעוו. מיך וווּנדערט פונדעסטוועגן אָף ליבערקען. כאַסענע האָבן אָן דער האַסקאָמע פון טאַטע־מאַמע.

מאַנוס. און אַמאָליקע צײַטן פלעגט אזוינס ניט טרעפן?

באָרעד. דאָ, מײַן ליבער פרײַנט, איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָ, פאַרשטייט איר מיך, גייט ניט קיין רייד וועגן נאַדן, ייִכעס.

שײַע. ייִד צי ניט ייִד.

יוינע. דאָ גייט דאָך וועגן מענטש און כײַע אינעם געשטאַלט פון מענטשן. ווען ניט אַליאַשקע, וואָלט דאָך רעב הילעל איצט געזעסן מיט מאַטעשן בא איין טיש.

ב אָ ר ע ד. איך שטעלֿ מיך פֿאָר, וואָס וועט זיך טאָן אין לֿענינגראַד, אַז ס'וועט דערגיין אַהין די ידיעה.

ק י וו ע. צו וועמען?

ב אָ ר ע ד. רעב הילֿעלֿ איז נאָך פֿאַרטאָג געקומען צו לֿויפֿן נאָך מאַטעשעס פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס יענער האָט ניט באַוויזן אָפּנעמען, און באַשטעלֿט בא מיר נאָך אַ פּעקלֿ זײַנע פֿאָטאָס. ער וועט זיי, זאָגט ער, אַרײַנשיקן אין דער לֿענינגראַדער מילֿיציע, אין דער לֿענינגראַדער קעהילֿע. אין אַלֿע מילֿיציעס, וווהין דער מענוווּלֿ קאָן אָנשפּאַרן, וועט ער פֿאַנאַנדערשיקן די פֿאָטאָגראַ־פֿיעס מיט מאַטעשעס טרייפֿענעם פּאַרצעף, ער זאָלֿ אין ערגעץ ניט האָבן קיין רו.

מ אַ נ ו ס. איצט וועלֿ איך כאָטש וויסן, וואָס איז אַזוינס אַ מעדזשיבעזשער פּונעם באַלֿ־שעמס געסלֿ. (גיט אַ קוק אַפֿן זייגער.) דער טאָג שטייט ניט. צײַט קלֿײַבן זיך אין וועג אַרײַן.

י ו י נ ע. איז פֿאַרט איר טאַקע הײַנט אַוועק?

כ ע וו ע ד. עפּשער וואָלֿט איר גאָר פֿאַרבלֿײַבן בא אונדז?

צ י פּ ע. און וואָס וועט ער דאָ טאָן? אַרײַנשטעלֿן קלֿינגען אין די הײַזן צי קאַראַבקען זיך בא קיווע דעם אַלֿכימיקער אַפֿן לֿייטער?

י ו י נ ע. ניט געזאָרגט, ציפּע. קיין קלֿעזמער וועלֿן בא אונדז לֿיידיק ניט זיצן. ווי זאָגט דאָרטן אונדזער שײַע־האַנאָווי.

ש ײַ ע. מע וועט נאָך אויפֿרופֿן דאָס שטעטלֿ מאַפּטיר. עס וועלֿן נאָך בא אונדז זײַן כאַסע־נעס און אַ סאַך כאַסענעס.

ק י וו ע. אָמיין.

ש ײַ ע. פֿאַר מיר איז עס אָף אַזויפֿילֿ־אָ קיין דילֿעמע ניט.

מאַנוס נעמט אַרויס פֿון טײַסטער אַ פּאַפּירלֿ און גיט עס שײַען.

ש ײַ ע. וואָס איז עס?

מ אַ נ ו ס. מײַן וויזיט־קאַרטלֿ. ווײַבאַלֿד עס וועלֿן זיך דאָ בא אײַך, ווי איר זאָגט, אַ שאָט טאָן כאַסענעס, איז לֿאָז איך אײַך איבער מײַנע קאָאָרדינאַטן, דעם אַדרעס מיטן טעלֿעפֿאָן מײַנעם. אויב איר וועט מיר וועלֿן געבן צו וויסן דורכן טעלֿעפֿאָן, איז קלֿינגט מיר, ביטע, נאָך צען אינדערפֿרי, ווײַלֿ פֿון אַכט ביז נײַן בין איך אין באַסיין. אַפֿילֿע אין די גרעסטע פֿרעסט גיי איך אַהין.

ק י וו ע. איר גייט אַהין, אַפּאָנעם, זיך טויוולֿען, ווי דער סויפֿער אין מיקווע פֿאַרן זעצן זיך שרײַבן.

מ אַ נ ו ס. שפּילֿן נאָכן גרויסן בראָך אָף אַ יידישער כאַסענע איז אויך געווען הײלֿיק. דאָווידקע, קום נאָר אַהער. „מײַן מאַמעס פֿרײלֿעכס" קענסטו שוין גוט שפּילֿן?

ד אָ וו י ד ק ע. יאָ, פֿעטער מאַנוס.

מ אַ נ ו ס. און ווייסטו כאָטש, וויפֿלֿ איז אַלֿט „מײַן מאַמעס פֿרײלֿעכס"? ניין? איך ווייס אויך ניט. מעגלֿעך, אַז אַ סאַך, גאָר אַ סאַך יאָרן. ווער ווייסט, קאָן זײַן, אַז ס'האָט אים נאָך געהאַט געזונגען מײַן זיידע, מײַן עלֿטערזיידע און עלֿטער־עלֿטערזיידע. אַ דאָר גייט אַוועק, און אַ דאָר קומט, און דער וועג, וואָס עס מאַכט דורך אַ ניגן פֿון דאָר צו דאָר, איז ווי דער וועג פֿון אַ קוואַלֿ. אָט ווערט ער אַנטרונען, ווי ער וואָלֿט אויסגעטריקנט, קיין זייכער, דאַכט זיך, פֿון אים ניט פֿאַרבלֿיבן, און מיטאַמאָלֿ באַווײַזט ער זיך ווידער, אָפּט אַפֿילֿע דאָרט, וווּ מע האָט זיך גאָר ניט גערעכנט אים טרעפֿן, און ער שטראָמט ווײַטער, בײַקומענדיק אַלֿע שטרויכלֿונ־גען אין וועג. איז שפּילֿ זשע מיר אים אויף, דאָווידקע, דעם ניגן, וואָס איז מיר פֿאַרבלֿיבן בעיע־רושע פֿון מײַן אומגעבראַכטער מאַמען. אָף אַלֿע כאַסענעס און סימכעס זאָלֿט איר מיר אים אויסשפּילֿן, מײַן מאַמעס פֿרײלֿעכס.

דאָווידקע שטעלֿט זיך אָף מאַנוסעס אָרט, הייבט אָן שפּילֿן. די קאַפּעלֿע נאָך אים. אין הויף באַווײַזט זיך הילֿעלֿ. קיינער פֿון די בײַוועזנדע באַמערקט אים ניט. אין עטלֿעכע רעגעס אַרום נעמט לֿאַנגזאַם זיך אויסלֿעשן די שײַן און אין דער פֿינצטער רײַסט זיך אַרײַן פֿון דער הייך דאָס געזאַנג „וואַלֿד, וואַלֿד, וואַלֿד, גוואַלֿד... דאָווידקע און די קלֿעזמער הערן אויף שפּילֿן.

מ אַ נ ו ס (אין דער פֿינצטער). דאָווידקע, קלֿעזמאָרים, וואָס זײַט איר אַנשוויגן געוואָרן? „מײַן מאַמעס פֿרײלֿעכס" דערלֿאַנגט!

עס צינדט זיך אָן די שײַן. הילֿעלֿ מאַכט עטלֿעכע טריט און בלֿײַבט ווידער שטיין אומבאַמערקט.

מ אַ נ ו ס. שפּילֿ, שפּילֿ, דאָווידקע!

דאָווידקע און די קלֿעזמער זעצן פֿאָר שפּילֿן.

פֿ אָ ר ה אַ נ ג.

אָנהייב טאָג

דער פארקן

גיי גיב אײַן אין געריכט
אף אונדזער אלטן פארקן,
וואָס בײַט זײַנע פארבן,
און אף אונדזער אלטער שטוב,
וואָס איז ניט געסטײַעט אומגעריכט.
און אף יענע אמאָל צעהאנגענע קריגעלעך
און קלינגענדיקע שיינע טעפ,
וואָס זײַנען זיך פון פארקן
מיטאמאָל צעפלויגן
פון שטורעמווינט שטארקן.
גיי גיב אײַן אין געריכט
אף מײַן טאטן,
וואָס איז צו דער אקיידע
געגאנגען ניט געבויגן
מיט אזויפל גלויבן
און ניט אויסגעלאָשן דאָס ליכט
אין די צארפולע אויגן.

גיי גיב אײַן אין געריכט
אף דעם בארג אש
פון אונדזער אלטער שטוב
און אף דעם שטעכיקן ווינט,
וואָס האָט א פאָלק
געקאָוועט אין פראָסטיקן קלעם.
ביז איצט שטייט אָפן
פאר מײַנע אויגן
דער וועג צו יענער גרוב,
וואָס מײַן טאטע
האָט אליין פאר זיך געגראָבן
באם אלטן פארקן
מיט זײַנע מיסע־מעשונע פארבן!
אלע נאכט כאָלעמען זיך מיר
סטײַעס שווארצע ראָבן,
און ס׳נעמט אלץ מיך ארום
מײַן טאטנס קלאָר־ווײַס העמד
מיט די געפרוירענע לאנגע ארבל.

די וועלט, אזוי ווי א טיש...

וואָלט איך געקענט
די וועלט, אזוי ווי א טיש,
א רוק טאָן צום פענצטער,
דעמלט, ווען דער הימל
איז אויסגעוואשן פריש
און די זון יאָגט
פון דער ערד
אלע נאכט־געשפענסטער;

וואָלט איך געקענט
די לעוואָנע, וואָס העלט
און שוועבט
אין רוים צעשראָקן,
אונטערלייגן דער וועלט,
וואָס איז, ווי א טיש
אזוי צעשאָקלט, —

איז די לעוואָנע
מיט וואָלקנס פארשטעלט —
ווײַט, ציט׳ריק און קליין.
לייג איך אליין
זיך אוועק, ווי א שטיין,
אונטער א פיסל פון טיש,
פון מײַן וועלט,
וואָס זיך שאָקלט!

מײַן גאָרטן

מעסט אויס די שטילקײַט
און קייפל זי אף דער טיפקײַט
פון אָט דער שטערנדיקער נאכט;
נעם אראָפ א פערטל
פון דעם נעפל,
וואָס אומזעבאר דעם גאָרטן מאכט;
גיב צו די וואָג פון די עפל,
וואָס האָבן צו דער ערד
אלע ביימער נאָכן רעגן אָנגעבויגן,
און דערנאָך צעטייל
פאר אלע בלעטער
מײַנע טרערן פון די אויגן, —
וועסטו באקומען אין סאכאקל
מײַן יונגן, פרישן גאָרטן.
כ׳האָב הײַנט געקושט זי דאָרטן.

דער הירש

כ׳בין ווי דער הירש, וואָס פרילינג
פאַלן אַפּ זײַנע הערנער,
ער זאָל ניט דוירעס זײַן, כאַלילע,
קיין מענטש און קיין בוים,
אויך ניט דעם הימל,
וואָס לויפט אים אנטקעגן
צעשטערנט.
כ׳בין ווי דער הירש,
וואָס צו העכסטן בארג־שפּיץ אײַלט
מיט גרינגע פיס, מיט ציטער,
אז קיין שארפע פײַל
זאָל אין זײַן דיך ניט טרעפן,
ווען די שיינקײַט פון לעבן
די אויגן אזוי ריין צעעפנט!
כ׳בין ווי דער הירש,
וואָס וויל זיך ארומזען,
ווו ער איז אין דער וועלט,
און אלע ווײַטסטע ווײַטן אויסקוקן,
קיין כײַע־ראָע זאָל אים ניט פארצוקן,
ווען די געפאַר
אונטער צווײַגן גרינע פון בוים
זיך פארשטעלט.
כ׳בין ווי דער הירש, וואָס הארבסט
שפּראָצן ווידער זײַנע הערנער;
דאָס לעבן טונקל איז און הארב,
דער הימל קלענער ווערט
און לויכט אים מער ניט —
דעמלט דער שטערן באַם הירש
מיט זיסן וויי זיך קארבט,
און ס׳נעמען שנײַדן זיך די הערנער.
הארבסט!.. ווי קאָן מען זײַן אָן הערנער?
הארבסט!.. אָן הערנער?

לעבן

אלערליי צוויטשערלעך און פליגעלעך,
קיעלעך און פלאַטערלעך פון וואלד
בעטן, מע זאָל אַף זיי ניט טרעטן;
זיי קענען עס ניט איבערטראָגן מער!
איז ווו זאָל מען טרעטן
איבער דער ערד?
עפשער ניט גיין צופוס איבער דער ערד,
נאָר שוועבן, —
קאָסט עס אויך דאָך עמעצן ס׳לעבן.
אלערליי צוויטשערלעך און פליגעלעך,
פלאַטערלעך און קיעלעך פון וואלד
גייען ניט ארײַן אין אונדזער הארבער
מענטשלעכער לאַגע
און שטעלן נאָך אלץ די פראַגע:
— ווו זאָלן מיר לעבן?
— ווען וועט מען אופהערן אונדז טרעטן!
און די שיך באַ דעם מענטשן
זײַנען שווער,
און ביז פינף און פערציק די מאָס,
לאָז איך אויך אראָפּ א גרויסע טרער —
און טרעט, ווען די צוויטשערלעך זינגען
אין גראָז.

מיט דער לעוואָנע אפן אקסל

אינמיטנדרינען
בין איך אזוי אויסגעוואקסן,
אז די לעוואָנע
זיצט אַף מײַן אקסל.
אינמיטנדרינען
בין איך אזוי קליין געוואָרן,
אז צוויי מאָל העכער
פון מײַן אקסל
רוישט דער קאָרן.
אינמיטנדרינען —
א בוים זיך פארכלינעט
מיט פרישן רעגן
און לויפט מיר דעם וועג איבער.
אינמיטנדרינען —
א קאַץ אפן דאַך
פון אונדזער אמאָליק שטיבל;
איך וואַרט זי איבער,
זי קאָן נאָך א שפּרונג טאָן,
ווען איך גיי זיך קושן
אין ווײַנשל־גאָרטן
מיט מײַן ליבער.
אינמיטנדרינען
שטייט מײַן מאמע
און מײַן שוועסטער
אין יענעם גאָרטן,
און ציילן אינצווייען
דעם שטערנדיקן הימל איבער
און קוקן אַף מיר,
ווי איך וואָלט די גרענעץ
פון קלאָרן סייכל אריבער.

אזא כאַסערדייע!..

א פיגוריסטקע

ניט דער הימל, —
דו האָסט מיך פארשנייט,
שיינע, ווילדע פיגוריסטקע!
ווען סע טרעפט, דאָס אייַז
אונטער די פיס דייַנע צעגייט,
בין איך פארפרוירן ווערן גרייט,
ווערן אייַז אונטער די פיס דיר —
אז דו זאָלסט אין שאָטנס און אין ליכט
זאָלסט גליטשן זיך און קרייַזן.

מוזיק און שניי —
און דייַנע שיכעלעך,
געקאָוועטע מיט שטאָל און אייַזן!
נאָר דעמלט זאָלסטו הערן מייַן
געשריי!
דעם אייַז טוט אויך, מיסטאמע,
ווי —
גרינגער, גרינגער
פלי איבערן אייַז
אין דייַנע שיכעלעך,
געקאָוועטע מיט שטאָל און אייַזן...

מיט לידער אפן יאריד

ווי קריכט מען ארוף
אף אזא הויכן לידער־בארג? —
איך האָב שוין,
קיין אייַנהאָרע, אזויפיל לידער,
כאָטש שפאַן אייַן א פאָר פערד
און פיר זיי אָפ
קיין דזענדזעליוועקע
אפן מארק.

נאָר גיי ווייס,
צי וועלן די קוינים
מיר די ביינער ניט צעברעכן?

און אויב קויפן, איז פאר וואָסערע פרייַזן?
מע קאָן צוגיין
צו מייַן וואָגן
און מיר מיט א פינגער
צום שטערן ווייַזן:
— געריירט פון זינען שטארק,
לידער געבראכט אפן יאריד,
מעשוגע צו מאכן דעם מארק.

יויסעף ראבין

זיבן אווטאָביִאָגראפישע נאָוועלן

געווידמעט מייַנע אייניקלעך
לענע און באָריע.

1. ערשטע יאָרן

„זיך געדענק איך דאָס ערשטע מאָל: איך בין אין וועג.

מיר פאָרן אריבער אין א נייַער דירע. אן אָנגעלאָדענע פור מיט אונדזערע זאכן, אַף דער פור זיצט מייַן ברודער. מיך פירט דער טאטע מיט דער רעכטער האנט, אין דער לינקער טראָגט ער דעם „ווילנער גאָען". מיר גייען פאזע וואָגן. ווִאזוי די פור איז ארויסגעפאָרן פון דער אלטער דירע און ווי מיר זייַנען אָנגעקומען אין דער נייַער — געדענק איך ניט. מייַן ערשט געדענקען זיך: איך בין אינמיטן וועג".

אזוי זאָגט וועגן זיך דער העלד פון מייַן דערציילונג „מייַן צאוואָע גיטעלען". מיט די זעלבע ווערטער קאָן איך אָנהייבן וועגן זיך אליין — אזוי האָט זיך אָנגעהויבן מייַן לעבן.

וואָס געדענק איך נאָך? איך בין א קינד און גיי אין כיידער. ס'איז א ווינטער־טאָג. די גאסן זייַנען פארשנייט און עס פרעסטלט. ווען איך קום צו צום סאמע כיידער, קימאט בא דער שוועל, גליטש איך זיך אויס און פאל. אָנשטאָט ארייַנגיין אין כיידער, גיי איך צוריק אהיים און זאָג דער מאמען, אז איך בין געפאלן און דערפאר קאָן איך אין כיידער ניט גיין.

וויַיטער געדענק איך די צייַט פון ביאליסטאָקער פאָגראָם. איך בין דעמלט אלט געווען פינף יאָר. געלעבט האָבן מיר אין גראָדנע, נאָר בייסן פאָגראָם איז דער טאטע געווען אין ביאליסטאָק. די מאמע איז די גאנצע צייַט ארומגעגאנגען מיט פארווייַנטע אויגן, זי האָט מיך עטלעכע טעג נאָכאנאנד געשיקט צום באן זען, צי קומט ניט אָן דער טאטע. צוויי אָדער דרייַ מאָל א טאָג פלעג איך גיין צום וואָקזאל. אין וועג פלעג איך ארייַנקוקן אין אלע דראָשקעס, וועלכע פאָרן פארבייַ, און זוכן דעם טאטן. איך קום אפן וואָקזאל און פרעג זיך נאָך, צי איז שוין געקומען דער צוג פון ביאליסטאָק. דער צוג קומט אָן, דער טאטע קומט ניט. צוריק גיי איך מיט דער האָפענונג, אז איך האָב זיך מיט אים אויסגעמיטן — ער איז שוין אין שטוב. אין שטוב איז ער ניטאָ. די מאמע גייט ארום א צעטראָגענע, און איינמאָל האָט זי זיך ניט אייַנגעהאלטן און געזאָגט, קוקנדיק אַף מיר מיטן ייִנגערן ברודער: „יעסוימים!". מיר האָבן אָופגעהויבן א געוויין ביזן זיבעטן הימל. דאָס ביטערע וואָרט „יעסוימים" האָבן מיר גוט פארשטאנען. אַף אונדזער גאס האָבן געוווינט קינדער אָן טאטעס אָדער אָן מאמעס. הייַנט דאָס וואָרט „פאָגראָם" איז אונדז, קאָן מען זאָגן, געווען באקאנט גלייַך נאָכן אנטווייַנט ווערן פון דער מאמעס ברוסט.

דער טאטע איז אין ביאליסטאָק, ווו עס קומט פאָר א פאָגראָם אַף ייִדן. און מיר, איך מיט מייַנע צוויי ברידער, וועלן זייַן יעסוימים. פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן אויספורעמען די פסיכאלאָגיע פון א מענטשן. צו פינף יאָר האָב איך שוין געלערנט אין כיידער, די מייַסע וועגן דאָוויד־האמעלעך און גאָליס־האפלישטי האָב איך געוווסט. גאנצע טעג האָב איך דעמלט פאנטאזירט: איך, דער קליינער דאָוויד, רעכן זיך אָפ מיט אלע פאָגראָמשטשיקעס. איך האָב אלץ אזוי דייַטלעך געזען פאר מייַנע אויגן, מאמעש מיט דער האנט אָנצוטאפן. אין די דאָזיקע פאנטאזיעס האָב איך געפונען א טרייסט, עס פלעגט מיר ווערן גרינגער אפן הארצן.

אינדערפרי כאפ איך זיך אוף פון שלאָף — דער טאטע איז דאָ. איך געדענק, ווי ער האָט דערציילט, אז זיי האָבן זיך, א גרופע מענטשן, פארבאריקאדירט אין א הויז און די כוליגאנעס ניט צוגעלאָזט.

באַ אונדז זײַנען געסט — פֿון בריסק איז געקומען די מומע יענטע (דער מאַמעס אַ שוועסטער) מיט אירע קינדער. עס איז פֿריילעך, איך האָב מיט וועמען צו שפּילן זיך. איין כּיסאָרן נאָר... די געסט, דאָס הייסט מײַנע שוועסטערקינדער, בלײַבן אין שטוב, איך אָבער דאַרף גיין אין כײדער. איך וויל אויך בלײַבן אין דער היים. צוליב דעם איז פֿאַראַן איין מיטל: קראַנק זײַן. מיט וואָס ווערט מען אָבער קראַנק? אַלט בין איך געווען, מיסטאַמע, אַ יאָר זעקס, נאָר איך האָב שוין פֿאַרשטאַנען, אַז ניט אַף אַלע קרענק קאָן מען „קרענקען", וואָרעם די מאַמע וועט באַלד אַרויסרופֿן דעם פֿעלדשער מאַלעווסקי, וואָס איז געווען באַרימט אין גראָדנע אין די אָרעמע גאַסן, און יענער וועט דאָך זען, אַז איך בין געזונט. וואָס זשע דען? איך האָב געהערט פֿון עלטערע, אַז ווען אַ פֿוס טוט וויי, מע זאָגט: עס שטעכט, עס ברעכט, ווייסט קיינער ניט, צי ס'איז אַזוי. אַהין קאָן קיין דאָקטער אויך ניט אַרײַנקוקן. דאָ מוז מען גלייבן אַפֿן וואָרט.

— יאָסל, שטיי אויף, וועסט פֿאַרשפּעטיקן אין כײדער.

— אַ פֿוס טוט מיר וויי. איך קאָן ניט גיין.

— אַ פֿוס? וואָס איז מיטן פֿוס?

— עס ברעכט, עס שטעכט, עס דרייט. איך קאָן אַ טראָט ניט שטעלן.

— וועלכער פֿוס?

איך האָב פֿריִער ניט באַטראַכט, וואָס פֿאַר אַ פֿוס עס דאַרף מיר וויי טאָן, נאָר איך ענטפֿער טייקעף:

— דער לינקער.

— אוי, — גיט די מאַמע אַ קרעכץ, — עפּשער דאַרף מען מאַכן אַ קאָמפּרעס, לייגן אײַז, פּראָשקעס געבן...

— ציוויִע, — זאָגט די מומע יענטע צו דער מאַמען, — קום אַרײַן אַ ווײַלע אין קיך, איך וויל זיך מיט דיר אָן אייצע האַלטן...

די שוועסטער שושקען זיך צווישן זיך. זאָלן זיי... איך בלײַב הײַנט אין שטוב. אין עטלעכע מינוט אַרום שרײַט די מומע פֿון דער קיך:

— יאָסל, ווי מיינסטו, וועלך אײַנגעמאַכטס איז געשמאַקער? וואָס געפֿעלט דיר מער — קאַרשן צי טריסקאַווקעס? — די מומע האָט אַף דער קיך געפֿרעגלט אײַנגעמאַכטס.

— איך ווייס אַליין ניט, מומע.

— דאָך... — פֿרעגט זי ווידער. — אײַנגעמאַכטס פֿון קאַרשן האָסטו ליב?

— יאָ, מומע, איך האָב ליב.

— און פֿון טריסקאַווקעס האָסטו ליב?

— יאָ, מומע, איך האָב ליב.

— אָט זעסטו, ציוויִע, — זאָגט די מומע, — אים דאַרף מען געבן פֿאַרזוכן. וויבאַלד ער האָט עס ליב — וועט ער זאָגן די ערשטע מעווינעס, אײַנגעגעבן זיך צי ניט... יאָסל, אַנו, גיב נאָר אַ שפּרונג איינס־צוויי און פֿאַרזוך דאָס אײַנגעמאַכטס.

לאַנג מיך בעטן האָט מען ניט באַדאַרפֿט, מיט מײַנע ביידע געזונטע פֿיס בין איך אַרײַנגעשפּרונגען אין קיך, די מומע גיט מיר אַ לעפֿעלע אײַנגעמאַכטס, און אירע שיינע קלוגע אויגן שמייכלען דערבײַ. דערנאָך גיט זי מיר נאָך אַ לעפֿעלע אײַנגעמאַכטס. איך לעק אַרום דאָס לעפֿעלע, אַזש עס בלישטשעט.

— נו, — פֿרעגט די מומע, — געפֿעלן? און איצט, יאָסל... די פֿיס זײַנען באַ דיר געזונטע, שפּרינגסט, ווי אַ הירש... גיי אין כײדער.

אירע אויגן לאַכן. און איך מוז זיך אָפּגיך אָנטאָן און לויפֿן אין כײדער.

מיר זײַנען געווען דרײַ ברידער. מענדל איז געווען דער בכור. דאָס ערשטע קינד איז אַלעמאָל אַ געליבט קינד, דאָס ערשטלינג. אַף אים גיט מען אַכטונג. באָרעך איז געווען דער מיזיניק, דער ייִנגסטער, דער קלענסטער. אַ מיזיניק האָט מען געוויס ליב. איך בין דער מיטלסטער, גלאַט אַזוי אַ קינד, אָן פּאַרדינסטן, אָן טשינען. צי פֿלעג איך עס פֿילן? יאָ, איך פֿלעג עס פֿילן. מײַן זיידע אַווראָם מאַזאָווער (דער מאַמעס טאַטע), וועלכער האָט געלעבט מיט אונדז צוזאַמען, האָט עס באַמערקט און האָט אַף מיר גענומען „שעפּסטווע".

פֿרײַטיק־צונאַכטס אָדער שאַבעס באַטאָג. די גאַנצע מישפּאָכע זיצט באַם טיש, מע עסט, די מאַמע טיילט פֿלייש. די אויפֿגאַבע איז באַ דער מאַמען זייער אַ שווערע: אײַנטיילן אַלעמען גוטע כאַלאָקים, גרויסע כאַלאָקים, יעדערן געבן דאָס בעסטע, ווען אין טאָך איז נאָר פֿאַראַן איין גוטער קײלעק פֿלייש פֿאַר איין מענטשן. נאָר אַף דעם איז זי דאָך אַ מאַמע, אַז זי זאָל זײַן אַ בעריע און קענען אַלעמען אײַנטיילן גוטע און גרויסע כאַלאָקים. דעם ערשטן גיט מען דעם זיידן, דערנאָך דעם טאַטן, נאָך זיי דעם בכאָר און דעם מיזיניק. און דאָס, וואָס בלײַבט, איז פֿאַר מיר און פֿאַר דער מאַמען. די מאַמע, עמעס, געפֿינט אויס אַ טערעץ: אָדער זי האָט שוין הײַנט געגעסן פֿלייש, אָדער זי טאָר הײַנט ביכלאַל קיין פֿלייש ניט עסן. דער זיידע גיט אַ קוק אַרײַן צו מיר אין טעלער, זעט ער, אַז מע האָט מיך באַוולט, לייגט ער מיר צו אַ שטיקל פֿלייש פֿון זײַן קײלעק. פֿאַרדריסט עס דער מאַמען, זי ווערט רויט און פֿאַרשעמט.

— טאַטע, איך האָב אים געגעבן גלײַך מיט אַלעמען.

— ווען גלײַך, וואָלט איך פֿון מײַנס ניט געגעבן.

די מאַמע שווײַגט און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

אַז איך האָב שוין יאָ אַן איבעריק שטיקל פלייש, ווילט זיך מיר עסן אָן ברויט, איך זאָל פילן דעם טאַם פון פלייש. זאָגט אָבער די מאַמע: אַז מע עסט פלייש אָן ברויט, ווערט מען קראַנק. אַמאָל, ווען עס ווילט זיך ניט גיין אין כיידער, טראַכט איך: איצט איז גוט אויפצועסן אַ שטיקל פלייש אָן ברויט און קראַנק ווערן, איז אָבער אינמיטן וואָך ניט אַלעמאָל פאַראַן פלייש, מוז איך גיין אין כיידער.

באַם זיידן בין איך דאָס געליבטע אייניקל. איך טראָג דעם נאָמען פון זײַן טאַטן. דערצו האַלט ער, אַז איך בין דער איינציקער, וואָס קאָן ווערן אַן אילוי און פאַרזעצן דעם ייִכעס פון דער מישפּאָכע. פאַרן „ייִכעס" פלעג איך כאַפּן פונעם רעבן געגנוג קלעפּ.

אינעם שטעטל דובראָווע, גראָדנער גובערניע, איז געווען אַ ראָוו רעב מענדעלע דובראָווער, וואָס האָט געשעמט פאַר אַ פרומען און גאָטספאָרכטיקן מענטשן. אַף זײַן קייווער איז געשטאַנען אַן אויהעל, ווו מע פלעגט וואַרפן צעטעלעך און בעטן, ער זאָל אויספּויעלן באַ גאָט, וואָס יעדערער דאַרף. רעב מענדעלע איז מײַנער אַן עלטערזיידע, פון אים שטאַמט מײַן פאַמיליע — ראַבין. פון מײַנע עלטערן האָב איך געהערט וועגן דעם, וואָס אין דובראָווער פינקעס איז פאַרשריבן:

רעב מענדעלע האָט געדאַרפט כאַסענע מאַכן אַ טאָכטער, האָט ער גערופן אַן אַסיפע און געבעטן, מע זאָל אים העכערן די סכירעס אַף אַ גילדן אַ וואָך. ווען די טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט, האָט ער ווידער גערופן אַן אַסיפע און געבעטן דעם גילדן אַראָפּנעמען.

איצט שטעלט אײַך פאָר, אַז איך מיט די איבעריקע טאַלמידים זיצן אַפן צווייטן שטאָק פון דער גרויסער שול, דורך די פענצטער זעט מען וועלדער און פעלדער, דער ניעמאַן שטראָמט, מענטשן שיפלען זיך איבערן טײַך, כאַפּן פיש, דער טאָג איז אַ הייסער, אַ זוניקער, עס ווילט זיך גאָר אויסבאָדן אין טײַך, און מיר זיצן און שוויצן. קאָן זײַן אַ גרויסער כיישעק צום לערנען? דער רעבע אַליין כאַלעשט שלאָפן. ער איז דאָך אָבער אַ רעבע, גיט ער אַ פרעג:

— יאָסל, ווו האַלטן מיר?

מיר האָבן שוין געלערנט געמאָרע. די געמאָרע איז אַ גרויסע, לייגט מען אַרויף אַלע צען פינגער אַף דער זײַט, איין פינגער טרעפט. ווייסט שוין אָבער דער רעבע דעם סאָד (ער איז דאָך אַליין אויך געווען אַ ייִנגל און אַליין ניט געוואָלט לערנען), שלאָגט ער איבער די פינגער:

— יאָסל, ווו האַלט מען?

זאָגט מיר אַ כאַווער שטיל אונטער:

— דאָוואָר אכער...

דאָוואָר אכער האָט צוויי טײַטשן. דאָוואָר אכער — אַ כאַזער, הייסט עס, און דאָוואָר אכער — אַן אַנדער זאַך. איך גיב אַ זינג אַרויס: דאָוואָר אכער — אַ דאָוואָר אכער...

— ביסט אַליין אַ דאָוואָר אכער, — זאָגט דער רעבע. — מיילע זיי, — דער רעבע ווײַזט אַף די ייִנגלעך, וואָס זיצן לעבן מיר, — זיי זײַנען גראָבע קעפּ, זיי קענען ניט. דו ביסט דאָך אָבער רעב מענדעלעס אַן אורייניקל... דו קענסט דאָך יאָ. עלע וואָס דען... דו ווילסט ניט. איז נאַ דיר, נאַ דיר... — און איך כאַפּ קלעפּ.

אָבער איינמאָל איז טאַקע וועגן מיר אַוועק אַ קלאַנג, אַז איך בין אַ לערנער. אין גראָדנע איז געווען באַוווּסט שערעשעווסקיס גרויסע טאַבאַקפאַבריק. ווײַבאַלד די שערעשעווסקיס זײַנען גוירים, זײַנען זיי אַלפּי־סייכל אויך גרויסע לאַמדאָנים. און דעריבער איז שערעשעווסקיס ברודער געווען אַ גאַבע און פלעגט קומען פאַרהערן די טאַלמידים. דערבײַ האָט ער זיך געפירט מײַסע מאָדערן — ער פלעגט שטעלן באַלן. איינמאָל איז ער געקומען פאַרהערן און איז אַרײַן אין אונדזער קיטע. ער האָט געפרעגט אייניקע טאַלמידים, און די ריי איז דערגאַנגען צו מיר. ער האָט מיר געגעבן פאַרטײַטשן אַ שטיקל ראַשע. פונקט אָט דאָס שטיקל ראַשע האָב איך שוואַך געוווּסט. דער רעבע שטייט און ציטערט, ער וויל, אַז זײַנע טאַלמידים זאָלן קענען. נעם איך זיך אָן מיט מוט און צעשרײַ זיך הויך אַפן קאָל און קנאַק עס אָפּ מיטן קנייטש און מיטן ניגן. דער רעבע שײַנט, דער גאַבע איז צופרידן. ער גיט מיך אַ גלעט איבערן קאָפּ און זאָגט: „ער קען". אַלע ייִנגלעך האָבן באַקומען צו „דרײַ", איך האָב באַקומען אַ „פיר". אַז דאָס איז דערגאַנגען צום זיידן, איז ער געווען איבערגליקלעך. ער האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט, אַרויסגעפירט אַפן מאַרק און געקויפט פון אַלע סאָרטן צוקערלעך, וועלכע איך האָב נאָר געוואָלט.

מײַן ערשטער טאָנעס.

ערעוו טישעבאָוו האָט מען אַלע טאַלמידים צונויפגערופן צום איישישקער. דער איישישקער איז געווען באַוווּסט ווי אַ גרויסער לאַמדן און אַ גוטער מאַגיד. ער האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ דראָשע וועגן דעם, אַז פאַר אונדזערע זינד לייזט אונדז גאָט ניט אויס פון גאָלעס. ער האָט אַלץ אַזוי קלאָר אויסגעמאָלט, אַז מיר האָבן פאַר אונדזערע אויגן דערזען דעם געהענעם און דעם גאַניידן. און מיר האָבן געוויינט מיט הייסע טרערן. אַלע האָבן מיר צוגעזאָגט פאַסטן, זײַן פרום און גוט. (דער איישישקער איז דער פּראָטאָטיפּ פונעם עלטערן ברודער ראַבינאָוויטש אינעם ראָמאַן „באַם ניעמאַן").

איך אָונט האָבן אַלע מײַנע כאַווײרים אין סאַלדאַטסקן בעסמעדרעש זיך געזעגנט:

— וואָס קומט עס פאַר מיט יאָסלען? א צאַדיק געוואָרן...

אינדערעמעסן: איך זיץ אף א נידעריק בענקל און זאָג „אייכאָ יאָשוואָ באָדאָד האָיר“ מיט געוויין און געבעט. איך לעב איבער דעם אומגליק פון כורבן, בעט, אז מאָשיעך זאָל קומען. אַלע מיצוועס וועל איך אויספילן. קיינעם ארום זיך באַמערק איך אפילע ניט.

די עלטערע זײַנען צופרידן: איך ווער א מענטש, איך בין פרום. אַלע לויבן מיך.

געקומען צוריק אהיים, האָט מען זיך געלייגט שלאָפן. איך ליג אף מײַן געלעגער און פיל, אז דאָס הארץ גייט מיר אויס פון הונגער. איך וויל עסן. אָבער: טישעבאָוו? טאָנעס! איישישקער! פאסטן דארף איך! איך וויל אײַנשלאָפן און קאָן ניט. מאמעש דאָס כיעס גייט מיר אוועק. וואָס טוט מען?

און פרעגנדיק די פראגע, וואָס טוט מען, בין איך שטיל אראָפּ פון מײַן געלעגער, שטילינקערהייט געעפנט דעם אלמער און פון דער געפלאָכטענער כאַלע, מיט וועלכער מע וועט מאָרגן דארפן אָפּפאסטן, ארויסגעריסן א פלעכטל. אף די שפּיץ פינגער גיי איך צוריק צו מײַן בעט און מיט גרויס הארצקלאַפּעניש עס איך אויף אונטער דער קאָלדרע דאָס שטיקל כאַלע. אפן הארצן ווערט מיר גרינגער, איך שלאָף אײַן. געכאָלעמט האָט זיך מיר, אז מאָשיעך איז געקומען.

איך דארף דערציילן וועגן איינעם א צופאַל, וואָס אין מײַן זיקאָרן האָט ער א נאָמען — די מײַסע מיט די דרײַ רובל. דעם דאָזיקן צופאַל האָב איך שוין באַשריבן אין דעם ראָמאַן „באַם ניעמאַן“, נאָר דאָרט איז ער געשען מיט מוישע סווערדלין. איידער אָבער עס איז געשען מיט מײַן העלד, איז עס פאָרגעקומען מיט מיר אַליין.

די באַלעבאָסטע פונעם הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, איז ניט געווען קיין גווירנטע. דער מאַן איז געווען א שוסטער, א סאַך געקרענקט און געלאָזט אַן אַלמאָנע מיט פיל קינדער. די באַלעבאָסטע איז געווען א נייטערקע, די מיידלעך — נייטערקעס. דער עלטערער זון האָט געארבעט אין לאַנגבאָרדס אײַנבינדערײַ, די יינגערע צוויי זין זײַנען געווען שנײַדער־ארבעטער. און דאָך... א באַלעבאָסטע. מיטן יינגערן יינגל, מיט ארלען, האָבן מיר זיך געכאַווערט. וויפל יאָר בין איך דעמלט אַלט געווען? קאָן זײַן, זיבן, קאָן זײַן, אכט... איינמאָל האָט זיך פון דער שאַלקע, ווו די באַלעבאָסטע וווינט, דערטראָגן אזא געשריי, אז מע האָט געהערט אף דער צענטער גאַס. ארל שרײַט, גוואַלדעוועט — מע שלאָגט אים.

וואָס איז געשען?

בא דער באַלעבאָסטע אף דער ניי־מאשין איז געלעגן דרײַ רובל, זײַנען זיי נעלעם געוואָרן, מע האָט אומעטום געזוכט און ניט געפונען. הייסט עס, אז עמעצער האָט געגאַנוועט. ווער האָט געקאָנט גאַנווענען? ארל. האָט מען זיך צו אים גענומען. די מאמע און די ברידער שלאָגן און פרעגן דערבײַ:

— גענומען די דרײַ רובל?

ער ענטפערט:

— ניין. — און וויינט, שרײַט.

מע שלאָגט אים אזוי לאַנג, ביז ער איז זיך מוידע, אז ער האָט גענומען, כאָטש ער האָט דאָס געלט אין די אויגן ניט געזען.

— ווו זשע איז דאָס געלט?

ער האָט באַהאַלטן. לאָזט מען אים אָפּ, זאָל ער ווײַזן, ווו ער האָט באַהאַלטן. אָבער אז ער האָט דאָס געלט פאָרט ניט גענומען, קאָן ער ניט זאָגן, ווו ער האָט באַהאַלטן. האָט מען אים ווידער א נעם געטאָן אפן צימבל. אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אף דער שאַלקע, ווייסט מען די זעלבע רעגע אונטן. ווען מע נעמט שלאָגן ארלען צום צווייטן מאָל, קומט מיר אפן געדאַנק: ארל וועט זיך ווידער מוידע זײַן, — מע זאָל אים אופהערן שלאָגן. און קעדיי מע זאָל נאָכאַמאָל ניט שינדן פון אים די הויט, וועט ער זאָגן, אז באַהאַלטן האָט ער דאָס געלט בא מיר. פון דעם געדאַנק אַליין ציטער איך אוף. און אָט ווערט טאַקע שטיל. באַלד גיט מען איבער, אז ארל האָט זיך מוידע געווען און האָט אויסגעזאָגט, ווו דאָס געלט ליגט באַהאַלטן. גלײַך דערהערט מען טריט אף די טרעפּ, און די באַלעבאָסטע מיט די עלטערע קינדער קומען ארײַן צו אונדז און זאָגן:

— יאָסל, גיב אָפּ די דרײַ רובל.

— וועלכע דרײַ רובל?

— וואָס דו מיט ארלען האָסט צוזאַמען באַהאַלטן.

— איך? באַהאַלטן?

— אָך, ניט באַהאַלטן, נאָר געגאַנוועט! צייוויע, — ווענדן זיי זיך צו מײַן מאַמען, — זאָל ער אָפּגעבן די דרײַ רובל.

די מאמע איז אין גרויס פארלעגנהײַט. זי ווייסט, אז קיין פרעמד געלט וועל איך ניט נעמען און ניט באַהאַלטן. נאָר זי קאָן מיך ניט פארטיידיקן, זי מוז פריער כאָטש לעפאָנעם וועגן מיך אויספרעגן; אז ניט, וועט דער כשאַד פאַלן אויך אף מיר.

— יאָסל, דו האָסט גענומען דאָס געלט?

ענטפערן קאָן איך ניט. אָט־אָט וועל איך וויינען. מיר פארדריסט עס זייער שטארק, איך

קאָן ניט פאַרלײַדן אַזאַ אוולע. געקומען פרעמדע מענטשן און מאַכן מיך פאַר אַ גאַנעוו. פאַרוואָס?

— גיב אָפּ דאָס געלט! — זאָגט איינער פון אַרלס ברידער און נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט.

איך רײַס זיך אַרויס, גיב אַ געשריי: „גאָט וועט זיך מיט אײַך אָפּרעכענען!" און אַנטלויף. איך בין אַזוי צעקאָכט און בייז, אַז מיר דוכט, איך קאָן די גאַנצע וועלט כאָרעוו מאַכן. מײַן איינציקער פאַרלאַנג איז, אַז דער עמעס זאָל אַרופקומען ווי בוימל אַפן וואַסער. זאָלן זיי זיך פאַר מיר שעמען, זאָלן זיי וויסן, אַז זיי זײַנען שלעכטע מענטשן. דאָס ווענדט זיך נאָר אָן גאָט. בעט איך אים: דו קענסט דאָך אַלץ, באַווײַז דעם עמעס. צו מינכע גיי איך אין בעסמעדרעש און דאַוון מיט אַזאַ האַסמאָדע, מיט אַזאַ געוויין, אַז אַלע קוקן אָף מיר.

אין אָוונט קום איך אַהיים. לויט דעם, ווי די שכיינים באַגעגענען מיך, זע איך, אַז עפּעס איז ווידער פאָרגעקומען. זיי קוקן אָף מיר מיט מיטלײַד.

— וווּ ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? — פרעגט די מאַמע. — די דרײַ רובל האָט מען שוין לאַנג געפונען, און דו קומסט אַלץ ניט.

— געפונען? — איך גיב אַ שפּרונג אַרויס פון שטוב, לויף אַרוף אָף די טרעפּ, גיב אַ ריס די טיר בײַ דער באַלעבאָסטע און שרײַ אויס ניט מיט מײַן קאָל:

— פאַר אַ בילבל אָף אַ מענטשן וועט איר האָבן קאָרעס־יאָמים! גאָט ווייסט אַלץ.

מיידלווײַז איז די מאַמע געווען אָף שערע־שעווסקיס טאַבאַק־פאַבריק אַ פּאַפּיראָסנמאַכערקע. שפּעטער, נאָך דער כאַסענע, אַז ס'זײַנען געבאָרן געוואָרן קינדער, האָט זי געמאַכט פּאַפּיראָסן אין דער היים.

„אַזוי טראַכט די מאַמע, ווען זי וויגט מײַן וויגעלע מיט איין פוס. אירע הענט זײַנען פאַרנומען מיט „כאַיונע". אירע פינגער באַוועגן זיך פלינק, זיי גיבן אַ שאַר איבער דעם טאַבאַק, אַ כאַפּ אַ ביסל מיט די פינגער און אַ לייג אַרוף אַפן קערטל, דאָס קערטל דרייט זיך שנעל צונויף, ווערט אַרײַנגעשטופּט אין אַ הילזע, און טייקעף פאַלט אַפן טיש אַ פּאַפּיראָס. די הענט אַרבעטן פלינק, גיך. דער באַרג פּאַפּיראָסן אַפן טיש וואַקסט. די מאַמע וויגט מיט איין פוס מײַן וויגל" („אַ רײַזע אַהיים").

שפּעטער האָט זי געמאַכט פאַר דער טאַבאַק־פאַבריק שיידלעך. דאָס געדענק איך שוין אַליין. איך בין אָנגעקומען לערנען אין דער ייִדישער קאַזיאָנער שול. די מאַמע, איך און מײַן ייִנגערער ברודער שטייען אויף פאַרטאָג און קלעפּן די שיידלעך. דערנאָך גיי איך אין שול. נאָך דער שול זעץ איך זיך נאָכאַמאָל בײַם טיש און מאַך ווידער שיידלעך. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע.

2. הונגער

בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זײַנען די דײַטשן אַרײַן אין ווילנע יאָמקיפּער 1915. און אָפּאָנעם, אַז דעם זעלבן טאָג נאָך האָט מען אין הימל באַוויזן צו כאַסמענען אַ שלעכט צעטל פאַר דער שטאָט: הונגער.

די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט האָט אַרויסגעפירט פון דער געגנט אַלץ, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט. דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן געשיקט אַהיים קעסטלעך פּראָדוקטן פאַר זייערע מישפּאָכעס. ספּעקוליאַנטן האָבן אויסבאַהאַלטן מעל, גרויפּן, קאַרטאָפל... געהויבן די פּרײַזן, רײַך געוואָרן. בעקער, בײַ וועמענס טירן עס זײַנען געשטאַנען גוואַלדיקע רייען נאָך ברויט אָף קאַרטלעך, זײַנען געוואָרן די קייסאָרים אין דער שטאָט. דאָס ברויט איז געווען רוי, געווען שווער, ווי ציגל, און זויער, ווי עסיק.

הונגערן איז קיינמאָל ניט גוט. צו פופצן יאָר איז עס נאָך ערגער. דער אָרגאַניזם וואַקסט, דער אַפּעטיט איז גרויס, די אויגן זײַנען גרייט אַלץ אײַנצושלינגען. פון אינדערפרי אָן זוך איך אין אַלמער, צי האָבן זיך דאָרט ניט פאַרוואַלגערט קיין ברעקלעך פון ברויט, פון כאַלע. פּאַראַן. ווינציק, עמעס, אָבער ברעקלעך. אופגעגעסן, איז נאָך ערגער געוואָרן. איך דערמאָן זיך, אַז אין די „גוטע יאָרן" (אָדער: אין די „זאַטע יאָרן") זײַנען אָף איינער אַ פּאָליצע געלעגן זעקעלעך מיט בעבלעך און אַרבעס. צי האָט זיך עפּעס ניט פאַרוואַלגערט? איך זוך, איך שאַר, און עס גליקט מיר אָפּ: געפונען עטלעכע אַרבעסלעך. זיי זײַנען טרוקן און האַרט, ווי ביין. די ציינער אָבער זײַנען יונגע, שאַרפע, זיי צעמאָלן די אַרבעסלעך. אין מויל ווערט טערפּקע און פול מיט שפּײַעכץ, נאָר קיין זאַטקײַט גיבן זיי ניט. און דאָ דאַרף נאָך טרעפן, אַז דאָס לעצטע אַרבעסל לאָזט זיך ניט צעקײַען, נאָר גליטשט זיך גאַנצערהייט אַראָפּ אין האַלדז. אַך, האָט עס מיך פאַרדראָסן! איך בין געווען זיכער, אַז ווען איך צעקײַ דאָס אַרבעסל, ווער איך זאַט.

הונגער צווינגט צו פאַנטאַזירן און צו טראַכטן וועגן עסן און טרינקען. קומט מיר אַפן געדאַנק, אַז אין די „גוטע יאָרן" האָט די מאַמע אָפּגעגעבן אַן אָרעמאַן שטיקלעך ברויט און כאַ־

לע. איצט האָב איך א טײַנע צו דער מאמען: וואָלט זי ניט געווען אָפּגעגעבן דעם אָרעמאן די שטיקלעך ברויט, וואָלט איך איצט געהאט וואָס צו עסן.

אין איינעם אָן אָוונט איז עמעצער געקומען מיט א גוטער בסורע: מאָרגן וועט מען פארקויפן קארטאָפל אף ביליקע פרײַזן. פיר אזייגער פארטאָג בין איך שוין געשטאנען אין דער ריי מיט א זאק אונטערן אָרעם. איך בין געווען ניט פון די ערשטע, א סאך מענטשן זײַנען נאָך געקומען פריִער פון מיר. אלע שטייען צוגעשפארט צו דער וואנט, אײַנגעטוליעט, מיט אופגעשטעלטע קאָלנערס. אלע שווײַגן. עס דוכט אפילע, אז אלע דרעמלען. איך שווײַג אויך. מײַנע אויגן זײַנען צוגעמאכט, איך וואָלט געקאָנט געוויס אײַנשלאָפן, שטייענדיק אָנגעשפארט אָן דער וואנט. איך קאָן אָבער ניט אײַנשלאָפן, ווײַל פון קאָפּ גייט ניט ארויס דער געדאנק: אויב איך וועל באקומען א פולן זאק קארטאָפל, ווי וועל איך אים דערשלעפן אהיים? דערבײַ זע איך, אז די קארטאָפל זײַנען איינע אין איינע, רויטלעכע, שטײַפע. שיילן זיי וועט זײַן א מעכײַע, דערנאָך וועט מען זיי שנײַדן אף דינע פענעצלעך און ארופלייגן אף דער הייסער סקאָווערדע, וואָס שוימט מיט בוימל און שמעקט מיט געבראָטענע ציבעלעס. וואָס זאָל איך זיך איצט שעמען, איך בין זיך מודע: שטייענדיק יענעם פארטאָג, אָנגעשפארט אין דער וואנט, האָב איך אופגעגעסן קימאט דעם גאנצן זאק קארטאָפל, וועלכן איך האָב זיך געגרייט צו באקומען.

די צײַט האָט זיך געצויגן לאנגזאם, נאָר סאָפּקאָלסאָף האָט מען געעפנט דעם סקלאד. באלעבאטעוועט האָט דאָ א מענטש מיט א ברוינער באָרד. אין מײַנע אויגן איז דער דאָזיקער מענטש געווען דער צווייטער ראָטשילד — אזא סקלאד! ער קאָן עסן קארטאָפל, וויפל ער וויל: געקאָכטע, געפרעגלטע, געבראָטענע, אין פעלצן און אָן פעלצן, לאטקעס... און פון דער שאָלעכץ קאָן מען ערשט מאכן א טייגעכץ, א קוגל, א באבקע...

ווי נאָר דער סקלאד האָט זיך געעפנט, אזוי האָט א זעץ געטאָן מיט פוילעניש, מיט זויערקײַט. און ווען די ערשטע אין דער ריי האָבן באקומען צו עטלעכע קילאָ קארטאָפל, האָט מען זיך דערוווסט, אז די קארטאָפל זײַנען נאסע, צעפוילטע, פון זיי רינט, די זעק זײַנען געוואָרן פײַכטע. נאָר נישקאָשע... אויך פון אזוינס וועט מען אין שטוב מאכן א גוט מײַכל. איך בין אָפּגעשטאנען אין דער ריי ביז אזייגער איינס. איך דערנעענטער זיך שוין צו מײַן ציל. פאר מיר שטייען דרײַ מענטשן. עס שטייען שוין צווי... מײַן זאק איז גרייט. און שטעלט אײַך פאָר... אף אזא אומגליק האָב איך זיך גאָר ניט געריכט. ווי נאָר עס איז דערגאנגען מײַן ריי צו באקומען קארטאָפל, האָט דער מענטש מיט דער ברוינער באָרד פארמאכט די טיר און דערקלערט, אז הײַנט וועט מען מער קיין קארטאָפל ניט ארויסגעבן. עס איז געוואָרן א גרויסער טומל, נאָר עס האָט גאָרניט געהאָלפן. ער האָט פארשלאָסן דעם סקלאד און איז אוועק.

מיטן ליידיקן זאק האָב איך זיך קוים דערקליבן אהיים. אין שטוב האָט מען געוואַרט מיט אומגעדולד אף מיר.

אפן הארצן האָט בא מיר געברענט א סינע צום סקלאד־פארוואלטער. געהערט, דאפקע בא מיר זיך אָפּשטעלן און פארמאכן די טיר! א כײַע, ניט קיין מענטש. אף אזוינעם איז גאָר קיין ראכמאָנעס ניט פאראן...

די שטוביקע ווילן מיר אפילע ניט גלייבן. וואָס עפּעס דאפקע בא מיר זאָל מען אופהערן ארויסגעבן די קארטאָפל? ווי געשיקט זיך אזוינס? וווהין זײַנען אהינגעקומען די קארטאָפל? צי האָב איך ניט עמעצן אָפּגעגעבן? אף אזא נאר, ווי איך בין, קאָן מען עס גלייבן.

איך ענטפער ניט. איך ליג אף דער קושעטקע און ראנגל זיך מיטן סקלאד־פארוואלטער. איך פליק אים אויס די ברוינע באָרד, איך שטופּ אים אָן א פול מויל מיט פוילע קארטאָפל, ער זאָל זיך ווארגן, איך שלאָג אים מיטן זאק איבער די באקן, איך רעכן זיך מיט אים אָפּ. דערבײַ לאָז איך זיך אזוי ארײַן אין דער „ארבעט", אז איך נעם ריידן אפן קאָל, איך זידל דעם קארטאָפל־מיליאָנער:

— וועסט געדענקען! נא, נא, נא! פארך איינער, פאסקודע, רויצייער! איך וועל דיך קיין לעבעדיקן ניט ארויסלאָזן.

— יִסראָעל, — זאָגט די מאמע צום טאטן, — מיטן יינגל איז עפּעס ניט גוט. ער רעדט פון היץ.

מיט קיין פארלייגטע הענט קאָן מען ניט זיצן. איך זוך ארבעט, איך דארף פארדינען אף ברויט.

א שאכן זאָגט מיר אָן, אז אפן וואָקזאל נעמט מען אָן ארבעטער. די ארבעט באשטייט אין דעם, וואָס מע דארף א גאנצן טאָג טראָגן פעקלעך פון סקלאד אין די וואגאָנעס און פון די וואגאָנעס אין סקלאד. איך געדענק שוין ניט גענוי, וויפל מע האָט געצאָלט פאר א טאָג ארבעט — איין רוסישן רובל אָדער איין אָסט־מארק. קומען צו דער ארבעט דארף מען פארטאָג. קעדיי ניט צו פארשלאָפן, שלאָפט קיינער ניט אין שטוב, אלע וועקן מיך. פארן אוועקגיין ווינטשן מיר אלע האצלאָכע. די היימישע פארשטייען, אז די דײַטשן וועלן אויסקלײַבן אף ארבעט געזונטע, שטארקע מענטשן,

אזוינע, וואָס זאָלן קאָנען א גאַנצן טאָג שלעפּן די פּעקלעך און ניט מיד ווערן. איך בין אַלט פופצן יאָר, כ׳בין קליין, דאַר, גאָר ניט קיין גיבער. אָבער אז צום שלימזל איז פאַראַן א ביסל מזל — גליקט עס אָפּ. יענעם טאָג זײַנען ווינציק מענטשן געקומען זיך פאַרדינגען. בין איך אויך געווען „גאַדיען". דאָס גליק האָט לאַנג ניט געדויערט. נאָך עטלעכע וואָכן ארבעט האָט מען אונדז אַלעמען אנטזאָגט, מע דאַרף אונדז מער ניט.

וואָס טוט מען ווײַטער?

איך נעם פּאַרקויפן צײַטונגען. די פּאַרנאָסע איז ניט קיין גרויסע, נאָר די קאָנקורענץ איז א גוואַלדיקע. די גאַנצע שטאָט יינגלעך זײַנען געוואָרן צײַטונגס־פאַרקויפער. אַלע ווילן עסן, און אַלע זוכן א וועג צום ביסן ברויט. פאַראַן אזוינע, וואָס קענען גוט אויסשרײַען די נײַס פון די צײַטונגען. דוכט זיך, איינע און די זעלבע צײַטונג, נאָר בא איין יינגל קויפט מען, באַם צווייטן — ניט. ס׳איז א פּראָסט. איך לויף ארום באַם וואָקזאַל, איך סטאַרע זיך, איך שרײַ: „ווילנער צײַטונג!". קליינע גליקן. אָפּאָנעם, איך קאָן מײַן „סכוירע" ניט פאַרקויפן, איך טויג ניט...

אָבער אז עס איז באַשערט — באַקום איך א שטעלע: איך טראָג פאַנאַנדער די צײַטונג פאַר די אבאָנענטן. פיר מאַרק א וואָך. און דערצו מאַכט זיך אַמאָל, ווען אין דער צײַטונג איז פאַראַן גוטע נײַס פאַר די דײַטשן — גענומען א שטאָט, גענומען געפאַנגענע, — גיבן די דײַטשישע מיליטער־לײַט א מאַטאָנע — ברויט אָדער מאַרמעלאַד צום ברויט.

איינמאָל האָט מיר שטאַרק אָפּגעגליקט.

צי אָף גרויס־סטעפּאַן־גאַס, צי אָף שאָפּען־גאַס האָט אין א פּריוואַטער דירע געוווינט א דײַטשישער אָפיצער. באַם אָפיצער איז געווען א קעכער — א דײַטשישער סאָלדאַט. די צײַטונג פלעג איך אַרײַנטראָגן דורך דער קיך. פאַר גוטע נײַס פלעגט דער סאָלדאַט געבן א מאַטאָנע. ער האָט געהאַט זײַן אייגענע גראַדאַציע פון האָנאָראַר: א סיגאַרעט, א פּענעץ ברויט, עטלעכע געבראָטענע קאַרטאָפל מיט א פּיצל כאָזער.

אין יענעם פרימאָרגן, ווי נאָר איך בין אַרײַן אין קלעצקינס דרוקערײַ, ווו די צײַטונג האָט זיך געדרוקט, האָב איך באַלד דערהערט, ווי די צײַטונגס־פאַרקויפער כאַזערן אײַן וויכטיקע נײַס. נו, טראַכט איך, הײַנט קאָן זײַן א פּענעץ ברויט מיט מאַרמעלאַד. און עפּשער... געבראָטענע קאַרטאָפל מיט פּעטס. איך כאַפּ מײַנע צײַטונגען און לויף פײַל־אויסן־בויגן פון איין אבאָנענט צום צווייטן. און אָט קלאַפּ איך שוין אין דער טיר פונעם דײַטשישן אָפיצער. הײַנטיקס מאָל קלאַפּ איך ניט מיט איידלקײַט, ווי איך טו עס אַלעמאָל, נאָר האַפּערדיק, ווי מע קומט רופן אָף א כאַסענע. דער קעכער דערקענט שוין לויטן קלאַפּן, אז הײַנט איז פאַראַן גוטע נײַס.

— נו? — פרעגט ער, ווי נאָר איך קום אַרײַן.

איך שטרעק אים אויס די צײַטונג. ער קוקט אין איר אַרײַן און נעמט אונטערטאַנצן פון פרייד. דערנאָך גיט ער מיך צופרידן א קלאַפּ איבער דער פּלייצע, ווי איך וואָלט געווען דער העלד פון די גוטע נײַס.

— גוט, זייער גוט! — זאָגט ער א גליקלעכער און נעמט קוקן איבער די פּאָליצעס, מיט וואָס אָפּצוצאָלן פאַר מײַן „העלדישקײַט". ער קוקט אָף די פּאָליצעס, און איך קוק נאָך זײַן „קוקן" — ברויט? מיט מאַרמעלאַד? קאַרטאָפל? זאָל זײַן, אז ניט מער, ווי א סיגאַרעט? פאַר אַזאַ נײַס! עס קאָסט מיך אַליין טײַערער...

דער קעכער גיט א כאַפּ פון דער פּאָליצע קימאַט א גאַנץ לעבל ברויט און דערלאַנגט עס מיר. ער קוקט ווידער אָף די פּאָליצעס, מעגלעך, ער וויל מיך מיט נאָך עפּעס מעכאַבעד זײַן, נאָר איך קאָן שוין ניט אײַנשטיין אָף אן אָרט, איך שרײַ „דאַנקע" און אַנטלויף.

קימאַט א גאַנץ סאָלדאַטסקע לעבל ברויט! ווער קאָן עס פאַרשטיין, ווער קאָן עס באַנעמען? א לעבל ברויט!

איך טראָג דאָס ברויט אונטערן אָרעם און פיל, אז איך וואַקס, איך ווער טײַערער אין מײַנע אייגענע אויגן. די פיס גייען דרייסטער, דער קאָפּ איז פאַרהויבן. איך בין זיכער, אז אַלע אָף דער גאַס קוקן אָף מיר, באַוווּנדערן מיך, זײַנען מעקאַנע... אַזויפיל הונגעריקע!

לויט דעם, ווי איך עפן די טיר אין שטוב, לויט מײַנע טריט, דערקענט מען אין דר׳היים, אז איך קום ניט מיט קיין ליידיקע הענט. אָבער אָף אַזוינס... אָף א לעבל ברויט ריכט זיך קיינער ניט. איך קום אַרײַן אָן ווערטער און לייג אַוועק דאָס ברויט אָפן טיש. אַלע שפּרינגען אוף פון זייערע ערטער: דער טאַטע, די מאַמע, ביידע ברידער. זיי קאָנען א וואָרט ניט אויסריידן. זיי זײַנען איבעראַשט און וואַרטן, אז איך זאָל זיי דערציילן וועגן דעם נעס, וואָס איז געשען. איך זאָל אָף זייערע שטומע פראַגן ענטפערן: אוואָדים האָיִינו...

דערנאָך נעמט די מאַמע דאָס מעסער און טיילט אַלעמען גלײַכע כאַלאָקים.

און דאָ קומט יענער צופאַל, וועגן וועלכן איך געדענק א גאַנץ לעבן. עס טרעפט, אז אומגעריכט גיט זיך די דאָזיקע דערמאָנונג א שטעך פאַר מײַנע אויגן און מיר ווערט דעמלט ניט גוט. איך טרײַב זי פון זיך, איך פאַרזאָג

זי. אָבער אין א געוויסער צײַט ארום קומט זי צוריק.

דאָס ברויט האָבן מיר אַלע געגעסן טרוקע־נערהייט, געטונקט אין זאַלץ. פון אָנהייב איז יעדערן געווען א שאָד זיך גלײַך צוכאַפּן צו דער אכילע, נאָר אז מע מאכט דעם ערשטן ביסן — איז שוין דעמלט שווער זיך אָפּצו־שטעלן. קאָן זײַן, אז דערפאר ווײַל איך בין הײַנט דער „העלד" פון טאָג, אײַל איך זיך ניט מיטן עסן. אַלע באַם טיש האָבן זייער „מאָל־צײַט" פארענדיקט, איך מיטן טאטן נאָך ניט. דער טאטע נעמט דעם לעצטן ביסן אין מויל אַרײַן, איך האַלט מײַן לעצטן ביסן לעבן זיך אפן טיש. פלוצלינג ציט אויס דער טאטע די האנט און ווײַל נעמען מײַן לעצט שטיקל ברויט. דאָס איז פאר מיר אומגעריכט. זינט מע טיילט ברויט אף גלײַכע כאַלאָקים, באַ־נוגנט זיך יעדערער מיט זײַנס. וואָס איז הײַנט געשען? פארוואָס קומט אים מער? דערבײַ דערפיל איך, אז איך בין מיטאַמאָל געוואָרן גוואַלדיק הונגעריק, א סאַך מער, ווי מיט א מינוט פריִער. און דערצו — דער לעצטער ביסן! איך רוק אָפּ מײַן ברויט נעענטער צו זיך, דער טאטע שטייט אָבער ניט אָפּ. ער שטעלט זיך אוף, ער דערנעענטערט זיך.

— יאָסל, ווי שעמסטו זיך ניט? — זאָגט די מאמע. — דו זעסט דאָך, אז דעם טאטן האָט זיך דער ביסן געשטעלט אין גאָרגל. גיב אים אָפּ דאָס פיצל ברויט אף אראָפּשלינגען...

איך גיב אָפּ מײַן לעצטן ביסן. דער טאטע שלינגט אראָפּ. אים ווערט גרינגער, און ער קאָן שוין ריידן:

— געמיינט... איך ווער דערוואָרגן.

אַלע שווײַגן. אָבער אף מיר קוקט קיינער ניט.

3. אנטאָקאָליער שאָסיי

בא אונדז אין שטוב האָט מען קיין „אימע־נינעסן" ניט געפּראוועט. בא אונדזערע שכיי־נים — אויך ניט. אין דער קינדהײַט האָבן מיר געטראַכט, אז „אימענינעסן" פּראוועט מען בא באַסיעכידקעס, בא גימנאַזיסטקעס, ביכלאַל בא רײַכע קינדער.

אַמאָל פלעגט טרעפן, אז די מאמע דערמאָנט זיך פלוצלינג און זאָגט דעם טאטן:

— יִיסראָעל, זע נאָר... מיר האָבן דאָך גאָר פארגעסן... מיט א כוידעש צוריק איז מענדלען געוואָרן צען יאָר.

אָדער:

— אך, ווי דער קאָפּ איז פארדרייט! מיט א וואָכן דרײַ צוריק איז דאָך בארעכן געוואָרן פיר יאָר.

דער דאָזיקער יאָמטעוו אָדער די דאָזיקע סימכע איז בא אונדז ניט געווען אָנגענומען. פּאַשעט, דער קאָפּ איז דערבײַ ניט געלעגן. נאָר הײַנט האָט די מאמע זיך אומגעריכט דער־מאָנט, אז מיר דאַרף אינגיכן ווערן זעכצן יאָר. אַט־אַט איז דער געבורטסטאָג...

— ווען אף דער וועלט וואָלט געווען שאָ־לעם, — זאָגט זי, — וואָלטן מיר שוין קליגער געווען. מיר וואָלטן געפּראוועט אימענינעס. נאָר גיי טו, אז ס'איז מילכאָמע...

— ווארט, ווארט, ציוויע... — ענטפערט דער טאטע, — אַלע מאָל פארשפעטיקסטו, הײַנט האָסטו זיך צוגעײַלט. ביז זעכצן...

צווישן דעם טאטן און דער מאמען גייט א „דיסקוסיע": ס'איז נאָך פרי צי ס'איז שוין שפּעט. נאָר אין איינס גייען זיי זיך צונויף. ווען ניט די מילכאָמע, — פּראוועט מען אימע־נינעס. די מילכאָמע האָט אויסגעלערנט, אז דאָס לעבן איז סײַ טײַער, סײַ עס האָט קיין גרויסע ווערט ניט. און ביכלאַל שטעלט זיך אַלץ מיטן קאָפּ אראָפּ. דערפאר איז מען געוואָרן קליגער. וועט ווערן שאָלעם, — טראַכט מען, — דאַרף מען האַנאָע האָבן פונעם לעבן. איין מאָל לעבט מען.

די מאמע האַלט, אז קיין מילכאָמעס דאַרף מען ביכלאַל ניט. דער טאטע שמייכלט. ווי א מאנצבל קאָן ער עס ניט אָננעמען.

— וויאַזוי וועט מען זיך שלאָגן — אָן מילכאָמעס?

דערווײַל עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן א דײַטשישער זשאנדארם, א הויכער, מיט געלע שפּיציקע וואָנצעס.

— דאָ וווינט יאָזעף ראבין?

— דאָ.

— ווער איז ער?

— איך.

— פאָרסט נאָך בערלין.

— בערלין?

— יאָ, יאָ, בערלין. דאָרט וועסטו באקומען ארבעט. נעם דײַן פּאַס, נעם דײַנע זאכן און קום.

בערלין? דאָ האָב איך טאטע־מאמע, דאָ בין איך בא זיך אין דר'היים. בערלין. אָבער פון דער צווייטער זײַט: ווען קאָן זיך מאכן אזא געלעגנהײַט? זײַן אין בערלין און דאָרט ארבעטן. ניט אַלע טאָג טרעפט זיך אזא גליק.

דער טאַטע זאָגט וועגן מיר, אַז איך קען לייענען און שרײַבן דײַטש.

— אויב אַזוי, — זאָגט דער זשאַנדאַרם, — וועט אים זײַן זייער גוט.

איך געזעגן זיך מיט די אייגענע, אַלע ווינטשן מיר אַ גוטע רײַזע, האַצלאָכע, מע זאָגט מיר אָן, איך זאָל ניט פֿאַרגעסן שרײַבן בריוו. לעמאַנהאַשעם ניט פֿאַרגעסן, גלײַך ווי איך קום אָן, טייקעף געבן צו וויסן.

— איך וועל נאָך פֿון וועג שרײַבן, מאַמע.

ווי קומט צו מיר דער זשאַנדאַרם און ווי קום איך צו בערלין?

אין יענע הונגעריקע יאָרן פֿון דער דײַטשישער אָקופּאַציע האָט יעדערער זיך געסטאַרעט זײַן צוגעפּעסטיקט צו אַ ביליקער קיך, ווו מע גיט איין מאָל אין טאָג אַ טעלער „יושקע“. מיר זײַנען געווען צוגעפּעסטיקט צו דער ייִדישער אַרבעטער־קיך, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף זאַוואַלנע גאַס, ניט ווײַט פֿון די האַלעס. די עסער — אַרבעטלאָזע פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַכן — אויסגעהונגערטע, מידע און פֿאַרשמאַכטע פֿלעגן גאַנצפֿרי קומען אין דער קיך און וואַרטן ביז מע וועט דאָס עסן אַרויסגעבן. אַ גרויסער טייל פֿון די עסער פֿלעגט בלײַבן וואַרטן ביז שפּעט, עפּשער וועט עפּעס אין קעסל איבערבלײַבן — וועט מען געבן אַ צוגאָב־פּאָרציע. עס פֿלעגט אַרומגיין אַ ווערטל, אַז קעדיי כאַפּן אײנעם זופּ אַ גרויפּ אָדער אַ קאַרטאָפֿל, דאַרף מען זיך אויסטאָן און זיך לאָזן אין שיסעלע שווימען.

ווו קריגט מען אַרבעט? וועגן דעם האָבן אַלע געטראַכט.

און אָט... אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיך דערוווּסט אַ גוטע נײַס: די דײַטשן ווילן געבן אַרבעט. גוטע באַדינגונגען, מעגלעך, אַז אַרבעטן וועט אַפֿילו אויסקומען אין דײַטשלאַנד. פֿון דער ידיעה אַליין איז געוואָרן פֿריילעכער. אַ האָפֿענונג איז פֿאַראַן. הײַנט, אַז אין דער קיך האָבן זיך באַוויזן דײַטשישע אַנקעטעס, — איז געוואָרן אַ שׂימחה. פֿיל אויס די אַנקעטע, ווײַז אָן דײַן אַדרעס — באַקומסטו אַרבעט. די אויסגעהונגערטע, מידע מענטשן זײַנען געוואָרן פֿריילעכער, האָפֿערדיקער. ניט לאַנג איז שוין געבליבן זיך מאַטערן, אָפּקומען...

צווישן די, וואָס האָבן אויסגעפֿילט די אַנקעטעס און אָנגעוויזן זייערע אַדרעסן, בין איך אויך געווען. איך בין ווידער געווען אַ לײַדיקגייער. און צוזאַמען מיט אַלעמען געוואַרט אויף אַרבעט און אויף גוטע באַדינגונגען.

צי וועט מען אָבער ניט אָפּנאַרן? צי וועט יעקע־דײַטש האַלטן וואָרט? לאָזט זיך אויס, אַז דעם צוזאָג פֿילט מען אויס. איך פֿאָר קיין בערלין. און ניט קיין פּראָסטער באָסערוועדאָם איז געקומען מיך אײַנלאַדן אויף אַרבעט, נאָר אַ זשאַנדאַרם אַפֿילע, אַ הויכער, אַ געלער, מיט שפּיציקע וואָנצעס. בײַ מיר איז אַ גוטע שטימונג. איך זאָל נאָר ניט פֿאַרגעסן אָנשרײַבן אַ בריוו אַהיים. פֿון אונדזער טיר ביזן טויער איז ניט ווײַט, און וויפֿל עס דויערט דער וועג צום טויער, אַזויפֿיל דויערט מײַן פֿרייד. וואָרעם ווי נאָר איך גיי אַרויס אויף דער גאַס, דערזע איך, אַז עס שטייען מענטשן מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס און דײַטשישע זשאַנדאַרמען אויף פֿערד רינגלען זיי אַרום און היטן זיי. פֿון אומדערוואַרטקײַט גלאָץ איך אויס די אויגן: עפּעס געפֿעלט עס מיר ניט. „מײַן זשאַנדאַרם“ נעמט מיך פֿאַר דער האַנט און פֿירט מיך צו דער קאָמפּאַניע. איך דערקען אַלעמען... זיי האָבן אויך אויסגעפֿילט אַנקעטעס.

— אַרײַנגעפֿאַלן? — פֿרעגט איינער.

און אַ צווייטער ענטפֿערט:

— פֿאַרוואָס? עפּשער איז בײַ זיי אַזאַ אָרדענונג. דײַטשן האָבן ליב פּינקטלעכקײַט.

אַ סך שעה האָט מען אונדז געפֿירט איבער די ווילנער גאַסן. בײַ יעדן טויער שטעלן מיר זיך אָפּ, און פֿון דאָרט פֿירט מען אַרויס נײַע מענטשן. מיר זײַנען געווען זיכער, אַז פֿירן וועט מען אונדז צום וואָקזאַל — מיר פֿאָרן דאָך קיין בערלין. נאָר צו פֿאַרנאַכט־צו האָט מען אונדז געבראַכט אין... אַנטאָקאָליער טורמע.

— טורמע? — דאָס רופֿט אַרויס בײַ אַ סך פֿאַרוווּנדערונג. — ניט גלאַט עפּעס... יעקע כיטרעוועט...

פֿאַרטיידיקער געפֿינען זיך ווידער:

— וואָס האָט איר געוואָלט... מע זאָל אײַך פֿירן אין אַ האָטעל? איבערנעכטיקן קאָן מען דאָ אויך.

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן געפֿין איך זיך אין אַ טפֿיסע. איך שלאָף אויף אַ נאַרע, די פֿענצטער זײַנען מיט גראַטעס און נאָך מיט „דאַשעקעס“ איבער זיי. דאָס אַליין איז טשיקאַווע — זײַן אין אַ טורמע... איך מיט נאָך עטלעכע ייִנגלעך גייען פֿון קאַמער צו קאַמער און באַטראַכטן אַלץ און אַלעמען. אַזאַ געלעגנהײַט, ווען קאָן זיך עס נאָכאַמאָל מאַכן?

אין דער אַנטאָקאָליער טורמע האָט מען אונדז געהאַלטן דרײַ מעסלעס. אויפֿן פֿערטן טאָג האָט מען אונדז אַלעמען אויסגעשטעלט אין רייען, און דײַטשישע סאָלדאַטן מיט ביקסן האָבן אונדז אוועקגעפֿירט. דאָס מאָל זײַנען אַלע זיכער, אַז אונדזער וועג פֿירט צום וואָקזאַל. נאָר מיר האָבן אַ טאָעס. ווּהין זשע פֿירט

מען אונדז? געבראַכט האָט מען אונדז הינטערן שטאָט, אין אַנטאָקאָל, אַרײַנגעפירט הינטער שטעכיקע דראָטן, אונטער אַ וואַך — מיר זײַנען צוואַנג־אַרבעטער.

— אָט האָסטו דיר בערלין!

מיר בויען דעם אַנטאָקאָליער שאָסיי.

מײַן ערשטע פּראָפעסיע דאָ, אויף שאָסיי, איז אַ ברוקירער. איך זיץ אונטער דער הייסער זון אין זאַמד, די פיס אונטער זיך, אין דער האַנט איז בײַ מיר אַ האַמער, אַרום מיר ליגן שטיינער, איך ברוקיר. פֿונדערווײַטן דערזעען מיר דעם שטראָסע־מײַסטער. אַ נידעריקער, אַ ברייטער, מיט אַ רויט ציגל־פּנים און מיט אַ ציגאַר אין מויל. אַלע נעמען פֿלײַסיק אַרבעטן. איך סטאַרע זיך מיט אַלע כּוחות, איך באַגיס זיך מיט שווייס. איך בין אַפילו זיכער, אַז דער מײַסטער וועט מיך לויבן. נאָר אַז דער שטראָסע־מײַסטער איז נעענטער צוגעקומען און האָט אַ קוק געטאָן אויף מײַן מלאָכה, האָט ער זיך צעשריִען אויף סאָלדאַט, וואָס היט אונדז:

— נעם אַוועק דעם שנײַדער־יונג! ווי קומט ער זײַן אַ ברוקירער? — ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער און אַרויסגעשלעפּט פֿונעם זאַמד.

איך האָב געמוזט בײַטן מײַן פאַך. צוזאַמען מיט אַנדערע שטעל איך בײַ די זײַטן פון שאָסיי גרויסע שטיינער. אָבער ווײַבאַלד דער שטראָסע־מײַסטער האָט אויף מיר געוואָרפן אַן אומכיין, טויג איך שוין פאַר דער דאָזיקער אַרבעט אויך ניט. האָט מען מיך פון דעם דאָזיקן „פּאָסטן" אויך באַזײַטיקט.

בין איך אַריבער האַקן שטיינער. דאָס הייסט, ניט ממש האַקן שטיינער, ווײַל נאָר אויף אויפצוהייבן דעם שווערן האַמער וואָלט מען צו מיר געדאַרפט צוגעבן נאָך אַ פּאָר יִינגלעך.

אין וואָס באַשטייט מײַן אַרבעט?

מיר גייען עטלעכע מענטשן אין וואַלד און האַקןביימלעך, שלעפּן זיי צום שאָסיי און צעקלאַפּן זיי אויף שײַטלעך. מיט אונדז גייט אַ סאָלדאַט, וואָס היט אונדז און טרײַבט אונדז אונטער. די שײַטלעך האָלץ לייגן מיר אַרום גרויסע שטיינער און מאַכן אַ פײַער. פֿונעם פײַער פּלאַצן די שטיינער, און דעמלט צעקלאַפּט מען זיי אויף קליינע שטיינדלעך. מײַן אַרבעט איז אויך געווען אַריבערצוטראָגן די שטיינדלעך אויף אַ טראָגבערעט. שטיינער, ווי באַוווּסט, זײַנען ניט פון די לײַכטע מאַטעריעס. דעריקער איז מיר אָבער געווען שווער צוליב מײַן שותּף, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געטראָגן די ברעט מיט די שטיינער. מײַן שותּף איז געווען אַ הויקער, געזונטער טרעגער פון דער ווילנער פאַרשיווער רעמיזע. עמעס, ער איז געווען אָפּגעצערט, נאָר נידעריקער איז ער ניט געוואָרן און כּוחות האָט ער נאָך געהאַט. אַזוי ווי ער איז געווען הויך און איך נידעריק, איז די גאַנצע שווערקייט געפאַלן אויף מיר. דערבײַ האָט ער געשטעלט אַ ברייטן טראָט, אַ סך גרעסער פון מײַנעם. ער פלעגט גיין, און מיר איז אויסגעקומען נאָכצולויפן. אָפּט האָב איך געפילט, אַז אָט־אָט לאָז איך אַרויס פון די הענט די טראָגברעט מיט די שטיינער.

עסן האָט מען געגעבן ווינציק. די אַרבעטער זײַנען שטענדיק געווען האַלב־הונגעריק. מיט קינע פלעגן מיר קוקן אויף סאָלדאַט, וואָס עסט זײַן פּוטערבראָד און פאַרטרינקט מיט זיסער קאַווע פון דער פלאַגע. זײַן פּוטערבראָד איז באַשטאַנען פון אַ דין פּענעצל ברויט באַשמירט מיט פּוטער, אויף דער פּוטער קעז און אויפן קעז וווּרשט. די ערשטע צײַט האָבן מיר זיך געוווּנדערט. אין די גוטע יאָרן האָבן מיר עס אויך געגעסן, נאָר פּונקט קאַפּויר. אַ גרויסע שטיק ברויט און צום ברויט אָדער פּוטער, אָדער וווּרשט. אַלץ אָבער צוזאַמען? און נאָך קעז דערצו? אַ פרעסער!

ניט אומזיסט זאָגט מען: אַ נאַרישקײַט פאַרגעדענקט זיך. וויכטיקע זאַכן און דאַטעס זײַנען אַרויס פון זיקאָרן, נעמען פון כאַווײרים האָב איך פאַרגעסן, נאָר די פאַמיליע פון דעם דײַטשישן סאָלדאַט האָב איך פאַרגעדענקט — סילין. אין דער היים בײַ זיך איז ער געווען אַ קוטשער. און, אַפּאָנעם, פון געוווינהײַט וועגן האָט ער אויסער דער ביקס אויך געטראָגן אַ שטעקן אין דער האַנט. צו די פערד האָט ער געהאַט אַ בײַטש, צו מענטשן — אַ שטעקן. בכלל איז ער עפּשער געווען ניט קיין שלעכטער מענטש, נאָר ער האָט זיך געסטאַרעט פאַר זײַן נאַטשאַלניק — דעם וואַכמײַסטער. וואָרעם עס איז דאָך בעסער צו באַלעבאַטעווען איבער אַרבעטער אין אַן אָקופּירטער שטאָט, ווי גיין אויפן פראָנט: היט ער זיך, סטאַרעט ער זיך.

זונטיק אַרבעטן מיר ניט. ווילט זיך טאַקע מער עסן. איינעם אַ זונטיק האָבן מיר, צוויי יִינגלעך, באַשלאָסן צו לויפן אין שטאָט און קריגן ברויט. דער וועכטער איז געשטאַנען בײַם טויער. מיר זײַנען אַוועק הינטערן באַראַק און איבערגעבונדן די שטעכיקע דראָטן: איין דראָט צו דעם, וואָס איבער אים, און איין דראָט צו דעם, וואָס אונטער אים; עס איז געוואָרן אַ היפּשע לאָך, און מיר האָבן געקענט דורכקריכן.

אין וואַלד האָבן מיר געבלאָנדזשעט. מיר האָבן ניט געוווּסט דעם וועג, וואָס פירט אין שטאָט אַרײַן. דערווײַל דערהערן מיר, ווי עמעצער זינגט קאָסטיאָל־ניגונים. פון אומדערוואַרטקײַט האָבן מיר זיך דערשראָקן. אײַנגיכן האָבן מיר דערזען, ווי אין וואַלד גייט איינער

אַליין אַרום אַ קסיאַנדז און זינגט. ער האָט אונדז געוויזן דעם וועג.

געקומען אין שטאָט, זײַנען מיר, דאָס ערשטע, אַרײַן אין דער אַרבעטער־קיך אויף זאַוואַלנע גאַס. דער קאַסיר ישעיע קאַזשעווניק (ישעיע קאַנאַטקין, געוועזן אין די דרײַסיקער יאָרן סעקרעטאַר אין דער רעדאַקציע „עמעס״) האָט אונדז פרײַנטלעך באַגעגנט און אַרויסגעגעבן קוויטלעך, לויט וועלכע מיר האָבן באַקומען צו שיסעלעך אַרבעס־זופּ. דערנאָך זײַנען אַלע אַוועק אַהיים. איך אויך. אין שטוב איז געוועזן ניט פרייַלעך, בין איך אַוועק צוריק קיין אַנטאָקאָל. סײַווי, וויבאַלד מײַן פּאַס איז בײַ די דײַטשן און מײַן אַדרעס איז זיי באַוווּסט, — וועלן זיי מיך געפינען. איך בין געוועזן זיכער, אַז צוריק אין באַראַק וועל איך אַרײַן מיטן זעלבן וועג, ווי אַרויס. אָבער נעכטיקע טעג. די דראָטן זײַנען שוין ווידער אין אָרדענונג, און דרײַ וועכטער גייען אַרום פון אַלע זײַטן. בין איך אַוועק צום טויער. דאָרט האָט מען שוין אויף אונדז געוואַרט. איך בין געוועזן ניט דער איינציקער. עטלעכע צענדליק מענטשן זײַנען אַנטלאָפן און געקומען צוריק. דער אונטער־אָפיצער האָט אונדז אויסגעשטעלט און בײַ יעדערן געפרעגט, פאַרוואָס איז ער געלאָפן. דער ענטפער איז בײַ אַלעמען געווען דער זעלבער: הונגעריק, געגאַנגען זוכן ברויט.

— דומע קערלען! הונגעריק זײַנען זיי! ווינציק עסן גיט מען אײַך? — און ער האָט לויט דער ריי גענומען אַלעמען פּאַטשן און שלאָגן.

דערנאָך האָט מען אונדז אַרײַנגעזעצט אין קאַרצער.

קאָלזמאַן עס איז געוועזן זומער, איז נאָך געווען צו דערלײַדן. עס איז אָבער אָנגעקומען דער האַרבסט, מיט רעגנס, מיט קאַלטע פאַרטאָגן. אָנגעטאָן זײַנען מיר געוועזן שלעכט. דער אוילעם האָט גענומען אונטערקרענקען. דערצו האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אינגיכן וועט מען אונדז אַריבערפירן אויף אַרבעט אין די פּינסקער זומפּן. מיט אייניקע גרופּעס אַרבעטער איז עס שוין געשען. מע ווייסט אויך די „גוטע״ גרוסן פון דאָרטן: מע פּוכניעט, מע ווערט געשוואָלן און מע פאַלט. צוריק פון דאָרט קערט מען זיך ניט אום.

איך בין געוועזן אויסגעמאַטערט, הויט און ביין. דערצו האָב איך גענומען הוסטן. די כאַווײרים פון באַראַק האָבן אויף מיר ראַכמאָנעס געהאַט.

— ראַבין, וועסט אומקומען, קוים דו לעבסט, און אַז מע וועט דיך פירן צו די פּינסקער בלאָטעס, וועסטו גאָר אַהינצו ניט דערפאָרן. גיב אַ טראַכט...

וואָס האָב איך געקאָנט טראַכטן און וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?

איך האָב שוין וועגן זיך אַמאָל געזאָגט: איך בין אַ גרויסער שלימאַזל, אָבער מיט אַ קליין שטיקל מאַזל דערצו. העלפט עס מיר אָפּט. די מאַמע איז געקומען זיך זען מיט מיר, געבראַכט אַ שטיקל ברויט, וואָס מע האָט אין שטוב פאַר מיר אָפּגעשפּאָרט. זי איז געקומען צום שאָסיי אין דער צײַט פון דער אַרבעט. איך האָב זי ניט באַמערקט. כ'האָב פּונקט דעמאָלט געטראָגן מיט מײַן שוטעף אַ טראָגברעט מיט שטיינער. קיין קויכעס זײַנען ניט געוועזן, האָב איך זיך קוים געשלעפּט. דער סאָלדאַט האָט עס דערזען, איז ער צוגעלאָפן און מיטן שטעקן מיר דערלאַנגט איבער די פינגער. פון ווייטעק און פון פאַרדראָס בין איך אַזוי אופגעקאָכט געוואָרן, אַז איך האָב אַ שלײַדער געטאָן די בּרעט מיט שטיינער צום סאָלדאַט. ער איז קוים אָפּגעשפּרונגען. און דעמאָלט האָט ער אופגעהויבן דעם שטעקן... נאָר אומדערוואַרט פאַר מיר, שטעלט זיך קעגן אונדז ביידן די מאַמע. זי לאָזט מיך ניט שלאָגן.

— ווער ביסטו? — פרעגט דער סאָלדאַט אַ צעקאָכטער.

— איך בין זײַן מאַמע.

— מאַמע? דאָ בין איך זײַן מאַמע! אַוועק, אַוועק!

די מאַמע האָט געמוזט אָפּטרעטן. אָבער געשלאָגן האָט מיך דער סאָלדאַט שוין ניט.

אַז איך בין נאָך דער אַרבעט געקומען צוריק אין באַראַק, בין איך אַרויס צו די דראָטן, ווו די מאַמע האָט אויף מיר געוואַרט.

— יאָסל, — האָט זי געזאָגט, — וועסט דאָך דאָ אומקומען.

— וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע?

— איך האָב פאַר דיר אַן אייצע. אונדזער שאָכנס ייִנגל איז דאָך אויך געווען אויף צוואַנגאַרבעט, האָט ער זיך באַפרײַט.

— וויאַזוי?

— וועגן דעם בין איך דיר געקומען דערציילן. אינמיטן דער אַרבעט איז ער געפאַלן, ווי ער וואָלט געכאַלעשט, דער דאָקטער האָט אים באַטראַכט און האָט אים אָפּגעלאָזט אַהיים. טו אויך דאָס זעלבע, מײַן זון. די אווירע נעם איך אויף זיך.

— גוט, מאַמע, איך וועל פּרווון.

איך בין אַרײַן אין באַראַק און דערציילט וועגן דעם מײַנע כאַווײרים. זיי האָבן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, זיי האָבן צוגעזאָגט מיר העלפן. און אָט... אין עטלעכע טעג אַרום, ווען דער סאָלדאַט האָט זיך פאַרקוקט אין אַ זײַט, בין איך געפאַלן אויף אַ קופּע שטיינער און „געכאַלעשט״. מײַנע כאַווײרים האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט אַן עמער וואַסער, מיט וועלכן מע האָט מיך אָפּגעגאָסן און „אָפּגעמינטערט״, דערנאָך האָבן זיי

אופגעהויבן א וואיִצאקו: א קראנקער מענטש, קוים ער לעבט, ער וועט דאָך שטארבן... אינעם סאָלדאט האָט א רעד געטאָן דער מענטש און ער האָט מיך געהייסן אָפּפירן אין באראק צום פעלדשער.

אף מאָרגן. א הארבסטיקער רעגנדיקער און קאלטער פארטאָג. איך שטיי אין ריי צום פעלדשער. ער איז בייז, ער שרייַט, ער קאָכט זיך... אזויפיל קראנקע. סימוליאנטן! עס איז געקומען מייַן ריי. ער קוקט אף מיר, ווי א כייַע, וואָס וויל מיך פארצוקן. ער טאפּט מיר דעם פּולס, הערט מיך אויס און טראָגט ארויס זייַן פּסאקדין:

— דער דאָקטער וועט קומען, וועט ער דיך באטראכטן. ביסטו קראנק — איז דייַן גליק, ביסטו געזונט — וועל איך פון דיר שינדן די הויט.

איך גיי ארויס פון דער ריי און טראכט: וואָס איז בעסער — קראנק זייַן צי געזונט זייַן?

דער דאָקטער האָט מיך באפרייַט. פארן ארויסגיין פון טויער האָט מען מיר געגעבן מייַן פּאס און א שייַן, אז מע לאָזט מיך אָפּ אהיים. און נאָך... מע האָט מיר אויך אָפּגעגעבן מייַן פארדינסט פארן גאנצן זומער — איין מארק און זיבעציק פעניג.

געוועזן איז עס פרייַטיק, און אהיים בין איך געקומען ערעוו ליכט בענטשן. די מאמע האָט אפגיך געכאפּט מייַן גאנץ פארדינסט און אוועקגעייַלט אין קראָם. אהיים האָט זי געבראכט א קילאָ ברויט און א הערינגל. יענעם פרייַטיק־צונאכטס האָבן מיר געפּראוועט א סודע לעקאָווועד מייַן באפרייַונג.

4. אף פּייסעך אהיים

אין יאָר 1921 איז דער ערשטער מייַ אויסגעפאלן פּייסעך. דעריבער איז מיר געוועזן גרינגער אויסצופילן א פּארטיי־אופגאבע. די אופגאבע איז באשטאנען דעריך, וואָס איך האָב געדארפט פון ווילנע אָפּפירן קיין גראָדנע פּראָקלאמאציעס צום ערשטן מייַ. אזויווי אין גראָדנע בין איך געבאָרן געוואָרן און אזויווי צו יענער צייַט האָט דאָרט געלעבט מייַן ייִנגערער ברודער, באָרעך, האָב איך זיך אָפּגעבעטן פון דער ארבעט אף א טאָג אָדער צוויי פארן ערשטן מייַ — איך פאָר צו מייַן ברודער אף פּייסעך אין געסט. די פּראָקלאמאציעס, אייַנגעפּאקט אין א סאקוואָיאזש, האָב איך באקומען פונעם פּאָרשטייער פון פּארטיי־קאָמיטעט, פון דער כאווערטע סארע (אזוי איז געוועזן איר פּארטיי־נאָמען. איצט וווינט זי אין קיראָוו, איר פאמיליע איז שאפּיראָ און איר נאָמען איז פּאָליע). פון אויבן, אף די בלעטלעך, האָב איך ארופגעלייגט מאצע און א פלעשל מילך — עסן אין וועג דארף מען דאָך. אין וואגאָן זייַנען קיין פרייַע ערטער אף זיצן ניט געוועזן, בין איך די גאנצע צייַט געשטאנען. אָפּגעפאָרן עפּשער א העלפט וועג, פארווילט זיך מיר עסן. איך עפן אוף דעם סאקוואָיאזש און וויל ארויסנעמען א שטיקל מאצע. אָבער פּונקט אין דער דאָזיקער רעגע עפנט זיך די טיר פונעם וואגאָן און עס קומען ארייַן פּאָליציי־לייַט קאָנטראָלירן דאָקומענטן און ביכלאל א קוק טאָן, וועלכע פארשוינען עס פאָרן אין צוג. אינסטינקטיוו, אינגאנצן אויסער מייַן ווילן, אליין פון זיך, האָבן די הענט, ווי נאָר איך האָב דערזען די פּאָליציי, צוריק צוגעמאכט דעם סאקוואָיאזש. פארשטייט זיך, אז אזוינס האָב איך ניט געטאָרט טאָן, איך האָב נאָר ארויסגערופן א כשאד, אז בא מיר געפינט זיך אזוינס, וואָס איך דארף אויסבאהאלטן. די פּאָליציי־לייַט האָבן עס באמערקט, און איינער פון זיי איז טייקעף צוגעלאָפן צו מיר:

— וואָס פירסטו? באווייַז...

פאראן מינוטן, אפילע סעקונדעס, ווען דו דערזעסט זיך פון אלע פיר זייַטן, ווי א בליץ באלויכט אף א רעגע דעם גאנצן ארום. דו באנעמסט: ביסט דורכגעפאלן, וועסט מער דייַנע כאווייירים ניט זען, דייַנע אייגענע וועלן אפילע ניט וויסן, ווו דו ביסט אהינגעקומען. אויס! און אזויווי פארלירן קאָן מען שוין סייַווי גאָרניט, קומען אוף מיטלען אף זיך צו ראטעווען. און ווידער אינסטינקטיוו, אָן מייַן ווילן, גיבן די הענט ראשיק א הייב דעם סאקוואָיאזש, קימאט גלייַך דעם פּאָליציִאנט אין פּאָנעם ארייַן:

— מאצע! איך פאָר אף פּייסעך אהיים.

ער רוקט ארייַן די האנט אינווייניק, גראבלט דאָרט, זוכט... מאצע. א פלעשל מילך. ער גייט אוועק. ערשט נאָכדעם האָב איך באנומען, אין וואָס פאר א לאגע איך בין געוועזן, און דעם גאנצן ווייַטערדיקן וועג ביז גראָדנע האָט זיך מיר שוין עסן מער ניט געוואָלט.

אָנגעקומען קיין גראָדנע, טראכט איך: „גאָט צו דאנקען, געקומען אף אן אָרט“. ערשט איך גיי ארויס פון וואגאָן, מע קאָנטראָלירט דאָקומענטן. ווער עס האָט א פּוילישן פּאס, דעם לאָזט מען ארייַן אין שטאָט. ווער ניט, — דעם פארהאלט מען און מע פירט אין א באזונדער צימער אפן וואָקזאל קלאָר מאכן, ווער דער פּאסאזשיר איז.

קיין פּאס האָב איך ניט. איך האָב א צייַטווייַליקע לעגיטימאציע, אז כ'האָב מייַנע דאָקומענטן אָפּגעגעבן אין מאגיסטראט אף צו באקומען א פּאס. איך געדענק איצט ניט גענוי: צי דאָס איז געוועזן אן עמעסער דאָקומענט, צי פון דער „אייגענער קאנצעליאריע“.

ווײַבאַלד מע פֿרעגט אַ פּאַס, ווײַז איך דעם דאָזיקן דאָקומענט. דער פּאָליציִאַנט שרײַט אויס צום נאַטשאַלניק:

— יעשטשע יעדען גאָשטש[1].

און צוזאַמען מיט אַלע פֿאַרהאַלטענע פֿירט מען מיך אין צימער, וווּ מע וועט אויספֿאָרשן, ווער איך בין, וואָס איך טו און מיט וואָס פֿאַרנעם איך זיך. דער פּאָליציִאַנט פֿירט מיך, און איך טראָג אין דער האַנט דעם סאַקוואָיאַזש מיט פּראָקלאַמאַציעס אויף פּויליש צום ערשטן מײַ.

דער צימער איז אַ גרויסער. אַ פּאָר צענדליק מענטשן שטייען יעדערער באַזונדער און גרייטן זייערע דאָקומענטן. איך קום אַרײַן, קוק זיך אַרום און זוך אַן אָרט, וווּ אַוועקצושטעלן מײַן סאַקוואָיאַזש. וואָרעם אויב מע וועט זוכן אָדער אַוועקפֿירן אין טורמע, וווּ מע וועט געוויס אונטערזוכן, דאַרף איך ניט האָבן אַזאַ אײדעס, ווי דער, וואָס ליגט אין דעם דאָזיקן סאַקוואָיאַזש פֿון אונטן. בין איך — ניט איך, ס'ניט מײַנע מאַצעס, ניט מײַנע פּראָקלאַמאַציעס. אינמיטן צימער שטייט אַ קײַלעכדיק אײוועלע, אַרומגעשלאָגן מיט בלעך. איך גיי צום אײוועלע, שטעל אַוועק מײַן „אײדעס“ און נעם טאַפּן די קעשענעס, איך גרייט צו, הייסט עס, מײַנע דאָקומענטן. און דערווײַל גיי איך ביסלעכווײַז אָפּ אָן דער זײַט. שטייט שוין דער סאַקוואָיאַזש אַליין באַם אויוון און איז פֿאַראַנטוואָרטלעך אַליין פֿאַר זיך.

מײַן פּאַפּיר וועגן דעם, אַז איך האָב אָפּגעגעבן אין ווילנער מאַגיסטראַט מײַנע דאָקומענטן אויף באַקומען אַ פּאַס, נעמט ניט אויס. דער נאַטשאַלניק קרימט זיך. איך האָב אָבער נאָך צוויי דאָקומענטן. צי וועלן זיי געפֿעלן? דער ערשטער דאָקומענט באַווײַזט, אַז איך לערן זיך אין אַן אָוונט־טעכניקום. אָנגעקומען בין איך אַהין ניט אויף צו ווערן קיין טעכניקער, נאָר אויף שאַפֿן אַ קאָמיוגיש קעמערל, אָבער אַ לעגיטימאַציע האָב איך, און, ווי איך געדענק, אַפּילע מיט אַ פּאָטאָ. דער נאַטשאַלניק ווערט אַ ביסל ווייכער. נאָר נאָכן צווייטן דאָקומענט ווערט ער שוין ווייך ווי פּוטער.

אין יענע יאָרן האָב איך געאַרבעט אין ווילנע, אין „יעקאָפּאָ“ (קאָמיטעט אויף צו העלפֿן די קאָרבאָנעס פֿון דער מילכאָמע). פֿריִער בין איך געווען דאָרט אַ קוריער, דערנאָך געאַרבעט אין דער קאַנצעליאַריע, און די לעצטע צײַט איז מײַן אַרבעט געווען אין דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג. איך בין געווען אַ רעגיסטראַטאָר, אַ סעקרעטאַר. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט געהאָלפֿן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס וויל פֿאָרן קיין אַמעריקע, צו באַקומען די נייטיקע פּאַפּירן. אויף אַ בלאַנק פֿון דער אָפּטיילונג האָב איך אָנגעשריבן, אַז דער פּאַן ראַבין יאָזעף פֿאָרט קיין גראָדנע וועגן עמיגראַציע־אינטערעסן. דאָס דעמלטיקע שליאַכטיש־בורזשואַזע פּוילן איז געווען שטאַרק אַנטיסעמיטיש און געוואָלט פּטור ווערן פֿון די ייִדן. הײַנט, אַז דער פּאַן ראַבין יאָזעף איז געקומען קיין גראָדנע מיקויעך פֿראַגן פֿון עמיגראַציע, איז ער דאָך אַ לײַטישער מענטש, אַ געוווּנטשענער גאַסט אין דער שטאָט. און דער נאַטשאַלניק זאָגט מיר צוערשט:

— פּשעפּראַשעם פּאַנאַ, — ער אַנטשולדיקט זיך, הייסט עס, פֿאַרוואָס מע האָט מיך פֿאַרהאַלטן. דערנאָך:

— פּראָשע פּאַנאַ, — ער גיט מיר אָפּ צוריק די דאָקומענטן און ווײַזט מיט דער האַנט, אַז דער וועג איז פֿאַר מיר אָפֿן.

דאַנק איך אים אָפּ. מאַך עטלעכע טריט אָן דער זײַט און לייג אַרײַן די פּאַפּירן אין דער קעשענע. דערנאָך נעם איך זיי אַרויס צוריק און לייג איבער אין אַן אַנדער קעשענע. און דערבײַ טראַכט איך: דער נאַטשאַלניק מיינט עס ערנסט, טאַקע אויף אַן עמעס, צי ער וויל מיך נאָר אויספּרוּוון? ער וויל עפּשער וויסן, וועמעס סאַקוואָיאַזש דאָס איז? (אָפּן גאַנעוו ברענט דאָס היטל). אויב איך זאָל דעם סאַקוואָיאַזש נעמען, צי וועט דער נאַטשאַלניק ניט וועלן וויסן, וואָס אינווייניק ליגט דאָרט? איז וואָס, זאָל איך לאָזן אַ גאַנצע שטאָט אָן פּראָקלאַמאַציעס צום ערשטן מײַ? און ווידער פֿאָלגט מיך שוין קיינער ניט — די פֿיס אַליין גייען צום אײוועלע, די הענט אַליין נעמען דעם סאַקוואָיאַזש, און מיר בלײַבט נאָר איבער צו באַווײַזן, אַז איך בין רויִק און אויף מיר דאַרף קיין שום כשאַד ניט פֿאַלן — איך בלאָז אַראָפּ דעם שטויב פֿון סאַקוואָיאַזש, איך גיב אַ הוסטל, מע זאָל וויסן, אַז איך בין דאָ, אַז איך אײַל זיך ניט, איך האָב ניט פֿאַר וואָס מוירע צו האָבן, און מיט געלאַסענע, רויִקע טריט גיי איך אַרויס פֿון צימער. אָבער געקאָסט האָט עס מיך אַ סאַך געזונט און נערוון.

דערנאָך איז שוין אַלץ געגאַנגען קעשורע. איך בין פֿאַרפֿאָרן אין אַ האָטעל. שפּעטער אַ ביסל בין איך אַוועק צו דער יאַווקע (אין אַ בעקערײַ) אָנזאָגן, וואָס איך האָב געבראַכט. צו מיר אין האָטעל איז געקומען אַ מענטש און צוגענומען דעם סאַקוואָיאַזש מיט דער מאַצע, מיטן פּלעשל מילך און, פֿאַרשטייט זיך, מיטן סאַמע איקער, וואָס איז געלעגן אונטער די מאַצעס. דעמלט האָב איך טעלעגראַפֿירט דער מאַמען, אַז אַלץ איז דורך בעשאָלעם. די מאַמע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז איך פֿאָר קיין גראָדנע ניט צוליב זיך אַליין, און איז, פֿאַרשטייט זיך, רויִק ניט געווען. פֿון דער מאַמען האָבן זיך שוין דערוווּסט די כאַווײרים, אַז די אויפֿגאַבע איז אויסגעפֿילט.

[1] נאָך איין גאַסט (פּויליש).

דעם ערשטן מײַ בין איך ארויס זען די דע־מאָנסטראציע. אף איינער א גאס שטעקט מען מיר ארײַן אין דער האנט א בלֿעטלֿ. איך כאפּ א קוק — „מײַנע“, וואָס איך האָב געבראכט. די שטימונג ווערט בא מיר אָן עמעס יאָמטעוודיקע. איך בין צופרידן.

אף דעם וואָלֿט איך געקאָנט ענדיקן. איז אָבער צו דער מײַסע פאראַן א קלֿיין מײַסעלֿע — א קיטקע צו דער כאלֿע. און איך ווייס ניט, פון וואָס איז מיר מער פארבלֿיבן דער טאם — פון דער כאלֿע צי פון דער קיטקע?

ווי געזאָגט, בין איך געבאָרן געוואָרן אין גראָדנע. איך האָב אין דער שטאָט געהאט א סאך פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער... (די פאשיסטן האָבן אלֿעמען אומגעבראכט). ווען מײַנע קרויווים האָבן זיך דערוווּסט, אז איך בין געקומען קיין גראָדנע און גאָר פארפאָרן אין א האָטעלֿ, האָבן זיי געהאט טײַנעס: „סטײַטש, ווּ איז אײדלֿקײַט און סאָוועסט?“ איך בין ארי־בער צו א מומען אף יאָמטעוו. די מומע — שאָשקע ראקאוויצקי — מיט איר מישפּאָכע האָבן שווער געלֿעבט. דער מאן אירער, מוישע דער מאכאָראָטשניק, איז שוין דעמלֿט ניט גע־ווען צווישן די לֿעבעדיקע. (מײַן פעטער מוישע דער מאכאָראָטשניק איז דער פּראָטאָטיפּ פון מוישע סווערדלֿין אינעם ראָמאן „באם ניעמאן“.) זאָגט צו מיר די מומע:

— הער נאָר, יאָסלֿ, מיט כאיונע איז שווער... מע דערציילֿט, אז לֿײַט פירן פון גראָדנע קיין ווילֿנע סאכארין און פארדינען גוט. עפשער זאָלֿ איך אויך א פּרוּוו טאָן? ווי טײַער נעמט מען אין ווילֿנע פאר א קילֿאָ סאכארין?

— פונוואנען ווייס איך, מומע? איך בין דאָך ניט קיין שמוקלֿער און ספּעקולֿיר ניט מיט קיין סאכארין.

— ביסט אויך אזא שלֿימאזלֿ, ווי איך. פונ־דעסטוועגן... נא דיר פאפּיר. אָט איז א בלֿײַער, פארשרײַב: וויפלֿ צאָלֿט מען אין ווילֿנע פאר א קילֿאָ סאכארין? גיב מיר וועגן דעם צו וויסן.

איך האָב איר צולֿיב געטאָן. ווי זי האָט דיק־טירט, אזוי האָב איך פארשריבן.

— באהאלֿט עס, פארלֿיר ניט, — בעט די מומע.

איך האָב עס ארײַנגעלֿייגט צו זיך אין טײַס־טערלֿ. און דערנאָך האָב איך וועגן דעם אינ־גאנצן פארגעסן.

געקומען צוריק קיין ווילֿנע, האָב איך זיך אינ־גיכן באגעגנט צולֿיב קאָמיוגישע איניאָנים מיט איינעם פון אונדזערע כאווירים, מיט פימע דובאָווסקין. באהאנדלֿענדיק אייניקע פראגן, האָב איך (איך געדענק ניט צולֿיב וואָס) ארויסגענו־מען מײַן אלֿט לֿעדערן טײַסטערלֿ. פימע האָט געהאט א טעווע, אז ווען ער רעדט, דארף ער עפּעס האלֿטן אין דער האנט. האָט ער גענומען מײַן טײַסטערלֿ, געדרייט, געעפנט און פאר־מאכט, ארײַנגעקוקט אינווייניק און ארויסגע־צויגן דאָס צעטעלֿע. ער עפנט און לֿייענט: „ווי טײַער האלֿט אין ווילֿנע א קילֿאָ סאכארין?“ פי־מע קוקט מיך אָן. ער פארשטייט ניט: איך האנדלֿ מיט סאכארין? און איך אלֿיין וווּנדער זיך אויך: פונוואנען קומט עס צו מיר?

אף פימעס לֿיפּן דערזע איך א שמייכלֿ. אָט־אָט וועט ער מיך פרעגן, ווי קומט צו מיר אזא מיסכער. ער פרעגט ניט, נאָר איך פארלֿויף אים שוין דעם וועג:

— איך האָב זיך דערמאָנט... איך ווייס שוין... די מומע האָט מיך געבעטן...

פארוואָס פארענטפער איך זיך, אז קיינער פרעגט מיך גאָרניט? פימע פארשטייט אפילֿע ניט, צולֿיב וואָס איך פארוף זיך אף מײַן מומען.

— דו האָסט א מומע אין גראָדנע?

— איך האָב א סאך מומעס אין גראָדנע. — און מיר קומט אוף א געדאנק: ער קאָן גאָר מיינען, אז קיין גראָדנע בין איך געפאָרן ניט לֿויט א פּארטיי־שלֿיכעס, נאָר צו דער מומען וועגן סאכארין־געשעפטן. און ווידער פילֿ איך, ווי איך ווילֿ זיך נעמען פארענטפערן.

איך האָב שוין ניט איין מאָלֿ באמערקט, אז ווען א מענטש איז שולֿדיק, איז אים א סאך לֿײַכטער זיך צו פארענטפערן, נאָר ווען דעם מענטשן דוכט זיך, אז עמעצער איז אים אומ־זיסט אין עפּעס כוישעד, נעמט ער פּלֿאָנטערן.

און כאָטש פימען, ווי עס האָט זיך ארויסגע־וויזן, איז גאָר ניט אײַנגעפאלֿן מיך אין עפּעס כוישעד צו זײַן (און אינדערעמעסן: פארוואָס?), האָב איך זיך עטלֿעכע טעג געפילֿט זייער ניט גוט. איך האָב פאר זיך געמאכט אָן אויספיר: צולֿיב א נארישקײַט קאָן מען האָבן גרויסע אומאָנגענעמלֿעכקײַטן. מע דארף עס גוט פאר־געדענקען. און דאָך... גוואלד, וויפלֿ נארישקײַטן האָב איך אף מײַן לֿעבן אָפּגעטאָן!

5. גראָדנע

גראָדנע איז מײַן קינדהײַט, ווילֿנע — מײַן יוגנט, קיין מאָסקווע בין איך געפאָרן ווערן א מענטש. איידער איך טרעט צו דערציילֿן וועגן מאָסקווע, דארף איך נאָך פארענדיקן מיט גראָד־נע און ווילֿנע.

אין 1914 האָב איך אין גראָדנע געזען שאָ־לֿעם־אלֿייכעמען.

ס׳איז געווען אָנהייב זומער. איך האָב דעמלֿט געלֿערנט אין דער „יעווריייסקאָיע קאזיאָנאָיע אוטשילֿישטשע“. צופעלֿיק בין איך ארײַן אין

הויף פון דער שול און דערהערט, ווי דער שאַמעס פון דער ייִדישער לײַ־ און שפּאָרקאַסע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער זעלבער געבײַדע, ווו די „אוטשילישטשע", זאָגט צו עמעצן:

— הײַנט קומט שאָלעם־אַלייכעם צו פאָרן. מע דאַרף גיין באַגעגענען.

איך בין גלײַך אַוועקגעלאָפן צום וואָקזאַל.

קיין עמעסע פאָרשטעלונג וועגן שאָלעם־אַלייכעמען האָב איך נאָך דעמלט ניט געהאַט. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ שרײַבער, אַ גרויסער מענטש. זײַן נאָמען איז מיר אויסגעקומען צו הערן פונעם צײַטונגס־פאַרקויפער, וואָס פלעגט גיין איבער אונדזער גאַס און שרײַען: „אַ „הײַנט", אַ „מאָמענט"... „דער בלוטיקער שפּאַס" פון שאָלעם־אַלייכעם". אָף שאַבעס פלעגט זײַן אַ צײַטונג בא אונדז אין שטוב.

ווען איך בין צוגעלאָפן צום וואָקזאַל, איז שוין דער צוג געווען געהאַט אָנגעקומען. שאָלעם־אַלייכעם און זײַן פרוי זײַנען געשטאַנען באַם אַרויסגאַנג פון וואַגאָן. די פרוי איז געשטאַנען אָף די טרעפּלעך מיט אַ בוקעט בלומען אין די הענט. הינטער איר, אין אַ פעלד אָף די אַקסלען, איז געשטאַנען שאָלעם־אַלייכעם. איך בין געווען זיכער, אַז אָף דער סטאַנציע וועט זײַן אַ גרויסער עולעם, געווען זײַנען אָבער עטלעכע געציילטע מענטשן.

עפּשער דוכט זיך מיר עס איצט און עפּשער איז עס טאַקע אַזוי אין דערווירקלעכקײַט געווען: איך האָב געזען שאָלעם־אַלייכעמס קלוגע אויגן הינטער זײַנעברילן, זיי האָבן ווי עטוואָס אָפּגעלאַכט פון עפּעס און, ווי מיר דוכט זיך איצט, האָט דעם שמייכל אַרויסגערופן די שוין צו שטילע און שוין ביז גאָר באַשיידענע באַגעגעניש. דער פּריסטאַוו, — און עפּשער איז דאָס געווען ניט מער, ווי אַן אָקאָלאָדאָטשני, וואָס איז געשטאַנען באַם וואַגאָן, — האָט אָפּגעגעבן „טשעסט" שאָלעם־אַלייכעמען און זײַן פרוי, ווען זיי זײַנען אַראָפּ פון די וואַגאָן־טרעפּלעך אָף דער פּלאַטפאָרמע.

אין דער שטאָט זײַנען געהאַנגען אַפישן וועגן שאָלעם־אַלייכעמס אָוונט. צום באַדויערן, האָב איך נאָך דעמלט ניט געהאַט קיין פאַרשטאַנד צו וועלן זײַן אָפן אָוונט און הערן דעם שרײַבער. מיט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק האָב איך זיך באַקענט ערשט אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום, ווען איך בין שוין געווען אין ווילנע. כ׳מיין, עס קאָן זײַן צום אָרט דאָ זאָגן, אַז ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט שאָלעם־אַלייכעמען, בין איך געווען זיכער, אַז דאָס, וואָס ער שרײַבט, איז אויסגעטראַכט, אין לעבן קומט אַזוינס ניט פאָר. אַגעוו, דאָס זעלבע איז געווען, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געלייענט טאָלסטאָיען.

בענעגייע טאָלסטאָיען, דוכט מיר, קאָן איך דאָס דאָזיקע געפיל גרינגער דערקלערן. דאָס ערשטע ווערק טאָלסטאָיס, וואָס איך האָב געלייענט, איז געווען פאַרבונדן מיט גראַפן און פירשטן. זייער לעבן, זייער שטייגער, זייער האַנדלונג איז געוויס געווען פאַר מיר ניט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש. אָבער שאָלעם־אַלייכעם? איך האָב פאָרגעלייענט פאַר דער מאַמען און פאַרן ייִנגערן ברודער שאָלעם־אַלייכעמס אַ דערציילונג. איך געדענק ביז איצט. איך לייען: „רוף מיך קנאַקניסל". אַלע לאַכן. איך פאַרגיי זיך אין געלעכטער אַזוי, אַז איך קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן. און אָט דאָס „רוף מיך קנאַקניסל" איז פאַר מיר אויך אויסגעטראַכט. איך וויל עס דערקלערן אַזוי: שאָלעם־אַלייכעם איז ניט בלויז אַ ייִדישער שרײַבער, ניט בלויז אַ ייִדישער שרײַבער פון רוסלאַנד, נאָר פריִער פאַר אַלץ אַ ייִדישער שרײַבער פון אוקראַיִנע. זײַן קאָנקרעטקײַט, דער נאַציִאָנאַלער קאָלאָריט, דער קאָלאָריט פונעם לאַנד, זײַנע העלדן און זײַן הומאָר זײַנען פאַרבונדן מיט אוקראַיִנע, און פאַר מיר, אַ ליטוואַק, איז דעמלט, אַפּאָנעם, שווער געווען אויפצוכאַפּן דאָס „אוקראַיִנישע" ווי אַ ווירקלעכקײַט, און ביכלאַל האָב איך געוויס אין יענע יוגנט־יאָרן געהאַט אַ פאָרשטעלונג, אַז אַלץ, וואָס אין די ביכער איז באַשריבן, — איז אויסגעטראַכט. די גאַנצע קונץ איז אין אויסטראַכטן.

אין דעם זעלבן 1914, נאָר אין האַרבסט, האָב איך געזען ניקאָלײַ דעם צווייטן. הײַנט האָט מען פאַר אַ קייסער קיין דערעכערעץ ניט. אָבער אַמאָל... אַ קייסער! און נאָך וועלכער קייסער? מי, ניקאָלײַ וווטאָראָי, אימפּעראַטאָר ווסעראָסיִיסקי, צאַר פּאָלסקי, וועליקי קניאַז פינליאַנדסקי, אי פּראָטשאיאַ, אי פּראָטשאיאַ...[1]

אַלע שאַבעס און יאָמטעוו פלעגט מען אין די שולן און באָטעמעדראָשים זאָגן אַ ספּעציִעלע טפילע פאַרן קייסער — „האַנויסן טשואָ".

עמעס, דעם דאָזיקן ניקאָלײַען זאָל געווען אָנקומען כאָטש אַ טויזנט כיילעק פון דעם, וואָס די פאָלקסמאַסן האָבן אים געווונטשן מיט קלאָלעס, וואָלט ער שוין צו 1917 ניט דערלעבט.

האַרבסט 1914. די רוסישע אַרמיי איז אַרײַן אין מיזרעך־פּרײַסן. נאָך אַ כוידעש, נאָך צוויי, און מיט דײַטשלאַנד איז קאַפּוט — האָט מען געשריבן און געשריִען. בא אַזאַ געהויבענער שטימונג איז דער קייסער געקומען נאָענט צום פראָנט, באַדאַנקען זײַנע „סאָלדאַטיקלעך".

[1] מיר, ניקאָלײַ דער צווייטער, אַלרוסלענדישער אימפּעראַטאָר, פּוילישער צאַר, פינלענדישער גרויסער פירשט און דעסגלײַכן, און דעסגלײַכן... (רוס.)

באַגעגענען דעם קייסער באַם וואָקזאַל זײַנען געגאַנגען אַלע שילער פון שטאָט, אויך די שילער פון דער „יעוורייסקאַיע קאַזיאָנאַיע אוטשילי־שטשע". מע האָט אונדז געגעבן אין די הענט קליינע דרײַפאַרביקע פענדלעך און אויסגע־שטעלט אַפּן פּלאַץ באַם וואָקזאַל. מיר האָבן באַדאַרפט באַגעגענען דעם קייסער און זײַן מישפּאָכע מיט אופגעהויבענע פענדלעך און מיט א „הורא"־אויסגעשריי. אונדזערע אויגן זײַנען געווענדט צום אַרויסגאַנג פון וואָקזאַל. פּאַר־שיידענע נאַטשאַלניקעס לויפן אַרום הין און צוריק. אָבער אָט איז שטיל געוואָרן. הייסט עס, דער קייסער איז געקומען.

מיר הייבן אוף די פענדלעך און שרײַען „הור־רא".

דער קייסער איז אין א שינעל, אין שטיוול. ער איז ניט קיין הויכער, א בלאַסער, מיט א בערדעלע. קיין קרוין טראָגט ער ניט, קיין שײַן אַרום זײַן קאָפּ לײַכט ניט, די שכינע רוט אַף אים ניט. מע זאָל ניט וויסן, אַז דאָס איז א קיי־סער, — וואָלט מען זיך אַליין ניט אָנגעשטויסן.

און אָט איז די קייסערינע, אָט זײַנען די טעכטער, איינע פון זיי איז אָנגעטאָן אין רויטן. א הויכער געזונטער מאַטראָס טראָגט אַף די הענט דעם קייסערס יוירעש, דעם צעסאַרעוויטש אַלעקסיי. זיי זעצן זיך אַרײַן אין אווטאָמאָבילן און פאָרן איבער דער שטאָט. פּאַרויס, אין דער ערשטער מאַשין, זיצט דער פּאָליצמייסטער און שרײַט:

— דער קייסער פּאָרט, דער קייסער פּאָרט!

אַהיים בין איך געקומען מיט דער גרויסער נײַס: געזען דעם קייסער, די קייסערינע, די טעכטער, דעם נאַסלעדניק — דעם יוירעש.

אַלע פרעגן:

— ווי זעען זיי אויס?

איך דערצייל.

— אָט א מאַזל — געזען דעם קייסער!

איינס אָבער האָב איך פאַרשוויגן, איך האָב פאַרשוויגן, אַז ווען די קייסערינע איז פאַרבײַ־געגאַנגען און אַלע האָבן געשריִען „הורא", האָבן מיר, עטלעכע ייִנגלעך, אַרײַנגעשריִען „דורא, דורא"[1].

דער נעס פון סוקעס.

אַף אַזויפיל געדענק איך נאָך פון אַמאָל, איך זאָל וויסן, אַז דער נעס איז גאָר געווען כאַ־נעקע. איך האָב אפילע אָן איידעס: אַף די כאַ־נעקע־דריידלעך איז געווען אָנגעשריבן נ. ג. ה. ש. — נעס גאָדל האָיאָ שאָם"[2].

דערציילן וועגן א נעס, וואָס איז אַלעמען באַוווּסט, איז ניט קיין כאָכמע. דערציילן דאַרף מען נײַס. דאָס נײַס איז — דער נעס פון סוקעס.

דאָס איז מײַן לעצטע געזעגעניש מיט דער אַלטער גראָדנע.

נאָך א דורכפאַל אין ווילנע, ווען עס זײַנען פאַרגעקומען גרויסע אַרעסטן, ביז איך אַוועק קיין ביאַליסטאָק, דערנאָך קיין גראָדנע. און פונקט דאַרף צו יענער צײַט קומען קיין גראָד־נע יאָזעף פּילסודסקי. געווען איז עס סוקעס, 1921. די שטאָט גרייט זיך, ראַמט זיך, פּוצט זיך, איבער די גאַסן שטעלט מען טריומפאַלע טויערן, אַף די באַלקאָנען הענגט מען אויס טע־פּיכער מיט פּילסודסקיס בילדער. אויסער דעם, גרייט זיך די פּאָליציי און די דעפענזיווע. אומע־טום זוכט מען פאַרדעכטיקע, מע קאָנטראָלירט דאָקומענטן, מע גיט אַף אַלעמען אכטונג. איך האָב געוווינט בא איינער פון מײַנע מומעס. געזעסן בין איך אין דר'היים, אין ערגעץ ניט געגאַנגען, פון שטוב ניט אַרויס. זאָל יאָזעף פּילסודסקי קומען און אַוועקפאָרן — וועט יוי־סעף ראַבין קאָנען אַרויסגיין אין גאַס כאַפּן פרישע לופט.

סוקעס אינדערפרי. מע ליגט נאָך אין די בעטן. א קלאַפּערײַ אין טיר.

— ווער איז דאָרט?

— עפנט!

— ווער איז?

— פּאָליציי! עפנט.

קעגן פּאָליציי קאָן מען קיין בעריע ניט זײַן. עפנט מען. צוויי פּאָליציי־לײַט קומען אַרײַן.

— וויפל מענטשן זײַנען בא אײַך אין שטוב?

עמעצער ציילט אַף די פינגער און ענטפערט.

— גוט. וויפל מענטשן — אַזויפיל פּעסער גיט אונדז. מיר קאָנטראָלירן אין אַלע הײַזער. קיין פרעמדע זײַנען בא אײַך ניטאָ?

— ניטאָ.

— גיט אונדז די פּעסער.

דאָס קומט פאַר אינעם ערשטן צימער, איך זיץ אין א צווייטן צימער און הער זיך אײַן, וואָס ס'קומט פאַר אינעם ערשטן. קיין פּאַס האָב איך ניט. איך האָב נאָך אַלץ דאָס פּאַפּירל, אַז איך האָב אָפּגעגעבן מײַנע דאָקומענטן אין ווילנער מאַגיסטראַט אַף צו באַקומען א פּאַס. דער טער־מין איז שוין לאַנג דורכגעגאַנגען. און דאָס פּאַ־פּירל איז מער ניט גילטיק. וואָס טו איך אין גראָדנע? פאַרוואָס בין איך ניט צוגעשריבן? קורץ, מע זאָל זיך נעמען גריבלען, וועט מען מיך פירן מיטן עטאַפּ קיין ווילנע און אַלץ וועט קלאָר ווערן. אַפן האַרצן איז ניט גוט. ס'שטייט מיר פאַר צו ווערן אַרעסטירט און אָנטאָן די קרוויוים צאַרעס. און צוליב אַזא אומגעלומ־

---

[1] טיפּשע, טיפּשע (רוס.); [2] נס גדול היה שם (העבר.) — א גרויסער נעס איז דאָרט געשען.

פּערטן צופֿאַל — קומען אין איין צייַט מיט פּילסודסקין.

דערווייַל קלייַבט מען צונויף די פּעסער באַ אַלעמען. איך זע ניט, נאָר איך הער, ווי די פּאָליציאַנטן אינטערעסירן זיך מיט יעדן פּאַס באַזונדער, וועמען געהערט ער, וואָס טוט זייַן באַלעבאָס. אַלץ גייט קעשורע. וועגן מיר קאָן מען פֿאַרגעסן, און דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג. אָבער אָט דערהער איך, ווי מע פֿאָדערט נאָך אַ פּאַס.

— נאָך אַ פּאַס? גאָר פֿאַרגעסן, — רופֿט זיך אָפּ אַ מיידלשע שטים. — יאָסלס פּאַס. אָט ברענג איך, — די טיר אין צימער עפֿנט זיך, און עס קומט אַרייַן מייַן שוועסטערקינד. — יאָסל, גיב דייַן פּאַס.

אָנשטאָט צו געבן אַ פּאַס פֿרעג איך:

— וווּהין גייט אַרויס דאָס פֿענצטער?

— געפֿונען אַ צייַט צו פֿרעגן. גיב דייַן פּאַס.

— די פֿענצטער זייַנען שוין באַ אייַך פֿאַרקלעפּט?

— געפֿונען אַ צייַט... גיב דייַן פּאַס.

אין צימער קומט אַרייַן נאָך עמעצער מיט אַ טייַנע, וואָס איך צי אַזוי לאַנג. די פּאָליציי־לייַט וואַרטן, מע וויל פֿון זיי וואָס גיכער פּאָטער ווערן. אָט קומט שוין אויך אַרייַן מיט איר טומלדיקן אויסגעשריי די מומע איטע. די פּאָליציאַנטן בייזערן זיך, זיי קלייַבן זיך אַליין אַרייַנגיין אין צימער.

— גיב גיכער דעם פּאַס, — און באַלד גיט זי אַ זאָג מיט אַ געפֿאַלענער שטים. — ער האָט ניט? וואָס הייסט? אַך, גאָר אַזוי... ער מאַכט אונדז אומגליקלעך. און אַליין איז ער דאָך אַ פֿאַרפֿאַלענער...

מיר שטייען אַלע אין צימער און שווייַגן. מיר וואַרטן, וואָס ווייַטער וועט זייַן. אין פֿאָדערצימער איז שטיל. מיר דערהערן, ווי די דרויסנטיר עפֿנט זיך קוים־קוים און פֿאַרמאַכט זיך אויך קוים וואָס מע הערט.

— ווער איז געקומען?

— קיינער ניט. ווער וועט איצט קומען?

ווידער איז שטיל. די מומע איטע מיט איר טעמפּעראַמענט קאָן עס ניט אויסהאַלטן. זי עפֿנט די טיר פֿון צימער.

— זיי זייַנען שוין ניטאָ, זיי זייַנען אַוועק. אַ נעס! אַן עמעסער נעס, — זאָגט די מומע מיט איר ענערגיש הויך קאָל.

קיינער פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס זייַנען די פּאָליציי־לייַט אַוועק. אָבער איינס איז פֿאַרשטענדלעך: אַ נעס. די סיבע פֿון דעם „נעס“ איז ערשט קלאָר געוואָרן אין אַ שאָ אַרום. אָט וויאַזוי: מייַן ייִנגערער ברודער באָרעך האָט געאַרבעט אויף שערעשעווסקיס טאַבאַק־פֿאַבריק אַלס עלעקטראָמאָנטיאָר אָדער מעכאַניקער. אויף יאָמטעוו פֿלעגט מען די אַרבעטער אַרויסגעבן פּאַפּיראָסן אומזיסט. אויף סוקעס איז דאָס זעלבע געשען: מייַן ברודער האָט באַקומען צוויי פּעקלעך פּאַפּיראָסן, צו הונדערט שטיק אין אַ פּעקל. נאָכן „נעס“ האָב איך זיך געפֿילט ניט אַזוי גוט און געבעטן דעריבער באַם ברודער אַ פּאַפּיראָס, כאָטש איך האָב דעמלט זעלטן ווען גערייכערט. דער ברודער גייט צו זייַן מאַנטל, וואָס הענגט אין פֿאָדערצימער און וויל פֿון דאָרט אַרויסנעמען אַ פּאַפּיראָס. לאָזט זיך אויס — ניטאָ קיין פּאַפּיראָסן. וווּהין זייַנען אַהינגעקומען צוויי הונדערט שטיק פּאַפּיראָסן, צוויי פּעקלעך?

דער מאַנטל, ווי ער איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, אַזוי הענגט ער אויך איצט, אָבער מיט די אינווייניקסטע קעשענעס פֿון אויסן. אין די דאָזיקע קעשענעס זייַנען געלעגן די פּעקלעך פּאַפּיראָסן. ווער האָט זיי גענומען? פּאָשעט טשיקאַווע צו וויסן. ערשט איצט כאַפּט זיך עמעצער, אַז ער האָט געזען, ווי די פּאָליציאַנטן האָבן זיך געפּאָרעט באַם מאַנטל. קיינעם האָט אָבער ניט געקאָנט אייַנפֿאַלן, אַז פּאָליציאַנטן...

די היטער פֿון פּילסודסקיס אָרדענונג, די, וואָס זייַנען באַרופֿן קאַשערן אַנדערע, האָבן אַרויסגעוויזן זייער עמעסן באַרוף. זיי האָבן צוגעלאַקכנט די פּאַפּיראָסן און זייַנען שטילינקערהייט אַוועק. אָט אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער „נעס“ פֿון סוקעס. גלייַך נאָך יאָמטעוו בין איך פֿון גראָדנע אַוועקגעפֿאָרן, איך האָב זיך מיט מייַן געבורטס־שטאָט געזעגנט. זייַ געזונט, גראָדנע!

6. ווילנע

אויב איך האָב רעכט צו האָבן וועגן זיך אַ מיינונג, זאָג איך, און איך זאָג עס אָן פּניעס און אָן אָנשטעל: ווער נאָך ווי איך ווייסט, ווי ווייַט איך בין פֿון קלוגשאַפֿט, וויפֿל נאַרישקייַטן איך באַגיי. דער איינציקער, קאָן מען זאָגן, קלוגער שטריך אין מיר איז עפּשער דער, וואָס איך דערזע און באַנעם מייַנע נאַרישקייַטן, וואָס איך פֿאַרמאָג זעלבסטקריטיק, וואָס איך „זאָג“ זיך אַליין גוט אַרייַן. אָט דאָס שיידט מיך אונטער פֿון אַ קייַלעכדיקן נאַר, פֿון אַזאַ, וואָס איז אין זיך פֿאַרגלייבט און זעט גאָרנישט ניט אין זיך, ניט אַרום זיך. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מענטשן, וויל איך גלייבן, האַלטן מיך אויך ניט פֿאַר קיין קייַלעכדיקן נאַר, וויל מען מיך דאַפֿקע אָפּט אָפּנאַרן. און אָט דאָס גראָד באַמערק איך זייער גוט. אויף דעם פֿאַרשטיי איך זיך. איך פֿאַרשטיי זיך אויף דעם, ווי מע וויל מיך נאַרן און ווי איך לאָז זיך נאַרן, כאָטש

איך זע עס און ווייס עס. ניט אַלעמאָל קאָן איך זיך קעגנשטעלן. דעריקער איז מיר שווער זיך צו קעגנשטעלן דעמלט, ווען מע גייט צו מיר צו מיט גוטן, מע קריכט מיר אַרײַן אין דער נעשאָמע און מע גאַנוועט זי אַרויס.

און אויב איך שטעל זיך קעגן, באַקומט זיך גאָר, אַז איך בין שולדיק.

אין דער קינדהײַט, ווען איך האָב געלערנט אין שול, האָב איך געהאַט אַ כאַווער, וואָס זײַן מאַמע פֿלעגט אויף זומער אָפּדינגען אַ סאָד און האַנדלען מיט אויבס. אָפֿט פֿלעג איך מיטן כאַווער קומען צו זײַן מאַמען אין סאָד. אין האַרבסט, ווען עס ווערן צײַטיק די פּרוכטן, פֿלעגט מען דאַרפֿן טראָגן אַ גרויסן קויש עפּל אָדער באַרן פֿון סאָד אין שטאָט אַרײַן. טראָגן אַ שווערן קויש און נאָך דערצו אויף אַ היפּשן מעהאַלעך מוז מען זאַלבעצווייט. פֿון איין זײַט פֿלעגט טראָגן דעם כאַווערס מאַמע. ווער וועט טראָגן פֿון דער צווייטער זײַט? דער כאַווער מײַנער וויל ניט, עס פּאַסט אים ניט. מיר זײַנען שוין דעמלט אַלט געווען צו צוועלף־דרײַצן יאָר. טראָגן איבער דער הויפּט־גאַס אַ קאָשעק עפּל אָדער באַרן האָט ער זיך געשעמט. איך וואָלט זיך אויך געשעמט. נאָר ווען וואָלט עס געזאָגט געוואָרן, ווען דאָס איז מײַן מאַמע, — איך וויל ניט און גאָר! אָבער אַז דאָס איז ניט מײַן מאַמע און זי בעט מיך טאָן אַ טויווע, זי זאָגט נאָך דערבײַ, אַז איך בין אַ קלוגער און אַ גוטער... קורץ, ניט מײַן כאַווער טראָגט מיט זײַן מאַמען דעם קויש אויבס, נאָר איך טראָג. עס רײַסט מיר אויף די הענט. דעם קאָפּ הייב איך ניט אויף, קעדיי קיינער זאָל מיך ניט דערקענען. איך שווער זיך, אַז מער וועל איך אַזוינס ניט טאָן. נו, האָב איך עס טאַקע ניט געטאָן?

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער באַם כאַווער אין סאָד, ווידער דאַרף מען טראָגן אַ גרויסן קויש מיט אויבס, מײַן כאַווער וויל ניט טראָגן. ער זאָגט אַפֿילע דער מאַמען, אַז זי זאָל מיך ניט טשעפּען, עס פּאַסט ניט. ענטפֿערט אים די מאַמע:

— ער איז דאָך אַ נאַרעלע, ער פֿאַרשטייט דען, וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט ניט.

איך הער עס און וויל אַפֿילע וויסן, מיט וואָס בין איך עס אַזאַ נאַרעלע. אָבער דעם כאַווערס מאַמע זאָגט מיר שוין, אַז איך בין אַ גוטער, זי בעט באַ מיר אַ טויווע... איך שלעפּ דעם קאָשעק און זידל זיך. נאַר, נאַר, נאַר... ביסט ווערט!

און אָט בין איך שוין ניט קיין ייִנגל, ניט קיין יונגער באָכער, נאָר אַ זיידע, עמעס, אַ יונגער זיידע, נאָרוואָס פֿון דער נאָדל אַרויס. דאָס קומט פֿאָר אין מאָסקווע.

איינער מײַנער אַ באַקאַנטער האָט מיך אײַנגעלאַדן אויפֿן געבורטס־טאָג פֿון זײַן אייניקל. אויף קויפֿן אַ מאַטאָנע דאַרף מען געלט. און קיין געלט איז פּונקט ניט פֿאַראַן. געפֿין איך אָן אויסוועג, איך וועל אַרײַנגיין באַגריסן באַטאָג, ווען קיין געסט זײַנען נאָך ניט געקומען. דערצו האָב איך אָנגעשריבן אַ קינדער־מײַסעלע „דער זיידע מיטן אייניקל". איבערלייענען אַ דערציילונג איז אויך אַ מאַטאָנע.

אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. געקומען באַטאָג, געלייענט פֿאַר די היימישע דאָס מײַסעלע „דער זיידע מיטן אייניקל", און ס'איז געפֿעלן געוואָרן. דער זיידע, מײַן באַקאַנטער, בעט מיך לאָזן די דערציילונג ביזן אָוונט. אין אָוונט וועלן זײַן געסט, וועט ער עס איבערלייענען. פֿאַרוואָס ניט? לאָז איך איבער די דערציילונג. אײַבערגעלאָזט און פֿאַרגעסן. אַרופּגעשווומען איז ווידער דאָס מײַסעלע אין אַ יאָר אַרום. דאָס מאָל בין איך אויפֿן געבורטס־טאָג געקומען צוגלײַך מיט אַלעמען — אין אָוונט. מע האָט געמאַכט לעכאַיִם, צוגעביסן. די שטימונג איז אַ גוטע. דעמלט זאָגט דער זיידע, אַז ער וועט איבערלייענען אַ קינדער־דערציילונג. וועמעס — זאָגט ער ניט. הייסט עס, ס'איז זײַנס. ער לייענט. ס'איז מיין מײַסעלע, אַפֿילע מיטן זעלבן נאָמען: „דער זיידע מיטן אייניקל". ער האָט נאָר געמאַכט עטלעכע ענדערונגען און דאַפֿקע שלעכטע. אַלע זײַנען זיכער, אַז דאָס האָט דער זיידע אָנגעשריבן. עמעס, איינע אַ פֿרוי האָט מיך שטיל געפֿרעגט:

— ראַבין, ס'איז אײַערס?

— יאָ, אָנגעשריבן האָב איך, נאָר קאַליע געמאַכט האָט ער.

און ווידער האָב איך וועגן דעם פֿאַרגעסן.

ס'איז אַוועק אַ כוידעש אָדער צוויי. איך זיץ אַזוי באַטאָג אין שטוב און אַרבעט, דערהער איך, ווי מע קלינגט צו מיר אין דער טיר. איך עפֿן — מײַן באַקאַנטער, דער זיידע. זײַן קומען איז פֿאַר מיר געווען אומגעריכט. „ניט אומזיסט קומט ער" — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און באַלד פֿרעג איך זיך: „פֿאַרוואָס טראַכסטו אַזוי? דיר דוכט זיך, אַז דו פֿאַרשטייסט אויף מענטשן און האָסט קימאַט שטענדיק אַ טאָעס". מיר זײַנען אַרײַן אין צימער, זיך געזעצט באַם טיש. איך וואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. ער שווײַגט. ס'איז אָבער אַ שווײַגן, וואָס איז פֿול מיט רייד. ער וויל עפּעס זאָגן, אָט־אָט עפֿנט ער דאָס מויל, נאָר זאָגט גאָרניט, שווײַגט. עפּעס אָבער קוועטשט אים, ער דאַרף זיך אַרויסריידן... מעגלעך, אַז מײַן פֿרוי שטערט אים, זי איז איצט פּונקט אין דר'היים. ענדלעך זאָגט ער:

— קום אַרויס אין גאַס שפּאַצירן.

ניין, קיין טאָעס האָב איך ניט. ניט אומזיסט איז ער געקומען. ער דאַרף מיר עפּעס פֿאַרטרויען. וואָס אָבער? איך קאָן זיך ניט אָנשטויסן. איך פֿיל נאָר, אַז מײַנס וועט דאַרפֿן איבערגיין.

ער וועט מיך מיט גוטן אָפּנאַרן. און איך באַשליס. ניין, איך וועל זיך ניט לאָזן, איך וויל ניט!

מיר זײַנען אַראָפּ פון די טרעפּ און אַרויס אַף ראָזשדעסטווענסקי בולוואַר. מײַן באַקאַנטער נעמט מיך שטײַף אונטער דער האַנט, דריקט מיך נאָענט צו זיך, ווי דער בעסטער פרײַנט. שלעכט, איך גיב זיך אונטער. אַז אַ מענטש נעמט דיך אונטער דער האַנט, האָט דיך ליב, קוקט אַף דיר מיט אומרויִקע הייליקע אויגן און זײַנע ליפּן זײַנען באַשמירט מיט האָניק... זאָל ער כאָטש פאַרלאַנגען אַזוינס, וואָס איז לײַכט נאָכצוגעבן.

— יאָסיף. יאָסיף איזראַיִלעוויטש... — ווי באַלד ער זאָגט „יאָסיף איזראַיִלעוויטש", גיט ער מיר אָפּ קאָוועד און פאַר קאָוועד דאַרף מען צאָלן. הײַנט ווי קלינגט דער „יאָסיף איזראַיִלעוויטש" — טײַערער מײַנער, גאָלדענער מײַנער, אַלע ווייסן דאָך, אַז דו ביסט אַ גוטער, אַ קלוגער, אַ יוישערדיקער. און נאָך קלינגט דער „יאָסיף איזראַיִלעוויטש" — דו ביסט אַ גאָטגעבענטשטער שרײַבער, ניטאָ קיין גלײַכן צו דיר, איינער אַף דער גאַנצער וועלט.

אַדעראַבע, זײַט איר אַ בעריע און לאָזט ניט אָנרירן אײַער קראַנקע סטרונע. איך וואָלט וועלן זען אײַער בעריעשקײַט. דאָ ברעכט זיך אײַזן. ביפראַט אַ שוואַכער מענטש.

— יאָסיף איזראַיִלעוויטש, דו פאַרשטייסט... נעכטן בין איך געווען אין ראַדיִאָ־קאָמיטעט. וועגן מײַנעם אַן איניען. איך גיי צוריק... פאַרשטייסט... זע איך אַף אַ טיר איז אָנגעשריבן, אַז דאָ געפינט זיך דער ראַדיִאָ־אָפּטייל פאַר יוגנט און קינדער. פאַרשטייסט... און הע... פאַרשטייסט... באַ מיר אין דער בוזעם־קעשענע איז פונקט געלעגן די דערציילונג „דער זיידע מיטן אייניקל". האָב איך געטראַכט... דאָס הייסט, איך האָב ניט געטראַכט, איך בין אַרײַן און אָפּגעגעבן די דערציילונג, ס'איז דאָך אַ קינדער־דערציילונג. און ווי באַלד איך האָב עס געגעבן אין ראַדיִאָ, האָב איך שוין אונטערגעשריבן מײַן פאַמיליע. פאַרשטייסט...

צי פאַרשטיי איך? אוי, פאַרשטיי איך. איך פאַרשטיי, אַז איך דאַרף אים זאָגן מיטן האַרבן וואָרט: ווי טוט מען עס אַזוי? ווער האָט דיך געבעטן טראָגן אַ פרעמדע דערציילונג אין ראַדיִאָ? ווער האָט דיך געבעטן דײַן פאַמיליע אונטערשרײַבן? דאָס איז דאָך קרימינאַל. אָבער דער מענטש, וואָס פירט מיך אונטער דער האַנט, איז אויס מענטש. ער פאַרשטייט, וואָס איך קאָן אים זאָגן, ער ווייסט, אַז איך וועל זײַן גערעכט. קוים וואָס ער אָטעמט, ער ציטערט, ער איז אומרויִק. און מיט דער האַנט, וואָס פירט מיך געאַרעמט, מיט די אויגן, וואָס קוקן אַף מיר, בעט ער זיך: יאָסיף איזראַיִלעוויטש, גיי אַרײַן אין מײַן לאַגע, אין מײַן פּאָלאָזשעניע. אַן אומגליק איז געשען.

ווילסט, קאָנסטו מיך באַגנעדיקן, ווילסט, קאָנסטו מיך קעפּן. איך בין אין דײַנע הענט.

אַרײַנגיין אין זײַן לאַגע...

הערט אויס די לאַגע פון אַ מענטשן. ער איז שטענדיק מיט שרײַבער, אומעטום איז ער צוזאַמען מיט זיי. אַמאָל, אין דער יוגנט, האָט ער געשריבן סײַ אין ייִדיש, סײַ אין רוסיש, נאָר פון דעם איז גאָרניט פאַרבליבן. שפּעטער האָט ער עס געוואָרפן און זיך פאַרנומען מיט „פּראַקטישע" זאַכן. אַף דער עלטער איז זײַן וועג ווידער צונויפגעפאַלן מיט שרײַבער. און דערצו גייט אים נאָך אַן אַלטער ייִכעס, ער האָט אַמאָל געהאַט עפּעס אַ שײַכעס צום גרויסן פּערעץ. ער מוז זײַן אַ שרײַבער, ער וויל זײַן אַ שרײַבער, ער כאַלעשט, ער גייט אויס. אָבער וויפל קאָן מען גלייבן אַפן וואָרט? וויפל קאָן מען זײַן אַ שרײַבער אַף קרעדיט?

דעם קויעך פון שרײַבן ווייסן מיר.

ער איז גרויס און שטאַרק. ער וועקט גלויבן, טעמפּעראַמענט, אַקשאָנעס. ס'איז גרויס דער פאַרלאַנג צו מאַכן זעענדיק אַנדערע מיט דײַן זעונג, צו לאָזן דערפילן אַנדערע דײַנע געפילן און איבערלעבונגען, איבערצוגעבן אַ צווייטן דײַנע געדאַנקען. אָט זעצט זיך אַוועק אַ מענטש אַרבעטן אַף אַ יאָר, צוויי און דרײַ — ער שרײַבט אַ בוך. צי וועט זיך אָבער באַקומען אַ ווערק? ער ווייסט ניט. גאַראַנטירן קאָן קיינער ניט. דאָ ליגט אַ העלדישקײַט. דאָ ליגט דער קויעך פון טאַלאַנט, וואָס פירט און וועט אַרויספירן.

נאָך אַ גרעסערער קויעך האָט אין זיך דער פאַרלאַנג צו וועלן ווערן אַ שרײַבער. דער דראַנג צו וועלן ווערן אַ שרײַבער איז געווענדט צום גאַנצן אַרום, ער איז אַף אַלץ גרייט... דער קויעך פון וועלן ווערן אַ שרײַבער כאַפּט אָן דעם מענטשן פאַרן גאָרגל און קאָן פון אים מאַכן אויסצודרייען. ניט אומזיסט דערציילט מען וועגן אַזאַ איינעם, וואָס האָט מאַמעש געכאַלעשט, אַז ערגעץ זאָל כאָטש זײַן נאָמען דערמאָנט ווערן אַלס שרײַבער. ער האָט באַשלאָסן עמעצן באַגאַנווענען, ער האָט דערבײַ געהאַפּט, אַז אין דער צײַטונג וועט מען נאָכדעם שרײַבן: דער און דער שרײַבער האָט באַגאַנוועט. ווען ער איז אַרויס פון טפּיסע, איז ער טייקעף געלאָפן זוכן די צײַטונג. ער האָט דאָרט איבערגעלייענט, אַז דער און דער גאַנעוו האָט באַגאַנוועט.

מײַן באַקאַנטער האָט אָנגענומען פאַרשיידענע מיטלען, ער האָט פאַרבראַכט מיט שרײַבער, שפּאַצירט מיט זיי, געטאָן טויוועס. אַף אַ פאַרזאַמלונג, וווּ מע קלײַבט זיך פאָטאָגראַפירן, זעצט ער זיך אויבנאָן. אַף אַ פאַרזאַמלונג, וועגן וועלכער עס וועט זײַן אַ באַריכט אין דער צײַטונג, נעמט ער אַ וואָרט. זײַן נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן.

אָבער וויפֿל קאָן מען לעבן אַף צוטרוי? און דאָ האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט.

אָט דאָס הייסט אַרײַנגיין אין דער לאַגע. און איך ענטפֿער מיט אַ האַלב מויל:

— מיילע... עס טרעפֿט...

דער מענטש איז לעבעדיק געוואָרן. ער האָט אופגעשײַנט. אָט־אָט וואַרפֿט ער זיך צו מיר קושן. און ווײַבאַלד איך בין דורכגעפאַלן... ווי איז דאָרט געשריבן: אים נאָפּאַל טיפּיל — פאַל איך שוין אַף אַלע פיר. איך מאַך אַזוי, ער זאָל אַפּילע ניט באַמערקן, אַז איך פאַרשטיי עפּעס, אַז איך קען שלעכט טראַכטן. פאַרקערט, איך העלף אים, ער זאָל מיך וואָס בעסער אָפּנאַרן. איך פיל זיך נאָר שלעכט פון דעם, וואָס עפּשער, האָב איך מוירע, וועט עס דורכגיין ניט אַזוי גלאַט. פרײַער האָב איך אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז פון מיר אַוועק. פון מיר איז אַראָפּגעפאַלן אַ זיסע קלעפּיקייט, אַ זײַדענע צאַרע. אַ דאָסאַדע איז אָבער פאַרבליבן: אַן אַלטער מאַן, אַריבער זיבעציק, וואָס וויל ער נאָך און וואָס דאַרף ער נאָך? ער וויל ווערן אַ שרײַבער, ער איז גרייט אַף אַלץ.

אין אַ וואָך אָדער אין צען טעג אַרום איז ער ווידער געקומען צו מיר און געבראַכט מיט זיך די דערציילונג:

— אָנגענומען. אייניקע ערטער דאַרף מען פאַריכטן.

איך מוז זיך מוידע זײַן, אַז אַ ביסל האַנאָע האָב איך געהאַט פון דעם, וואָס פאַריכטן האָט מען געדאַרפט פּונקט יענע ערטער, וואָס מײַן באַקאַנטער האָט געענדערט. איך האָב אופגעשטעלט דעם אַלטן טעקסט.

נאָך אין אַ וואָך אַרום איז ער געקומען אָנזאָגן, אַז די דערציילונג איז ענדגילטיק אָנגענומען. ער ווייסט שוין דעם טאָג און די שאָ, ווען עס וועט ווערן טראַנסלירט דורך ראַדיאָ.

אַלע זײַנע באַקאַנטע האָט ער וועגן דעם געגעבן צו וויסן, ער איז אַרומגעלאָפן, ווי אַ צוואַנציקיאָריקער באָכער, אַ פאַרליבטער אין דער קאַלע, לויפט אײַנלאַדן גוטעפרײַנט צו דער כאַסענע. דער מענטש איז געוואָרן יונג, באַוועגלעך, קיין זאַך איז פאַר אים ניט שווער געווען, אַלע שטערונגען קאָן ער בײַקומען. דערלעבט אַזאַ סימכע, אַזאַ גליק — אַ שרײַבער, וואָס זײַנע ווערק גיט מען איבער דורך דער מאָסקווער ראַדיאָ.

ערעוו דער טראַנסליאַציע איז ער צו מיר געקומען אַן אויסגעפּוצטער, אונטערגעשאָרן די האָר, אין אַ נײַעם אַנצוג. ער האָט מיר געזאָגט בעזע האַלאָשן:

— איך בעט דיך זייער... מאָרגן זאָלסטו הערן מײַן דערציילונג דורך ראַדיאָ. און זאָלסט מיר אופריכטיק זאָגן... דיר געפעלט צי ניט?

און ווידעראַמאָל איז ער געקומען אין אַ וואָכן צוויי אַרום. ווען איך האָב אים דאָס מאָל דערזען, איז בא מיר דורכגעלאָפן אַ זינדיקער געדאַנק: ער איז געקומען זיך טיילן מיטן האַנאָראַר. אַ העלפט אים, אַ העלפט מיר. זינדיקע געדאַנקען ברענגען, אַפּאַנעם, ניט שטענדיק קיין נוצן. ער איז געקומען וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. אים איז געפעלן צו זײַן אַ שרײַבער און צו באַקומען האַנאָראַר. וויל ער שרײַבן אַ נײַע זאַך. בעט ער, איך זאָל אים זאָגן און ווײַזן, וואָס און וויאַזוי. פון דער ריידעניש איז אָבער ניט אַרויס קיין שרײַבעניש.

געקליבן האָב איך זיך שרײַבן וועגן ווילנע, איז די האַנט אַוועק אַן אַ זײַט, גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. וועט אויסקומען וועגן ווילנע צו שרײַבן אין קומענדיקן קאַפּיטל. דערווײַל... אַף וויפל איך האָב געשריבן וועגן מײַן „קלוגשאַפט", וויל איך שוין אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מײַן „שיינקייט".

געוועזן איז עס אין גראָדנע. איך בין אַלט געווען אַ יאָר צען אָדער עלף. אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ „מאָדע": קליינע פאָטאָ־קאַרטעלעך, צוואַנציק קאָפּעקעס פאַר אַ גאַנצער טוץ. איך האָב אויסגעבעטן בא דער מאַמען צוואַנציק קאָפּעקעס און זיך פאָטאָגראַפירט. ווען איך בין געקומען אָפּנעמען די קאַרטעלעך און דערזען זיך אַליין, האָב איך אויסגעשריִען:

— דאָס בין ניט איך!

דער פאָטאָגראַף שמייכלט:

— ווער זשע דען איז עס?

— ניט איך.

וויאַזוי איך זע אויס, האָב איך ניט געוווּסט. בא אונדז אין שטוב זײַנען קיין מיידלעך ניט געווען (מיר זײַנען געווען דרײַ ברידער), און דעריבער איז קיין שפּיגל ניט געווען. אַף אויסווייניק האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין אַ שיינער. פונוואַנען ווייס איך, אַז איך האָב גרויסע אויערן, וואָס סטאַרטשען אין די זײַטן, אַ נאָז פון נעזער־לאַנד... איך ווייס עס ניט. און דאָ דערזע איך עס אַפן קאַרטעלע.

— דאָס בין ניט איך!

— ווייסטו וואָס, יינגעלע, גיי צו דער מאַמען און פרעג: דאָס ביסטו צי ניט דו?

אַזאַ אייצע פאַלג איך. אַרויסגייענדיק פון דער טיר, הער איך, ווי דער פאָטאָגראַף זאָגט צו עמעצן:

— פאַר צוואַנציק קאָפּעקעס וויל ער נאָך זײַן אַ שיינער אויך.

אין שטוב בין איך אַרײַנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער.

— מאַמע, דאָס בין איך?

— דו, מײַן קינד, דו.

7. ווילנע

(פאָרזעצונג)

אין 1948, נאָך אן איבעררײַס פון זיבן און צוואנציק יאָר, בין איך אף עטלעכע טעג געקומען קיין ווילנע. אין מעשעך פון די געציילטע טעג בין איך ארומגעלאָפן איבער די גאסן פון דער שטאָט און געזוכט יענע באקאנטע ערטער, וואָס זײַנען פארבונדן מיט מײַן יוגנט און וואָס האָבן זיך פארגעדענקט פון אמאָל. א סאך גאסן אין ווילנע זײַנען געווען כאָרעוו.

אָט בין איך ווידער אף דער אמאָליקער זאוואלנע גאס (איצט — קאָמסאָמאָלסקע).

אף דער דאָזיקער גאס, ניט ווײַט פון די האלעס, האָט זיך געפונען די יִדישע ארבעטער־קיך.

איצט, ווען איך בין ווידער אין ווילנע, איז א שטילער, זוניקער הארבסט. און די דערמאָנונגען, וואָס קומען אוף, זײַנען פארבונדן מיט פרילינג.

איך האָב שוין געשריבן, אז אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען די דײַטשן האָבן אָקופּירט ווילנע, איז אין דער שטאָט געווען א גרויסער הונגער. פארשיידענע אָרגאניזאציעס און אנשטאלטן האָבן זיך באמיט כאָטש מיט עפּעס שטיצן די קינדער און די יוגנטלעכע. אויך אין דער געבײַדע פון דער יִדישער ארבעטער־קיך איז געשאפן געוואָרן א „יוגנט־פלעגע“. ארבעטער־קינדער פלעגן אין אָוונט זיך צונויפקלײַבן אין דער ארבעטער־קיך. דאָ איז געווען ווארעם, ליכטיק, ריין. אלע אָוונט פלעגט מען ארויסגעבן א פּענעץ ברויט און א טעפל זיסע טיי מיט סאכארין. צווישן די קינדער און יוגנטלעכע האָט מען געפירט א דערציִונגס־ארבעט. דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין אין אָוונט געקומען אין דער „יוגנט־פלעגע“, איז געווען א פארזאמלונג. אף קיין פארזאמלונגען בין איך קיינמאָל ניט געווען און כ׳האָב ניט געוווּסט, „מיט וואָס מע עסט עס“. איך האָב געזען, אז איינער האלט א גלעקל אין דער האנט, קלינגט, בעט זײַן רויִק און פרעגט, וועמען זאָל מען אויסקלײַבן פאר א פאָרזיצער. וואָס איז אזוינס א „פאָרזיצער“? — טראכט איך. נאָר איידער איך באנעם, וואָס דאָס איז אזוינס, דערהער איך, ווי מע רופט אָן מײַן נאָמען:

— ראבינעו, ראבינעו פאר א פאָרזיצער.

דאָס ייִנגל, וואָס שטייט באם טיש, פרעגט:

— ווער איז פאר ראבינען? אלע.

ער רופט מיך צום טיש, גיט מיר דאָס גלעקל אין דער האנט און זאָגט מיר, אז איך בין פאָרזיצער. וואָס דארף איך טאָן? און אזויווי איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן — קלינג איך. איך קלינג און קלינג. אלע לאכן שוין פון מיר, און עס ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס מע קלײַבט אויס אן אנדער פאָרזיצער.

כאָטש איך בין אהער געקומען צום ערשטן מאָל, זיך געשעמט, געפילט פרעמד, ניט פארשטאנען, וואָס ארום טוט זיך, האָב איך דאָך באמערקט, אז מײַן קאנדידאטור אלס פאָרזיצער האָבן אָנגערופן צוויי מיידלעך. אין א פּאָר טעג ארום איז איינע פון די מיידלעך צו מיר צוגעגאנגען און געבעטן באגלייטן זי אהיים. הענט און פיס זײַנען בא מיר אָפּגעפאלן. אָפּפירן אהיים? א מיידל? איך בין קיינמאָל נאָענט לעבן א מיידל ניט געשטאנען. איך קאָן א וואָרט ניט ארויסריידן. אָבער פון די טרעפּ גייען מיר שוין צוזאמען אראָפּ. און אז מיר גייען ארויס פון דער געבײַדע, גיט זי אף מיר א קוק און מיט א בליק ווײַזט זי מיר, ווּהין מע דארף גיין. איך גיי מיט איר און שווײַג. זי שווײַגט אויך. עפּשער ווינט זי ניט ווײַט, וועל איך גיך פון איר פּאָטער ווערן. אָבער מיר גייען און גייען און קיין סאָף איז ניטאָ. ווּהין גייען מיר? מיר זײַנען אָנגעקומען אין דעם שמאָלן, שטילן און טונקעלן מאָנאסטיר־געסל. זי שטעלט זיך אָפּ בא דער וואנט פונעם מאָנאסטיר. איך בלײַב אויך שטיין. זי קוקט אף מיר מיט אָפענע אויגן, איך אף איר — מיט אראָפּגעלאָזטע. זי זעט שוין, מיסטאמע, וואָס פאר א נאריש קעלבל איך בין... זי קושט מיך אין די אויגן, פארשטיי איך, אז אזוי דארף איך אויך טאָן — קוש איך זי אויך אין די אויגן. דערבײַ קאָן איך אָבער ניט באנעמען: זי שמייכלט צי זי לאכט פון מיר...

אף מאָרגן רופט מיך דאָס צווייטע מיידל באגלייטן אהיים.

רודניצקי־גאס. אף דער גאס האָט געוווינט מוישע קולבאק.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען מוישע קולבאקן, ווען ער האָט אינעם קלוב פון ווילנער קולטור־ליגע געלייענט זײַן פּאָעמע „די שטאָט“. דאָס איז געווען אָדער אין נײַנצעטן אָדער אין צוואנציקסטן יאָר. אויסער קולבאקן האָט דעמלט אויך געלייענט דאָווידל בערעזאָווסקי, ער האָט פאָרגעלייענט א הומאָריסטישע מײַסע. קולבאק איז פאר די צוהערער געווען אינגאנצן נײַ, אָריגינעל, אייגנארטיק. ער איז געקומען אין דער ליטעראטור מיט א נײַעם אָטעם — מיטן אָטעם פון דער רעוואָליוציע. געלייענט האָט ער אויסגעצייכנט. אָן אָנשטעל, ניט געהיצט, ניט געשריִען. אין א געוויסער מאָס איז זײַן לייענען געווען אפילע מאָנאָטאָן. עס האָט אָבער געקלונגען, ווי מוזיק — רויִקע, מוסקלדיקע, קרעפטיקע. דער אוילעם האָט שטארק אפּלאָדירט. קולבאק איז געוואָרן דער ליבלינג בא דער יוגנט. ווער האָט דעמלט אין ווילנע ניט געוווּסט די שורעס:

און בראָנזענע יונגען
באַפאַלן איז דעמלט א ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס זײַנען פארלאָרן...

אָדער:

היי, לאָמיר גיין,
לאָמיר גיין,
לאָמיר גיין,
לאמיר דאָ איבערלאָזן די שוואכע.
און עס האָבן די גלעקער געקלונגען!

עטלעכע מאָל בין איך געווען בא קולבאקן אין דר׳היים, אין זײַן צימערל, וואָס ער פלעגט דינגען. איך האָב דעמלט אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער און בין געגאנגען צו קולבאקן פרעגן מעווינעס.

דוכט זיך, אז דעם ערשטן האָנאָראר קולבאקן האָב איך אים געבראכט אהיים. מוישע שאליט האָט אין ווילנע ארויסגעגעבן א זשורנאל „דאָס לעבן". א גרויסן טייל פון זשורנאל פלעגט ער אליין פארפולן. אין איינעם פון די נומערן האָט ער אָפּגעדרוקט קולבאקס א ליד. איך האָב דעמלט געארבעט אין „יעקאָפּאָ". מ. שאליט איז געווען דער הויפּט־סעקרעטאר פון „יעקאָפּאָ". אזויווי אלע ארבעטן אינעם זשורנאל האָט געטאָן אליין שאליט, איז ווען עס פלעגט אים שוין ווערן צו שווער, פלעגט ער מיך אמאָל בעטן עפּעס אים העלפן. איינמאָל האָט ער מיך געבעטן אָפּטראָגן קולבאקן האָנאָראר פאר א ליד. געלעבט האָט דעמלט קולבאק אף א געסל אנטקעגן קאָסטיאָל אין א צווייִשטאָקיק הויז. די טרעפּ זײַנען געווען הילצערנע. אין קאָרידאָר אפן צווייטן שטאָק איז געווען אויסגעשניטן א פירקאנטיק פענצטער, נאָר אָן א שויב. ווען איך בין ארוף אפן צווייטן שטאָק, האָב איך דערזען, אז קולבאק שטייט באם פענצטער מיט א מיידל. דאָס מיידל איז געווען זײַן קינפטיקע פרוי זשעניע, וואָס וווינט איצט אין מינסק.

— כאווער קולבאק, איך האָב אײַך געבראכט האָנאָראר.

פונעם האָנאָראר איז ער, מיסטאמע, געווען צופרידן. איך ווייס אָבער ניט, צי איז ער געווען צופרידן פון דעם, וואָס איך בין געקומען ניט אין קיין פּאסיקער צײַט.

אין א סאך יאָרן ארום, אין 1955, האָב איך אין באָריסאָוו זיך באגעגנט מיט קולבאקס פרוי. איך האָב איר דערציילט וועגן יענעם פארנאכט, ווען איך האָב געבראכט קולבאקן האָנאָראר. זי האָט עס ניט פארגעדענקט. נאָר אף איר פּאָנעם האָט זיך באוויזן א יוגנטלעכער שמייכל. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר פרילינג.

———

ווידער זאוואלנע גאס. אראָפּ זאוואלנע, נעענטער צו געאָרגיעווסקי (איצט — לענינסקי פּראָספּעקט). דאָרט האָט זיך געפונען די פּוילישע דעפענזיווע.

1920. אין ווילנע באלעבאטעווען די פּילסודטשיקעס. ניט ווײַט אָבער פון ווילנע געפינט זיך ראטנרוסלאנד. די ארבעטער, די באלמעלאָכעס געדענקען יענע כאדאָשים, ווען די רויטע ארמיי איז געווען אין שטאָט, ווען די מאכט איז געווען זייערע. די בורזשואזיע געדענקט אויך יענע כאדאָשים. די שליאכטע ציטערט פאר א רויטער פאָן, פאר א לאָזונג, וואָס דערמאָנט אָן ראטנמאכט. די ארבעטער גרייטן זיך צו דער מײַ־דעמאָנסטראציע. די פּאָליציי, די דעפענזיווע און כוליגאנעס גרייטן זיך אָנצופאלן.

די דעמאָנסטראציע איז געווען א געמיינזאמע פון אלע פּארטייען. צונויפגעקליבן האָט מען זיך אינעם הויף פון די פּוילישע פּראָפאריינען (די פּראָפעסיִאָנעלע פאריינען זײַנען געווען געבויט לויטן נאציִאָנאלן פּרינציפּ: ייִדישע און פּוילישע).

ווען איך בין געקומען אפן הויף פון די פּוילישע פּראָפאריינען צו דער דעמאָנסטראציע, האָט מיך מײַן כאווער מוישע שאפּיראָ אָפּגערופן אָן א זײַט און געזאָגט, אז בא אים אין בוזעם ליגט א רויטער לײַוונט מיט א לאָזונג אף פּויליש „ניעך זשיִע פּאָלסקא ראדעצקא!"[1]. ווײַטער זאָגט ער מיר וועגן דעם באשלוס, אז מיר ביידע דארפן בא א געהעריקער סיטואציע אופהייבן דעם לײַוונט און טראָגן. ווען מע וועט דארפן דעם לאָזונג אופהייבן אינדערלופטן — וועט ער זאָגן, ער האָט אָן אײַנשטעלונג.

אין אוואנגארד פון דער דעמאָנסטראציע זײַנען געגאנגען די מיטגלידער פון דער פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציִאליסטישע פּארטיי), די קאָמוניסטן האָט מען געלאָזט גיין די לעצטע, עס זאָל זײַן גרינגער אף זיי אָנצופאלן. די איבעריקע פּארטייען וועט מען ניט טשעפּען, זיי זײַנען קאָשערע. הינטער אונדז זײַנען געגאנגען די ארבעטערנס פון שישמאן־דערונטשעס טאבאקפאבריק — זיי זײַנען געווען די סאמע לעצטע.

די אײַנשטעלונג, וואָס מוישע האָט באקומען, איז געווען אזא:

אופהייבן דעם לאָזונג דאָרט, ווו מע וועט אים כאָטש א ביסל קענען טראָגן, אזוי, אז דער אוילעם זאָל אים קענען לייענען, עס זאָל זיך באקומען א פּאָליטישער עפעקט. גלאט אומזיסט ניט ריזיקירן. פּאָליציי און דעפענזיווע וועט נאָכגיין טראָט נאָך טראָט. דעריבער געדענקען, וואָס מע זאָגט אָן.

ווי נאָר מיר זײַנען ארויס פון הויף, זײַנען אונדז (קאָמוניסטן) דעם גאנצן וועג נאָכגעגאנגען סטודענטן מיט נאהײַקעס, כוליגאנעס מיט

[1] זאָל לעבן דאָס סאָוועטישע פּוילן.

קינסטלער נאָכעם אלפּערט

(וועגן זײַן שאפונג זע ז. 149)

פּאָרטרעט פון איציק וויטענבערג

ניַי־ווילנע (עטיוד)

טאלין. אַן אַלטע
פעסטונג־וואַנט

ווינטער אין דרוסקעניקי

פישער אפן דאַן

א גאסן-פידלער (פון דער סעריע „אלט-ווילנע")

שטעקנס, זיי האָבן זיך געזידלט און געוואָלט אַרויסרופן אַ געשלעג. ווען עס וואָלט זיך באַוויזן עפּעס רויטס, וואָלט מען עס טייקעף אַרויסגעריסן, ניט געלאָזט אַפילו אופהייבן אינדערלויפטן. מוישע האָט דעריבער געוואַרט אַף אַ מער פּאַסיקן מאָמענט. דערווײַל גייען מיר דורך איין גאַס און אַ צווייטע. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען צום ראָג פון זאַוואַלנע, האָט מוישע געזאָגט: „דאָ מוז מען שויקן!" ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז מיר געפינען זיך לעם דער געבײַדע פון דער דעפענזיווע. אַרום אונדז איז געוואָרן אַ טומל, אַ רויש, אַ געשריי, אַ פּײַפערײַ. איבער אונדזערע קעפּ האָט מען פון אַלע זײַטן געפּאַכעט מיט נאַהײַקעס און געשריען: „נידער מיט די זשידעס!" די פּױלישע מיידלעך פון שימשאָן־דערונטשעס פאַבריק האָבן אַף דעם געענטפערט: „זאָלן לעבן די זשידעס!"

דאָ האָבן די ערשטע רייען (די פּ.פּ.ס.) אַ קערעווע געטאָן צום הויף פון די פּראָפאַריינען. די דעמאָנסטראַציע איז געענדיקט.

ווילנער גאַס.

אין 1920, ווען די רויטע אַרמיי איז געווען אין ווילנע, איז אַף דער ווילנער גאַס געווען דער קלוב פונעם קאָמסאָמאָל און דער ווילנער קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל.

אַף דער ווילנער גאַס איז געווען דער פּראָפאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דאָ פלעגט מען זיך באַגעגענען, באַשטימען זעונגען. איך וויל דערציילן וועגן אַ פאַרזאַמלונג פונעם פּראָפאַריין.

צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, וואָס איז אין 1920 אָפּגעטראָטן פון ווילנע, זײַנען אוועק אַ סאַך אַקטיוויסטן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דאָס האָט די ערשטע צײַט באַזונדערס זיך געלאָזט פילן אין די פּראָפאַריינען. קעדיי צו באַקומען אַ גרעסערע ווירקונג אין די פּראָפאַריינען, האָבן די קאָמוניסטן באַשלאָסן צו שאַפן דאָרט יוגנט־סעקציעס. די פאַרוואַלטונגען פון די פּראָפאַריינען זײַנען אָבער ניט אַזוי לײַכט אַף דעם אײַנגעגאַנגען.

איך בין דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פונעם פּראָפאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. אונדזער פאַרוואַלטונג איז געווען קעגן שאַפן אַ יוגנט־סעקציע, און די פראַגע איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די פאַריין־מיטגלידער, וועלכע זײַנען אין גרונט געווען גענייגט, אַז ס'זאָל יאָ געשאַפן ווערן אַזאַ סעקציע. כאָים וואָלט, דער פאָרזיצער פונעם פאַריין, איז געווען אַ געניטער פּראָפאַריינישער טוער, אָן אַלטער עס־ער, האָט ער גוט געפילט די שטימונג פון דער פאַרזאַמלונג און דעריבער געמאַכט אַ קונץ. ער האָט פאַרגעלייגט ניט שטימען דעם פאָרשלאָג וועגן שאַפן אַ יוגנט־סעקציע, נאָר פּריִער באַשליסן, צי דאַרף מען ביכלאָל די דאָזיקע פראַגע שטעלן צו דער אָפּשטימונג. די מערהײַט איז געווען פאַר דעם, אַז מע זאָל יאָ שטימען. דעמאָלט איז באַשײַמפּערלעך קלאָר געוואָרן, אַז די זעלבע מערהײַט וועט אויך שטימען פאַר אַ יוגנט־סעקציע. כאָים וואָלטן איז עס ניט געפעלן געוואָרן. ער איז קעגן אַ יוגנט־סעקציע, ער פאַרשטייט, אַז דאָס וועט פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון די קאָמוניסטן. און דערצו: ער איז דער פאָרזיצער, ער איז קעגן, און מע פאָלגט אים ניט. זײַן אויטאָריטעט ווערט אַראָפּגעריסן. און ווער רײַסט אַראָפּ? ייִנגלעך! ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס גלעקל, זיך אופגעהויבן, אַ געשריי געטאָן: „מירן זיך ניט לאָזן מאַיאָריזירן" און איז אַ באַרויגעזער אוועק פון טיש — אויס פאַרזאַמלונג.

וואָס טוט מען? די פאַרזאַמלונג ווערט אַראָפּגעריסן. מער וועט מען די פראַגע ניט שטעלן צום באַהאַנדלען. און דאַפקע הײַנט האָבן מיר אַ מערהײַט. ווייס איך ניט, ווער עס האָט מיר אַרײַנגעגעבן אין יענער רעגע סייכל און מוט, — איך בין צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען דאָס גלעקל און געזאָגט:

— די פאַרזאַמלונג ווערט פאַרגעזעצט. ווער איז פאַר דעם, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ יוגנט־סעקציע? אַ מערהײַט! אָנגענומען. די פאַרזאַמלונג דערקלער איך פאַר געשלאָסן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך באַגעגנט מיטן פאָרשטייער פון פּאַרטיי־קאָמיטעט (כאַווערטע סאַרע). זי האָט שוין געוווּסט, ווי די פאַרזאַמלונג איז דורכגעגאַנגען, און האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די פּאַרטיי־אָנפירונג איז זייער צופרידן מיט דעם, ווי די מײַסע האָט זיך פאַרענדיקט.

ווילנער מאַגיסטראַט.

מיט אַ סאַך יאָרן צוריק בין איך דאָ געשטאַנען אין דער ריי צו באַקומען אַ פּױלישן פּאַס. אַז מע וועט דאַרפן אָפּצאָלן געלט באַם אָפּגעבן די דאָקומענטן, האָב איך ניט געוווּסט. אין קעשענע בײַ מיר איז צופעליק געווען איין מאַרק און צוואַנציק גראָשן.

אַ פרוי, וואָס איז שוין צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַ מאַרק? אַ גראָשן האָב איך ניט. לויפן אַהיים... וועל איך דאָך פאַרשפּעטיקן. געלאָזט די קינדער אַליין... — זי וויינט. — לײַט מיר עמעצער אַ מאַרק. האָט ראַכמאָנעס.

קיינער ענטפערט איר ניט. קיינער קוקט ניט אין איר זײַט. איך נעם אַרויס פון דער קעשענע

מײַן מארק און גיב איר. זי האָט אופגעלעבט. איך האָב זי געראטעוועט.

אין א צײַט ארום דערגייט אויך מײַן ריי. לאָזט זיך דעמלט אויס, אז באם אָפּגעבן די דאָקומענטן דארף מען אײַנצאָלן א מארק. איך האָב עס פריִער ניט געוווּסט. מײַן מארק האָב איך אָפּגעגעבן, מער האָב איך ניט. בעטן וועל איך ניט. אגעוו, וועט עס ניט העלפן.

— איך וועל קומען מאָרגן, — זאָג איך, — איך האָב ניט קיין געלט.

אָף מאָרגן בין איך געקומען מיט די אַלטע צוואנציק גראָשן און מיט א נײַעם מארק. איצט ווייס איך שוין גוט, אז דעם מארק טאָר מען ניט אָפּגעבן. אָבער אָט האָט זיך ווידער דערהערט א געבעט פון א פרוי, זי וויינט מאַמעש — איר פעלט אויס צוואנציק גראָשן. דעם מארק וועל איך ניט אָפּגעבן, אָבער די צוואנציק גראָשן? איך דארף זיי ניט. איך גיב אָפּ דער פרוי די צוואנציק גראָשן.

מײַן ריי איז דערגאנגען, איך בין צוגעקומען צום טישל, אָפּגעגעבן מײַנע דאָקומענטן און אײַנגעצאָלט דעם מארק. איצט דארף איך נאָך באקומען א צײַגעניש, אז איך האָב מײַנע דאָקומענטן אָפּגעגעבן. לאָזט זיך אָבער אויס, אז דאָס קאָסט צוואנציק גראָשן. בלײַב איך ווידער צום נאר און זאָג, אז איך וועל קומען מאָרגן, איך האָב קיין געלט ניט.

צוריק פונעם מאגיסטראט גייט פון די טרעפּ מיט מיר צוזאמען אראָפּ א מיטליאָריקע פרוי. ארויסגייענדיק אָף דער גאס, זאָגט זי צו מיר:

— אנטשולדיקט מיר, יונגערמאן, איך מיש זיך, ווו מע בעט מיך ניט, אָבער דאָך... איך בין די לעצטע טעג געווען אין מאגיסטראט און געזען, ווי איין מאָל האָט איר אָפּגעגעבן א מארק און זײַט געבליבן מיט גאָרניט. הײַנט האָט איר אָפּגעגעבן צוואנציק גראָשן און ווידער געבליבן מיט גאָרניט. מאָרגן וועט איר נאָכאמאָל דארפן לויפן... העלפן א מענטשן איז א גוטע זאך, זייער א גוטע, אָבער... איר גיט זיך דאָך ארויס. לויט אײַער אופירונג דערקענט מען, אז איר זײַט א באָלשעוויק... זײַט פאָרזיכטיק. א גוטן! — זי איז אוועק און טייקעף נעלעם געוואָרן.

ווילנע האָט א סאך גאסן, און וועגן יעדערער פון זיי קאָן מען דערציילן. ס'איז אָבער צײַט זיך געזעגענען מיט ווילנע.

אין דער צײַטונג „פאָלקס־שטימע“ פונעם 7 אפּרעל 1962 האָב איך אָפּגעדרוקט א פארצייכענונג „וויאזוי איך בין געקומען פון יענער־וועלט“, ווו עס ווערט באשריבן, וויאזוי איך בין אריבער די גרענעץ צווישן פוילן און ראטנרוסלאנד. ניט אלץ האָב איך באשריבן, איין מאָמענט האָב איך באוווּסטזיניק דורכגעלאָזט. עס האָט זיך ניט ארײַנגעפּאסט אין דער אלגעמיינער שטימונג פון דער פארצייכענונג. לאָמיך עס איצט דערציילן.

געווען איז עס אין יאָר 1921, אינעם הונגער־יאָר. ווען מיר זײַנען אריבער די גרענעץ, האָט שוין אָף אונדז געוואַרט א שליטן, און מיר זײַנען צוגעפאָרן צום ערשטן סאָוועטישן פּאָסטן. א קליין הילצערן הײַזל מיט אן אייוועלע — א בורזשויקע. דער נאטשאלניק פונעם פּאָסטן איז געווען אָנגעטאָן דורכויס אין רויטן. רויטע גאַליפע־הויזן, א רויט היטל, א לעדערנע קורטקע מיט א רויטן אונטערשלאָק. איינער פון די „רויטע סאָכרים“, וואָס האָבן מיך אריבערגעפירט די גרענעץ, האָט עפּעס א שושקע געטאָן דעם נאטשאלניק אָפן אויער, יענער האָט געענטפערט מיט א שאָקל פון קאָפּ: „אלץ, הייסט עס, אין אָרדענונג“. דעמלט האָט דער צווייטער פון די „סאָכרים“ געבעטן, אז דער נאטשאלניק זאָל דערלויבן אָף זײַן טיש עפּעס איבערבײַסן — מיר זײַנען הונגעריק.

— ביטע, — האָט יענער געענטפערט.

פונעם שליטן האָט מען גענומען ארײַנטראָגן עסנווארג. א גרויסן קײַלעכדיקן לאָבן ברויט מיט קימל באשאָטן, ווורשט, פּוטער, קעז און א פלאַש ווײַן. איינער האָט גענומען שנײַדן דעם טרוקענעם ווורשט, און דער רייעך פונעם פעטס און פונעם קנאָבל האָט א זעץ געטאָן אין דער נאָז. דער צווייטער האָט אופגעשניטן דעם לאָבן אָף דער העלפט, און עס האָט א שמעק געטאָן מיט קאָרנעם ברויט. ווען אלץ איז געווען פארטיק, האָט איינער פון די „סאָכרים“ א קוק געטאָן אָפן זייגער און אויסגעשריִען:

— פינף! מיר פארשפעטיקן. עס ווערט שוין טונקל. מיר לויפן!

אלץ איז געבליבן ליגן אָפן טיש. מיר זײַנען ארויסגעלאָפן און זיך ארײַנגעזעצט אין שליטן.

— וויא! — מיר זײַנען אוועקגעפאָרן. דעם „מאנעווער“ פון די „סאָכרים“ איז ניט שווער געווען צו פארשטיין.

אינגיכן האָט זיך באוויזן די פאָרשטאָט פון מינסק. זײַ געגריסט, ראטנלאנד!

יאָסל בוכבינדער

אין צוזאַמענהאַנג מיטן זעכציקסטן געבורטס־טאָג פון יאָסל בוכבינדער האָבן מיר האַיאַר פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַן גרעסערע דערציילונג „צווישן כוואַליעס". איצט, צו דעם יוביל פונעם דיכטער, דרוקן מיר זײַנע לידער און ווינטשן אים געזונט, אַריכאַס יאָמים און שעפערישע דערפאָלגן.

● ● ●

ריידן איז זילבער און שווײַגן איז גאָלד, —
אַזוי איז דאָס ווערטל, אַזוי זאָגט דאָס פאָלק.
דאָס פאָלק האָב איך ליב, מײַן פאָלק איז מיר טײַער,
מײַן האַרץ איז אים שטענדיק אַ דינער אַ טרײַער.
נאָר איצט וויל איך זאָגן אַן אַנדער געדאַנק —
פון דעם, וואָס איך טראָג אין מײַן שטילן פאַרלאַנג.
כ׳וויל זאָגן פאַר די, וועמען גליק ס׳איז באַשערט:
איר זאָלט ניט פאַרשווײַגן קיין פאַלשקײַט אויף דר׳ערד.
זאָגט שטענדיק דעם עמעס דעם אייגענעם פאָלק!
אויב שווײַגן איז זילבער, איז ריידן גינגאָלד!

● ● ●

די זון וועל איך ניט לאָזן בלײַבן איין אַליין,
צו איר שקיעה וועל איך קומען און מיט איר וועל איך פאַרגיין,
מיט איר וועל איך אוועקגיין, קעדיי מאָרגן אינדערפרי,
אויפגיין זאָל איך ווידער מיט אַ פײַערדיקן גלי,
מ׳יען זיך און האָר׳וועם אָט אַזוי אַ גאַנצן טאָג —
מיט דער זון אוועקגיין נעכטיקן און זיך אומקערן פאַרטאָג.

● ● ●

אַ ניט־דערברענטע ליכט בענקט ניט נאָך קיין פײַער,
ווײַל פון פלאַמען גייט זי אויס
און ווערט ביסלעכווײַז פאַרלענדט,
נאָר מיר איז ליכטיקײַט איז נייטיק, טײַער.
ווען די שײַן לעשט אויס זיך אין מײַן שטיל געצעלט,
צעבלאָז איך ווידער ניט־דערברענטן פײַער,
קעדיי אין פינצטערניש ניט זײַן פאַרקלעמט,
אַ קליינינק פלעמעלע, נאָר ס׳איז מיר טײַער,
ווײַל כ׳זע, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט.

א מײַסעלע פאר קלײן און גרויס

איך וויל אײַך דערציילן —
מיט קאָפּ נאָר הערט אויס —
מײַן זיידנס א מײַסע
פאר קליין און פאר גרויס.

די מײַסע דערציילט אײַך
ניט איך, נאָר דער זיידע,
איז ווי אים געפעלט —
אזוי זאָל ער ריידן.

כ׳האָב גאָרניט געמינערט,
כ׳האָב גאָרניט דערלייגט,
דערצייל איך די מײַסע,
ווי ער האָט דערציילט.

אין איינעם א לאַנד,
אין א ווײַטער מדינע,
געלעבט האָט א קיניג
מיט טויזנטער דינער.

געוואָלט האָט דער קיניג,
בעלייוו ווענעפעש געוואָלט,
אז גליקלעך, פארשטייט זיך,
זאָל לעבן זײַן פאָלק.

זאָל קיינער ניט וויסן
פון דאכקעס און דאלעס,
זײַן גליקלעך און זינגען:
„מיר — איבער אלעס“.

נאָר ווי פלעגט זי זאָגן,
מײַן פלוינעסטע האָדל,
פון „וועלעכץ“ און „ווילעכץ“
באקומט מען געשווילעכץ.

האקיצער־בעקיצער,
כאָטש שרײַ כײַ־וועקײַעם,
אין לאנד איז א הונגער,
ניטאָ וואָס צו קײַען.

וואָס טוט מען? ווי העלפט מען?
מיט וואָס זאָל מען מונטערן?
עס קאָן נאָך, כאָלילע,
דאָס פאָלק זיך צעבונטעווען.

דער קיניג געפּאַקט
האָט א מיטל א ז׳יכערס.
ניין, פּרוּווט גאָרניט טרעפן,
אומזיסט אײַער טירכע, —

פּראָסט־פּאָשעט: צעטיילן
דאָס פאָלק אף צוויי שטיקער:
איין טייל — די רעשאָים,
די צווייטע — צאדיקים.

איין טייל — די רעשאָים —
מאכן „קיצער יאָמים“.
די צווייטע זאָל לעבן
אין מילך און אין האָניק.

און זיי — די צאדיקים, —
זיי זאָלן זיך שרעקן,
צעטיילט האָט דער קיניג
אף לעקער און שמעקער.

איר פרעגט, ווי זשע ווייסט מען,
ווער — צאדיק, ווער — ראָשע?
אוי, נארישע מענטשן,
דאָס מאכט מען גאָר פּאָשעט:

מע פירט אײַך ארײַן
אין א כיידער־מעיוכעד
צו איינעם א בעקער,
א גאזלען, א יוכע...

ער טוט אײַך א קנעט, און...
פאר צוויי־דרײַ מינוט
ווערט איר א ראָשע,
א וואָלף, א ווערבליוד.

און וואָס טוט דער קיניג
מיט מענטשן טויבשטומע?
איז דאָ, ווי בא ארן האקויען,
אן אורים־וועטומים —

אזא מאכערײַקע,
אזא מין שארמאנקע,
וואָס עפנט די קעפּ
און פארשרײַבט די געדאנקען.

פון דעם דיכטערס ליטעראַרישער יערושע.

וואָס שײַעך די ייִדן —
קיין איינעם ניט שוינען!
א פאָלק א פאַרדאַרבנס
פון קולע רעשאָים.

פארשיקט זיי אין גענעם
סײַ גרויס און סײַ קליין,
געמאכט האָט דער קיניג
זײַן לאַנד „יודענריין“.

און איצט וועט שוין גוט זײַן,
א כיִעס צו לעבן,
דער קיניג וועט האָניק
און פויגלמילך געבן.

נאָר אָפט, באדערנאכט,
פלעגט דער מארך נעמען
ברענען:
צי קומט מען ניט וועקן,
פארשיקן אין גענעם?

וואָס עמעס, איז עמעס:
פון שרעק צי פון נויט,
אויס ליבע צום קיניג
מע קריכט פון דער הויט.

א קינד, נאָך אין וויגל,
וואָס ריידן עס קען ניט,
דארף קוידעמקאָל וויסן
דעם נאָמען פון קיניג.

מע דאנקט אים באטאָג
פאר דעם ביסל כאַיונע,
מע ווינטשט אים באנאכט
א מיסע־מעשונע.

אזוי צי אזוי,
נאָר עס בליט די מעדינע,
באַרינגלט מיט טורעמס
און שטעכלדראָט דינע.

נאָר ביסלעך־צוביסלעך,
פון דײַגעס, צי ווילטיק,
אראָפ איז פון זינען
דער קיניג — דער שאָלטעק.

א פאך־קרענק אזא מין,
ניט היילן, ניט רעטן,
זי טרעפט בא די פיורערס
(און אויך בא פאָעטן).

אף טארגום־לאטײַניש
מע רופט זי בעקיצער:
די שווערע כאלאָעס
הייסט „מאניִום וועליטשום“.

אף יידישן לאָשן
פראָסט־פאָשעט: מעשוגע.

זײַן גרויסע מעדינע
איז שוין ניט גענוג אים.

ניט מער און ניט ווייניק,
עס ווילט זיך דעם קיניג —
די גאנצענע וועלט זאָל
אים זײַן אונטערטעניק.

ס׳איז עפשער בעעמעס
א ריכטיקע זאך,
די וועלט — איין מעלוכע,
מע רעדט אף איין שפראך.

מע קאָן זיך דערריידן,
מע קאָן זיך פארשטיין,
דעריקער — די וועלט,
דאנקען גאָט, „יודענריין“.

א כיִעס צו לעבן!
וואָס שײַעך צו ריידן,
ס׳קלעקט אלעמען האָניק,
א וועלט — א גאניידן!

פאראַן אָבער מענטשן —
כאמוירים, אקשאָנים,
מע וויל ניט דעם קיניג,
מע וויל ניט זײַן האָניק.

אזוי? — שרײַט דער קיניג
און פאטשט זיך אין בויך,
איך וועל פון אײַך מאכן,
א קאשע מיט יויך!

און הייסט פון זײַן קעלער
גיך ברענגען געווער,
וואָס כאָרעוו קאָן מאכן
די קעגנערשע ערד.

אזא מין סאָרט באָמבע,
שוין איינמאָל א באָמבע,
א קוגל געפילט,
ניט לויט אונדזערע באָבעס.

נאָר הערט וואָס קאָן טרעפן,
ווי ס׳טרעפט אומגעריכט גאָר,
אף מײַנע נעמאָנעס,
א וואָרע געשיכטע.

דארף טרעפן, אז גראָד
נאָך א גרויסן באנקעט,
ווען ס׳קלײַבט זיך דער קיניג
זיך לייגן אין בעט —

און זי, זײַן מאמזעל,
וויל שוין אויסטאָן דאָס וועש —
דערלאנגט מען דעם קיניג
אן עקסטרע דעפעש:

אז ווײַט אַף אַ יאַם
איז אַן אינדזל געבליבן,
פֿון יענער מין באַמבע
קײן האָר ניט צעריבן,

קײן האָר ניט צעשעדיקט,
זעט אויס ווי אַ פּענעץ,
אַן אינדזל אַ פּיצל —
די גרייס ווי אַ גענעץ.

און דאָרט, אַפֿן אינדזל,
איר שטעלט זיך ניט פֿאָר —
עס שפּאַלט זיך דער מויעך!
עס שטעלט זיך די האָר!

אָט דאָרט, אַפֿן אינדזל,
עס לעבן צופרידן,
ניט מער און ניט ווייניק —
צען וואַרשעווער ייִדן!

אַ מיניען פֿון יענער
פאַרשווּנדענער אומע,
די נעגאַ צעראַעס,
די העסלעכע טומע...

זיי האָוען, זיי טומלען,
זיי שמײַען, ווי בינען,
צען וואַרשעווער ייִדן
איז שוין אַ מעדינע!

זיי האָבן שוין באַמבעס,
זיי האָבן שוין שיפֿן,
אַן אייגענעם אַלעפבייס —
אַ שפּיאָנישן שיפֿר!

און שיקן יעדיִעס
אין ווײַטע פּלאַנעטן,
אַהין, ווו ס׳געפֿינט זיך
דאָס לאַנד פֿון סאָוועטן.

אַז הער נאָר אַ מײַסע!
דו הער אַ געשיכטע!
צען ייִדן־כיטראַקעס,
שוין יענע לײַדאַקעס.

איך זע, איר ווילט פֿרעגן:
ווער — ווי און ווו
דאָס אַלץ האָט דערזען
און זיך פּינקטלעך דערוווּסט?

איז זײַט זשע מיר מויכל —
ס׳אַ נאַרישע שײַלע,
פֿאַרשטייט זיך, אַ מאָסער,
וואָס שרײַבט „שיר־האַמײַלעס“...

האַקיצער־בעקיצער,
ס׳איז לאַנג צו דערציילן,
דער קיניג — פּלאַמפּײַער!
ער ברענט ווי אַף קוילן!

און זײַנע מיניסטערס —
די קעפּ אײַנגעבויגן,
זיי קוקן אַף אים
מיט דערשראָקענע אויגן.

די לעקער, די שמעקער,
מיט גרויסע פּאָרטפּעלן,
פֿאַרשרײַבן אַפּגיך
דעם קיניגס באַפֿעלן:

— געפֿינען!
— פֿאַרברענען!
— די ביינער צערײַבן!
— צעזייען אין יאַם,
זאָל קײן זייכער ניט בלײַבן!

— און גוט דאָרט באַטאַפּן
די סקאַלעס און ריפֿן...
— דעם אַלעפבייס ברענגט,
דעם שפּיאָנישן שיפֿר.

און ס׳האָט זיך געלאָזן
צום אינדזל אַ כאַיל
מיט טאַנקען, האַרמאַטן —
באַוואָפֿנטע כײַעס.

האַקלאַל, ס׳האָט דער טויט שוין
אַף אייביק דערשלונגען
צען וואַרשעווער ייִדן,
צען העלדישע יונגען.

מיט קוילן די לעצטע
אַליין זיך דערשאָסן —
אַזוי אין אַ בונקער
זיי האָבן באַשלאָסן.

און ערגעץ העט־ווײַט,
אין אַ הייל צי אַ ברונעם,
דעם אַלעפבייס זייערן
האָט מען געפֿונען.

פֿון גינגאָלד די אויסיעס,
געשניצט און געקאָוועט,
און אײַנגעפּאַסט טיף
אין מירמלנע טאָוולען.

און אָט: אַ באַוואַכטער
פֿון צענדליקער שיפֿן,
מע פֿירט צו דעם קיניג
דעם שפּיאָנישן שיפֿר.

ס׳איז פֿריילעך אין הויפּטשטאָט,
עס שאַלן טרומייטן,
אַף גאַסן פֿאַר אַלעמען
שטייען שוין גרייטע —

די פּעסער מיט ווײַנען,
די פּעסער מיט האָניק.
דער קיניג איז גליקלעך,
ער פּאַטשט אין די דלאָניעס.

ער הייסט זײַן מיניסטער,
זײַן שוטעף — דעם פּרעמיער,
ניט קאַרגן, צעטיילן
די אָרדענס און פּרעמיעס.

צעלייגן אַ שײַטער,
פאַרברענען, באַגראָבן,
צעזייען דעם אַש
פון די אויסיעס־מיקראָבן.

און איינס נאָכן צווייטן
מע טראָגט זיי באַזונדער,
די אויסיעס, באַוואַקסטע
פון זעלנער געזונטע.

עס שאַלן אָרקעסטערס,
עס הודען די פײַקלען,
פון יידישע אויסיעס
די טרערן זיך קײַקלען.

מע וואַרפט זיי אין פײַער,
אַף פיצלעך צעמאַלן,
די פייגלען אַףביימער,
זיי זינגען אייל־מאַלע.

נאָר הערט, וואָס קאָן טרעפן,
אַ נעס צי אַ וווּנדער?
אינמיטן געפילדער
אַן אָס איז פאַרשווּנדן! —

דאָס יודעלע־„יוד“! —
אַ שנעקל, אַ פינטל,
עס טראָגט אים צום הימל
אַ קונדעס אַ ווינטל.

און דאָרט, צווישן וואָלקנדלעך,
ווערט ער פאַרפאַלן...
הײַנט גיי פּרווו אים כאַפּן,
נו, גיי זײַ אַ באַלן!

דער קיניג שרײַט אויס:
אַ פּילאָט זאָל אים פּאַקן!
אים וואַרפט דאָס קאַדאָכעס,
ער ברענט ווי אַף פּאַקן —

ווײַל ס׳קאָן נאָך, כאָלילע,
דער „יוד“ זיך פאַרמערן,
צוריק קאָן, כאָלילע,
אַן אַלעפבייס ווערן.

עס פליִען צום הימל
די פליגלמאַשינען,
מע זוכט אין די וואָלקנס,
מע קאָן ניט געפינען.

אָט דאָס איז די מײַסע —
די מײַסע איז אויס,
אַ שטעקל אַרײַן
און אַ שטעקל אַרויס.

מאַרט — אַפּרעל 1965

כראָניק

אַ שיף אַף צעזאַר קוניקאָווס נאָמען

ניט לאַנג צוריק איז אין לע־נינגראַדער פּאָרט פאַרגעקומען אַ פײַערונג, בײַס וועלכער אַ טאַנקער־שיף איז אָנגערופן גע־וואָרן מיטן נאָמען צעזאַר קוני־קאָוו.

פאַר דער מילכאָמע איז צע־זאַר קוניקאָוו געווען טעטיק אַלס זשורנאַליסט. אין 1943 האָט ער אָנגעפירט מיט אַ מי־ליטערישער אָפּטיילונג. אין שלאַכט פאַר באַפרײַען די האַפן־שטאָט נאָוואָראָסיִיסק איז צעזאַר קוניקאָוו געפאַלן. פאַר זײַן אויסערגעוויינלעכן מוט אין דער דאָזיקער שלאַכט איז ער נאָכן טויט באַצייכנט געוואָרן מיטן טיטל „העלד פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד“.

די צאָל יידן אין טערקײַ

ביז דער צווייטער וועלט־מיל־כאָמע זײַנען אין טערקײַ געווען אַן ערעך 80 טויזנט ייִדן. בײַ הײַנטיקן טאָג איז געבליבן אַ העלפט, די איבעריקע זײַנען אַרויסגעפאָרן אין פאַרשיידענע לענדער.

עסטער מילער

צוויי כאַווירים

עס קומט אַמאָל אויס שעצן אַ מענטשן ניט נאָר פאַר זײַן גרויסן וויסן, פאַר זײַן פאַרשטאַנד, נאָר אויך פאַר זאַכן, וועלכע ער קאָן ניט פאַרשטיין.

אָט דעם געדאַנק האָט אויסגעדריקט ניט קיין אַלטער, לעבנס - דערפאַרענער מענטש, נאָר דער יונגער זיבעצנ־יאָריקער יודזשין, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט אַ בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון זײַן פֿעטער פון מאָסקווע, ווו ער שרײַבט: „עס איז פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך דײַן מאַמעס בריוו, אין וועלכן זי שרײַבט, אַז ייִסראָעלס בעסטער פרײַנט, בען האָראָוויץ, ווײַל אים „אַרויסשטופן" פון געשעפט. איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין. איך קאָן אויך ניט פאַרשטיין, אַז געזונטע, אַרבעטזאַמע מענטשן זאָלן זײַן וועןעס־איז אַרבעטלאָז און אַז פּערמערס זאָלן אויסגיסן מילך אין יאַם, ווען קינדער הונגערן. עס לייגט זיך ניט אַפּן סייכל". זאָל דער פּלעמעניק אים אָנשרײַבן אַ בריוו, דערקלערן די זאַך לאָגישער.

— אַז איך פאַרשטיי אַליין ניט, ווי קאָן איך דאָס אים דערקלערן לאָגישער? — זאָגט יודזשין.

— שרײַב דײַן פעטער קיין מאָסקווע, אַז דײַן פאָטערס שותּף, בען, איז אַ כײַע אין מענטשלעך געשטאַלט און האָט אַן אַפּעטיט פון אַ כאַזער. די צווייטע פראַגע: אויב אַרבעטער זאָלן צײַטנווײַז ניט זײַן אַרבעטלאָז, וועלן זיי זיך קיינמאָל אין לעבן ניט אָפּרוען. און אַז קינדער הונגערן? וואָס זײַנען זיי דאָס פאַר אַזעלכע גרויסע מענטשן, וואָס מע דאַרף זיך מיט זיי רעכענען? — זאָגט יודזשינס כאַווער, בערל, מיט אַ שטרענג ערנסט פּאָנעם.

יודזשין איז שוין צוגעוווינט צו זײַן כאַווערס ציניש רייד, שמייכלט ער און שווײַגט.

בערל ברון איז אַ הויכער, דאַרער, מיט אַ ביינערדיק פּאָנעם — צו האַרט פאַר אַ זיבעצנ־יאָריקן באָכער. ער איז פון הויכער אינטעליגענץ און אַ סטודענט פון כימיע און פיזיק, ווי יודזשין. זײַן היימישע סוויווע איז געווען אַ פאַרדאַרבנדיקע. די עלטערן האָבן זיך אַרומגעריסן איבער געשעפטלעכע איניאָנים. האָט ער זיי פֿײַנט געקראָגן. מיט די לערער אין סקול האָט ער אויך ניט געקענט אויסקומען, קריטיקירט זייערע מעטאָדן פון לערנען, געמאַכט כויזעק פון די לערנביכער, וואָס זיי נוצן. האָבן זיי, פון זייער זײַט, אויך אים פֿײַנט געהאַט. קיין פרײַנט, כאַווירים האָט ער קיין סאַך אין שטאָט ניט געהאַט. יודזשינען האָט ער ליב געהאַט. איז ער געקומען אין קליינעם שטעטל, קעדיי גיין צוזאַמען מיט זײַן בעסטן כאַווער אין הויכשול און אַרבעטן מיט אים צוזאַמען אין זײַן לאַבאָראַטאָריע.

פונעם ערשטן בליק אָן האָט בערל געוואָרפן אָן אומכיין אַף בענען און האָט אים שטאַרק פֿײַנט געקראָגן. עלטערע פון אים האָט ער אויסגעמיטן. מיט סאָרען פלעגט ער טיילמאָל דעבאַטירן איבער דער פאַרקריפּלטער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג (סטאַטוס־קוואָ). ער גלייבט, אַז דער קערפּער איז דעם מענטשנס טעמפּל. ער מוז אים אָפּהיטן, האַלטן ריין. נאָך אַ באָד האָט ער זיך געמוזט צולייגן אָפּרוען. דעמלט, האָט ער דערקלערט, אַרבעט דאָס האַרץ שטאַרקער און מע דאַרף עס באַשיצן, לאָזן עס רוען, איידער מע עסט. דאָס עסן האָט ער לאַנג געקײַט, אַראָפּגעשלונגען נאָר דעם זאַפט פון דער שפּײַז, די האַרטע, פעדעמדיקע טיילן אַרײַנגעשפּיגן אין אַ ווײַסער סערוועטקע, מיט דער צווייטער זיך אַרומגעווישט די ליפּן...

וועגן זײַנע עלטערן האָט ער זיך קיינמאָל ניט דערמאָנט. וועגן זײַן שוועסטער — יאָ. ייִסראָעל האָט אים ניט ליב געהאַט פאַר זײַנע „שטיק", ווי ער האָט דאָס גערופן. און כאָטש די צוויי כאַווירים זײַנען געווען אינגאַנצן פון באַזונ־

דערע נאַטורן, יודזשין — אַן עמפּינדלעכער, א מיטפילנדיקער, בערל — א צולאַכעסדיקער, סקעפּטישער אינדיווידואַליסט, האָבן זיי דאָך געפונען א גײַסטיקע צופרידנקײַט אין זייער כאַווערשאַפט. זיי האָבן פאַרטרויט זייערע אינטימסטע יוגנט־סוידעס איינער דעם אַנדערן, געזאָרגט זיך אין פאַל פון דורכפאַלן און געפרייט זיך צוזאַמען, ווען די אַרבעט פון עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען האָט זיך אײַנגעגעבן. צו אַכצן יאָר זײַנען זיי ביידע אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט.

אין א שפּעטער זומער־נאַכט איז געקומען פון דער גרויסער שטאָט דער אַדוואָקאַט דזשאָן מוירפי. ער האָט אָפּגעשטעלט זײַן אווטאָמאָביל, גענומען די טעקע און איז אַרײַנגעקומען אין שטוב. די צוויי שותפים, ייִסראָעל און בען, זײַנען אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט א פרײַנטלעכן האַנט־דרוק.

— כ׳בין געקומען אף אײַער טעלעפאָן־רוף. איך האָב געהערט, אַז די לאַגע איז בא אײַך א געפערלעכע און אַז איך זאָל גלײַך קומען. כ׳האָב געהאַט א שווערן טאָג אין געריכט. ווען איך קען אײַך ניט פון פריִער, וואָלט איך דאָס ניט געטאָן. שוין צײַט זיך אָפּצורוען א ביסל אין די אָוונטן, — האָט געזאָגט דער מיטליאָריקער פאַרהאַרטעוועטער דזשאָן מוירפי. זײַנע מידע אויגן און די ווײַסע פּעדעם אין די שוואַרצע האָר האָבן איידעס געזאָגט אף דער ריכטיקײַט פון זײַנע רייד.

— יאָ. די לאַגע איז אַן אָנגעצויגענע, — האָט ייִסראָעל געזאָגט און געבעטן אים זיצן.

— לאָמיר הערן, וואָס איר האָט צו זאָגן, — האָט ער געעפנט די טעקע, אַרויסגעצויגן די נייטיקע פּאַפּירן און איז גרייט געווען אויסצוהערן זייערע טײַנעס.

די שותפים זײַנען געזעסן באַם לאַנגן טיש, ווײַט איינער פון אַנדערן, אף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך געווען.

דערפילט די אָנגעצויגענע שטימונג, האָט מוירפי שפּאַסיק א פרעג געטאָן:

— און א פלאַש שנאַפּס אין שטוב האָסטו?

— יאָ, ס׳איז דאָ, — האָט ייִסראָעל געזאָגט שמייכלענדיק.

— וועלן מיר באַלד אויסטרינקען פאַר פרײַנטשאַפט, — האָט ער געזאָגט צו בענען, וועלכער איז געזעסן אָנגעברויגעזט, ניט א פּינטל טוענדיק מיט קיין אויג.

— דו האָסט דאָך מיר אַמאָל דערציילט, אַז איר זײַט געווען כאַווירים, צוזאַמען געגאַנגען אין כיידער.

— אַמאָל, אין דער „אָלד קאַונטרי“, נאַרישע ייִנגלעך געווען. ווייניק געהאַט און נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען, — האָט בען געזאָגט, און זײַנע פעטלעכע ליפּן האָבן געצוקט.

— און וואָס האָט איר הײַנט מער און פאַרשטייט בעסער? — פרעגט מוירפי דיפּלאָמאַטיש.

— כ׳האָב א ווײַב און קינדער, זיי וואַקסן אונטער, מע דאַרף זיך אַליין אויך פאַרזאָרגן אף די עלטערע יאָרן.

— ווי גייען אײַערע ביזנעס? — פרעגט דער אַדוואָקאַט פאָרשנדיק.

— מיר האָבן צו טאָן נאָר מיט די אָרעמע פעלד־אַרבעטער. דער רײַכער פערמער קומט ניט אַרײַן צו אונדז אין קראָם.

— פונדעסטוועגן האָבן מיר אין מעשעך פון צען כאַדאָשים זיך אַרופגעאַרבעט אף גוטע ביזנעס. אין האַרבסט וועלן אָנקומען א סאַך פעלד־אַרבעטער, וועט זיך די לאַגע פאַרבעסערן, — זאָגט ייִסראָעל.

— אפילע ווען די ביזנעס וועלן זיך פאַרבעסערן, וועט אַלץ ניט זײַן גענוג פאַר צוויי פאַמיליעס, — גיט צו בען אומגעדולדיק.

— איר באַשעפטיקט פרעמדע מענטשן אין קראָם?

— נאָר איין טאָג אין וואָך, שאַבעס. אין מעשעך פון די וואָכעדיקע טעג העלפט מײַן ווײַב אַרויס באַם פאַרקויפן, באַם נייען.

— און דײַן ווײַב, בען, קומט אויך אַרײַן אַרויסהעלפן?

— מײַן ווײַב איז ניט קיין שנײַדערקע, זי מישט זיך ניט אין די ביזנעס, — און ס׳בײַטן זיך אים די קאָלירן אין פּאָנעם פאַר קאַס.

— און אַז מײַן ווײַב איז א שנײַדערקע, דאַרף זי דיר געבן אומזיסט איר צײַט?

— בעסער וואָלט געווען פאַר די ביזנעס, ווען זי קומט אינגאַנצן ניט. זי פאַרטרײַבט די רײַכע פערמער... זי איז א „רויטע“ (די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט אין ייִדיש).

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט מוירפי געפרעגט.

— שווײַג, דו סקאַנק![1] כ׳וועל דיר דײַנע ציינער אויסהאַקן, — איז ייִסראָעל אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ און צוגעלאָפן מיט די פויסטן אינדערלופטן איבער דעם אײַנגעקאָרטשעטן בען, וועלכער האָט אויסגעזען נאָך קלענער ווי ער איז געווען.

— אוי־ווי איז מיר! — האָט געזאָגט דזשאָן מוירפי, געפּרוווט זיי פאַנאַנדערנעמען און געבעטן, אַז זיי זאָלן זיך באַרויִקן, זיי זאָלן אים דערקלערן, וואָס צווישן זיי קומט פאָר.

ביידע זײַנען געווען צעיאַכמערט. דער קאַס האָט זיי ניט געלאָזט זיך באַהערשן, און זיי האָבן אויך ניט געקאָנט ריידן דערפון, וואָס

---

[1] טכויר.

סאָרע פאַרטיילט שטילערהייט די אַרבעטער אַגי־טאַציע־ליטעראַטור, זיי זאָלן אויסקומען בע־סערע סכירעס, זיך ניט לאָזן עקספּלואַטירן דורך די רײַכע פּערמער.

— דער אָרל דאַרף דאָס וויסן, האַ? — האָט געשיפּעט מיט גאַל יִשׂראָעלס מויל, פון די אויגן האָט געשפּריצט פײַער, ווי ער וואָלט אים מיט זײַן בליק געוואָלט פאַרברענען.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט געפרעגט דער אַדוואָקאַט אומגעדולדיק און שטרענג.

— זאָל ער מיר אַרויסצאָלן, אָדער איך צאָל אים אַרויס. און זאָל ער גיין! — האָט בען געשריִען.

אַף די געשרייען איז אַנגעלאָפן סאָרע פון צווייטן צימער און געבליבן שטיין אַף דער שוועל. זי האָט שטום און ביטער געקוקט אַף אים, ווי זי וואָלט געזאָגט: ס'איז אונטער מײַן קאָוועד ריידן צו דיר... געוועזענער סאָציאַליסט פון דער היים... ווייסט ניט, ווי נאָענט ביסט געקומען צום גראַד פון אַ שפּיאָן...

ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן אירע שטע־כיקע בליקן:

— ווער דאַרף זי דאָ האָבן? דאָ איז ניט קיין פּלאַץ פאַר... פאַר... — און ווי ער וואָלט זיך געוואָרגן מיט די ניט אַרויסגעזאָגטע ווערטער, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש: — אַ סאָף זאָל עס נעמען!

מוירפי האָט זיך אופגעהויבן, צוזאַמענגענו־מען די פּאַפּירן, אַרײַנגעלייגט אין טעקע.

— גוד־בײַ, מיר וועלן הײַנט צו קיין רעזול־טאַט ניט קומען.

געזען, אַז דער אַדוואָקאַט קלײַבט זיך אוועק־צוגיין, האָט בען זיך אַנטשולדיקט:

— מיסטער מוירפי, זעצט זיך. אָט טרעטן מיר שוין צו צו די ביזנעס.

מוירפי איז אַ ווײַלע געשטאַנען, געקוקט אַף די שותּפים, געצווייפלט וואָס צו טאָן, זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט:

— פאַר אַ דאָקטער, אַ פּריסטער און פאַר אַן אַדוואָקאַט האָט מען ניט קיין סוידעס. לאָמיר צוטרעטן צום איניען: איזראַעל, ווילסטו בא־אים אָפּקויפן זײַן טייל?

— איך האָב ניט קיין געלט.

— בעני, ווילסטו אים זײַן טיילעק אויסצאָלן?

— יאָ, נאָר מיטן באַדינג, ער זאָל ניט עפּע־נען קיין געשעפט אין מעשעך פון די קומענ־דיקע צוואַנציק יאָר דרײַ הונדערט מײַל פון מײַן שטאָט און פון מײַנע ביזנעס.

יִשׂראָעלס פּאָנעם איז געוואָרן ווײַס ווי קאַלך, דער אָטעם קורץ, ווי ס'וואָלט אים אויסגעפעלט לופט צום אָטעמען. ער האָט זיך באַהערשט און געזאָגט:

— אַ סאַך זאַכן האָבן שוין מיט מיר פּאַסירט אין אַמעריקע, אָבער אַז מע זאָל מיר געבן אַ פלאָדער[1], דאָס האָט נאָך מיט מיר ניט פּאַסירט. איך וועל דערוף קיין מאָל ניט אײַנגיין.

אַ געדריקטע שווײַגעניש איז זיי באַפאַלן, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַן אויסוועג פון דער פאַר־פּלאָנטערטער לאַגע. סאָרע האָט זיך באַמיט אופכאַפּן יִשׂראָעלס בליק, אָבער ער איז געזעסן מיט די אויגן צום דיל, ווי אַ פאַרשעמט קינד. ענדלעך האָט ער אופגעהויבן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצײַגן, אַז ס'איז ניט קיין חלום. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט: דער זעלבער גײַסטי־קער, אײַנגעשפּאַרטער אויסדרוק אין זײַנע אויגן, ווי דעמלט בעשאַסן אַקציע־אומבײַט. — „יִשׂראָעל, פאַרקויף די אַקציעס... לאָמיר אַנט־לויפן ווי פון אַ געהענעם...‟ אויך איצט בעט זי זיך מיט די אויגן: נעם אָן דעם פאָרשלאָג. דאָס איז אויך אַ געהענעם...

ער האָט אָפּגעקערט זײַנע אויגן, אויסגעמיטן דעם באַפעלערישן ווונק פון אירע בליקן; ווי קאָן ער זיך לאָזן אַזוי דערנידעריקן פון אַ כאַ־ווער... ווי קאָן ער? און וואָס? גיין ווײַטער זוכן פּאַרנאָסע?

דער אַדוואָקאַט האָט אופגעכאַפּט די פאַנטאָ־מימע פון די אויגן־ווונקען צווישן מאַן און ווײַב. אַ קלוגער שמייכל האָט זיך געלייגט אַרום די ווינקלען פון זײַן מויל, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך פאַרשטיי אַלץ... ער האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף די הענט, אַנגעשטעלט דעם בליק אַף די שותּפים און געזאָגט:

— מיר לעבן אין אַ פרײַ, דעמאָקראַטיש לאַנד, אין אַמעריקע. מיר טאָרן קיינעם ניט דיקטירן, וויאַזוי צו האַנדלען. דער יאָכיד מוז האָבן זײַן פרײַען אויסוואַל, ער טאָר קיינמאָל ניט זײַן געצוווּנגען צו טאָן זאַכן, וואָס וועלן שאַטן זײַנע פּערזענלעכע אינטערעסן אָדער דערנידעריקן זײַן מענטשלעכע ווירדע.

עס האָט זיך געדוכט, ווי דער אַדוואָקאַט וואָלט געהאַט אַרויסגעלייענט דעם זאַץ פון פינפטן אַמענדמענט פון ביל־אָוו־רייטס[2].

— איך קאָן ניט, ס'איז קעגן מײַנע אינטע־רעסן, קעגן מײַן זעלבסטרעספּעקט, — זאָגט יִשׂראָעל.

— וואָס זאָגסטו, בעני?

— זאָל ער אונטערשרײַבן דעם קאָנטראַקט אַף מײַנע באַדינגונגען.

— און אויב ער זאָגט זיך אָפּ פון אונטער־שרײַבן אַזאַ קאָנטראַקט? — האָט ער געפּאָרשט בענין מיט זײַנע באַברילטע אויגן.

— וועלן זײַן צוויי לעווייעס.

דער אַדוואָקאַט האָט אין שווידער געדרייט מיטן קאָפּ און געפרעגט:

---

[1] אַרויסטרײַבן פון ראַיאָן; [2] צוגאָב צו דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע.

— איז דאָס דײַן באשלוס, בען?

— דאָס איז מײַן באשלוס.

— דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט.

— איך מוז האָבן א פּאָר טעג אַף איבערצוטראכטן, — זאָגט ייִסראָעל און מאכט אן אָנשטעל, אז ער האָט ניט קיין מוירע פאר אים.

— מיר האָבן שוין דאָס געהערט פריִער. הײַנט מוז געשלאָסן ווערן דער קאָנטראקט, — האָט בען געזאָגט.

סאָרע האָט מער ניט געקאָנט שטיין ווי א פּאַסיווע באַאָבאכטערן. זי איז צוגעגאנגען צום טיש און געזאָגט:

— מיר נעמען אָן זײַן פּאָרשלאָג.

דאָס איז געקומען אזוי פּלוצלינג, אז זיי האָבן אלע זיך א ווײַלע איבערגעקוקט אין פאַרווּנדערונג. די געשפּאַנטע שטימונג האָט זיך א ביסל געלינדערט, בלויז ייִסראָעל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען פארשעמט: זײַן ווײַב האָט פאר אים באשלאָסן...

— ביסטו צופרידן מיט דײַן ווײַבס באַשלוס? — האָט דער אדוואָקאט געפרעגט.

— ניין, כ׳בין ניט צופרידן, אָבער איך נעם אים אָן.

זײַן פּאָנעם איז געווען ווי מיט א וואָלקן פארצויגן. ער האָט געמאכט דעם אײַנדרוק פון א באזיגטן.

ס׳איז געוואָרן שפּעט. דער אדוואָקאט האָט צו דעם פריִער צוגעגרייטן קאָנטראקט צוגעשטעלט נאָך דרײַ פּונקטן: העיויס קיין געלט האָט ייִסראָעל אין דעם געשעפט ניט ארײַנגעלייגט, קומט אים ניט קיין אויסצאָל. ער באקומט אויסגעצאָלט נאָר פאר צען כאדאָשים האכנאָסע, וואָס דאָס געשעפט האָט געטראָגן, א געוויסן פּראָצענט אַף זײַן כיילעק; ייִסראָעל פארפליכטעט זיך ניט צו עפענען קיין געשעפט אין מעשעך פון די קומענדיקע צוואנציק יאָר נעענטער פון 300 מײַל פונעם שטעטל טאָל און פון דער גאס מעין־סטריט, ווו ס׳געפינט זיך בען הארָאוויצס געשעפט. דער דריטער פּונקט: בען האָראָוויץ גיט ייִסראָעלן א וואָך צײַט צו פארלאָזן דאָס שטעטל טאָל. ווידעראַמאָל האָט דער אדוואָקאט איבערגעלייענט פאר די שוטפים דעם קאָנטראקט, דערקלערט די טעכנישע טערמינען, און וואָס זיי פארשטייען ניט, האָט ער זיי געגעבן צו פארשטיין, אז אלץ איז אין אָרדענונג.

מע האָט ארויסגעשלעפּט פון בעט דעם איינציקן נאָטאריִוס פון שטעטל, מיסטער נאקס. ער איז געקומען צו לויפן, ארופגעלייגט זײַן שטעמפּל. בען האָראָוויץ האָט זיך אונטערגעשריבן מיט א פעסטער האנט און מיט גרויסע בוכשטאבן. ייִסראָעלס האנט האָט געציטערט...

די שוטפים, דער אדוואָקאט און דער נאָטאריִוס מיסטער נאקס, האָבן זיך פרײַנטלעך געדריקט די הענט. סאָרע האָט געקוקט און געשטוינט, ניט געגלייבט די אייגענע אויגן.

— היפּאָקריטן! — האָט זי אויסגעשריִען און פארשטעלט דאָס פּאָנעם פאר כארפּע.

— שא, טײַערינקע, דאָס איז ביזנעס, — האָט זי דזשאָן מוירפּי בארויִקט. און קעדיי צו איבערצײַגן זי, אז ער איז גערעכט, האָט ער איר געגעבן א מאָשל פון די אמעריקאנער ספּאָרטלער. מע גיט איינע די אנדערע ווייטעקדיקע סטוסאקעס, פון די קלעפּ פאלן זיי אום, הייבן זיך אוף און שלאָגן זיך ווײַטער, ביז איינער פאלט, קאָן זיך מער ניט רירן פון אָרט. מע מינטערט אים אָפּ, זיי גיבן זיך די הענט און בלײַבן ווידער פרײַנט. אָדער נעם די רעפּובליקאנער און די דעמאָקראטן, ווען זיי קאנדידירן אַף פּרעזידענט אָדער אנדערע אמטן. אין דער צײַט פון וואלן רופט מען איינע די אנדערע מיט די שמוציקסטע נעמען. נאָך די וואלן דריקן זיי זיך די הענט. מע ווינטשט זיך אלדאָסגוטס, מע צעגייט זיך אלס פרײַנט.

— פארשטאנען?! — האָט מוירפּי פארענדיקט שפּאסיק און געפרייט זיך, וואָס זײַן ארבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפּאָלג.

סאָרען האָט געקערט די גרינע גאל...

עס איז געווען א ליכטיקע לעוואָנע־נאכט. די שטערן אין הימל האָבן געפינקלט און געוווּנקען, באשײַנט מוירפּין דעם וועג אהיים.

*

דער שווײַגער

אין דײַטשיש־רומענישן פאַשיסטישן טויט־לאַגער, ווּ עס האָבן זיך געפונען א פּאָר טויזנט ייִדן, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו ריידן צווישן זיך. די עסעסאָווצעס האָבן גוט אכטונג געגעבן, אז קיינער זאָל ניט איבערזײַן דעם פאַרבאָט. נאָר דאָך, ארומקוקנדיק זיך, אז קיינער זאָל, כאָלילע, ניט דערהערן, פלעגן מיר פון מאָל צו מאָל זיך דורכוואַרפן מיט א וואָרט. בלויז מײַן שאָכן לויטן באַראַק, א הויכער יונגערמאַן, א דאַרער, מיט א שטאַרק מאָרעשכוירעדיק פּאָנעם, האָט פאַר דער גאַנצער צײַט קיין איין קלאַנג ניט ארויסגעבראַכט.

אלע פרימאָרגן, פונקט 6 אזייגער, פלעגן מיר מוזן אופשפּרינגען פון די נאַרעס און אויסשטעלן זיך צו פינף מענטשן אין א ריי. מע פלעגט אונדז געבן צו שטיקלעך מאַמעליגע און אפגיך אוועקטרײַבן אונדז קיין וואַרוואַרעווקע, ווּ מיר האָבן באַדאַרפט בויען אן אײַזנבאַן־בריק איבערן בוג אנטקעגן ניקאָלײַעוו.

דער פאַרטאָגיקער הימל איז ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. עס טריפט א דריבנע רעגנדל. מע טרײַבט אונדז צו דער אַרבעט. זײַט־בא־זײַט מיט מיר שפּאַנט דער שווײַגנדיקער יונגערמאַן. ווען מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען א האַלבן וועג, האָב איך פון רעכטס דערזען א ריי בערגלעך, ווי פרישע מאָהילקעס. פון די בערגלעך האָט געצויגן א דאַמף, און די ערד אף זיי האָט זיך ווי באַוועגט. דאָס האָט בא מיר ארויסגערופן אומרו. איך גיב א קוק פון דער זײַט אף מײַן שאָכן, איך זע, אז ער נעמט אויך ניט אַראָפּ די אויגן פון די בערגלעך. פון צײַט צו צײַט דערגרייכט צו מיר זײַן פאַרשטיקטער זיפץ. איך האָב שטיל א שעפּטשע געטאָן, ווי צו זיך אַליין:

— עפּעס געפעלן מיר ניט די דאָזיקע בערגלעך, ווי אונטער זיי וואָלטן ליגן לעבעדיקע מענטשן...

דער שווײַגער האָט דאָס מאָל ניט אויסגעהאַלטן און אויך א שעפּטשע געטאָן:

— יאָ, אונטער אָט די בערגלעך האָט מען באַגראָבן א סאַך לעבעדיקע... צווישן זיי מײַן פרוי און מײַנע צוויי קינדער...

א ווײַלע געשוויגן, אויסגעווישט פון די אויגן די אָנגעלאָפענע טרערן, האָט ער באַקומען לאָשן. גערעדט האָט ער שטיל, אכטונג געבנדיק, אז קיינער זאָל אים ניט דערהערן, נאָר גערעדט אָן אופהער:

— פון אָדעס בין איך. דערציילן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, ווען אין שטאָט האָבן זיך ארײַנגעריסן די פאַשיסטן, בין איך ניט בעקויעד. עס איז געווען שפּעטער האַרבסט, אין די נעכט פלעגט שוין אָפּט אויספאַלן א שניי. די מערדער האָבן צונויפגעטריבן אף דער באַנסטאַנציע עטלעכע טויזנט ייִדן, געצוווּנגען זיי אויסטאָן זיך האַלב נאַקעט און ארײַנגעטריבן זיי אין די וואַגאָנעס, ווּ מע האָט זיי צונויפגעפּרעסט ווי הערינג אין א פאַס. דרײַ מעסלעס זײַנען מיר געשטאַנען אין די וואַגאָנעס אָן ליכט, אָן לופט און אָן שפּײַז. ווען דער צוג איז געקומען אף דער לעצטער סטאַנציע און מע האָט די וואַגאָנעס געעפנט, זײַנען שוין דאָרט געווען א סאַך טויטע. די לעבעדיקע האָט מען ארויסגעטריבן אין פעלד, ווּ עס זײַנען געווען גרייט לאַנגע רייען גריבער. מע האָט אונדז אויסגעשטעלט בא די גריבער און גענומען שיסן. צווישן די מענטשן, וועלכע זײַנען געפאַלן אין די גריבער, זײַנען געווען אויך לעבעדיקע. איך בין געפאַלן איינער פון די לעצטע, א פאַרוווּנדעטער. דער אייבערשטער שיכט ערד איז געווען א דינער. האָב איך שפּעטער זיך ארויסגעקראַבקעט...

מער האָט דער שווײַגער קיין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט. איך האָב אפילע ניט געקאָנט זיך דערוויסן זײַן נאָמען און פאַמיליע. אין עטלעכע טעג ארום האָט מען אים אוועקגעפירט אף יענער זײַט בוג. מער האָב איך פון אים גאָרנישט ניט געהערט.

איך מיט נאָך א פּאָר הונדערט מענטשן פונעם טויט־לאַגער זײַנען ניצל געוואָרן פון טויט א דאַנק דעם אָנגריף פון דער סאָוועטישער ארמיי.

מענדל געלער

*

נאוואבא

ווי לאַנג איך וועל לעבן און האָבן די מעגלעכקײַט צו פאַרברענגען מײַן זומער־אורלויב אַפן דאָרעם, וועל איך יעדעס מאָל אומבאַדינגט באַזוכן די קינדער־סאַנאַטאָריע פאַר ביינער־שווינדזיכטיקע אַפן נאָמען פון באָבראָוון, וועלכע געפינט זיך אין קרים, אין אַלופּקע. זייער פיל מענטשן האָבן דערפילט דאָ, אין „באָבראָווקע", דעם טאַם פון ווערן ווידער געזונט.

פאַראַיאָרן זומער בין איך נאָכאַמאָל געווען אין אַלופּקע. ווי שטענדיק, בין איך קוידעם־קאָל אוועק צו דער ווירטשאַפט־שוועסטער נאַדעזשדאַ וואַלעריאַנאָוונאַ באַטורסקאַיאַ. א סאַך יאָרן זײַנען שוין פאַרלאָפן, די דוירעס בײַטן זיך, די אַמאָליקע קינדער זײַנען איצט דערוואַקסענע מענטשן, נאָר אויך די קינדער, וואָס ליגן הײַנט אין דער סאַנאַטאָריע, רופן זי, די ווירטשאַפט־שוועסטער, ווי מיר אַמאָל, — נאַוואַבאַ. אָט דעם פרייִלעכן נאָמען האָבן מיר דעמאָלט צוגעטראַכט לויט די ראָשעטייוועס פון איר נאָמען, פאָטערנאָמען און פאַמיליע. די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע זײַנען געווען רײַך אין מאַמזערישע אײַנפאַלן, זיי זײַנען געווען עמעסע קונדייסים און שטיפער. מיר זײַנען לאַנגע יאָרן געלעגן אומבאַוועגלעך, אין גיפּס־בעטלעך, אָבער דער הימל איז געווען אונדזערער, דער יאַם — אונדזערער, די זון — אונדזערע...

אין יוני 1941, ווען אַף קרים זײַנען געפאַלן די ערשטע פאַשיסטישע באָמבעס, האָט מען אונדז עוואַקויִרט קיין צאָפן־קאַווקאַז, אין טעבערדאַ. דאָס, וואָס איך וויל דאָ איצט דערציילן, איז געשען טאַקע דאָרטן.

אין איינעם א טאָג האָבן מיר אַפן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פאַרבײַ אונדזער סאַנאַטאָריע, באַמערקט עפּעס א מאָדנע באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגערופן בא אונדז אַן אומרו. אַף דער בריק האָט זיך באַוויזן א געדיכט וואָלקנדל, וואָס האָט זיך באַוועגט אין דער ריכטונג צו אונדזער סאַנאַטאָריע. פון דעם וואָלקנדל זײַנען אַרויס פערד, וועלכע האָבן געשלעפּט האַרמאַטן; נאָך די האַרמאַטן זײַנען געפאָרן וועגענער מיט פאַרוווּנדעטע; הינטער די וועגענער זײַנען געגאַנגען מידע, פאַרשטויבטע רויט־אַרמייער.

אָן ווערטער האָבן מיר פאַרשטאַנען: אונדזערע טרעטן אָפּ.

מע האָט אונדז געזאָגט, אַז די קראַנקע קינדער וועלן בלײַבן אין טעבערדאַ. אוועקגיין פונדאַנען קאָן מען בלויז מיט איין באַרג־שטעגעלע, וואָס פירט דורכן קלוכאָרער באַרג־אַריבערגאַנג. גיין מיט אָט דעם שמאָלינקן באַרג־שטעגעלע איז זייער שווער אַפילע פאַר אייך מענטשן, הײַנט טראָגן בעטן מיט קינדער, וועלכע ליגן אין גיפּס, — דאָס איז לאַבסאָלוטן אומעגלעך.

מיט אונדז, צוליב אונדז, זײַנען אין טעבערדאַ געבליבן די דאָקטוירים, די מעדיצינישע שוועסטער און די סאַניטאַרקעס. מיט אונדז איז געבליבן יעלענאַ געאָרגיִעוונאַ פּעטראָוואַ, א גלענצנדיקער דאָקטער, וואָס איז אַמאָל אַליין געווען קראַנק אַף ביינער־שווינדזוכט, און אויך די פריילעכע, ענערגישע נאַטאַליאַ פּעטראָוונאַ איזערגינאַ. עס זײַנען ניט אוועק אונדזער ליבלינג נאַוואַבאַ, די נאָך גאָר יונגע מעדשוועסטער יעקאַטערינאַ אַוקסענטיעוונאַ רעפּינאַ, וועמען מיר האָבן היימיש גערופן קאַטינקאַ. אַלע מיטאַרבעטער האָבן פאַרלאָזט זייערע דירעס און זיך אַריבערגעקליבן אין סאַנאַטאָריע, קעדיי די גאַנצע צײַט זײַן מיט אונדז.

אין אָוונט איז געקומען צו לויפן די מומע ניושאַ מיט א יאָמער־געשריי:

— די דײַטשן זײַנען אַרײַן!

אין דער שכיינישער פּאַלאַטע האָבן זיך צעוויינט די אייפעלעך. איך האָב זיך א רוק געטאָן א ביסל העכער אַפן קישן און גענומען קוקן, וואָס עס טוט זיך אַפן וועג. אַף דער בריק זײַנען אַרופגעפאָרן דרײַ מאָטאָציקליסטן. הינטער זיי האָבן, פאַרנעמענדיק דעם גאַנצן שאָסיי, זיך באַוועגט דײַטשישע סאָלדאַטן, געלע לאַסט־פערד, אָפיצערישע אַוטאָמאָבילן. די האָרדעס זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען אָן א סאָף...

אין אָנהייב האָבן די דײַטשן אונדז ווי אינגאַנצן ניט באַמערקט. נאָר מיטאַמאָל האָבן אין טעבערדאַ זיך באַוויזן עסעסאָווצעס. אין איינעם א טאָג זײַנען צו אונדזער סאַנאַטאָריע צוגעפאָרן עטלעכע פאַרמאַכטע גרויע אַוטאָמאָבילן. פונוואַנען האָב איך דעמאָלט געקאָנט וויסן, אַז דאָס זײַנען געווען די באַרימטע „גאַזוואַגענס" („דושעהובקעס")?

אין אונדזער פּאַלאַטע זײַנען אַרײַן צוויי מיליטער־לײַט אין שוואַרצע מונדירן. מיר האָבן

מאמעס אופגעהערט צו עטעמען. די עסעסאָווצעס האָבן אַרײַנגעקוקט אין אונדזערע פאַרשטאַרטע פּענעמער און אוועק אין דער צווייטער פּאַלאַטע. אין סאַנאַטאָריע איז געוואָרן טויט־שטיל. פּלוצעם האָט די שטילקײַט איבערגעריסן אַ מוירעדיק געשריי. פון דער שכייני־שער פּאַלאַטע האָבן די דײַטשן אַרויסגעשלעפּט שלוימקע ברוידען.

מיר האָבן זיך דערמאָנט אין די פילמען, וועלכע מיר האָבן געזען ערעוו דער מילכאָמע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די עסעסאָווצעס זוכן צווישן אונדז ייִדישע קינדער.

אין פענצטער האָבן מיר געזען, ווי די עסעסאָווצעס שלעפּן אונדזערע יאַטן און שלײַדערן זיי אין די מאַשינעס, ווי שײַטלעך האָלץ. די לופט איז געווען פול מיט געוויין, מיט קרעכצן און געשרייען. און מיר? וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? מיט וואָס האָבן מיר געקאָנט העלפן?

אין פּאַלאַטע איז אַרײַן נאַטאַליאַ פּעטראָוונאַ, אַ פאַרכאַלעשטע, מיט אַ טויט־בלאַס פּאָנעם. זי האָט אַ פאַל געטאָן אַף אַ שטול און זיך צעוויינט. קוקנדיק אַף איר, האָבן מיר אויך גענומען וויינען.

די עסעסאָווצעס האָבן דעמלט באַוויזן צו כאַפּן ניט אַלע ייִדישע קינדער. אַ טייל האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעווען. אונדזער נאַוואַבאַ האָט אויסבאַהאַלטן די מעדיציניִשע קאַרטעס, קעדיי די היטלעריסטן זאָלן ניט קאָנען פעסטשטעלן די נאַציִאָנאַליטעט פון די קינדער.

יעדער טאָג איז איצט געווען ענלעך אַף אַ קאָשמאַר. אַ סאַך פון אונדז האָבן אָנגעהויבן געשוואָלן ווערן פון הונגער. פון די צען קינדער אין אונדזער פּאַלאַטע זײַנען געבליבן לעבן בלויז זעקס.

געשטאָרבן זײַנען ניט נאָר די קראַנקע קינדער. עס האָבן זיך געפעלט אויך פיל מיטאַרבעטער. דאָס זײַנען געווען ניט קיין אַלטע און גראָד קרעפּטיקע מענטשן, וועלכע האָבן לויט אַלע געזעצן פון דער נאַטור געדאַרפט אויסהאַלטן, בלײַבן לעבן. שטאַרבן האָבן באַדאַרפט מיר — די שווינדזיכטיקע. נאָר די מיטאַרבעטער האָבן באַשלאָסן צו איבערקליגן די נאַטור.

איינמאָל האָב איך געהערט, ווי נאַטאַליאַ פּעטראָוונאַ האָט געזאָגט צו אונדזער דערציִערן אַגניושאַ:

— פאַרשטייסט אַליין, אַז עס איז ניט איבעריק לײַכט צו מאַכן פון זיך אַ בריק, איבער וועלכער אַנדערע זאָלן גיין...

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. איך בין אויך געגאַנגען איבער דער דאָזיקער בריק.

עס האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר 1944. די עסעסאָווצעס פלעגן אין די נעכט מאַכן אָבלאַוועס אַף פּאַרטיזאַנער און אַף יענע, וואָס האָבן זיי געהאָלפן. גרויסע האָפענונגען האָט בײַ אונדז אַרויסגערופן די אַרטילערישע קאַנאָנאַדע באַם קלוכאָרער באַרג־אַריבערגאַנג. די קאַנאָנאַדע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שטאַרקער.

אונדזערע סאָלדאַטן האָבן מיר דערזען דעם 19 יאַנוואַר 1944. ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן שפּעטער, האָבן די עסעסאָווצעס געהאַט באַשטימט גראָד אין דעם טאָג, דעם 19 יאַנוואַר, דורכפירן אַן אַקציע איבער אַלע לעבן־געבליבענע קינדער פון דער סאַנאַטאָריע.

איבערן וועג האָט איצט מאַרשירט דאָס סאָוועטישע מיליטער, אָנגעטאָן אין וואָליקעס און אין ווײַסע פעלצלעך. דורכן פענצטער האָבן מיר דערזען, ווי נאַדעזשדאַ וואַלעריאַנאָוונאַ, נאַטאַליאַ פּעטראָוונאַ און קאַטינקאַ האָבן מיט אַ געוויין זיך אַ וואָרף געטאָן צו די סאָלדאַטן.

דערוווּסט זיך, אַז אין סאַנאַטאָריע ליגן קינדער, האָבן די סאָלדאַטן אָפּגעגעבן אונדז אַלע זייערע פּײַקעס, און אַליין זײַנען זיי אַוועק ווײַטער, אין שלאַכט...

יעדעס מאָל, ווען איך קום קיין „באָבראָווקע", דערצייל איך די קינדער וועגן דעם, וואָס עס איז געשען אין טעבערדאַ, איך דערצייל זיי וועגן די מענטשן, וועמען איך און צענדליקער אַנדערע האָבן צו פאַרדאַנקען פאַרן לעבן. איך דערצייל זיי וועגן דעם דערפאַר, ווײַל עס זײַנען פאַראַן זאַכן, וועלכע מע מוז פון קינדווײַז אָן פאַרגעדענקען.

ו. גרעס

*

פון טויט לעבעדיק

קיין ביראָבידזשאַן איז אָנגעקומען אַ בריוו פונעם דאָרף נאָוואָ־ניקאָלײַעווקע, סלאַוויאַנסקער ראַיאָן, דאָנעצקער געגנט. די שילער פון דער אָרטיקער שול האָבן געשריבן:

„מיר בעטן אַרויסשיקן אונדז די פּאָטאָגראַפיע פון ראָמאַן דאַווידאָוויטשן דעכטיאַר, וועלכער איז אומגעקומען אין שלאַכט פאַר אונדזער דאָרף און געבראַכט געוואָרן צו קווורע אינעם ברודער־קייווער צוזאַמען מיט נאָך 45 געוואַגטע שלאַכטלײַט. מיר בעטן דעכטיאַרס קרויווים אונדז מיטיילן, ווו ראָמאַן דאַווידאָוויטש האָט געאַרבעט ביז דער מילכאָמע, ווו ער האָט געלעבט, זיך געלערנט, צי איז ער געווען אַ קאָמיוגיסט. דאָס איז אונדז נייטיק פאַרן שול־מוזיי. אַרום דעם ברודער־קייווער פון די אומגעקומענע שלאַכטלײַט האָבן מיר פאַרפלאַנצט אַ

פּאַרק. אין די יאָמטעוו־טעג ברענגען מיר צום קייווער קרענץ פון לעבעדיקע בלומען".

די ביראָבידזשאַנער פּאָטשט האָט דעם בריוו איבערגעגעבן אין די הענט פון... ראָמאַן דעכטיאַרן.

אָט וואָס ראָמאַן דאַווידאָוויטש האָט אונדז דערציילט.

מילכאָמע־צײַט האָט ער געדינט אין 116־טן שיסער־פּאָלק פון דער 333־טער שיסער־דיוויזיע. דעם 17 אווגוסט 1943 האָט זײַן טייל געפירט א פאַרביטערטע שלאַכט באַם דאָרף נאָוואָ־ניקאָלײַעווקע. דעכטיארס אופגאבע איז געווען צו זיכערן די פאַרבינדונג צווישן די טיילן פונעם פּאָלק. אין שלאַכט איז ער פארוווּנדעט געוואָרן אין פוס פון א שפּליטער. די סאַניטאַרן האָבן אים, צוזאַמען מיט די איבעריקע פאַרוווּנדעטע, אָפּגעפירט אין א ווייניקער געפערלעך אָרט און זײַנען אוועק נאָך א סאַניטאַר־מאַשין. אין דעם מאָמענט האָבן זיך באַוויזן פאַשיסטישע „יונקערס". א שטאַרקע אופרײַס־כוואַליע פון א באָמבע האָט אָפּגעוואָרפן ראָמאַנען אין א זײַט און פאַרשאָטן אים מיט ערד.

נאָך דער שלאַכט האָבן סאָלדאַטן פון אַן אַנדער טייל געפונען דעכטיארן, אָפּגעגראָבן אים און אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. זײַנע אומגעקומענע שלאַכט־כאַווײרים האָט מען מעקאַבער געווען אין נאָוואָ־ניקאָלײַעווקע. אין דעכטיארס טייל האָט מען געהאַלטן, אַז ראָמאַן דאַווידאָוויטש איז אומגעקומען.

ראָמאַן האָט זיך אויסגעהיילט און איז ווידער אוועק אפן פראָנט. ער איז נאָכאַמאָל שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. דאָס מאָל האָט אים צוגעשטעלט אין שפּיטאָל טאַקע זײַנער א לאַנדסמאַן. ווען זײַן רעטער האָט זיך אומגעקערט קיין ביראָבידזשאַן, האָט ער דערציילט, אין וואָס פאַר א שווערן צושטאַנד ער האָט איבערגעלאָזן ראָמאַן דעכטיארן. ראָמאַנס עלטערן האָבן אים א צווייט מאָל באַוויינט...

די מיליטערישע כירורגן האָבן אָבער נאָכאַמאָל אַרויסגעריסן דעכטיארן פון די נעגל פון טויט. נאָך צו דער אַרמיי־דינסט האָט ער שוין מער ניט געטויגט. ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, קיין ביראָבידזשאַן. ווען מע האָט אים געוויזן די מיטיילונג וועגן זײַן טויט, האָט ער זי אָפּגעטראָגן אין קריגס־קאָמיסאַריאַט.

דער בריוו פון די נאָוואָ־ניקאָלײַעווקער שילער איז אָנגעקומען אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָך די געשעענישן. די שילער האָבן אוודאי ניט געקאָנט ריכטן זיך, אַז ענטפערן וועט זיי אַליין ראָמאַן דעכטיאַר:

„טײַערע כעווירע, איך האָב שטאַרק איבערגעלעבט, לייענענדיק אײַער בריוו. ווי איר זעט, לעב איך".

באַשרײַבנדיק בעאַריכעס אַלץ, ווי עס איז געשען, דערציילט ער, וויאַזוי עס לעבט זיך אים איצט. ער האָט א פאַמיליע, דרײַ קינדער. דעם בריוו פאַרענדיקט ער מיט די ווערטער:

„איך דערמאָן זיך אָפט וועגן מײַנע כאַווײרים, וועלכע זײַנען געפאַלן אין שלאַכט פאַר אײַער דאָרף. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַר דעם, אַז איר, קינדער אונדזערע, זאָלט זײַן גליקלעך".

ווען די שילער פון נאָוואָ־ניקאָלײַעווקע האָבן איבערגעלייענט דעם בריוו, זיינען זיי געוואָרן איבעראַשט און אוועק מיט אים צום לערער פון געשיכטע ניקאָלײַ פיאָדאָראָוויטש דניסטרענקאָ. אַליין א געוועזענער פראָנטאָוויק, האָט דער לערער געייצעט די שילער, זיי זאָלן אײַנלאַדן ראָמאַן דעכטיארן צוגאַסט קיין נאָוואָ־ניקאָלײַעווקע.

דעם 9־טן מיי ד. י., אין טאָג פון זיג, האָט די גאַנצע שול מיט בוקעטן בלומען באַגעגנט דעכטיארן אפן אַעראָדראָם.

און אָט שטייט ראָמאַן דאַווידאָוויטש לעם ברודער־קייווער, באַם אָבעליסק און זעט צווישן די 46 פאַמיליע־נעמען פון די אומגעקומענע שלאַכטלײַט אויך זײַנע... אַרום דעם ברודער־קייווער זײַנען אין צוויי רייען פאַרזעצט 44 קאַשטאַן־ביימער און צוויי דעמבן. איינער פון זיי איז פון זײַן קאָוועד וועגן.

מ. שאווער

*

איסאַק פרידמאַן—סטעפּאַן יאַראָש

דאָס איז געשען מיט זיבן און צוואַנציק יאָר צוריק, אין סענטיאַבער 1941 — אינעם אוקראַיִנישן דאָרף פּאַטאַני, קרעמענטשוקער ראַיאָן.

א גאַנצע נאַכט איז ניט פאַרשטילט געוואָרן די שיסערײַ, פאַרטאָג האָבן אין דאָרף זיך באַוויזן דײַטשישע מיליטער־טיילן. ניט אָפּשטעלנדיק זיך, זײַנען זיי אוועק ווײַטער — אין דער ריכטונג פון וואַלד, וואָס געפינט זיך אפן צווייטן ברעג טײַך. אין דאָרף האָט זיך באַלד אײַנגעשטעלט א טויטע שטילקײַט. די אײַנוווינער זײַנען געבליבן זיצן פאַרשפּאַרט אין זייערע הײַזער, ווי וואַרטנדיק אָף עפּעס. אפן דריטן טאָג האָבן לעבן דעם הויז פון אַנדריאַן וואַסיליעוויטש בעזוגלי זיך דערהערט שטימען:

— רוס, זאבירײַ סוואָי רוס! („רוס, נעם צו אן אייגענעם, א רוס”).

אנדריִאן וואסיליעוויטש האָט א דערשראָקע־נער א קוק געגעבן אין פענצטער. ער האָט דערזען, ווי צוויי דײַטשישע סאָלדאטן נעמען אראָפּ א מענטש פון א טראָגבעטל און לייגן אים אוועק אפן גראָז. דערנאָך האָבן זיי צונויפּ־געלייגט דאָס טראָגבעטל און אוועק אין וואלד.

אָפּגעווארט א ביסל און געזען, אז קיינער פון די דײַטשן איז דערנעבן ניטאָ, איז בעזוגלי ארויס פון שטוב. אַף דער ערד איז געלעגן אָן באוווסטזײַן א רויטארמייער, א געשוואָלענער און אן אויסגעווייקטער אין בלוט. בעזוגלי איז באלד אוועק רופן די היגע פעלדשערן לוקעריא דמיטריִענקאָ און צוזאמען מיט איר ארײַנגע־טראָגן דעם רויטארמייער אין שטוב, ארומגע־וואשן, איבערגעבונדן די וווּנדן און ארײַנגע־לייגט אים אין בעט.

א גאנצן מעסלעס האָט לוקעריא קיין אויג ניט צוגעמאכט, קעמפנדיק פארן לעבן פונעם רויטארמייער. ערשט אין א טאָג ארום האָט דער פארווונדעטער געעפנט די אויגן. ארומגעקוקט זיך, האָט ער מיט א שוואכער שטים געפרעגט, ווו ער געפינט זיך.

— צווישן אייגענע, — האָט אים לוקעריא דמיטריִענקאָ בארויִקט, — צווישן סאָוועטישע מענטשן.

אז דער סאָלדאט האָט זיך דערפילט א ביסל לײַכטער, האָט ער דערציילט וועגן זיך. ער איז א סטודענט פון קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטי־טוט. דעם 22 יון 1941 איז ער פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. בייס איינער א שלאכט בא די ברעגן פון וואָרסקלא איז ער שווער פארווונדעט געוואָרן.

וויפל ער איז אזוי געלעגן, געדענקט ער ניט. מיטאמאָל האָט ער דעו־הערט מענטשלעכע שטי־מען. צוויי דײַטשישע סאניטארן האָבן זיך אָפּ־געשטעלט לעבן אים.

איינער: ער לעבט, לאָמיר אים אוועקשלעפּן אין דאָרף ארײַן.

דער צווייטער: נעמט אים דער טײַוול, זאָל ער פייגערן דאָ. זעסט דאָך, אים פרעסן שוין ווערעם.

פון אָט די ווערטער האָט ער ווידער אָנגע־הויבן פארלירן דאָס באוווסטזײַן.

— ווי רופט מען דיך, סאָלדאט? — האָט געפרעגט לוקעריא.

— איסאק איז מײַן נאָמען. א ייִד בין איך. פארברענט מײַנע דאָקומענטן.

לוקעריא האָט ארויסגענומען באם סאָלדאט פון קעשענע א רויטארמייִש ביכל און א סטו־דענטיש בילעט. אין די דאָקומענטן איז געווען

פארשריבן: איסאק סאָלאָמאָנאָוויטש פרידמאן, געבוירן אין 1917, אין דער שטאָט פאסטאָוו, קיִעווער געגנט...

דער דאָקטער פונעם אָרטיקן שפּיטאָל רובען באָגדאנאָוויטש גאלוסטיאן צוזאמען מיט דער פעלדשערן לוקעריא דמיטריִענקאָ און מיט דער סאניטארקע מאריִא וואסיליעוונא אָריאָל און איר שוועסטער ארינא האָבן אין יענע טעג באשלאָסן אומלעגאל ארײַנלייגן אין שפּיטאָל עטלעכע פארווונדעטע רויטארמייער, וועלכע די היגע אײַנוווינער האָבן אראָפּגענומען פון פעלד. אין שפּיטאָל האָבן זיי ארײַנגעלייגט אויך פרידמאנען און אויסגעשריבן אים א פּאספּאָרט אפן נאָמען פון סטעפּאן פּעטראָוויטש יאראָש.

דאָס גאנצע דאָרף האָט געהאָלפן דעם שפּי־טאָל. די פּויערים האָבן געטראָגן אהין בעטגע־וואנט, שפּײַז, מעדיקאמענטן, וועלכע האָבן זיך בא זיי פארהיט. מיט דער צײַט איז איסאק גע־וואָרן אזוי קרעפטיק, אז ער האָט זיך אויסגע־שריבן פון שפּיטאָל און זיך אומגעקערט צו זײַן רעטער אנדריִאן בעזוגלי, וועלכער האָט אלע־מען דערציילט, אז „סטעפּאן” איז זײַנער א ווײַטער קאָרעוו.

ליגנדיק אין שפּיטאָל, האָט סטעפּאן זיך בא־פרײַנדעט מיט דער סאניטארקע מאריִא וואסי־ליעוונא. זיי האָבן זיך ליב באקומען, נאָר סטע־פּאן האָט נאָכן ארויסגיין פון שפּיטאָל זי אויס־געמיטן. דאָס מיידל האָט שטארק איבערגעלעבט. ניט וויסנדיק די לעבנס־געשיכטע פון איר גע־ליבטן, האָט זי ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס עס איז געשען מיט אים, ביז איצט איז ער דאָך זיך באגאנגען מיט איר אזוי צערטלעך.

איינמאָל זײַנען זיי ארויסגעגאנגען אין אָוונט שפּאצירן הינטערן דאָרף. בייסן שפּאציר האָט סטעפּאן איר פארטרויט, אז ער איז א ייִד, ער הייסט איסאק, און וואָס מיט איר קאָן געשען, אויב מע וועט זיך דערוויסן, אז זי לעבט מיט א ייִדן, פארשטייט זי אליין...

מארוסיא האָט צוגעדריקט סטעפּאנס קאָפּ צו איר ברוסט, און טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן פון אירע אויגן.

— טײַערינקער מײַנער, סטעפּאן־איסאק, מיר זײַנען דאָך קאָמיוגיסטן! מיר וועלן צוזאמען היטן דעם סאָד. מיר וועלן צוזאמען קעמפן, ביז די פאשיסטן וועלן ניט אָנלייגן מיט די קעפּ.

אין א פּאָר טעג ארום איז אין דאָרף אראָפּ־געקומען דער קאָמענדאנט שטאָרף און גענומען זוכן אן איבערזיצער. עמעצער האָט אים גע־זאָגט, אז אין דאָרף וווינט א סטודענט סטעפּאן יאראָש. שטאָרף האָט אים פאָרגעלייגט די שטעלע פון אן איבערזעצער. סטעפּאן האָט גע־ענטפערט, אז ער וויל פריִער זיך האלטן אן אייצע מיט זײַנע קרוווים.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט די גאַנצע מישפּאָכע בעזוגלי געטראַכט, וואָס צו טאָן. פּלוצעם האָט זיך דערהערט א שטילער קלאַפּ אין שויב.

— ווער איז דאָרט? — האָט געפרעגט אַנדריִאַן וואַסיליעוויטש.

— אַן אייגענער. עפן אוף...

אין צימער איז אַרײַן א הויכער זאָקן מיט א קוטשמע גראָווע האָר — דער כאָשעווסטער מענטש אין דאָרף.

— דו הער, סטודענט, וואָס די דאָרפסלײַט זאָגן. גיי אַרבעטן, און העלף דעם דאָרף. אויב, כאָלילע, מע וועט אונדז צושיקן פאַר אַן איבערזעצער אַן אויסוואורף, וועט אונדז זײַן שלעכט... דיר טרויען מיר. א גוטע נאַכט!

אָט אזוי האָט סטעפּאַן אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער דײַטשישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמענדאַטור אַלס איבערזעצער. ער האָט מיט אַלע קויכעס געהאָלפן דער באַפעלקערונג לײַכטער איבערצולעבן די שווערע אָקופּאַציע־צײַט. ווען די פּאָליצײַען פלעגן וואַרפן א כשאַד אָף עמעצן, פלעגט סטעפּאַן אים באַזאָרגן מיט א צײַגעניש, קעדיי ער זאָל קאָנען פאַרשווינדן.

ווען מאַריִאַ האָט אים געבוירן א זון, איז ער אַנומלטן, טיף אין דער נאַכט, געקומען אהיים זיך זען מיט זײַן געזינד. נאָר אַרײַנגיין אין שטוב האָט ער שוין ניט געקענט: די שכיינים האָבן אים צו וויסן געגעבן, אַז עס זוכט אים אַרום די געסטאַפּאָ.

אין אָט דער רעגנדיקער אָקטיאַבער־נאַכט האָט סטעפּאַן, צוזאַמען מיט זײַן פרוי מאַריִאַ, מיטן זון און מיט מאַריִעס ברודער, פאַרלאָזט פּאַטאַבי און אוועק אין דאָרף טשערוואָני, דערנאָך אין דאָרף אַמעלטשאַנאַיאַ, אָנופּריִעווער ראַיאָן, פּאָלטאַווער געגנט. אין אַמעלטשאַנאַיאַ האָבן זיי עטלעכע כאָדאָשים אויסבאַהאַלטן זיך בא מאַריִעס מומע, ביז עס איז אַהין אַרײַן די סאָוועטישע אַרמיי.

סטעפּאַן איז אוועק צום קאָמאַנדיר פון איינער א טייל און דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים אָננעמען פאַר א סאָלדאַט. זײַן באַקאָשע איז באַפרידיקט געוואָרן. איסאַק סאָלאָמאָנאָוויטש האָט צוריק באַקומען זײַן עמעסן נאָמען און דאָס רעכט צו שלאָגן זיך קעגן די פאַשיסטן.

די מילכאָמע האָט פרידמאַן — יאָראָש געענדיקט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אָף זײַן כאַקי־העמדל האָט געשײַנט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן און עטלעכע מעדאַלן, דערונטער א מעדאַל „פאַר דער באַפרײַונג פון פּראָג“.

א סאַך יאָרן האָט איסאַק סאָלאָמאָנאָוויטש פרידמאַן געאַרבעט אַלס דאָרפישער לערער פון דער דײַטשישער שפּראַך. די לעצטע צײַט איז ער פאַרוואַלטער פונעם לערן־טייל אין כאַרציזסקער מיטלשול נומ. 1 (דאָנעצקער געגנט) און זײַן פרוי מאַריִאַ איז א לערערן פון ביִאָלאָגיע אין דער זעלבער שול.

אי. זעליאָני

*

גאָרקי און מאַיאַקאָווסקי מיטגלידער פון „געזערד“

איך בין אַלט 90 יאָר. איך בעט אָפּדרוקן אין אָפּטייל „אָף די שפּורן פון געשעענעם“ מײַנע א קורצע דערמאָנונג.

ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „געזערד“ (געזעלשאַפט פאַר אײַנאָרדענען יִידן אָף ערד), בין איך, אַלס איינער פון די אַקטיוויסטן, אוועק צו גאָרקין מיט א פּאָרשלאָג, ער זאָל ווערן א מיטגליד. בא אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן אין דער היים האָב איך געטראָפן אויך וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקין. דערהערט מײַן פּאָרשלאָג, האָט מאַיאַקאָווסקי אַרויסגענומען פון זשיליעט־קעשענע א מיטגליד־ביכל פון „געזערד“ און הויך, ווי ער פלעגט ריידן, אויסגערופן: „אָט זעט, איך בין אויך א טשלען אָזעטאַ, און איך צאָל 5 רובל א כוידעש“. גאָרקי האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט: „פאַרשרײַבט מיך, און שטעלט מיר אַרײַן די סומע 10 רובל א כוידעש“...

ווען מיר האָבן פאַרענדיקט מיט די פאָרמאַליטעטן, האָט זיך אָנגעהויבן א היימישער שמועס. מאַקסים גאָרקי האָט אונדז דערציילט וועגן רעדיפעס אָף יִידן אין די צאַרישע צײַטן.

כ. אַרעצקי

יעכיעל טשיטשעלניצקי

דער אינדערוואָכן פון א זאוואָד

(אינדוסטריעלער רעפּאָרטאַזש)

א בריוו פון קאַרל־מאַרקס־שטאָדט

נאָך דעם אינדערפריִיקן קורצן געשפּרעך דורכן סעלעקטאָר מיט די צעך־שעפן האָט אַלעקסאַנדער דמיטריִעוויטש געגומען לייענען די בריוו, וואָס זײַנען הײַנט אָנגעקומען. צווישן די בריוו איז איינער געווען פון קאַרל־מאַרקס־שטאָדט:

כאַשעווער כאַווער קאָראָוויאַנקאָ! מיר ווילן נאָכאַמאָל אָפּדאַנקען אײַך און אײַערע מיטאַרבעטער פאַרן האַרציקן אופנעם. דאָס זײַנען געווען ווונדערלעכע און אומפאַרגעסלעכע טעג. מיר האָבן אָנגעזאַמלט א רײַכע דערפאַרונג. באַזונדערס האָט אָף אונדז געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק די גאַסטפרײַנטלעכקײַט פון אײַער קאָלעקטיוו, און מיר וואָלטן געווען צופרידן ווי־דעראַמאָל אײַך זען צוגאַסט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. מיר ווען אונ־טערהאַלטן מיט אײַך א סיסטעמאַטישן קאָנטאַקט אין צוזאַמענהאַנג מיטן הענטשקעס־אויטאָמאַט.

כ א ָ ל מ א ן —
דירעקטאָר

מיט הערבערט כאָלמאַנען האָט אַלעקסאַנדער דמיטריִעוויטש קאָראָוויאַנקאָ — דער די־רעקטאָר פון טשערנאָוויצער זאַוואָד פאַר לײַכטער מאַשינבויונג — זיך באַקאַנט פאַראַיאָרן זומער, ווען ער האָט מיט א גרופּע ספּעציאַליסטן באַזוכט די באַרימטע הענטשקעס־פאַבריק „פאָלאַר“ אין קאַרל־מאַרקס־שטאָדט.

דער דירעקטאָר פון „פאָלאַר“ האָט דאַן גאַסטפרײַנטלעך אויפגענומען די פאַכלײַט פון בוקאָווינע. ער האָט זיך אינטערעסירט מיטן הענטשקעס־אויטאָמאַט, וואָס ווערט קאָנסטרויִרט אויפן זאַוואָד. אַלעקסאַנדער דמיטריִעוויטש לייענט דעם בריוו און דערמאָנט זיך, ווי כאָלמאַן האָט עס דאַן מיט שטאָלץ א זאָג געטאָן: „זײַט וויסן, אַז „פאָלאַר“ איז א שטיקל מעכוטן צו אײַערע קלוגע טריקאָטאַזש־מעכאַניזמען. ווען איר האָט מיט א יאָר אכט צוריק אַראָפּגעבראַכט אויפן לײַפּציקער יאַריד אײַער ערשטלינג — דעם האַלב־אויטאָמאַטישן ווערקשטעל „א.פּ.מ.־1“, האָבן מיר אויסגעזוכט לעבן אים אַן אַרבעטער פון „פאָלאַר“, ער זאָל שטריקן הענטשקעס. דער

האַלב־אווטאָמאַט האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקײַט, געמאַכט ניט קיין שלעכטע רעקלאַמע דעם „ווײַסן בער"[1] און אײַער זאַוואָד".

באַם געזעגענען זיך האָט אַלעקסאַנדער דמיטריִעוויטש דאַן געזאָגט:

— קומט צו אונדז צו פאָרן, כאַווער כאַלמאַן. בוקאָווינע איז אַ וווּנדערלעכער קאַנט, און דעם אווטאָמאַט אונדזערן וועלן מיר אײַך אויך באַווײַזן...

איז ער צופרידן, אַלעקסאַנדער דמיטריִעוויטש, וואָס די דײַטשישע פרײַנט בעראַש מיט כאַלמאַנען זײַנען געווען אַפן זאַוואָד.

אַ קלוגע באַשעפעניש

אינעם עקספּערימענטאַלן צעך שטייען פאַרטיק דרײַ הענטשקעס־אווטאָמאַטן. זיי זײַנען ניט גרינג אָנגעקומען, אָט די שיינע, קלוגע באַשעפענישן. דער אווטאָמאַט „הערט": קוים ס'פאַרפּלאָנטערט זיך אינעם געוויינלעכן ריטם אַ פאַלשער קלאַנג הייבן אָן פינקלענדיקע פײַערלעך טײַטלען אַף דער סיבע, וואָס האָט דעם זײַטיקן קלאַנג געבוירן; דער אווטאָמאַט „זעט": רײַסט זיך נאָר איבער אַן איינציק פעדעמל, שטעלט ער זיך טייקעף אָפּ, נעמט ווינקען מיט אַן עלעקטריש לעמפּעלע; עס געדויערט ניט מער ווי אַן אויגנבליק, און דער איבערגעריסענער פאָדעם ווערט אָפּגעזוכט.

דער אווטאָמאַט איז אַ געשולטער קינסטלער, ער שטריקט אויס צאַרטע געמעלן און אָרנאַמענטן; ער איז רירעוודיק — יעדע זעקס מינוט מאַכט ער אַ פּאָר וואָלענע הענטשקעס; ער איז געהאָרכזאַם און געטרײַ דעם אַרבעטער. דער וועבער וועט רויִק אַרבעטן אין אַ זאָנע פון אַ צענדליק אַזעלכע אווטאָמאַטן. אָפּגעבנדיק יעדן איינציקן פון זיי דעם נייטיקן באַפעל, וועט ער זײַן זיכער, אַז די פאַרגעבונג וועט אויסגעפילט ווערן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט.

אין דער פולער מאָס אָפּשאַצן דעם אווטאָמאַט קאָן מען בלויז דאַן, ווען מע ווייסט, ווי שווער ס'איז געווען, און ס'איז טיילווײַז אויך איצט שווער, די מי פונעם הענטשקעס־שטריקער. אין אָט דער פּראָפעסיע געוועלטיקט נאָך די האַנט־אַרבעט. אין דער צײַגעניש פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פאַר דערפינדונגען איז וועגן דעם אווטאָמאַט געזאָגט: „ער דערלייזט צום ערשטן מאָל אין דער טריקאָטאַזש־אינדוסטריע די פּראָבלעם פון אויסאַרבעטן הענטשקעס אין איין פּראָצעס, אַף איין מאַשין, אין איין אווטאָמאַטישן ציקל. דער אווטאָמאַט באַפרײַט פולשטענדיק דעם אַרבעטער פון האַנט־אַרבעט".

ס'איז אַ קאָלעקטיווע שאַפונג. ס'האָבן זיך גליקלעך צוזאַמענגעטראָפן די רײַכע פאַנטאַזיע פונעם זאַוואָדישן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר באָריס בערנשטיין און דאָס אַקשאָנעס אין עקספּערימענטירן, וואָס עס ווײַזט אַרויס דער דערפאַרענער טעכניקער טיכאָן שטשערבאַקאָוו; די אַלזײַטיקע באַהאַוונטקײַט אין דער טריקאָטאַזש־טעכניק, וואָס עס האָט דער הויפּט־אינזשעניער פון דער טשערנאָוויצער הענטשקעס־פאַבריק מוישע רויטמאַן, און די קענטענישן אין געביט פון מעכאַניק און אווטאָמאַטיק באַם אינזשעניער וואַלערי מאַסליוקאָוו, ווי אויך די ברייטקײַט פון עקאָנאָמישן אוןווירטשאַפטלעכן פאַרשטאַנד באַם דירעקטאָר פון דער הענטשקעס־פאַבריק ראַכיל סימאָנאָווא. און ס'איז פּאַשעט אוממעגלעך עמעצן פון אָט דעם שעפערישן פינפלינג מיט עפּעס וואָס אויסטיילן פון די איבעריקע. אָרגאַניש און אוממיטלבאַר האָט איין געדאַנק, איין ווילן דערגאַנצט דעם געדאַנק און דעם ווילן פון אַ צווייטן.

די שלאָפלאָזע נעכט האָט מען געטיילט אַפגלײַך, מ'האָט צוזאַמען מיט אַקשאָנעס געזוכט דעם פאַרדריסלעכן טאָעס, ווען ער האָט זיך פאַרגאַנוועט ערגעץ־ווו, מ'איז צוזאַמען געווען באַם אויספּרווון די פּראָגראַם־אײַנריכטונג, די סיגנאַליזאַציע־סיסטעם, דעם וועבערײַ־מעכאַניזם. ס'איז אַלץ געווען קעדײַ, ס'האָט זיך אַלץ אָפּגעצאָלט מיט פרייד און מיט נאַכעס אין יענע טעג, ווען מע האָט דעם ערשטן עקספּערימענטאַלן אווטאָמאַט געבראַכט צו פירן אַף דער היגער הענטשקעס־פאַבריק, אים פאַרפעסטיקט אַף אַ פונדאַמענט, אַוועקגעשטעלט די באָבינעס מיט קאָלירנדיקן שפּינעכץ און אײַנגעשלאָסן די מאָטאָרן... דעם אָטעם באַ אַלעמען האָט פאַרכאַפּט, ווען עס האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ סטענגע שיין־אָרנאַמענטירטע פּרויען־הענטשקעס; דער־

[1] די פירמע־מאַרקע פון „פּאָלאַר".

נאָך האָט זיך געפּאָדערט אַ רעגע, ניט מער, בלויז אַף איבערצושליסן דעם פּראָגראַם־מעכאַניזם, און דער אווטאָמאַט לאָזט אַראָפּ אין קאָנטיינער אַרײַן מענער־הענטשקעס, דערנאָך — געקווייטלטע קינדער־הענטשקעס...

עמעס טאַקע, ס׳איז געווען ניט מער ווי דער ערשטער פּרווו. דער סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכער שטייט ערשט פאַר — דער עקזאַמען פאַר דער מלוכע־קאָמיסיע, וואָס דאַרף זאָגן דאָס לעצטע וואָרט. נאָר קיינער צווייפלט שוין ניט, אַז דאָס וואָרט וועט זײַן אַ גוט וואָרט.

וועגן די, וואָס האָבן אָנגעהויבן

ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס אַפן זאַוואָד דערמאָנט מען מיט אַ גוט וואָרט יענע, וואָס האָבן אָנגעהויבן, וואָס האָבן די ערשטע, און, הייסט עס, די שווערסטע טריט געשטעלט אַפן וועג צו אַ זאַוואָד פון מאַשינבויונג. מע דערמאָנט דאָ מיט קאָוועד אווראָם בארמאַשן — דעם געוועזענעם הויפּט־אינזשעניער פון דער אונטערנעמונג. טאַקע ער האָט די ערשטע מעכאַניזמען קאָנסטרויִרט, צונויפגעקליבן אַרום זיך עכטע ענטוזיאַסטן. און זאָל זײַן, אַז יענע טריקאָטאַזש־מאַשינעס זײַנען נאָך ניט געווען אַזוי פולקום ווי די איצטיקע, איז עס אָבער געווען דער דרייסטער פּריידיקער אָנהייב.

דער וועג צום ראַשיקן דערפאָלג פונעם הײַנטיקן אווטאָמאַט גייט פונעם ערשטן האַלב־אווטאָמאַט, וועלכן ס׳האָט דערפונדן דער געוועזענער הויפּט־אינזשעניער פון זאַוואָד אווראָם בארמאַש. דאָס איז טאַקע יענער האַלב־אווטאָמאַט, וואָס האָט געהאַט דערפאָלג אַף דעם לייפּציקער יאַריד און וועגן וועלכן עס האָט דערמאָנט הערבערט כאָלמאַן. ער ציט זיך, דער דאָזיקער וועג, פון בערל ריבאַקאָווס ערשטער אוניווערסאַלער הענטשקעס־מאַשין, פון טיכאָן טשטשערבאַקאָווס האַלב־אווטאָמאַט; דעם וועג האָבן דורכגעלייגט די פילצאָליקע זאַוואָדישע ראַציאָנאַליזאַטאָרס, וואָס האָבן אין מעשעך פון איין יאָר רעאַליזירט העכער אַ האַלבן טויזנט ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרטראַכטן און אײַנגעשפּאָרט דער מלוכע באַ זיבן הונדערט טויזנט רובל. ס׳איז עפּשער טאַקע דאָס סאַמע שענסטע און טײַערסטע הײַנט אַפן זאַוואָד — די אַטמאָספער פון שעפערישקײַט, פון זוכן נײַע מעגלעכקײַטן און נײַע טעכנישע לייזונגען.

כ׳בין געווען אַפן זאַוואָד, ווען ס׳איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם פון מאָסקווע, אַז דער קאָלעקטיוו ראַציאָנאַליזאַטאָרס פונעם טשערנאָוויצער זאַוואָד פאַר לײַכטער מאַשינבויונג איז פאַרשריבן אין דעם ערן־בוך פונעם צענטראַלן ראַט פון דער אַלפאַרבאַנדישער געזעלשאַפט פון דערפינדער און ראַציאָנאַליזאַטאָרס. דאָס איז זיכער אַ פאַרדינטע לויב.

אַף נײַע יעסוידעס

נאָך אַ היפּשער צוגרייטונג איז דער זאַוואָד אַריבערגעגאַנגען אַרבעטן אַף די נײַע יעסוידעס, וועלכע דרינגען אַרויס פון דער ווירטשאַפטלעכער רעפאָרם.

איך ווייס וועגן אַזעלכע טשערנאָוויצער אונטערנעמונגען (און געוויס איז טשערנאָוויץ ניט קיין אויסנאַם), וואָס האָבן געצאָלט ניט קיין קליינעם „צינש" פאַר לײַכטזין, וואָס מע האָט דערלאָזט באַם פאַרווירקלעכן די איבערבויונג, ווען מע האָט געפּוילעט באַ זיך, אַז מע וועט קאָנען אָפּקומען מיט אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען, אַ פּאָר זיצונגען און מיט אַלגעמיינע דראָשעס.

דער זאַוואָד פון לײַכטער מאַשינבויונג האָט אויסגעמיטן די דאָזיקע שטרויכלונגען. די צײַט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אַף צוגרייטן זיך צו פאַרווירקלעכן די רעפאָרם, איז דאָ אויסגענוצט געוואָרן מיט פאַרשטאַנד, מיט אַ געפיל פון אַכרײַעס. מע האָט מיט דער פען אין האַנט אונטערגעכעזשבנט: וואָס פאַר אַ מאַקסימאַלן פּראָדוציר־פּלאַן דאַרף מען נעמען אַף זיך, קעדיי די אונטערנעמונג זאָל האָבן די נייטיקע פאָנדן אַף סטימולירן די אַרבעטער, אַף בויען וווינהײַזער און קינדער־גערטנער, אַף שאַפן אַ פאָנד צו פאַרברייטערן דעם זאַוואָד. און דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. מע קאָן דאָך אויספילן דעם סאַמע אָנגעשטרענגטן פּלאַן און פונדעסטוועגן בלײַבן אָן אַ דענעשקע, אויב באַצײַטנס, לויט דעם סאַמע שטרענגסטן טאָג־גראַפיק, ניט פאַר־

קויפן דאָס, וואָס מ׳האָט אויסגעארבעט. און דאָס איז עפשער טאקע דאָס סאמע הארטע ניסעלע, ווײַל ניט אליץ איז דאָ אָפּהענגיק פון דער אונטערנעמונג.

דאָס וועזנטלעכסטע און שווערסטע איז ערשט פאָרגעשטאנען נאָך דעם, ווי דער כעזשבן איז געמאכט געוואָרן: ברענגען אלע פּראָדוציר־באצירקן פונעם זאוואָד אין פולן העסקעם מיט די עקאָנאָמישע אויסרעכענונגען, „אונטערשפּארן“, אזוי צו זאָגן, די אויסרעכענונגען מיט רעאלע מאטעריעלע קאטעגאָריעס. מע האָט באדארפט צוליב דעם אויסזוכן און אוועקשטעלן צו דינסט אלע מעגלעכע זאוואָדישע רעזערוון. אויך דאָס דאָזיקע האָט מען דאָ באטראכט פון אלע זײַטן.

ס׳איז פאר אלעמען קלאָר געווען, אז מע דארף וואָס גיכער פארענדיקן די בויונג פונעם קאָרפּוס פארן מאשינבוי־צעך און באקומען, אזויארום, צוגאָבלעך העכער פינף טויזנט מעטער פּראָדוציר־שעטאָכים. ביז מע וועט קאָנען נאָך עפּעס בויען, מוז מען אויסגעפינען א מעגלעכקײַט אוועקצושטעלן אף די פאראנענע שעטאָכים פונעם פורניטור־צעך נאָך עטלעכע סטאציאָנארע ניקליר־וואנעס און אזויארום פארגרעסערן דעם ארויסלאָז פון מעטאל־פורניטור, אף וועלכן דער נאָכפרעג איז זייער גרויס.

איינצײַטיק האָט מען גענומען פארווירקלעכן די פּילצאָליקע פאָרשלאָגן, וואָס די ארבעטער און אינזשעניער־טעכנישע טוער האָבן ארײַנגעטראָגן אף יענע ראשיקע פארזאמלונגען וועגן דער ווירטשאפטלעכער רעפאָרם. דער קאָלעקטיוור גדאנק האָט געבוירן א סאך וויכטיקס און ווערטפולס. מ׳האָט אווטאָמאטיזירט דעם פּראָצעס פון צוגרייטן פאראפין־מאָדעלן פאר שמעלצן שטאָל, מ׳האָט פארביטן א סאך געוויינלעכע שטאמפּן אף שטאמפּן־אויטאָמאטן, מ׳האָט גענומען ברייט אויסנוצן אוניווערסאלע צופּאסונגען.

און ווען מע האָט אָט דאָס אליץ און נאָך א סאך פארווירקלעכטע קלוגע אײַנפאלן איבערגעכעזשבנט אף געוווּנענע שאָען און רובלען, האָט זיך באקומען אן איבערראשנדיק בילד. מע האָט דערזען, אז מע האָט צו לאנג ניט באמערקט אזוינס, וואָס איז אייגנטלעך געלעגן אף דער אויבערפלאך, אז מע האָט אָפּט פּאָשעט זייער שלעכט באלעבאטעוועט. די אידיי פון דער ווירטשאפטלעכער רעפאָרם האָט פון אלעמען געפּאָדערט ארומצוקוקן זיך, ווי עס פּאסט טאקע פאר עכטע באלעבאטים, אף אן עמעס טאקע אָנהייבן צו שעצן די ווערט פון א סעקונדע אף דעם גרויסן מעלוכישן זייגער און די ווערט פון א קאָפּעקע אין דער ריזיקער ווירטשאפט פונעם לאנד.

ערשטע סאכאקלען

זאָל מיר מויכל זײַן יענער לייענער, וואָס האָט ניט זייער ליב דאָס „מײַכל“ ציפערן. זאָל אזא לייענער רעכענען, אז פאר אים האָט זיך דער דאָזיקער רעפּאָרטאזש שוין פארענדיקט, כאָטש דעם עמעס געזאָגט, וואָלט איך זייער וועלן, אז אויך אָט דער מין לייענער זאָל זיך אָנטאָן א קויעך און ניט איבערהיפּערן דאָס דאָזיקע קאפּיטעלע. ביפראט נאָך, אז עס גייט דאָ א רייד וועגן דעם סאכאקל פון מי און האָרעוואניע פון א צוויי טויזנט מענטשן.

אז מע האָט אונטערגעפירט א כעזשבן און מע האָט די האכנאָסע צעלייגט אף טעלערלעך — אף באזונדערע פאָנדן, האָט זיך באקומען אזא בילד: אף מאטעריעל סטימולירן די ארבעטער (פאר דעם „דרײַצעטן“ געהאלט) איז פאראן 262 טויזנט רובל, אף סאָציאל־שטייגערישע באדערפענישן — 170 טויזנט רובל, אף פּרעמירן די ארבעטער, וועלכע פּראָדוצירן זאכן צום ברייטן געברויך („שירפּאָטרעב“) — 37 טויזנט רובל, אף פארברייטערן דעם זאוואָד — 74 טויזנט רובל. זאפּטיקע ציפערן. א גוטער אָנהייב.

האָט דער זאוואָד געקראָגן א מעגלעכקײַט אויסבויען א הויז פון 60 דירעס. זעכציק ארבעטער־מישפּאָכעס וועלן אין א פּאָר כאדאָשים ארום פּראווען כאנוקאס־האבאיִס. מע האָט שוין גענומען בויען נאָך א הויז אף 90 דירעס. א גאָרקיך אף 210 ערטער. א קאָנפערענץ־זאל. א קינדער־גאָרטן.

אן אויסשעפּלעכע רעזומע האָט געמאכט איינער אן ארבעטער פונעם זאוואָד:

— איך זאָג דאָך, אז ווען עס לוינט דער מעלוכע, לוינט עס אויך דעם זאוואָד, און בעמיילע אויך מיר...

דאָס וואָרט, וואָס איז געגומען אין געגנדזנפּיסלעך, דערמאָנט אין מוזיקאַלישן ריטם, אין א מוזיקאַלישן קלאַנג. דאָס פּאַרקירצטע רוסישע וואָרט, וואָס באַטײַט „וויסנשאַפֿטלעכע אָרגאַ־ניזאַציע פֿון אַרבעט“, האָט טאַקע צו טאָן מיט ריטם און קלאַנג, אָבער פֿון אַן אַנדער מין — מיטן ריטם פֿון מאַשינעס, פֿון מענטשלעכע מוסקולן, פֿון קאָנווייערס. עס האָט צו טאָן מיט קלאַנגען, וואָס העלפֿן, און מיט קלאַנגען, וואָס שטערן דעם אַרבעטער אין זײַן אַרבעט.

וועגן דעם שעף פֿון ביוראָ פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט־אָרגאַניזאַציע אַפֿן זאַוואָד האָט מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער, דער אינזשעניער ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש פּאַסטושענקאָ, געזאָגט: „פּאַוועל האָט א גוטן קאָפּ. באַגעגן זיך מיט אים אומבאַדינגט“.

מיר באַקענען זיך מיט אים אין ביוראָ.

— ווייסט איר וואָס, — זאָגט פּאַוועל יאָסיפּאָוויטש ראָזענבלאַט, — קומט בעסער אין מאַשינבוי־צעך. דאָרט וועלן מיר זען אַזוינס, וואָס וועט אײַך א סך זאַכן קלאָר מאַכן. נאָר פֿריִער כאַפּט א קוק אָף אָט די מאַרשרוט־גראַפֿיקעס.

איך פּרוּוו זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אינעם לאַבירינט פֿון ליניעס און וועגווײַזערס, קוואַדראַטן און קרײַזן, נאָר אומזיסט. מיטאמאָל איז שווער דאָ עפּעס־וואָס צו פֿאַרשטיין.

— ס'איז דאָך זייער פּאָשעט, טוט א קוק, — נעמט פּאַוועל פֿירן מיטן בלײַער. — פֿון אָט דעם טאָקער־וואַרקשטעל האָט מען די דעטאַל געפֿירט אָט אַהער, צום שלײַף־וואַרק־שטעל, און ווײַטער, — זעט נאָר, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, — ווײַטער האָט מען די זעלבע דעטאַל געפֿירט צו דער עגבער־מאַשין, צוריק אין דער זעלבער ריכטונג. איר פֿאַרשטייט שוין מיסטאָמע, וואָס פֿאַר א פּלאָנטער פֿון דעטאַלן ס'איז געווען. און איצט קומט, לאָמיר אַרײַנגיין אין צעך.

...פּאַוועל יאָסיפּאָוויטש מיט זײַנע פֿרײַנט פֿון דער ביוראָ האַלטן, אז ווען דער טעכנאָלאָגי־שער פּראָצעס איז ניט דורכגעטראַכט און ניט באַגרינדעט אָף א וויסנשאַפֿטלעכן יעסאָד, האָבן די ווערט א שמעק טאַבעקע אַלע שיינע רייד וועגן קולטור און עסטעטיק, וועגן פּראָדוקטיווער אַרבעט. לויט א וויסנשאַפֿטלעך־באַגרינדעטן פּראָיעקט פֿון דער ביוראָ האָט מען דעם מאַשינ־בוי־צעך צעטיילט אָף צווי באַזונדערע צעכן: א מעכאַנישן און א זאַמל־צעך. די צעכן — אָף באַצירקן מיט א פֿאַרענדיקטן, געשלאָסענעם טעכנאָלאָגישן ציקל. מע האָט אַנטשפּרעכיק פֿאַנאַנדערגעשטעלט די אויסשטאַטונג, איבערפֿאַרטיילט די אַרבעטער, — און אַלץ האָט זיך גע־שטעלט אָף זײַן אָרט. עס איז מאַמעש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ס'האָט געגומען א סאָף צו דעם שטענדיקן פּלאָנטער, צום אַהין־און־אַהער־מאַרש פֿון דעטאַלן, זייער וועג האָט זיך פֿאַרקירצט אין זעקס־זיבן מאָל, דער ציקל פֿון באַאַרבעטן זיי האָט זיך פֿאַרקלענערט אָף דרײַ טעג.

דערנאָך האָט זיך שוין ניט געפֿאָדערט קיין סך מי אָף צו ברענגען אין אָרדענונג די אַרבעטס־ערטער און אָף נאָך אייניקע מאָסמיטלען, וואָס איינעם מאַכן זיי די מי פֿונעם אַר־בעטער אָנגענעמער, גרינגער, פּראָדוקטיווער.

איך הער זיך אופֿמערקזאַם צו צו דעם, וואָס פּאַוועל יאָסיפּאָוויטש דערציילט, און איך טראַכט, אז ווייל איז טאַקע דעם זאַוואָד, וואָס האָט אויסגעוואַקסן אַזעלכע אינזשעניערן. צום אינזשעניער־טיטל איז ער געקומען, דורכמאַכנדיק שוין א שטיק לעבן אַפֿן זאַוואָד. ער האָט, אייגנטלעך, קיינמאָל דעם זאַוואָד ניט פֿאַרלאָזט. ווי בערל גאָלאָדריקאָ, ווי ניקאָלײַ זשילצאָוו און ווי א סך אַנדערע זאַוואָדישע כוורע, האָט פּאַוועל ראָזענבלאַט געאַרבעט און אײַנצײַטיק שטודירט.

דער דירעקטאָר פֿונעם זאַוואָד אַלעקסאַנדער דמיטריעוויטש קאַראָוויאַנקאָ נעמט אַראָפּ דאָס טרײַבל פֿונעם זאַוואָדישן סעלעקטאָר און רופֿט אַרויס דעם הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פֿונעם זאַוואָד:

— באָריס דאַווידאָוויטש! זײַט אַזוי גוט, ענטפֿערט הײַנט כאַלמאַנען אָף זײַן בריוו. שרײַבט אים אָן, אז מיר דאַנקען אים פֿאַר די האַרציקע ווערטער וועגן אונדזער קאָלעקטיוו, אז מיר וועלן גערן אויך ווײַטער מיטאַרבעטן מיט „פֿאָלאַר“. און נאָך שרײַבט אים אָן, אז דעם אווטאָ־מאַט שטעלן מיר הײַנט אַרויס אָף דער געגנטלעכער אינדוסטריִעלער אויסשטעלונג.

כאַיִם מאַלטינסקי

דער שמיד דער קאַפּוליער

(לירישע פאַרצייכענונג)

א מענגע מיט געגנג נאָך, א שלאַל מיט נעסיִעס,
נאָר כ׳מוז אינעם דערפל סקאָבין זײַן אפריִער —
ניט ווײַט פון קאַפּוליע, א צוויי קילאָמעטער.
צום כאָשעוון שמיד, צו אווראָמען איך קלעטער.
דעם כיִעס, די פרישקײַט פון זומער־פרימאָרגן
איך קאָן אין מײַן הארצן ניט צוימען, פאַרבאָרגן,
דעם לאָרך אינעם לויטערן הימל דעם בלויען
וואָלט איך מײַנע טרוימען, מאכשאָוועס פאַרטרויען.
איך הער שוין פון קוזניע דאָס דזינקען און קלאַפּן.
ס׳ווערט היימלעכער, ס׳וועט מיך דער טײַוול ניט כאַפּן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך געזעצט פּונקט אנטקעגן דעם האָרן,
געקוקט אפן שמיד. אן עלעקטראָ־מאָטאָר אים
די קוילן צעגליט און צעבלאָזט אים דאָס פײַער.
אווראָם האָט אין פלאם א „סטרעמיאנקע" געשײַערט,
פון זשאר זי פון גאָלדיקן ארויסגעצויגן
און אף דער קאָוואדלע מיט האמער געבויגן.
א שווײַגער אווראָם איז, מיט זיכערקײַט שטרענגער
ער דרייט די „סטרעמיאנקע" מיט לאנגער אָפּצווענגע.
א מעסט מיטן בליק און א קלאַפּ מיטן האמער;
פאַרקײַלעכט, באקוועמער זאָל זײַן און געראמער
דאָס אײַזערנע לייטערל פאר דער „דרײַטאָנקע".
— אווראָם מויסייִטש, ראבאָטאיעש טאָנקאָ[1], —
באדאנקט אים דער שאָפער.
עס ווארט שוין א צווייטער.
א פאָר צענדליק טשוועקעס מיט שליאפּקעס מיט ברייטע...
אָן ווערטער, אָן פראגעס, די צווייטע באשטעלונג
דער סיווער, דער מידער אווראָם מאכט פאמעלעך
און רויִק, מיט ליבשאפט. קיין שאָ ניט געדויערט —
א קופּקעלע טשוועקעס, ווי שוואָמען, דעם פויער
דערלאנגט שוין דער שמיד. ס׳ברענגט א טאָקער א יונגער
א פײַל א פאַרטעמפּטע. אפסנײַ זיך צעקלונגען
עס האָט בא דעם שמיד אונטער האנט די קאָוואדלע.
און פאַרטיק די דריטע באשטעלונג שוין באלד איז.
אָט קומען ארײַן טראקטאָריסטן און שלאָסערס.
עס טראָגט א קאָלווירטניק א בינטל מיט קאָסעס.
א פרייד טוט א פינקל באם שמיד אין שווארצאַפּל...

[1] אווראָם מויסייעוויטש, דו ארבעטסט פײַן (רוסיש).

— מיר װעלן אין אָװנט א שמועס טאָן א קאפּל, —
גיט הײמיש א װוּנק מיר אװראָם. זאָג איך: כלעבן,
מע גײט דאָך צו אײַך, מאמעש, װי צו א רעבן...
— א מײַכעלע, — ענטפערט דער שמיד, — בא דעם האָרן,
װי לאָשעקלעך לויפן די טעג און די יאָרן.
דאָס זיבן־און־פופציקסטע יאָר כ׳שטײ באם פײַער...

— — — — — — — — — — — — — —

— אָט דאָ דורכן װעלדל צו גײן, זיך אָטכײַעט
פון פרישקײַט דאָס הארץ. אָט אהער מיטן שטעגל.
א מײַכעלע, קומט, איר פארשפּאָרט גאָר צו פרעגן...
(מיך פירט דורכן יעלניק דער שמיד נאָך דער ארבעט.
די שקיִע באשײַנט אף די בײמער די קארבן,
די זילבערנע פּאסמע אװראָמס מאכט זי העלער).
— פּאמעלעכקע, אײַלט ניט, אָט װײַזן אײַך װעל איך —
דער װעג דורכן װעלדל איז קירצער און גלאטער.
אָט נאָך א פּאָר טריט, און מע זעט שוין די כאטעס.

— — — — — — — — — — — — — —

בא מיר אין זיקאָרן מאכשאָװעס זיך שרויפן...
ס׳איז אײַזיק דער קאָװאל — צו װעמען ס׳פלעגט לויפן
פון כײדער צעכראסטעט דורך רינװעס און גריבער
דאָס קינד פון מײַן פאָלק, אונדזער מענדעלע ליבער.

— — — — — — — — — — — — — —

באם גאנעק די קו שטײט. פארצויגן מיט אומעט
די אויגן... „פון פעלד דארף מײַן איטקע באלד קומען“, —
א זאָג גיט דער שמיד. ברענגט צו טראָגן אן עמער
מיט קרענעצע־װאסער. „איר דארפט זיך ניט שעמען —
גיסט אוף מיר, איך בעט אײַך, א קװאָרט נאָך א קװערטל —
א מײַכעלע...“
שטעלט ער ארײַן דאָ זײַן װערטל.

— — — — — — — — — — — — — —

„איך טו צוליב אים עס, צוליב אװראָמען,
כאָלילע־װעכאס ניט פארפלעקן זײַן נאָמען.
מיט פּויערטעס יונגע געיעט כ׳האָב קארטאָפל“, —
שרײַט איטקע. — אװראָמצע, מיר קומט א הויסאָפּע,
א פּרעמיע, — געזאָגט האָט פּראָקאָפּיעװא טאניע.
„זעט, איטקע, אן אלטע און טוט מיט סטאראניע“.
װאָס שװײַגסטו, אװראָמצע? ניט אָכצע, ניט קרעכצע,
דעם לעצטן טאָג סוקעס מיר װערט דאָך שוין זעכציק“.
א דארלעך װײַבל מיט אויגן מיט קארע.
עס גײט פון דער בולבע אין טעלער א פּארע.
— מיט סמעטינקע קאלטער, מיט פּוטער, מיט טװאָרע,
עסט, עסט, האָט האנאָע, ס׳איז דאָ, קײן אײַנהאָרע.
טרינקט נאָך א גלאָז מילך אויס. אװראָמצע, װאָס טראכסטו,
א טאָג מיטן האמער געקלאפּט. ס׳איז פארנאכט שוין.
ר׳איז טויבלעך א ביסל, דערפאר מוז איך שרײַען.
אװראָמצע האלט אָפּן דאָס מויל, װי א שלײַען...

— — — — — — — — — — — — — —

כ׳דערמאָן מיך: דער װינט רײַסט **און** פּליקט מײַנע פּאָלעס
פון נאסער שינעל. אוי, װאָס מענטשן־גוֹיראָלעס,
װי באבעלעך, זײַנען צעסארפּעט געװאָרן...
ס׳איז שטיל אינעם פינצטערן ברונעם פון יאָרן,
פון פײַנפולע יאָרן... מיט אָפענע אויגן
כ׳ליג אף דער קושעטקע... מײַן שלאָף איז פארפלויגן
פון דערפל סקאָבין אזש צו װאָלגע־קאמישן...

דאָס פּאָנעם אווראָמס אפן ראנד פונעם קישן
איז ווײַסער פון קרײַד. ס׳הענגט זײַן דלאָניע זײַן שווערע
אראָפּ פון געלעגער... איך הער ניט אוף קלערן
פון שמיד. האָרעוואָניע — זײַן טרייסט און זײַן אָנהאלט.
איך וועל זײַן געשיכטע פארגעסן ניט קאָנען:
„ווי נאָר די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן,
באם שליאך האָב איך דעמלט געפרעגט בא מײַן שאָכן:
„מענאשע, וואָס ווארט איר? מע טאָר דאָ ניט בלײַבן...“
איך פיל, אז איך עק מיך, מײַן זון און מײַן ווײַבל
זיך ערגעץ פארלוירן. איך בײַס זיך די פינגער...
„מענאשע, איר האָט ניט געזעען מײַן ייִנגל?“
איך האלט אף די אקסלען פארבונדן די שטיוול...
כ׳שטיי באָרוועס. איך ווארט... כאָטש פלאץ... ווי בעקיוון...
„האָרכט אײַן זיך, דאָס קלאַפּט שוין דעם דײַטשס ארטילעריע...“
נאָר ס׳כעזשבנט מײַן שאָכן, דער דרייקאָפּ, דער בעריע...
כ׳האָב האסטיקערהייט מיטן שליאך זיך געלאָזן...
דעם ניעמאַן, דעם פּריפּעט אריבערגעשווומען.
טיף הארבסט מיט פארוואונדעטע פיס כ׳בין געקומען
קיין ליפּעצק, פון דאָרט מיטן באן קיין סאראטאָוו.
און גלײַך אין קאָלווירטישער קוזניע מיט פלאטער
אין הארצן באם גלײַיקן האָרן געשטעלט זיך...
מײַן איטקע צו די פּארטיזאנער פון געטאָ
ז׳אנטלאָפן. און אויכעט דער זון. דאָרט א קעכן
איז איטקע געוואָרן. אין שלאכט האָט צעלעכערט
א שפּליטער די ברוסט פון מײַן איינציקן יוירעש...“

— — — — — — — — — — — — — —

באגינען
פארלאָזט כ׳האָב די שטילע פּאָר טויבן סקאָבינער
און טרויעריק אוועק כ׳בין צוריק קיין קאפּוליע.

. . . .

אוי, זיידעניו זיסער, צו דיר זיך איך טוליע...

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פּראָגן פון קונסט

מוישע גאָלדבלאַט

אונדזער פולווער

וועגן דעם לעבן און וועגן דער טעטיקייט פון לייב פולווער קאָן מען דערציילן אָן א שיר. דאָס מאָל אָבער וועלן מיר דערמאָנען בלויז אייניקע פאקטן פון דער ביאָגראַפיע פון אָט דער רייכער און אייגנאַרטיקער אַרטיסטישער פערזענלעכקייט, פאקטן, וואָס זיינען ענג פארבונדן מיט אונדזער היינטצייטיקער טעאַטער-קולטור, מאכמעס פולווער איז פון די ערשטע אָקטיאבער-טעג געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון אירע בויער. און ווען עס גייט א רייד וועגן טעאַטראַלער מוזיק, מוז מען קוידעמקאָל דערמאָנען דעם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאַטער, אין וועלכן עס האָט זיך אין דער פולער מאָס אנטפלעקט און צעבליט פולווערס געבענטשטע שעפערישע באַגאַבטקייט.

אין די ערשטע פיר-פינף יאָר נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט די טעאַטראַלע מאָסקווע געברויזט ווי אַן אָקעאַן. צענדליקער פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס און ניט ווייניקער טעאַטער-שולן און סטודיעס פון פארשיידענע ריכטונגען האָבן דעמלט געאַמפּערט זיך, געשאַפן און צעשמעטערט אַלטע און נייע „אָפּגעטער", געבראָכן די אַלטע טעאַטער-פאָרמען, געזוכט נייע וועגן, אַדעקוואַטע פאָרמען צו דער נייער, שטורעמדיקער צייט.

נאָך יאָרן זוכענישן און בלאָנדזענישן צווישן איין עקסטרעמקייט און דער צווייטער, צווישן פאָרמאַליזם און נאַטוראַליזם, עקספּרעסיאָניזם און אימפּרעסיאָניזם, און נאָך פיל אַנדערע „יזמען", איז געקומען דער געגאַרטער טאָג פון 22 דעקאַבער 1922, ווען אַף קליין-בראָנע האָט אַן אָרקעסטער פון 24 אָנגעזעענסטע מאָסקווער מוזיקאַנטן — צווישן זיי זעקס פּראָפעסאָרן פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע — א שפּיל געטאָן יויסעף אַכראָנען, דעם טרעגער פון פּאָעטישער פאָלקס-שאַפונג, סיי אין פידל-שפּילן, סיי אין קאָמפּאָזיציע, — א שפּיל געטאָן זיין הילכיקע, יובלדיקע און פריידיקע אוווערטיורע צו גאָלדפאַדענס „קישעפמאַכערן". אָנגעפירט מיט אָט דער וווּנדערלעכער „קאַפּעליע" האָט א פעסט-געבויטער שוואַרץ-אויגיקער מאַן, וועלכן אַלע מוזיק-ליבהאָבער פון מאָסקווע, און ניט נאָר פון מאָסקווע אַליין, האָבן גוט געקענט אַלס דעם באַוווּסטן פידלער-קאָנצערטמייסטער פון דעם מאָסקווער גרויסן אָפּערע-טעאַטער לעוו פולווער. און אויב מיר זיינען מאַסקים מיטן געדאַנק, אַז אין דעם אָוונט און מיט דער דאָזיקער פאָרשטעלונג האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן א נייע טקופע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, ווי אויך אין דער יידישער טעאַטער-מוזיק, — דאַרף מען אָנערקענען, אַז אין אָט דעם היסטאָרישן אופטו האָט געהאַט א גרויסן כיילעק לעוו פולווער.

נאָך פון דער פריסטער יוגנט האָט פולווערס וועג געפירט צו דער יידישער פאָלקס-מוזיק און סאָפּקאָלסאָף אויך צום יידישן טעאַטער.

ווי נאָר די נייע עפּאָכע האָט געגעבן א מעגלעכקייט צו שאַפן אַן ערנסטע טעאַטער-קולטור, האָבן די אָנפירער פונעם יונגן יידישן טעאַטער גענומען אויך אַפן געביט פון מוזיק, ווי אין אַלע אַנדערע געביטן (דראַמאַטורגיע, מאָלעריי, אַקטיאָרישע טעכניק), זוכן א מעגלעכקייט צוציִען די בעסטע מוזיקאַלישע קויכעס פון יענער צייט. דער גרינדער פונעם טעאַטער אַלעקסיי גראַנאָווסקי (אַווראָם אַזאַרך) האָט קאָנצענטרירט אַרום דער יידישער בינע-קונסט די אָנגעזעענסטע מייסטערס — די מאָלער מאַרק שאַגאַל, נאַטאַן אַלטמאַן, איסאַק ראַבינאָוויטש, דאָוויד שטערנבערג, די קאָמפּאָזיטאָרס יויסעף אַכראָן, אַלעקסאַנדער קריין און פיל אַנדערע. און ווען עס איז אופגעשווומען די פראַגע וועגן אַן אָנפירער פון דער מוזיקאַלישער אָפּטיילונג און הויפּט-דיריגענט פון טעאַטער, — האָבן אַלע אין איין קאָל באַשלאָסן, אַז נאָר אין לעוו פולווערס הענט קאָן מען איבערגעבן דאָס דיריזשאָרישע שטעקעלע.

פּאָלוּוערס ביִאָגראַפֿיע....

ס'איז מאַמעש צום באַוווּנדערן, וויפֿל געמיינזאַמע שטריכן באַגעגענען זיך אין די לעבנס־באַשרײַבונגען פֿון די אָנגעזעענסטע יִדישע קינסטלער פֿון סאָף 19־טן יאָרהונדערט... ניט אומזיסט האָט אונדזער גאָניִאַלער שאָלעם־אַליכעם זײַן געבענטשטע פֿען געשענקט די פֿאָלקס־קינסטלער, די „בלאָנדזנדע שטערן" — יאָסעלע סאָלאָוויי, סטעמפּעניו, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ, ראָזאַ ספּיוואַק, גרישאַ סטעלמאַך.

פּאָלוּוער אַליין דערציילט וועגן זײַנע קינדער־יאָרן:

געבוירן אין שטעטל ווערכנעדנעפּראָווסק (געוועזענע יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע) אין יאָר 1883 אין אַ מישפּאָכע פֿון יִדישע קלעזמער. דער פֿאָטער, מיכל פּאָלוּוער, שטאַמט פֿון אַ דוירעסלאַנגער קלעזמערישער דינאַסטיע, האָט אַליין געשפּילט פֿידל און אָנגעפֿירט מיט אַ קלעזמער־קאַפּעליע, און, פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלע זײַנע זין האָט מיכל אויך געמאַכט פֿאַר קלעזמאָרים. אַזאַ איז שוין געווען די טראַדיציע אין אָט דער קלעזמער־מישפּאָכע: דאָס פֿידעלע פֿלעגט אַריבערגיין בעיערושע פֿון איין דאָר צום צווייטן. צו פֿינף יאָר האָט שוין לייבעלע, דער מיזיניק אין דער מישפּאָכע, געקענט האַלטן אַ פֿידל אין דער האַנט און שפּילן, פֿאַרשטייט זיך, „אַפֿן אויער", ווי קלעזמאָרים פֿלעגן דאָס אָנרופֿן, מאַכמעס קיין נאָטן האָט דער טאַטע אַליין אויך ניט געקענט לייענען. צו זיבן יאָר האָט אים שײַקע דווורין, זײַן שוועסטערס מאַן — אַ באַוווּסטער צו יענער צײַט מוזיקאַנט, — אויסגעלערנט שפּילן אויף נאָטן. צו צען יאָר האָט שוין לייבעלע פּאָלוּוער געשעמט אין דער גאַנצער געגנט ווי אַ ווונדערקינד. ער פֿלעגט אַרומפֿאָרן איבער די שטעטלעך און שפּילן ניט נאָר אויף כאַסענעס און סימכעס, נאָר אויך געבן קאָנצערטן פֿון קלאַסישער מוזיק. אין יענע יאָרן האָט ער שוין געהאַט אין זײַן רעפּערטואַר אַזעלכע קאָמפּליצירטע ווערק, ווי מענדעלסאָנס קאָנצערט. פֿון אַלע זײַטן לאָזט מען ניט רוען דעם אַלטן מיכל: „גאָזלען, מע דאַרף דאָס קינד שיקן אין פּעטערבורג, אין דער קאָנסערוואַטאָריע! דאָס וואַקסט אַ צווייטער פּעדאַצער!"

גרינג צו זאָגן „קאָנסערוואַטאָריע", „פּעטערבורג", אַז אַליין איז ער, מיכל, קראַנק און צעבראָכן, און אין שטוב פֿײַפֿט דער דאַלעס. און ער האָט צוגעטראַכט, דער אַלטער מיכל, פֿאַר זײַנע צוויי זין — דעם 12־יאָריקן קלאַרנעטיסט יויסעף און דעם 10־יאָריקן פֿידלער לייבעלע, גאָר אַן אַנדער סאָרט „קאָנסערוואַטאָריע": ער האָט זיי ביידן אַוועקגעשיקט קיין נאָוואָמאָסקאָווסק, אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון ווערכנעדנעפּראָווסק, און זיי אָפּגעגעבן דינען צו ווע‌לוועלע לעשטשינסקי, דעם באַלעבאָס פֿון דער דאָרטיקער קלעזמער־קאַפּעליע.

אָט דער לעשטשינסקי איז געווען ניט קיין גרעסערער באָקי אין שפּילן אויף נאָטן, ווי דער אַלטער מיכל פּאָלוּוער אַליין. באַם נײַעם באַלעבאָס האָבן ביידע ברידער פּאָלוּוער געשפּילט אויף יִדישע און אוקראַיִנישע כאַסענעס און אויף בעלער בײַ די אַרומיקע פּריצים. לעשטשינסקיס אָרקעסטער האָט געציילט סאַכאַקל צען מוזיקאַנטן. האָט זיך איינמאָל געטראָפֿן אַזאַ פֿאַל:

געווען איז דאָס שפּעטער האַרבסט, ווען דאָס דאָרף האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלע פֿעלד־אַרבעטן און גענומען, ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען, פּראַווען כאַסענעס; האָט לעשטשינסקי באַקומען אַ באַשטעלונג צו באַדינען דרײַ כאַסענעס אין איינעם און דעם זעלבן טאָג, צוויי כאַסענעס בײַ פּויערים און איינע, אויך אין אַ דאָרף, בײַ אַ יִדישן יִשוּווניק.

איז וואָס טוט מען?

לעשטשינסקי איז געפֿאַלן אויף אַ האַמצאָע. ער האָט צעטיילט זײַן קאַפּעליע אויף דרײַ טיילן, צוויי גרופּעס צו פֿיר מענטשן האָט ער געשיקט אָפּשפּילן די פּויערישע כאַסענעס; און לייבעלע פּאָלוּוערן מיטן אַלטן פּויקער מוישע־לייזער האָט ער געהייסן באַדינען די יִדישע כאַסענע. „נישקאָשע, האָט ער געזאָגט, יִדן יִשוּוויקעס, פֿאַרשטאָפּטע קעפּ, זיי וועלן אויפֿעסן אַזוי אויך!"

נאָר ווען די „קאַפּעליע" אין באַשטאַנד פֿון דעם ווײַסבערדיקן מוישע־לייזער און דעם צעניאָריקן לייבעלע פּאָלוּוער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער כאַטע פֿון קאַלעס־צאַד, האָט דער מעכוטן געמאַכט אַ גוואַלד: סטײַטש, ער האָט דאָך אָפּגערעדט מיט לעשטשינסקין וועגן אַ קאַפּעליע, און דאָ, נאַ דיר גאָר אַזאַ איזדיאָווקע! ניין, ער וועט עס ניט דערלאָזן, ער וועט דעם לאַבוך, לעשטשינסקין, די ביינער צעברעכן, ער וועט אים... און ער כאַפּט די „קאַפּעליע" פֿאַר די קאָרעקעס און שטופּט זיי, בימכילע, אַרויס פֿון כאַטע.

אָבער דער טאָג האַלט באַם אויסגיין, די געסט וואַרטן, די קאַלע אָט־אָט כאַלעשט זי פֿון הונגער. דערצו נאָך, ווען זי האָט דערזען, אַז עס האַלט דערבײַ, מע זאָל זי פֿירן צו דער כופּע אינגאַנצן אָן מוזיק, איז זי טאַקע אויף אַן עמעס אַוועקגעפֿאַלן אין כאַלאָשעס, אַזוי אַז דער מעכוטן האָט זיך געמוזט איבערבעטן און זיך באַנוגענען מיט די צוויי מוזיקאַנטן.

נאָר שפּעטער, אַז לייבעלע האָט זיך אַרופֿגעשטעלט אויף אַ באַנק און האָט אַ שפּיל געטאָן דאָס „קאַלע־באַזעצנס", זײַנען אַלע דאָרפֿס־יִדן אַרײַן אין היספּײַלעס. קאַלע־באַזעצנס איז דאָך פֿון טאָמיד אָן לייבעלעס „קאָניאָק", ער שפּילט עס פֿון קינדווײַז אָן ביז זײַן טיפֿסטער עלטער, וויפֿל נאָר ער האָט קויעך צו האַלטן דעם פֿידל אין דער האַנט...

מיט אַ סאָך יאָרן שפּעטער, שוין אַלס באַוווּסטער קאָמפּאָזיטאָר, האָט ער דאָס זעלביקע קאַלע־באַזעצנס באַאַרבעט, רײַך אַראַנזשירט פֿאַרן אָרקעסטער און עס אַרײַנגעפֿירט אין ספּעקטאַקל „200 000" אין מאָסקווער גאָסעט. צײַטנווײַז, ווען עס פֿלעגט זיך אין אים אויפֿכאַפּן דער אַלטער קלעזמער, פֿלעגט ער נעמען דעם פֿידל און אַ שפּיל טאָן די דאָזיקע אייביק פֿרישע מעלאָדיע מיט אַזוי פֿיל יוגנטלעכן ברען, אַז אַלע פֿלעגן אויפֿשטעלן, ווי מע זאָגט, מויל און אויערן...

האַקיצער, די כאַסענע באַם יִשוּווניק, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף צוויי טעג, האָט מען געמוזט פֿאַרלענגערן נאָך אויף אַ טאָג. די געסט האָבן זיך פּאָשעט אָפּגעזאָגט אַוועקצופֿאָרן און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געשלעפּט לייבעלען אויף די הענט, נאָכאַמאָל אים אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, און באַשטעלט אָן אָן אויפֿהער „שטיקלעך". דעם גרעסטן בײַפֿאַל האָבן בײַ זיי געהאַט פּעדאָצערס מעלאָדיעס, וועלכע לייבעלע האָט געקענט אָן אַ צאָל.

...ביז 1898 האָט אונדזער „בלאָנדזנדער שטערן" לייבעלע פּאָלוּוער געוואַנדערט איבער שטעטלעך און דערפֿער, צעטראָגן קימאַט איבער גאַנץ אוקראַיִנע די יִדישע און אוקראַיִנישע פֿאָלקס־ניגונים, געגעבן אַ ביסעלע „שפּײַז פֿאַר דער נעשאָמע" דעם פֿאַריאָגטן יִדישן שטעטל און דעם פֿאַרומערטן צאַרישן דאָרף.

צו 15 יאָר האָט דער יונגער קינסטלער גענומען פילן און פארשטיין, אז עס ווערט אים ענג אין דער סוויווע פון די קלעזמערישע קאפּעליעס, אז אים איז שוין ווייניק שפּילן נאָר אף כאַסענעס, אז אים פעלט עפּעס נאָך, ער וויל די „מוזיק אינגאנצן“, עס ציט אים צו פארפאסן אייגענע ניגונים, שטיין באַם דיריזשאָרישן פּולט, אראנזשירן און דיריזשירן, פארטיפן זיך אינעם קוואל פון דער וועלטלעכער מוזיקאלישער קלאסיק. ער פילט, ווי עס זינגען אין אים טאָגטעגלעך אלץ נײַע און נײַע מעלאָדיעס. די פינגער קנאַקן אויס נײַע ריטמען, די הענט דיריזשירן, די פיס קלאַפּן צו צום טאקט. ער פילט אָבער אויך מיט זײַן אײַנגעבוירענעם מוזיקאלישן כוש, אז אים פעלט בילדונג, אז ער מוז שטודירן, און ווידעראמאָל דער שטענדיקער טרוים: „קאָנסערוואטאָריע!“

אָבער ווי האָט געקאָנט אן אָרעם ייִדיש קלעזמערל אין יענע שווערע צײַטן כאָלעמען וועגן אזא לוקסוס, אז די קעשענע — און זייער אָפט אויך דער מאָגן — זײַנען ליידיק? און כוץ דעם — ווי באקומט מען פּראַוואָזשיטעלסטוואָ? די קאָנסערוואטאָריעס געפינען זיך דאָך אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע און אין קיִעוו, און דאָרטן איז ייִדן פארווערט צו וווינען, כוץ, פארשטייט זיך, גרויסע גווירים, דאָקטוירים און סאָכרים „פּערווע גילדיע“; אפילע אין אזא פּראָווינציִעלער שטאָט, ווי טשערניגאָוו, האָט לייבעלע פּולווער געהאט אויסצושטיין צאָרעס איבער אָט דער פארשאָלטענער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. קראפּיווניצקי, דער באוווסטער אין יענער צײַט דירעקטאָר און אקטיאָר פון אוקראַיִנישן טעאטער, הערנדיק צופעליק פּולווערן שפּילן, האָט אים גלײַך אײַנגעלאַדן צו זיך אין אָרקעסטער, און עס האָט געקאָסט א סאך מי, ביז קראפּיווניצקי האָט באקומען א דערלויבעניש פארן ייִנגל אף ווינרעכט אין טשערניגאָוו פון מײַ ביז סענטיאבער. אָבער דעם 1 סענטיאבער 2 אזייגער באנאכט האָט די פּאָליציי אראָפּגעשלעפּט פּולווערן פון געלעגער און אים, צוזאמען מיט נאָך עטלעכע ייִדישע מוזיקאנטן פון קראפּיווניצקיס אָרקעסטער, אוועקגעפירט אין טפּיסע און זיי ארײַנגעוואָרפן אין א קאמער מיט א גאנצער כאָפּטע גאנאָווים און אנדערע פארדעכטיקע פּארשוינען. אין דער דאָזיקער „געזעלשאפט“ האָבן אונדזערע קלעזמאָרים ביז אינדערפרי געמוזט קאָנצערטירן, פריילעך מאכן דאָס „געערטע פּובליקום“, אניט האָט מען זיי געסטראשעט, אז מע וועט זיי אָפּשפּילן גאָר אן אנדער מין „קאָנצערט“. וויפל דער גאָראָדאָוואָי האָט ניט געפּרווט אײַנשטעלן אָרדענונג, האָט ניט געהאָלפן. די „געסט“ האָבן געפאָדערט פארווײַלונג, און די מוזיקאנטן האָבן געמוזט שפּילן. גאנצפרי האָט קראפּיווניצקי גענומען אָפּשלאָגן די שוועלן בא „נאטשאלסטוואָ“, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן א פּראָלאָנגאציע אף ווינרעכט פאר די ייִדישע מוזיקאנטן אף די עטלעכע טעג, וואָס די טרופּע האָט נאָך געהאט צו שפּילן אין טשערניגאָוו. אָבער נאָך מער מאטערנישן און דערנידעריקונגען איז פּולווער אויסגעשטאנען אין טאגאנראָג, וואָס האָט זיך דעמלט גערעכנט פארן צענטער פונעם געביט פון די דאָנער קאזאקן. אז מע פלעגט דאָרטן פּאקן א ייִדן אָן ווינרעכט — איז גלײַך ארויסגעשיקט „עטאפּאָם“, דאָס הייסט אין דער „אָנגענעמער“ באגלייטונג פון צוויי זשאנדארמען, צוריק אהיים, אין דעם אָרט, פונוואנען דער „פארברעכער“ שטאמט... און אזוי אין אלע גרעסערע שטעט, וווּהין קראפּיווניצקי פלעגט ארײַנפאָרן מיט זײַן טעאטער. אומעטום איז אויסגעקומען לײַדן שאנד און פארפאָלגונגען. און נאָר אדאנק קראפּיווניצקיס אווטאָריטעט און דער ענערגישער שטאדלאָנעס פון די קאָריפייען פון אוקראַיִנישן טעאטער סאדאָווסקי, קארפּענקאָ־קארי און סאקסאגאנסקי פלעגט זיך פּולווערן אײַנגעבן פארענדיקן די ארבעט.

אזוי האָט ער ארומגעוואנדערט מיט קראפּיווניצקין גאנצע פיר יאָר, ביז אין איינעם א טאָג דערוויסט זיך אונדזער שוין פּאָפּולערער אין די טעאטראלע קרײַזן פון אוקראַיִנע לעוו פּולווער, אז וואסיל סוסלאָוו, דער אָנפירער פון א צווייטער פּאָפּולערער טעאטראלער טרופּע, האָט באקומען אן אײַנלאדונג שפּילן דעם גאנצן זומערסעזאָן אין פּעטערבורג. א פונק פון האָפענונג האָט א בליץ געטאָן פאר פּולווערן. סוסלאָוו האָט שוין פון לאנג אָן געוואָרפן אן אויג אפן יונגן קאָנצערטמייסטער פון קראפּיווניצקיס טעאטער; האָט פּולווער דאָס מאָל זיך ניט אָפּגעזאָגט און גלײַך אָנגענומען די אײַנלאדונג אריבערצוגיין צו סוסלאָוון, מיט דער האָפענונג, אז שפּילנדיק אין פּעטערבורג, וועט זיך אים עפּשער אײַנגעבן אָנצוקומען אין קאָנסערוואטאָריע.

וואנדערנדיק אזויפיל יאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, האָט פּולווער בארײַכערט און פארברייטערט זײַן רעפּערטואר אלס פידלער־סאָליסט מיט לידער און ניגונים פון די בראָדער זינגער, פון גאָלדפאדענען, מאָגולעסקאָ, וועלוול זבארזשער, עליאָקום צונזער און שפּעטער אויך פון מארק ווארשאווסקי. אָט די אלע מוזיקאלע אוצרעס האָט פּולווער ביסלעכווײַז אופגעקליבן און, אף וויפל אים האָבן דערלויבט זײַנע דעמלט נאָך שוואבע טעאָרעטישע קענטענישן, באארבעט, אָפּגערייניקט פון די אָנגעוואקסענע באנאלע און סענטימענטאלע פלאסטן, און צוגעטראָגן זיי דעם צוהערער אין אן אָפּגעפּרישטער, געלײַטערטער פאָרם. און וואָס טיפער ער האָט געשעפּט פון די קוואלן פון פאָלקס־שאפונג, אלץ בוילעטער און קלאָרער האָט זיך פאר אים אנטפּלעקט דער אייביקער עמעס, אז אויב דו ווילסט פארשטיין די נעשאָמע פון א פאָלק — הער זיך צו צו זײַנע לידער. אָבער — און דאָס האָבן אים באוויזן די גאוינים פון דער רוסישער מוזיק גלינקא, טשײַקאָווסקי, מוסאָרגסקי און רימסקי־קאָרסאקאָוו — דאָס פאָלק הייבט אוף פון די טיפענישן פון זײַן נעשאָמע מאָטיוון דימענטן און דער מאָדערנער, געשולטער קאָמפּאָזיטאָר דארף די דאָזיקע דימענטן רייניקן, פּוצן און שלײַפן, קעדיי זיי זאָלן נעמען פינקלען ווי עמעסע קאָסטבארע איידלשטיינער. דערצו אָבער פאָדערט זיך בילדונג.

...אין איינער א פּעטערבורגער ווײַסער נאכט איז דער 19־יאָריקער לעוו פּולווער געשטאנען אפן ברעג פון טײַך ניעווא און באטראכט דעם „קופּערנעם רײַטער“, באוווּנדערט די געניִאלע שאפונג פונעם סקולפּטאָר פאלקאָנע. דאָס געפיל פון אנציקונג איז געווען אויסגעמישט מיט א ביטער געפיל פון רעכטלאָזיקײַט, מאכמעס די נאכט איז שוין לאנג צוגעפאלן און אונדזער יונגער מוזיקאנט שטייט נאָך אלץ מיטן אָרעמען רענצעלע אין איין האנט און מיטן פידל אין דער צווייטער אוןווארט, אז סוסלאָווס אדמיניסטראטאָר זאָל אים ברענגען די דערלויבעניש אף ווינרעכט אין דער הויפּטשטאָט פון דער רוסישער אימפּעריע, אין סאנקט־פּעטערבורג. אָבער דאָ האָט ער דערפילט א פרײַנטלעכן קלאַפּ אין פּלייצע, און דער פארסאָפּעטער אדמיניסטראטאָר האָט צו אים גוטמוטיק א זאָג געטאָן: „קוקט אים

נאָר אָן, דעם טרוימער, ווי ער שטייט זיך אזוי רויִק און קוויקט זיך מיט די שײַנקײַטן פון פּיאָטערס שטאָט, און איך, דער בידנער אדמיניסטראטאָר, בין אויסגעלאָפן א האלבע שטאָט, זוכנדיק אים, דעם פרישגעבאקטן מאָצאַרט פון דער „טשערטא אָסעדלאָסטי"! נא, אָט האָסטו א „ראזרעשעניע" אף צו וווינען אין פּעטערבורג ביזן 1 סענטיאבער 1902.

דארף זיך אָבער מאכן אזוי, אז סוסלאָווס טרופּע זאָל אין פּעטערבורג ניט אויסנעמען, און נאָך די ערשטע צוויי וואָכן גאסטראָלן האָט דער אנטרעפּרעניאָר, קעדיי אויסצומײַדן א פינאנציִעלן קראך, זי אריבערגעפירט קיין מאָסקווע. אָבער וויפל סוסלאָוו האָט זיך ניט געסטארעט, האָט מען אים קיין דערלויבעניש פאר פּולווערן צו וווינען אין מאָסקווע ניט ארויסגעגעבן, און אונדזער העלד איז געבליבן זיצן אין פּעטערבורג מיט א קאַפּיטאל פון קנאפּע 4 רובל אין קעשענע, אָן ארבעט, אָן א דירע און אָן קיינע שום באקאנטע.

געדענקענדיק זײַן מאמעס גלײַכווערטל, אז אין בויך זײַנען קיין פענצטער ניטאָ, האָט ער זיך אָפּגעזוכט א ביליקע גאָרקיך, ווו דער הויפּט־קאָנטינגענט באזוכער איז באשטאנען פון פּאקן־טרעגער און איזוואָשטשיקעס און ווו מע פלעגט פאר פיר קאָפּעקעס באקומען א טעלער באָרשטש און ברויט „אומבאגרענעצט"; וואָכנווײַז האָט ער אויסגעהאלטן אזא „דיִעטע". גאנצע טעג פלעגט ער אומוואנדערן איבער די פּעטערבורגער גאסן מיטן שיידל אין דער האנט, אָפּטמאָל ארײַנגיין אין א פּארק זיך אָפּרוען — ארויסנעמען דאָס פידעלע פון שיידל און אמאָל טרויעריק, אמאָל מיט ליבשאפט, און זייער אָפט אויך מיט פארדראָס קוקן אף דעם, גלײַך ווי דאָס פידעלע וואָלט שולדיק געווען אין זײַן שווערן געמיט און טרויעריקן גורל. אָפּטמאָל פלעגט ער אנטשלאָסן אופשפּרינגען פון אָרט און זאָגן צו זיך אליין: „גענוג, אויס! אויס מוזיק, אויס קאָמפּאָזיטאָר, אויס דירידזשאָר, און אלע איבעריקע פּוסטע כאלוימעס. ס'איז בא מיר א כאלאס, אן אונטערגאנג, — ווי די מאמע פלעגט אָנרופן די אינפלוענציע, — עס, ווער דורכגיין. מע דארף זיך אויסלערנען א מעלאָכע, ארבעטן, פארדינען זיך אף ברויט און ווערן א לײַט מיט לײַטן גלײַך!". אָבער אין דער זעלבער רעגע פלעגט אים אן אינערלעך קאָל אײַנרוימען אין אויער: „ווּהין לויפסטו, יונגערמאן? פון דײַן „אונטערגאנג" ווערסטו זיך קיינמאָל ניט אויסהיילן, און דו דארפסט זיך ניט אויסהיילן, ווײַל דײַן „קרענק" — דאָס איז די שענסטע מאטאָנע, וואָס די נאטור שענקט א מענטשן! דו ביסט רײַך, ווי קוירעך, דו האָסט א פידעלע אין דער האנט, געטרוי דעם אָן דײַן גורל, עס ווער ניט אונטערפירן. נאָר האָב א ביסעלע מער גערולד, דײַן צײַט ווער קומען..."

גייט ער אמאָל אזוי א פארטיפטער אין זײַנע שווערע מאכשאָוועס פארבײַ א זומער־גאָרטן און דערהערט, ווי פון דאָרטן דערטראָגן זיך קלאנגען. ער הערט זיך צו אופמערקזאמער — יאָ, דאָרט שפּילט אן אָרקעסטער; ער גייט צו נענטער, דערהערט ער באשײַמפּערלעך א באקאנטע מעלאָדיע — דאָס איז געווען דער ארײַנפיר צו יאָהאן שטראוסעס אָפּערעטע „דער ציגײַנער־באראָן". ערשט דעמלט האָט ער זיך געכאפּט, אז ער שטייט באם טויער פונעם זומער־טעאטער „בוף", ווו עס האָט צו יענער צײַט געשפּילט דער פּעטערבורגער אָפּערעטן־טעאטער.

צוגעווארט ביזן אנטראקט, ביז די מוזיקאנטן האָבן זיך צעשאָטן איבערן גאָרטן, קעדיי זיך אָפּרוען, איז פולווער מיט אומזיכערע טריט צוגעגאנגען צו א גרופּע מוזיקאנטן און א ביסל פארשעמט א פרעג געטאָן, צי נייטיקט זיך ניט זייער אָרקעסטער אין א פידלער. איינער פון זיי האָט, באקוקנדיק מיט כשאד די ניט זייער עלעגאנטע מאלבושים פונעם באָכער, געענטפערט, אז דער אָרקעסטער נייטיקט זיך אין א פידלער־קאָנצערט־מייסטער, אָבער ער ווייסט ניט, צי... און ווידעראמאָל האָט ער באטראכט פולווערן מיט אומצוטרוי. „איבעריקנס, — האָט ער צוגעגעבן, — אָט שטייט אונדזער מאעסטראָ, גייט צו און רעדט זיך דורך מיט אים; האָט קיין מוירע ניט פאר זײַנע לאנגע האָר מיט דער גאָלדענער פּענסנע, ער איז זייער א ווילער מענטש און א געבילדעטער מוזיקער, און פאר א פייִקן מענטשן איז ער גרייט גיין צען מײַל צופוס".

דערוויסנדיק זיך וועגן פולווערס אָפּשטאמונג און וועגן דעם, אז ער האָט קיין שום שול דערווײַל ניט דורכגעמאכט, האָט דער דירידזשאָר סקעפּטיש א צעשפּרייט געטאָן די הענט, ווי ער וואָלט זיך אנטשולדיקט פארן יונגן פידלער, און געזאָגט, אז פּרינציפּיעל נעמען זיי צו נאָר געשולטע מוזיקאנטן, נאָר אויב ער, פולווער, האָט ניט דאקעגן, קאָן ער אים אויסהערן, זאָל ער צוווארטן ביז נאָך דער רעפּעטיציע.

די שאָ, וואָס איז אויסגעקומען צו ווארטן, האָט זיך געצויגן ווי א יאָר, נאָר ענדלעך, איז די רעפּעטיציע געענדיקט, און דער דירידזשאָר באווײַזט פולווערן פונווײַטן מיט א זשעסט, ער זאָל ארופגיין אף דער עסטראדע און עפּעס שפּילן. דאָס איז, אייגנטלעך, געווען א מין עקזאמען, ווײַל צווישן די אָרקעסטראנטן זײַנען געווען עטלעכע סטודענטן פון קאָנסערוואטאָריע, וועלכע האָבן — נאָכדעם, ווי פולווער האָט געענדיקט שפּילן, אלע אין איין קאָל געראטן, ער זאָל פרוּוון זיך ווענדן צום פּראָפעסאָר פון קאָנסערוואטאָריע לעאָפּאָלד אאוער. איינער פון די סטודענטן האָט אפילע צוגעזאָגט אליין בעטן דעם פּראָפעסאָר, ער זאָל אויסהערן פולווערן, ווײַל, לויט דער מיינונג פון אלע סטודענטן, ווי אויך פון דעם דירידזשאָר, איז פולווער א מוזיקאנט פון זייער א הויכער מאדרייגע, עס פעלן אים נאָר א פּאָר יאָר קאָנסערוואטאָריע־בילדונג, קעדיי צו ווערן אן עמעסער ווירטואָז. דאָ האָט דער דירידזשאָר באשלאָסן ברעכן זײַן פּרינציפּ און צונעמען דעם ניטגעשולטן פולווערן צו זיך אין אָרקעסטער מיט א געהאלט פון 20 רובל א כוידעש. אין עטלעכע טעג ארום האָט דער סטודענט, וואָס האָט צוגעזאָגט איבערריידן מיטן פּראָפעסאָר, געבראכט די יעדיִע, אז אאוער איז מאסקים אויסהערן פולווערן שפּילן.

דאָס, וואָס אונדזער יונגער מוזיקער האָט איבערגעלעבט, גייענדיק צום פּראָפעסאָר, איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט ווי א קארוסעל, די פיס זײַנען געווען ווי אונטערגעהאקט, דאָס הארץ האָט געטראכקעט, ווי באם אלטן מוישע־לייזער די טערקישע פּויק; פאר די אויגן האָבן זיך געדרייט פײַערדיקע רינגען... אָבער ווי נאָר ער האָט זיך געשטעלט שפּילן פאר אאוערן, האָט דער אטאווויסטישער קלעזמערישער קויעך גוויווער געווען די מוירע, און ער האָט זיך צעשפּילט, אזוי ווי אפּצולאָכעס זיך אליין, מיט אזא גראציִעזקײַט, מיט אזא טיפקײַט פון געפיל, מיט אזויפיל יאָמטעוודיקײַט און פּאָטישער באפליגלטקײַט, אז אאוער האָט עטלעכע מאָל, ווי נאָר דאָס שפּילן איז געווען געענדיקט, ריידנדיק ווי צו זיך אליין און האלטנ־

דיק פאַרמאַכט די אויגן, געשעפּטשעט: „נאָך עפּעס, נאָך עפּעס“... מער האָט אים שוין דער פּראָפעסאָר פון זיך ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך דערשלאָגן באַם דירעקטאָר פון קאָנסערוואַטאָריע, מע זאָל פּולווערן צונעמען, ווי אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט, זיך לערנען אומזיסט, אָן סכאָרלימעד.

אַזוי איז דעם 1 סענטיאַבער 1902 פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים פון דער קלעזמער־מישפּאָכע פּולווער, אַז דער מיזיניק, לייבעלע, זאָל דער ערשטער אין דער דינאַסטיע ווערן אַ מוזיקאַנט מיט קאָנסערוואַטאָריע־בילדונג. אַף קלעזמער־לאָשן, אַז עמעצער האָט דערפּאָלג, זאָגט מען: „ס'איז אים אַוועק אַ קאָרט!“ אונדזער העלד איז טאַקע מיטאַמאָל אופגעריכט געוואָרן, עס האָט אים אָנגעהויבן גיין דורך טיר און דורך טויער. ווייניק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן לערנען אין קאָנסערוואַטאָריע, שפּילן אין אָפּערעטן־טעאַטער אין „בוף“, — האָט אים נאָך די אָנפירונג פון טעאַטער פאַרטרויט פאַרפאַסן מוזיק צו דער אוקראַיִנישער פּיעסע «Ой, не ходи Грицю»

און ווען אָט די ערשטע קאָמפּאָזיטאָרישע אַרבעט זײַנע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט אים די דירעקציע פון טעאַטער אונטערגעטראָגן דערפאַר מיטאַמאָל גאַנצע הונדערט רובל. ווער עס האָט ניט געהערט פּולווערן דערציילן וועגן זײַן פאַרלוירנקײַט, בעשאַס דער קאַסיר האָט אים דורכן פענצטערל פון קאַסע אַרויסגערוקט אַ פּאַפּירל פון אַ צאַרישן הונדערטער, — דער האָט אין זײַן לעבן קיין קאָמישע דערציילונג ניט געהערט. פּולווער באַזיצט בכלל אַ זעלטענעם געפיל פון הומאָר און דערציילט אויסערגעוויינלעך קאָמיש. צומאָל פלעגן מיר פרעגן איינער דעם אַנדערן אין טעאַטער, צי וואָלט פון אים ניט אַרויסגעקומען אַ זעלטענער כאַראַקטער־שוישפּילער? די צאַרישע „קאַזנאַ“ האָט, אַפּאָנעם, געהאַלטן, אַז וואָס גרעסער די טעריטאָריע פון לאַנד — אַלץ גרעסער דאַרפן זײַן די באַנקנאָטן. ניט אומזיסט פלעגן קלעזמאָרים אָנרופן אַ צאַרישן הונדערטער אַף זייער לאָשן: „אַ ליילעך“... שטייט ער אַזוי, אונדזער לייבעלע, אַ פאַרלוירענער לעבן דער קאַסע און דרייט דעם ליילעך אַהער און אַהין, קוקט אַף אים און גלייבט ניט זײַנע אייגענע אויגן. דערווײַל דערלאַנגט אים דער קאַסיר אַ פען, ער זאָל זיך אונטערשרײַבן. נעמט ער די פען און פּרוּווט שרײַבן, נאָר ער קען ניט, די האַנט ציטערט אַזוי, אַז אַנשטאָט אַן אונטערשריפט באַקומען זיך קליאַקסעס. ווערט שוין דער קאַסיר אין כּעס, נעמט באַ אים צו די פען, מאָלט אויס אַפן „ווערדאַמאַסט“ אַ ציילעמל און זאָגט אים: „נאַ, גיב דאָ אַ קוועטש מיטן גראָבן פינגער, אויב דו ביסט אַ „ניעגראַמאָטנער“! דאָס ערשטע מאָל זע איך אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס קען זיך ניט אונטערכאַסמענען. נאָטן שרײַבן קענסטו אויך נישט? פאַרוואָס זשע צאָלט מען דיר אַזאַ אוצער מיט געלט?“

ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַר אַ צופרידנקײַט און אין וואָס פאַר אַ גליקלעכער שטימונג פּולווער איז אַוועק אַף פּאָטשט און אַוועקגעשיקט דעם טאַטן מיטאַמאָל אַ גאַנצן פופציקער! פּולווער זאָגט, אַז דאָס איז געווען איינער פון די גליקלעכסטע מאָמענטן פון זײַן יוגנט, און איר מעגט אים גלייבן, וואָרעם וואָס פאַר אַ גרעסער גליק קען נאָך זײַן פאַר אַן אָרעמאַנס אַ זון, ווי אַרויסשיקן דעם טאַטן אַ טייל פונעם ערשטן פאַרדינסט אין לעבן? הײַנט וואָס איז ווערט געווען דאָס, וואָס ער האָט ענדלעך געקאָנט נעמען זיך עפּעס „אַפן לײַב“, אָנטאָן זיך ווי געהעריק? ער, מיט זײַן אײַנגעבוירענעם ראַפינירטן געשמאַק, מיט זײַן שטרעבן צו זויבערקײַט און עלעגאַנטע קליידער, ער האָט ענדלעך געקאָנט זיך באַניין און באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס...

דעם קומענדיקן סעזאָן איז ער שוין געזעסן אַפן ערשטן פּולט לינקס פון דיריזשאָר אַלס פידלער־קאָנצערטמייסטער און אויך פון מאָל צו מאָל דיריזשירט מיטן אָרקעסטער, ווײַל אים האָבן די מוזיקאַנטן און דער הויפּט־דיריזשאָר אָנערקענט אַלס זייער פײַיִקן דיריגענט. מיינט אָבער ניט, איז די אַלע גליקן האָבן געווירקט אַף דעם ווינערכט. עס האָט ניט איין מאָל געהאַלטן דערבײַ, מע זאָל אים אַרויסטרײַבן פון שטאָט און אים אַרויסשיקן „עטאַפּאָם“ קיין ווערכנעדנעפּראָווסק, ביז ער האָט אין אַ שיינעם טאָג באַקומען פון דער היים דעם טאַטנס פּאַפּירן, וועלכע האָבן דערוויזן, אַז מיכל פּולווער איז אין דער יוגנט געווען אַ ניקאָלײַעווער סאָלדאַט. דאָס האָט לייבלען סאָפּקאָלסאָף באַפרײַט פון די פּאָליצײַישע פאַרפאָלגונגען.

מיט אַ יאָר שפּעטער טרעפן מיר שוין פּולווערן אין אָרקעסטער פון דער פּעטערבורגער אָפּערע אַלס פידלער־קאָנצערטמייסטער און אין די זומערדיקע כאָדאָשים — אינעם סימפאָנישן אָרקעסטער פון דעם קוראָרט סעסטראָרעצק אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם באַרימטן דיריזשאָר וויאַטשעסלאַוו סוק.

אין 1905, בעשאַס די סטודענטישע אומרוען, נעמט פּולווער אָן אָנטייל אינעם שטרײַק פון די קאָנסערוואַטאָרישע פּראָפעסאָרן און סטודענטן, וועלכער איז געווען אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט באַזײַטיקט פון קאָנסערוואַטאָריע רימסקי־קאָרסאַקאָוון פאַר זײַנע פּראָגרעסיווע אָנשויונגען. זײַענדיק רימסקי־קאָרסאַקאָווס שילער אינעם קלאַס פון קאָמפּאָזיציע, האָט פּולווער באַ אים איבערגענומען אַזעלכע פּראָפעסיאָנעל־עסטעטישע און געזעלשאַפטלעך־פּראָגרעסיווע שעפערישע פּרינציפּן, וואָס האָבן אים געהאָלפן אָנצוווענדן אין דער געהעריקער ריכטונג זײַנע, נאָך פון דער היים מיטגעבראַכטע, טראַדיציעס פון פאָלקסטימלעכקײַט, טיפער אידיישקײַט און געשליפענער מײַסטערשאַפט. עמעס, דאָס אָנטיילנעמען אינעם דאָזיקן שטרײַק האָט פּולווערן געקאָסט טײַער: ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון קאָנסערוואַטאָריע, און ערשט נאָך צוויי יאָר שטאַדלאָנעס מיצאַד דער פּראָפעסור פון קאָנסערוואַטאָריע בעראָש מיט גלאַזונאָוון און רימסקי־קאָרסאַקאָוון (וועלכן די צאַרישע רעגירונג איז געווען געצוווּנגען צוריק אײַנצולאַדן אין קאָנסערוואַטאָריע) איז ער אין 1907 צוריק אופגענומען געוואָרן און האָט באַקומען די מעגלעכקײַט אין מעשעך פונעם פאָלגנדיקן יאָר פאַרענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע מיט אַ זילבערנער מעדאַל און מיטן טיטל „פרײַער קינסטלער“.

אין 1909 האָט דער מאָסקווער גרויסער אָפּערע־טעאַטער אײַנגעאָרדנט אַ קאָנקורס פאַר פידלער פון אָרקעסטער. פּולווער האָט דעם קאָנקורס גלענצנדיק אויסגעהאַלטן און האָט אין „באָלשאָי“ טעאַטער פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם ערשטן פידלער, פירנדיק אין דער זעלבער צײַט אויך אַ זייער אינטענסיווע פּעדאַגאָגישע אַרבעט. אַ באַזונדערע פּאָפּולערקײַט האָט זיך פּולווער דערוואָרבן באַ די ליבהאָבער פון קאַמער־מוזיק מיט זײַן אָנטייל אינעם מוזיקאַלישן קוואַרטעט, וווּ עס האָבן געשפּילט, כּוץ אים, דרײַ באַרימטע אין דער מוזיקאַלער

וועלט פראָפעסאָרן — לייב צייטלין, אווראָם יאמפאָלסקי
און סערגיי פיאטיגאָרסקי.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט פולווער גענו־
מען אן אָנטייל אין די ארויסטרעטונגען פונעם פאָפו־
לערן אין יענער צייט פערסימפאנס, וואָס איז פארעכנט
ווי איינער פון די געוואגטע און אינטערעסאנטע מוזיקא־
לישע עקספערימענטן. דאָס איז געווען א סימפאָנישער
אָרקעסטער, וואָס האָט געשפילט אָן א דיריזשאָר און
אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען די בעסטע מוזי־
קאלישע קויכעס פון מאָסקווע. טאקע אין דער זעלבער
צייט האָט פולווער באקומען די איינלאדונג פונעם מאָס־
קווער „גאָסעט“ צו פארנעמען די שטעלעס פון הויפט־
דיריזשאָר און לייטער פון מוזיקאלישן טייל באם טעא־
טער. נאָר אזויווי דער גרויסער אָפערע־טעאטער האָט
אים ניט געוואָלט באפרייען, האָט ער געמוזט איינשטי־
מען צו שפילן דאָרט דריי מאָל אין דער וואָך. געווען
א פאל אין מארט 1923, בעשאס מע האָט אין „באָל־
שאָי“ טעאטער געפייערט דעם 25־יאָריקן יובילײ פונעם
בארימטן טענאָר לעאָניד סאָבינאָוו. אין יענעם אָוונט
האָט מען געזאָלט שפילן „לאָהענגרין“ פון ריכארד
וואגנער. אף דער רעפעטיציע האָט פולווער געמאָלדן
דעם דיריזשאָר וויאטשעסלאוו סוק, אז ער וועט אין
אָוונט ניט קאָנען שפילן אין אָרקעסטער, ווייל ער די־
ריזשירט אין יידישן טעאטער די הייַנטיקע פאָרשטע־
לונג; האָט סוק קאטעגאָריש געמאָלדן, אז אויב פולווער
וועט אין אָוונט ניט זיין אין אָרקעסטער, וועט די פאָר־
שטעלונג „לאָהענגרין“ ניט פאָרקומען. און אז סוק האָט
געזאָגט, האָבן אלע פארשטאנען, אז אזוי וועט עס טאקע
זיין. דער אינצידענט איז דערגאנגען ביז צום בילדונגס־
קאָמיסאר אנאטאָלי וואסיליעוויטש לונאטשארסקי, וועל־
כער האָט באפוילן גראנאָווסקין אראָפנעמען אף דעם
טאָג די פאָרשטעלונג אין „גאָסעט“, קעדיי ניט אראָפ־
רייסן אזא וויכטיקע קינסטלערישע געשעעניש, ווי דער
יובילײ פונעם גרויסן סאָבינאָוו.

נאָכן פאל מיט „לאָהענגרין“ איז פאר פולווערן גע־
וואָרן קלאָר, אז מער טאנצן אף צוויי כאסענעס איז
שוין ניט מעגלעך, און ער באשליסט אינגאנצן זיך אָפ־
געבן דער ארבעט אין „גאָסעט“. זיין געזונטער קינסט־
לערישער כוש און זיין קלעזמערישע פארגאנגענהייט
האָבן אים אונטערגעזאָגט, אז קעדיי צו בויען א נייעם
יידישן פאָלקס־טעאטער אף די פרינציפן פון סינטע־
טישן צוזאמענפלעכט פון וואָרט, פלאסטיק און קלאנג,
מוז מען ווענדן די גאנצע אופמערקזאמקייט אף די מו־
זיקאלישע אוצרעס פון פאָלקס־שאפונג. דעריבער איז
קיין ווונדער ניט, וואָס פולווער האָט זיך געווענדט צו
דעם אומדערמידלעכן זינאָווי קיסעלהאָף, דעם ענטוזיאס־
טישן פאָלקלאָריסט, וועלכער האָט קימאט 40 יאָר גע־
זאמלט יידישן מוזיקאלישן פאָלקלאָר.

...איך געדענק א טאָג, ווען צו אונדז אין מאָסקווער
טעאטער האָט זיך אריינגעלאָזט א קליינוווקסיקער, מאָ־
גערער, מיטליאָריקער מענטש, אָנגעלאָדן מיט אן אָנגע־
שטאָפטן פאָרטפעל און מיט א קליינינקער הארמאָניע,
און הינטער אים האָט א טרעגער געטראָגן אף די פליי־
צעס א גאנץ היפשן קופערט, פון די אמאָליקע אלטמאָ־
דישע רוסישע סונדוקעס, געקאָוועטע מיט בלישטשענדיקן
קופער. דאָס איז צו אונדז פון פעטערבורג אראָפגעקו־
מען, לויט דער איינלאדונג פון לייב פולווער, זינאָווי
אראָנאָוויטש קיסעלהאָף און מיטגעבראכט מיט זיך דאָס
גאנצע מוזיקאלישע „האָב און גוטס“, וואָס ער האָט
אָנגעזאמלט פאר אלע זיינע יאָרן. עטלעכע נעכט זיינען
זיי אָפגעזעסן, גראנאָווסקי, פולווער און מיכאָעלס,
און האָבן געגאפט און געקוויקט זיך מיט די לידער
און ניגונים, וואָס קיסעלהאָף האָט פאר זיי אויס־
געזונגען און אויסגעשפילט אף זיין קאָנצערטינע.
און ווען מיר האָבן גענומען פאָדערן פון קיסעל־
האָפן, ער זאָל אופהערן צו זיין ענלעך אף פושקינס
„קארגן ריטער“ און עפענען פאר אלע אקטיאָרן זיין
קופערט מיט די „גאָלדענע פענדלעך“, האָט ער דאָס
מיט פארגעניגן געטאָן. קיסעלהאָפס פערזענלעכקייט און
זיין גרויסער אופטו — דאָס איז ביכלאל א טעמע פאר
זיך, און ס'וואָלט געווען א יוישער, אז עמעצער פון
אונדזערע מוזיקער — טעאָרעטיקער זאָל זאָגן זיין וואָ־
גיק וואָרט וועגן אָט דעם פאנאטיש־איבערגעגעבענעם
„פערלזוכער“. געשפילט האָט קיסעלהאָף אף זיין קאָנ־
צערטינע ווי א גרויסער ווירטואָז. מיר אלע זיינען פאָ־
שעט געווען איבעראשט פון דעם, וואָס ער שפילט און
וויאזוי ער שפילט. ער האָט פאר אונדז אלעמען געעפנט
א קרישטאָל־ריינעם, דורכזיכטיקן קוואל פון פאָלקס־
שאפונג.

אויסנוצנדיק די פאָלקס־מאָטיוון, האָט פולווער גענו־
מען שאפן זיינע מוזיקאלישע פאָרמירונגען צו די בעס־
טע ספעקטאקלען פון יענעם פעריאָד. ווי הויך זיין
באפליגלטע פאנטאזיע פלעגט אים ניט אוועקפירן, האָט
ער פונדעסטוועגן פון צייט צו צייט זיך אומגעקערט
צו דער פאָלקס־שאפונג און געשעפט פון דאָרט אלץ
נייע און נייע אינספיראציעס.

פולווער האָט איינער פון די ערשטע צווישן די סאָוועָ־
טישע קאָמפאָזיטאָרן פארשטאנען די ראָליע, וואָס די
מוזיק דארף אויספילן אין א ספעקטאקל. זיין מוזיק
שאפט קוידעמקאָל די עמאָציאָנעלע אטמאָספער, שטרייכט
אונטער און באלייכט דעם פסיכאָלאָגישן צושטאנד פון
די בינע־פערסאָנאזשן, אקצענטירט די שארפקייט פון
יעדער סיטואציע אף דער בינע און פונעם סצענישן
קאָנפליקט אינגאנצן גענומען. א באזונדערס פאראנט־
וואָרטלעך אָרט פארנעמט די מוזיק אין די לירישע און
פאָעטישע מאָמענטן פון דער פאָרשטעלונג. דאָ פאָדערט
זיך א באזונדערער קינסטלערישער טאקט, עסטעטישער
געשמאק און געפיל פון מאָס, קעדיי ניט קומען אין
סטירע מיט דער אידייישער, סטיליסטישער און זשא־
נער־קאָנצעפציע פונעם רעזשיסערישן פלאן. און וועגן
דעם, אז פולווער באזיצט אין דער פולער מאָס אָט די
אלע מעלעס, זאָגן איידעס זיינע העכער 50 סצענישע
ווערק, וואָס ער האָט פאר זיין קאָמפאָזיטאָרישער טעטי־
קייט געשאפן אין „גאָסעט“ און אין פיל אנדערע דרא־
מאטישע און מוזיקאלישע טעאטערן פון אונדזער לאנד.

איך געדענק ווי היינט פולווערס דעביוט אלס קאָמ־
פאָזיטאָר אין אונדזער מאָסקווער טעאטער. דאָס איז גע־
ווען אין אפרעל 1923. אף דער גענעראלער רעפעטיציע
פון „200 000“ זיינען מיר אלע געשטאנען אף דער בינע,
בעשאס ער האָט דורכגעפירט זיין לעצטע מוזיקאלישע
רעפעטיציע מיטן אָרקעסטער. און ווען עס האָט זיך, ווי
א פרילינגדיקער אָפפרישנדיקער שטורעם, צעהילכט די
אינטראָדוקציע צום ספעקטאקל, ווען מיר האָבן דערזען,
מיט וואָס פאר א פייערדיקן טעמפעראמענט ער פירט אָן
מיטן אָרקעסטער, ניט נאָר מיט דער הילף פונעם שטע־
קעלע, נאָר אויך מיט די אויגן, מיט די אונטערברומענ־
דיקע ליפן, מיט זיין אויסדריקלעכער מימיק, מיט די
ריטמישע באוועגונגען פונעם קערפער, — האָבן מיר

פארשטאנען, אז מיר האָבן פאר זיך אן אייגנארטיקע שעפערישע פערזענלעכקייט, א קינסטלער, וועגן וועלכן עס האָט נאָך געטרוימט דער גרינדער פונעם יידישן טעאטער אווראָם גאָלדפאדען. שטייענדיק אף דער בינע, האָבן מיר שטילערהייט איינער צום אנדערן געזאָגט: זעט נאָר, ווי אונדזער פולוור „דערלאנגט פולוור״! און פון דעמלט אָן איז ער בא אונדז אלעמען פארבליבן ווי „אונדזער פולוור״, אונדזער לייבעלע, אָדער, ווי מיר פלעגן אים צומאָל צערטלעך אָנרופן אף רוסיש, „נאש ליאָוושקא״. די צערטלעכקייט אונדזערע האָט זיך גענומען אויך פון דעם געפיל פון דאנקבארקייט, וואָס מיר אלע האָבן געפילט צו אים ווי צו א פּעדאגאָג. לעמייַ זאָל איך לייקענען: מיר זייַנען נאָך אלע דעמלט געווען קנאפּע מוזיק־קענער, און מיט וויפל פּעדאגאָגן און דיריגענטן אונדז איז ניט אויסגעקומען באגעגענען זיך אין אונדזערע סטודענטישע יאָרן, האָבן זיי קימאט אלע אָנגעוואָרפן אף אונדז א מוירע און אונדז אינגאנצן באדריקט מיט דער „שווערער לאסט״ פון זייער מוזיקאלישער ערודיציע. פולוורס פּעדאגאָגישער מעטאָד איז געווען גאָר אן אנדערער. פאר אייַך איז בא דער פּיאַנינע און באם דיריזשאָרן־פּולט געזעסן א פרייַנט, אן עלטערער און מער געניטער כאווער, וועלכער האָט געשטרעבט מיט אלע מיטלען טיילן זיך מיט זייַנע טיפע קענטענישן און גרויסער דערפארונג; א גוטער און רויקער באל־יויעץ, וועלכן עס האָט אינטערעסירט נאָר איינס: איר זאָלט אויספילן אייַער אופגאבע בישליימעס. אָפּטמאָל, שוין אף דער סצענע, ווען די שפּיל גייט שוין, אז עס פלעגט פאלן דער בליק פונעם אקטיאָר אף פולווערן, פלעגט ער דערזען פאר זיך א באגייַסטערט פּאָנעם, א פּאָר פינקלענדיקע אויגן, וואָס האָבן קימאט ווי היפּנאָטיזירט, באייַנפלוסט, אונטערגעהאָלפן, און אין די מער קאָמפּליצירטע ערטער פון דער מוזיק האָט פולוור אפילע שטילערהייט מיטגעזונגען, און אזוי, מיט זייַן הילף פלעגט מען בעשאָלעם „ארויסקלעטערן״ פון די סאמע קאָמפּליצירטסטע אופגאבעס. ער האָט שטענדיק היילִיק אָפּגעהיט דעם געזעץ פון מיטשפּילן, מיטלעבן מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אף דער בינע.

אין דעם גרויסן נאכעס רועך, וואָס עס פארשאפט די מיטארבעט מיט פולווערן, האָב איך זיך אויך איבערצייַגט, ווען איך האָב געארבעט אלס רעזשיסער. איך האָב געהאט דאָס גרויסע פארגעניגן שאפן צוזאמען מיט פולווערן די פאָרשטעלונג „אוריִעל אקאָסטא״. פאר מייַן לאנגיאָריקער רעזשיסערישער ארבעט איז מיר אויסגעקומען זיך באגעגענען מיט א גרויסער צאָל קאָמפּאָזיטאָרן, אָבער אזא שעפערישע פרייַהייַט, אזא לייַכטקייַט און אזא אינערלעכן קאָנטאקט, ווי מיט פולווערן, האָב איך מיט קיין איינעם פון זיי ניט געפילט. פולוור באזיצט די זעלטענע מייַלע פון קענען טיף ארייַנדרינגען אינעם אידייִשן און סטיליסטישן פארטראכט פונעם רעזשיסער און אין איינקלאנג מיט דעם שאפן די קאָמפּאָזיטאָרישע לייזונג פונעם ספּעקטאקל. קיין סאך דערקלערן דארף מען אים ניט. ער כאפּט אוף דעם רעזשיסערישן מיין בא דער ערשטער באגעגעניש. מיט איין וואָרט — ער איז א טעאטער־מענטש פון קאָפּ ביז די פּיס. און צו דעם אלעמען רופט ער ארויס די גרעסטע סימפּאטיע צו זיך מיט זייַן באשיידנקייַט, פּאשטעס און גוטמוטיקער צוגעלאָזנקייַט. מיר פלעגן זיך אלעמאָל ווונדערן: צי דען איז אָט דער שטיפער, אָט דער וויצלער, דער יוגנטלעך־פארשייַטער אמכאָ־מענטש — צי דען איז ער עס טאקע דער בארימטער פידלער, קאָמפּאָזיטאָר און דיריזשאָר, פאָלקס־ארטיסט פון רספסר, קאַוואלער פון אָרדענס און מעדאלן לעוו מיכייַלאָוויטש פולוור? דער, וועמענס נאָמען עס האָט באשיינט די אפישע פון מאָסקווער „גאָסעט״, פון דעם מאָסקווער אקאדעמישן „קליינעם טעאטער״, פון דעם מאָסקווער סאטירע־טעאטער, מאָסקווער און לענינגראדער אָפּערעטן־טעאטער?

בעשאס אונדזערע נעסיִעס איבערן גרויסן סאָוועטנפארבאנד פלעגן אונדז אף די וואָקזאלן, אין די פאבריקן און ווארשטאטן באגעגענען מאסן ארבעטס־מענטשן מיט לידער און געזאנגען, געשאפענע פון לייב פולוור. וויפל מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו זען, ווי די צו־שויער שפּרינגען אוף פון זייערע ערטער, דערהערנדיק פולוורס כיינעוודיקע, באטאמטע לידער און ניגונים. פאר אזעלכע מינוטן פון פאָלקס־ענטוזיִאזם און טיפער ליבשאפט האָט ער געצאָלט מיט נאָך מער מעסירעס־נעפעשדיקער ארבעט פון קלייַבן, באארבעטן און שלייַפן פאָלקס־מעלאָדיעס און שאפן אייגענע אויסערסט אָריגינעלע „פולווערישע״ ווערק. אפילע אזא שטרענגער קריטיקער און איבערקלייַבער אין ליטעראטור און טעאטער, ווי מוישע ליטוואקאָוו, האָט געמוזט מוידע זייַן: „...ל. מ. פולוור כאפּט אלץ מער און מער דעם שניט פונעם טעאטער. אזויארום איז דעם טעאטער געלונגען צו ווארפן אין די מאסן גאנצע אוצרעס קינסטלעריש באארבעטן מוזיקאלן פאָלקלאָר, א פולווערטן פאר זיך אליין און באזונדערס אלס באָדן פאר מאָדערנער מאסן־שאפונג״[1]. דאָס איז געזאָגט געוואָרן דעמלט, ווען פולוור האָט אין זייַן קאָמפּאָזיטאָרישן אקטיוו אין „גאָסעט״ געהאט ניט מער ווי דרייַ־פיר פאָרשטעלונגען. אָבער וואָס וואָלט דער זעלבער קריטיקער געזאָגט שפּעטער, ווען אים וואָלט אויסגעקומען שרייַבן וועגן אזעלכע בארימטע מוזיקאלישע שאפונגען, ווי „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי״, „דאָס צענטע געבאָט״, „לופט־מענטשן״ און א סאך צענדליקער אנדערע ארבעטן אין יידישן און רוסישן טעאטער — ביז דער מוזיק צו די צוויי קלאסישע פאָרשטעלונגען „קיניג ליר״ מיט מיכאָעלסן און „אוריִעל אקאָסטא״ מיט אָסטוזשעוון אין די הויפּט־ראָלן, און ביז דער מוזיק פונעם אומפארגעסלעכן „פרייַלעכס״, וואָס איז געווען, לויט אלעמענס מיינונג, דער העכסטער פונקט אין פולוורס שאפונג. אָט די אלע פאָרשטעלונגען, ווי אויך די שפּעטערדיקע מוזיקאלע אויספאָרמירונגען אין „גאָסעט״ — סאכאקל 42 פּיעסעס אין מעשעך פון 27 יאָר, — האָבן ענדגילטיק פארפעסטיקט די רעפּוטאציע פון אונדזער מייַסטער אלס איינעם פון די בעסטע טעאטראלע קאָמפּאָזיטאָרס און דיריזשאָרן פון אונדזער צייַט. פארשטייט זיך, עס פלעגן זיך געפינען אזעלכע פייַנשמעקערס און סנאָבן־לײדיקגייערס, וואָס האָבן געטאדלט פולווערן דערפאר, וואָס אין זייַנע שאפונגען דאָמינירט אָפּט דער עלעמענט פון פאָלקס־שאפונג. יאָ, עמעס, זייער פיל פון זייַנע מאָטיוון האָט ער געשעפּט פון די פאָלקס־אוצרעס און פון די קוואלן פון זייַן קלעזמערישן זיקאָרן; אף אָט די פאָלקס־טעמעס פלעגט ער מיט זייַן אומגעהייער רייַכער קינסטלערישער פאנטאזיע אויסהעפּטן די טאלאנטירטע שאפונגען זייַנע, אייַנהיטנדיק דערבייַ די נאַיווע, כיינעוו־

[1] מ. ליטוואקאָוו. פינף יאָר מעלוכישער יידישער קאמער־טעאטער. מאָסקווע, 1924.

דיק־געלײַטערטע, קימאט קינדערישע פרישקײַט און אומבארירטקײַט; און מיר אלע זײַנען אים געווען שטענדיק דאנקבאר דערפאר, ווײַל מיר האָבן פארשטאנען, אז דערמיט פילט ער אויס א ביז גאָר וויכטיקע געזעלשאפטלעכע און וויסנשאפטלעך־דערציִערישע אופגאבע — די אופגאבע פון אײַנצוהיטן און איבערגעבן דער הײַנטצײַטיקײַט די פון דוירעס אָנגעזאמלטע אויצרעס פון פאָלקס־שאפונג.

א באזונדער קאפיטל אין פולווערס ביִאָגראפיע פארנעמט דער פעריִאָד פון די גאסטראָלן פונעם מאָסקווער „גאָסעט" איבער די שטעט פון אייראָפּע אין 1928 יאָר. פולווערס טעאטראלע מוזיק, ווי אויך זײַן דיריזשאָרישע מײַסטערשאפט זײַנען הויך אָפּגעשאצט געוואָרן פון דער פרעסע. א סאך אָנגעזעענע מוזיקאנטן האָבן אויסגעדריקט זייער דאנקבארקײַט פאר דעם, וואָס די גאסטראָלן האָבן פאר זיי געעפנט דעם אויצער פון דער ייִדישער מוזיק. די קאָמפּאָזיטאָרן און דיריזשאָרן אימרע קאלמאן, עמיל קופער, סערגיי קוסעוויצקי האָבן זיך זייער ווארעם אָפּגערופן וועגן פולווערס שאפונגען. לייב פולווער האָט פאר זײַן לאנגיאָריקער מוזיקאלישער טעטיקײַט געהאט דאָס גליק צו זײַן נאָענט באקאנט און זייער אָפט האָט ער אויך מיטגעארבעט מיט אזעלכע געווינים, ווי שאליאפין, ראכמאנינאָוו, קלעמפערער, אָסקאר פריד, ברונאָ וואלטער און פיל אנדערע. נאָך בעשאס ער האָט געשפילט אין דער פעטערבורגער אָפּערע, האָט ער אָנטיילגענומען אין פאָרשטעלונגען, ווו ס'האָבן געזונגען די וועלט־בארימטע באטיסטיני, טיטאָ רופאָ, טעטראציני; ער האָט אָנטיילגענומען אין סימפאָנישע קאָנצערטן, אין וועלכע עס האָבן געשפילט סאָלאָ יאשע כייפעץ, זשאק טיבאָ, יויסעף אכראָן, מישע עלמאן און גובערמאן. מע דארף ניט פארגעסן, אז פולווערס פראָפעסיאָנעלער סטאזש ציילט אזא סאָלידע ציפער, ווי דרײַ פערטל יאָרהונדערט, דעריבער איז קיין וווּנדער ניט, וואָס פאר זײַנע אויגן און מיט זײַן אָנטייל זײַנען פאָרגעקומען די וויכטיקסטע שעפערישע געשעענישן אפן געביט פון מוזיקאלער שאפונג.

וועגן פולווערן זאָגט מען אלע מאָל, אז דאָס מאזל גייט אים נאָך פוסטריט. און אינדערעמסן: זעלטן וועמען פון די הויכבאגאבטע מענטשן האָט זיך אין די פינצטערע צארישע צײַטן אײַנגעגעבן דערגרייכן זייער לעבנס־ציל און רעאליזירן זייערע שעפערישע טרוימען. ווער ווייסט, וויפל טאלאנטן עס זײַנען דעמלט אין רוסלאנד געגאנגען צו גרונט. אדאנק פולווערס אומדערמידלעכער ארבעטספייִקײַט און, דעריקער, אדאנק די גלענצנדיקע מעגלעכקײַטן, וואָס די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געשאפן פאר עמעסע קינסטלער, — איז ער בעהאדראָגעדיק דערגאנגען ביז צום העכסטן גליק פאר א שעפערישער פערזענלעכקײַט, צום גליק פון אָפּגעבן זיך אינגאנצן דער זאך, וועלכער ער האָט געווידמעט זײַן לעבן, און קריגן דערפאר דעם העכסטן לוין — די אנערקענונג און ליבע פונעם פאָלק.

כראָניק

טעאטער און עסטראדע

איבערזיכט איבער די הארבסט־גאסטראָלן

די רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד" האָט זיך פארבונדן טעלעפאָניש מיט אייניקע ייִדישע דראמאטישע אנסאמבלען, פאָלקס־טעאטערן און עסטראדע־ארטיסטן, וועלכע האָבן נאָרוואָס פארענדיקט זייערע הארבסט־גאסטראָלן. מיר גיבן א קורצן איבערזיכט פון זייערע לעצטע ארויסטרעטונגען.

העכער צוויי כאדאָשים האָט זיך געפונען אין א שעפערישער רײַזע איבער די שטעט פון מאָלדאוויע, קרים און אוקראיִנע דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פונעם פארדינסטפולן ארטיסט פון רספסר ביניאָמין שווארצער.

שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער" און „200.000", א. גאָלדפאדענס „קאָלדוניע", מ. לערמאָנטאָווס „די שפאניער" — וועגן אָט די שטעלונגען האָבן געמאָלדן די אפישן אף די גאסן פון יאלטע, סימפעראָפּאָל, קעשענעוו, קריוואָראָג, דניעפּראָפּעטראָווסק, טשערנאָוויץ, זאפּאָראָזשיע, קיראָוואָגראד, דאָנעצק.

אין מעשעך פון די צוויי כאדאָשים האָט דער טעאטער־קאָלעקטיוו באוויזן מער פון פופציק פאָרשטעלונגען, וואָס זײַנען אדורך בא איבערפולטע זאלן.

מיט א רײ קאָנצערטן אין די קוראָרט־שטעט פון צאָפן־קאווקאז האָט אָנגעהויבן איר נײַע פראָגראם די זינגערן קלעמענטינע שערמעל. הונדערטער מענטשן, וואָס רוען אָפּ אין קיסלאָוואָדסק, יעסענטוקי און זשעלעזנאָוואָדסק האָבן פארפולט די טעאטער־זאלן. די זינגערן האָט אויסגעפילט לידער פון די קאָמפּאָזיטאָרן ל. יאמפּאָלסקי, ז. קאָמפּאנייעץ, ד. ניסנעוויטש און וו. שאיִנסקי אף די טעקסטן פון הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער.

אירע הארבסט־גאסטראָלן האָט ק. שערמעל פארענדיקט אין מאכאטשקאלא און באקו.

פריידיקע גרוסן האָט די רעדאקציע באקומען וועגן די אופטריטן פון די ייִדישע פאָלקס־טעאטערן. אין ווילנע, צום בײַשפּיל, האָבן באזונדערס אויסגענומען בא די היגע צושויער די ארטיסטן פונעם קעשענעווער טעאטער. מיט דערפאָלג איז, ווי שטענדיק, דאָ אויך איצט ארויסגעטראָטן די באקאנטע זינגערן נעכאמע ליפשיצײַטע. פון ריגע איז מיט א גאסט־קאָנצערט געקומען די פאָרלעזערן פון ייִדישער דיכטונג דינע רויטקאָפּ.

אף גאסטראָלן קיין קיִעוו קלײַבט זיך איצט דער ווילנער פאָלקס־טעאטער, וועלכער וועט אופירן אין דער אוקראיִנישער הויפּטשטאָט א רײ ספּעקטאקלען און קאָנצערטן פון זײַן רעפּערטואר.

אָפקלאנגען • רעפליקעס • מיינונגען

די קריטיק דארף פארטייַטשן, אופקלערן

איך בין ניט קיין ספעציִאליסט אף צו אנאליזירן מיט דער נייטיקער באהאוונטקייַט ווערק פון שרייַבער. איך וויל נאָר ארויסזאָגן מייַנע מיינונגען אלס לייענער, וואָס נייטיקט זיך, אז מע זאָל אים מאסביר זייַן סייַ וועגן פאָזיטיווע און סייַ וועגן נעגאטיווע דערשייַנונגען אין דער ליטעראטור. יאָ, יאָ, דערציילן דעם לייענער און אופקלערן אים, פארוואָס און מיט וואָס איז א ניט גע־לונגען ווערק ניט געלונגען, איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי דערווייַזן די מייַלעס פון א ווערק, וואָס פארדינט א הויכע אָפשאצונג פאר די אידייִש־קינסטלערישע מייַ־לעס.

אויב דער לייענער נייטיקט זיך, אז מע זאָל אופ־קלערן פראָזע, קעדיי ער זאָל קוקן מיט אָפענע אויגן אפן שרייַבער און זייַנע ווערק, איז פאָעזיע אל אכאס קאמאָ וועקאמאָ. די ספעציפיק פון דיכטונג פאָדערט, אז מע זאָל דעם לייענער פארטייַטשן, ווייניקסטנס, יעדער גרעסערן ציקל לידער. דאָס איז די ארבעט פון דער קריטיק. ווען אין זשורנאל געפינט מען ניט קיין אָפ־האנדלונג וועגן אונדזערע בעסערע דיכטער (אויסער, לויט ש. גאָרדאָנס געלונגענעם אויסדרוק, זמירעס צו יויוול־טעג), איז דאָס אן ערנסטער בלויז.

די קריטיק דארף ניט נאָר צוציִען די אופמערקזאַמ־קייַט פונעם לייענער צו די מוסטערהאפטע ווערק, נאָר אויך מיט דער גאנצער אכרייַעס אָנווייַזן אף שוואכערע ווערק, ווען אפילע זיי געהערן צו שרייַבער מיט א גרויסן שעפערישן סטאזש.

איך וויל זאָגן א פאָר ווערטער וועגן איינער א שטעל אין ש. גאָרדאָנס ארטיקל אין „סאָוועטיש היימלאנד“. מיר דוכט, אז עס לוינט ניט ספעציִעל אונטערשטרייַכן, אז אונדזערע לייענער פארשטייען ניט קיין פסוקים. יעדנפאלס, בארימען זיך מיט דעם איז ניטאָ וואָס. ווען דאָס וואָלט בעעמעס געווען אזוי, דאן איז ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטע־ראטור. ווי קאָן מען לייענען פערעצן, אויב מע פאר־שטייט ניט זייַנע פסוקים? און שאָלעם־אליינעמען? אָן די פסוקים דארף מען אויסמעקן טעוויען. וואָרעם וואָס פאר א טאם האָט טעוויע פאר דעם לייענער, וואָס פאר־שטייט ניט דעם עמעסן טייַטש פון טעוויעס פסוקים? דארף מען ניט בראווירן דערמיט, ניט אָפוואַרפן די נייטיקע עלעמענטן פון דער שפראך, נאָר געפינען א וועג, אז די פסוקים זאָלן ווערן פארן לייענער צו־גענגלעך.

מוישע בראָדסקי. מאָסקווע

דאָס אלץ איז אונדזער שפראך

שמועל גאָרדאָנס ארטיקל „ווו איז די קריטיק?“ האָט בא מיר דערוועקט אייניקע געדאנקען. אגעוו, האלט אויך דער כ׳ גאָרדאָן, אז עס וואָלט ניט געשאט, די לייע־נער זאָלן זיך ארויסזאָגן איבער פראגן פון ליטעראטור.

ש. גאָרדאָן איז אופגעבראכט אף דער אזויגערופענער מאָדע אף העברעיִזמען, וועלכע ער רופט אָן פסוקים. ער האלט, אז דער מאסן־לייענער פארשטייט זיי ניט און מע דארף זיי פאר אים פארטייַטשן. גאָרדאָן פאלט אָבער ארייַן אין א ווידערשפרוך מיט זיך אליין. וואָ־רעם, אויב דער לייענער פארשטייט ניט קיין „פסו־קים“, וועט ער דאָך געוויס ניט פארשטיין גאָרדאָנס „איעקאָ“, און די איראָניע פונעם פאָלעמיסט בלייַבט ניט מער, ווי א פוסטער שאָס.

ביכלאל דאכט מיר, אז דאָס קעסיידערדיקע טיילן אונדזער שפראך אף העברעיִזמען, סלאוויזמען און דייַטשמעריזמען און דאָס אונטערשטרייַכן, אז די עלע־מענטן זייַנען פראָגרעסיוו און אנדערע ניט פראָגרעסיוו, איז איבעריק און אפילע שעדלעך. דאָס ברענגט אָפט צו עקסטרעמקייַטן, ווי אין די פארמילכאָמע־יאָרן, ווען שטיף האָט געפריידיקט „דעהעברעיִזאציע פון ייִדיש“, און זארעצקי האָט געהאלטן, אז „איך אָטקריוואיע די סאָבראניע“ איז פונקט אזוי דערלאָזבאר אין געברויך, ווי „איך עפן די פארזאמלונג“.

דער רוסישער און אוקראיִנישער לייענער באנוצט געוויס ניט אין זייַן טאָגטעגלעכער שפראך דאָס וואָרט „זיגזיצא“, נאָר ווען דער אוקראיִנישער שרייַבער ליובאָ־מיר דמיטערקאָ פארגלייַכט אין זייַן פולקאָם הייַנטצייַ־טיק ווערק „א בריק איבערן טהאָם“ די הויפט־העלדין מיט דער נאָבעלער יאראָסלאוונען און געברויכט דאָס וואָרט „זיגזיצא“, ווייסט דער לייענער, אין וואָס דאָ גייט.

ווי באוווּסט, איז אין דער רוסישער שפראך פאראן ווערטער פון טאָטערישן אָפשטאם — א פארבלייַבעניש פון לאנגדויערנדיקן טאָטערישן יאָך. איך האָב אָבער אין ערגעץ אין דער רוסישער קריטיק ניט באגעגנט

קיין ארויסזאָגונגען, אַז ווערטער פון טאָטערישן אָפּ־שטאַם זײַנען ניט פּראָגרעסיוו.

אַלע עלעמענטן — די סלאַווישע, די דײַטשישע, די העברעיִשע, בעסיכעם די אוזיגערופענע פּסוקים און דײַטשמעריזמען — דאָס אַלץ איז אונדזער שפּראַך און אירע רײַכטימער, און יעדער שרײַבער האָט רעכט זיך באַנוצן מיט זיי אַזוי, ווי ער געפינט פאַר נייטיק. דאָס לעבן און די צײַט וועלן אַליין באַווײַזן, וואָס איז לעבנס־פעיִק און וועט פאַרבלײַבן אין געברויך און וואָס עס וועט אָפּשטאַרבן און פאַרגעסן ווערן.

יויסעף עדעלמאַן.
קאָנסטאַנטינאָווקע, דאָנעצקער געגנט

צוויי מיינונגען וועגן יאַנקל יאַקירס דערציילונג „מײַן מאַמעס רעוואָליוציע"[1]

שרײַבן וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז געפאַלן דער צאַ־ריזם, וועגן די ערשטע טעג פון דער רעוואָליוציע, איז קיינמאָל ניט שפּעט. די טעמע איז טאָמיד נײַ, כאָטש פאַרן יונגן דאָר איז דאָס געשיכטע, — אָבער געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן הײַנט און מיטן מאָרגן. וועגן אָפּהילך פון די שטורמישע געשעענישן אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך איז א סאַך געשריבן געוואָרן, און יאַנקל יאַקיר איז צווישן די אויטאָרן פון אָט דער טעמע ניט דער ערשטער.

און דאָך לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס זײַן דער־ציילונג „מײַן מאַמעס רעוואָליוציע".

מוישע באַלאַבירער זאָגט אָף לאַשנקוידעש און פאַר־טײַטשט אָף ייִדיש — די זון איז ארויס פון איר כופּע און זי האָט אײַנגעהילט מיט איר ליכט דאָס גאַנצע לאַנד.

פאַראַן אין יאַקירס דערציילונג סצענעס, וועלכע רופן זיך איבער מיט פּערעץ מאַרקישעס „דאָר־אויס, דאָר־אײַן". באַ יאַקירן רײַסט אַראָפּ איטע די בוימואָל־פאַר־קויפערן פון דער וואַנט דעם פּראָוואַנצטן פּאָרטרעט פונעם קייסער ניקאָלײַ. אין מאַרקישעס ראָמאַן רײַסט אַראָפּ פון דער וואַנט מאָטל באַלעגאָלע די צאַרישע פּאָרטרעטן, וואָס זײַן וויבע האָט זיי קיינמאָל ניט אויס־געווישט, און פליגן, פּאַרדאַרטע, אײַנגעקאָרטשעטע, האָבן דאָרט געווינטערט פון יאָר צו יאָר.

און אין נאָך אַנדערע סצענעס רופט זיך איבער דאָס בעסאַראַבער שטעטעלע פּערליץ מיט פּערעץ מאַרקישעס פּאָדאָליער שטעטל אין „דאָר־אויס, דאָר־אײַן". אין ביידע ווערק האַלטן די פּאָזיטיווע העלדן, אַז דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען ביז איצטער, איז נאָר א פאָרשפּיל, די עמעסע כאַסענע קומט ערשט...

און כאָטש ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע ברויִם, ווי לייבל דער טאַנדעטניק, וואָס האָט אָפּן כעזשבן פון דער רעוואָליוציע געוואָלט זיך באַרײַכערן, האָבן אָבער מע־נאַצייעך געווען די, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער רעוואָליוציע.

יאַקירס קינסטלערישע שפּראַך איז פּאָלקסטימלעך, פאַרוואָרצלט אין די מידעס און אין לאַשן פון די ברייט־סטע פּאָלקסמאַסן. עס פּילט זיך זייער פּרוכטבאַר און שטאַרק אין יאַקירס שאַפן דער בעסאַראַבער קאָלאָריט.

דערפאַר טרעפן זיך אין דער דערציילונג א סאַך אַר־טיקע אויסדרוקן און ווערטער, וואָס זײַנען פאַר אייניקע לייענער עפּשער ניט פאַרשטענדלעך, אָבער דאָס מאַכט ניט אָרעמער, נאָר רײַכער די סאָוועטישע ייִדישע ליטע־ראַטור, וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון די ייִדן אין גאַנצן לאַנד.

יאַנקל יאַקיר פאַרדינט א יאַשער־קויעך פאַר זײַן גערעכטענער דערציילונג „מײַן מאַמעס רעוואָליוציע". מיר ווינטשן אים, ער זאָל נאָך ווײַטער מיט דער בריי־טער האַנט ארײַנברענגען אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור וואָרהאַפטיקע בילדער פון בעסאַראַבער ייִדישן לעבן פון אַמאָל און פון הײַנט.

אווראָם טרעמבאָוועלסקי.
סווערדלאָווסק

איך וויל ארויסזאָגן אייניקע געדאַנקען וועגן י. יאַ־קירס דערציילונג „מײַן מאַמעס רעוואָליוציע". מיר דאַכט, אַז אַזעלכע ווערטער, ווי וויטעט, שמוכע, לאָשנ־טרובקע, שפּענצער, שאָלקהאַפּטיקער, טאַנעראַבעבקע, סאָלץ אין די ביינער, קעשעט, פּידרעך, אָפּגעטשימכעט און א ריי אַנדערע, זײַנען אין טאָך שטומע, טויטע, גאָרניט זאָגנדיקע ווערטער. דאָס ניט קאַרגן אַזוינע ווערטער און דאָס ארײַנשטעלן זיי דאָ, דאָרט און סטאַם אַזוי פאַרטונקלט דעם זינען פון זאַץ.

עס טרעפן אין יאַקירס דערציילונג ניט געלונגענע פאַרגלײַכונגען: „פאַרנאַכט־צו, ווען דער טאָג פאַלט שוין כאַלאַשעס"... זיכער, אַז דער שרײַבער איז פרײַ צו פאַרגלײַכן אַלץ מיט וואָס ער וויל. נאָר מיר, דעם לייענער, איז שווער זיך פאָרשטעלן דעם איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט „אין כאַלאַשעס". איבערהויפּט פרי־לינג־צײַט, פאַרנאַכט, באַ א צעצוויטעטן קאַרשנבוימעלע. כאַלאַשעס איז דאָ ניט קיין אַסאָציאַציע.

נאָך:

„לייבל לאַכט מיט א דין געלעכטערל, ווי דורך די לעכלעך פון א ריבײַזן"... ווער האָט ווען געזען און געהערט לאַכן „דורך די לעכלעך פון א ריבײַזן"?...

דאָס יאָגן זיך נאָך פאַרבן, דאָס וועלן צוגעבן דער שפּראַך א מער רײַכן אינהאַלט, איידער זי האָט אינדערעמעסן, ברענגט צו קעגנזעצלעכע רעזולטאַטן.

די דערציילונג „מײַן מאַמעס רעוואָליוציע" איז ניט אויסגעהאַלטן אין סטיל. עס מישן זיך צוזאַמען אָף אָן אומגעוווּנטשענעם אויפן פּאַמפלעט, סאַטירע, גאַנצע מאָ־נאָלאָגן ליריק, ביבלישע וויזיעס. דער שרײַבער מאָלט באַגרענעצטע, אָפּגעשטאַנענע פאַרשטייער פון שטעטל, פאַרגעסנדיק אין די ליכטיקע, פּראָגרעסיווע, פּראָגרע־סיווע קעמפער, וואָס דאָס שטעטל האָט געגעבן דער רעוואָליוציע.

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 7, 1968.

מוישע באַלאַבירער פאַרליבט זיך אין א פּראָפעסאָרס טעכטערל, און זי דאָס זעלבע אין אים. דער פאָטער שטעלט זיך קעגן, עס ברעכט אויס א שטרייַט, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן. עס דערגייט דערצו, אַז אין איינער א נאכט, ווען די פינצטערניש איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מ׳האָט זי געקאָנט שנייַדן מיט א מעסער, האָבן שלעגער פאַרשלעפּט מוישען הינטער דער בריק און אָפּגעטאָן אים א מיִעסע זאַך... די מיִעסע זאַך, דאַרף מען פאַרשטיין, איז באַשטאַנען דערין, וואָס פון דאַן אָן האָט ער שוין געמעגט הייסן כאַנעטרייַנע — „אַזוי האָבן אים באַקלאָגט די ייִדענעס פונעם שטעטל“.

ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין, וואָס וויל דער אווטאָר פון מוישע באַלאַבירערן: שפּעטן פון אים צי אים באַדויערן? מיטפילן אָדער אויסלאַכן?

אַף אַזאַ אויפן גיט י. יאַקיר אויך שטיקער בִיאָגראַפיע פון מוישע־אַרענען דעם ייִדישן באַלמעלאָכע און הערש דאָמבראָוויצער. אויך דאָ פילט זיך דער דיסאָנאַנס צווישן לאָגישן פאַרטראַכט און דער אויפירונג פון די העלדן; וועלנדיק שילדערן פאָלקס־מענטשן, פירט דער אווטאָר ארויס פּאַיאַצן, מיט וועמענס הילף ער ווייַזט פאָקוסן; אָט לאַכט ער פון זיי, אָט באַוויינט ער זיי.

די באַשרייַבונג פון עלִיאָהו־האַנאָווי, ווִאַזוי ער באַגעגנט זיך מיט יאָסלען, איז איבערגעטריבענער קאָמיזם. בִיכלאַל איז די גאַנצע געשיכטע מיטן כאָלעם אָן איבעריקע.

פון י. יאַקירס דערציילונג בלייַבט דער אייַנדרוק, אַז מעמוארן קאָן מען ניט שאַפן מיט אימפּראָוויזאַציעס, ווען מע שרייַבט וועגן רעוואָליוציע, קאָן מען זיך ניט באַגיין אָן רעאַליזם.

שמועל קאַץ,
יִשעוו בירונץ, מאָלדאַווישע ססר

א באַקאָשע צו י. שטערנבערגן און מ. שאַפּיראָ

איך בין מיסטאמע איינער פון די סאַמע „ווייַטסטע לייענער“ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, ס׳הייסט ווייַט לויט דעם מעהאַלעך, וואָס טיילט מיך אָפּ פון אייַך, ווייַל איך לעב אַף קאַמטשאַטקע. דער זשורנאַל אָבער איז מיר זייער, זייער נאָענט.

מיט אינטערעס האָב איך געלייענט דעם ליטעראַרישן דִיאַלאָג צווישן י. שטערנבערגן און מ. שאַפּיראָן וועגן דער ייִדישער שפּראַך. די פּאָלעמיק האָט, לויט מייַן מיינונג, א סאַך רעכט: וועגן שפּראַך און ליטעראַטור מעג מען זיך קריגן און אפילע שלאָגן זיך.

אין דעם שמועס פון די צוויי כאַוויירים בין איך גיכער אַף דער זייַט פון מוישע שאַפּיראָ. מיר געפעלט, וואָס ער האָט מער אין זינען דעם לייענער. דאָ דאַרף איך זאָגן, אַז איך געהער פּונקט צו דעם דאָר סאָוועטישע לייענער, וועגן וועלכן עס גייט א רייד אין דעם דִיאַלאָג: איך בין איצט אַלט 49 יאָר, און מיט עטלעכע און דרייַסיק יאָר צוריק האָב איך געענדיקט א ייִדישע מיטלשול. מייַן טאַטע איז געווען אַן אַפּיקוירעס, און אין כיידער האָב איך זיך ניט געלערנט. דעריבער קען איך ניט קיין העברעיִש. איך מיין, אַז די מערהייַט ייִדישע סאָוועטישע לייענער ווייסן און פאַרשטייען נאָר ייִדיש. איך בין ניט באַקאַנט פּערזענלעך מיט י. שטערנבערגן און מ. שאַפּיראָן, נאָר פון די ווערק, וואָס זיי פּובליקירן אין זשורנאַל, איז צו זען, אַז זיי ביידע זייַנען גרויסע קענער סייַ פון דער, סייַ פון יענער שפּראַך. וועגן דעם איקער, צי מע דאַרף יאָ, צי מע דאַרף ניט אַרייַנפירן אין ייִדיש העברעיִזמען, בין איך ניט קאָמפּעטענט צו ריידן, און איך צווייפל בִיכלאַל, צי איז איצט אַקטועל די פראַגע. נאָר א באַקאָשע סייַ צום כ׳ שטערנבערג, סייַ צום כ׳ שאַפּיראָ האָב איך.

אין די „אַלטע גוטע צייַטן“, ווען איך בין נאָך געווען א יונגערמאַן און אינאיינעם מיט מייַנע כאַוויירים שטודירט די ייִדישע ליטעראַטור, פלעגן מיר האַנאָע האָבן פון א דורכגעלייענטן העברעיִשן פּאָסעק, וועלכער איז אָפּגעדרוקט אין ייִדישן אויסלייג. געוויינלעך פלעגט מען אין א פוסנאָטע פאַרטייַטשן דעם פּאָסעק. האָט זיך באַקומען, אַז מיר, די לייענער, האָבן אַלץ פאַרשטאַנען.

כאָשעווער כאַווער שאַפּיראָ! איר ברענגט אין דִיאַלאָג, אָן אַן איבערזעצונג אַף מאַמעלאָשן, ציטאַטעס פון בריוו פון צוויי „ייִדן־לאַמדאָנים“. איז שטעלט אייַך פאָר, אַז מיר, ניט־לאַמדאָנים, האָבן פּאָשעט ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס אין די ציטאַטעס רעדט זיך. איך בעט אייַך, כאַווער שאַפּיראָ, אַף ווייַטער אונדז ארויסהעלפן אין אָט דעם איניען.

כאָשעווער כאַווער שטערנבערג! איר ווייַזט אָן, אַז „די שפּראַך פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז געוואָרן א שעם־דאָווער אין דער גאָרער ייִדישער וועלט“. נאָר גוואַלד, אפילע דאָס וואָרט „שעם־דאָווער“ דאַרף דאָך פאַרן מאַסן־לייענער איבערגעזעצט ווערן אַף פּאָשעט ייִדיש.

מיר זייַנען זייער צופרידן און אפילע שטאָלץ, וואָס אונדזער זשורנאַל איז בא די לייענער אָנגענומען און אַנערקענט. פאַרשטענדלעך, אַז פאַר די אויסלענדישע לייענער דאַרף מען שרייַבן נעענטער צו זייער שפּראַך, דה. געברויכן מער העברעיִזמען. נאָר לויט מייַן מיינונג טאָר מען אויך ניט פאַרגעסן, אַז א גרויסער טייל סאָוועטישע לייענער פאַרשטייט ניט העברעיִש, און דער זשורנאַל איז דאָך פונדעסטוועגן א סאָוועטישער.

מיט פרייַנטלעכן גרוס —

אווראָם קיסין.
פּעטראָפּאַוולאָווסק קאַמטשאַטקער

יִסראָעל סערעבריאַני

בא דער שוועל פון דער נײַער וועלט

צו נאטאן זאבארעס 60־טן געבורטסטאָג

איינער פון זאבארעס נאָכמילכאָמע־ראָמאנען איז אָנגערופן: „הײַנט ווערט געבוירן א וועלט“. דער דאָזיקער נאָמען איז ווי אָנגעמאָסטן אויך פאר זאבארעס ווערק פון פאר דער מילכאָמע, שוין אָנהייבנדיק פון זײַן ערשטן „ראדיאָ־ראָמאן“ (1932).

מיט טעמעס און מאָטיוון וועגן געבורט פון דער נײַער סאָציאַליסטישער וועלט איז אין טאָך דורכגעדרונגען די גאנצע סאָוועטישע ליטעראטור, אָבער זאבארע ווייסט, אז דער איקער איז די אייגנארט פונעם שרײַבער, זײַן אייגענער גאנג און אויפן פון שילדערן, און צו דעם שטרעבט ער.

זאבארעס ערשטער „ראדיאָ־ראָמאן“ איז געווידמעט דער רויטער ארמיי, און דאָס איז טאקע א גאנץ לאָגישער אָנהייב פון דער נײַער וועלט אין זאבארעס שאפן. „ראדיאָ־ראָמאן“ איז ניט קיין באצייכענונג פונעם זשאנער, ווי עס קאָן זיך דוכטן לויט אייניקע אנדערע ווערק (בא דאניעלן, אשטייגער, זײַן קינאָ־ראָמאן „אין א צײַט אזא“, אָדער באם זעלבן זאבארען די קינעמאטאָגראפישע דערציילונג „א סעזאָן אף דאטשע“). דאָס איז א ראדיאָ־ראָמאן לויט דער טעמע — א ווערק וועגן דער דערציִונג פון ראדיסטן אין דער רויטער ארמיי. נאָך פינקטלעכער — וועגן דעם וועג פון דער יוגנט צו באהערשן א ספעציאַליטעט לויטן בארוף און וועגן די שוועריקײַטן פון די ערשטע יאָרן פון דעם פרידלעכן לעבן סײַ אין דער ארמיי און סײַ אויסער איר. דער ראָמאן איז אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון א מין טאָגבוך. דער אווטאָר פרוּווט דאָ אויך אף זײַן אויפן באלײַכטן די פראָבלעם פונעם „דרײַעק“, וועלכע איז „אלט, ווי די וועלט“ (די ליבע־קאָליזיע צווישן וויטיא אכטאנין, זײַן כאווער ביקאָוו און דעם מיידל בושע, שפעטער — ביקאָווס פרוי).

דאָס איז בלויז „דער ערשטער בוך“. ווי בא א ריי אנדערע שרײַבער אין יענע יאָרן, איז דאָ קיין פאָרזעצונג ניטאָ. אָבער מע קאָן רעכענען פאר א העמשעך זאבארעס ווײַטערדיקע ראָמאנען, וועלכע האָבן אייגנטלעך צו טאָן מיט ענלעכע פראָצעסן פון דעם לעבן און שטייגער אין דער נײַ־געבוירענער וועלט.

זאבארע האָט זיך זײַן אייגן ווינקל אין דער ליטעראטור, און כאָטש דאָס איז עפשער ניט קיין „שפיגלבאנק“, ווי ער אליין דריקט זיך אויס, אָבער א „ווינקל“ א „היפש־רײַכער“.

נאטאן זאבארע האָט זיך געשאפן זײַן נילאָווקע פונקט ווי קיפניס — זײַן סלאָוועשנע, און פונקט ווי א ריי אנדערע ייִדישע שרײַבער האָבן צו טאָן אָפן אָדער פארשטעלט מיט זייערע מעקוימעס (מיט בערדיטשעוו, ווילנע, פאָלעסיע אאוו.). דאָס איז אין די טראדיציעס פון אונדזערע קלאסיקער — מענדעלע און שאָלעם־אלייכעם. ניט אומזיסט האָט זאבארע אין איינעם פון זײַנע ראָמאנען („פון לאנד צו לאנד“) אָנגערופן זײַנע צענטראלע העלדן ביניאָמין און סענדערל. כאָטש זיי זײַנען זייער ווייניק ענלעך אף זייערע ליטערארישע פאָרגייער, האָבן זיי אָבער א באשטימטע, זאָל זײַן אנטיפאָדישע קרויוועשאפט מיט זיי. אויב מענדעלעס ביניאָמין און סענדערל האָבן זיך געדרייט אין א פארקישעפטן קרײַז און סאָפקאָלסאָף זיך אומגעקערט צוריק אין זייער העק — טונעיאדעווקע, קומען זאבארעס פערשוינען אין א ווירקלעך נײַ לאנד, וועגן וועלכן זיי האָבן געטרוימט.

„נילאָווקע“ — דאָס איז זאבארעס פלאצדארם פון פאר דער מילכאָמע. פונדאנען לאָזט ער זיך אין פאר־

שיידענע עקסקורסן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, אין די בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן, סאָווירטן און כוטאָרס, אין די פאבריקן און זאוואָדן. סײַ נילאָווקע און סײַ די מענטשן פון דאָרט וואנדערן בא אים איבער פון בוך צו בוך. אומעטום באגעגנט איר שוין באקאנטע פארשוינען, מיט וועלכע איר האָט זיך ניט איין מאָל באגעגנט. זיי קומען צוגאסט, פארשווינדן און באווײַזן זיך ווידער. איר ווייסט שוין גוט זייער ייִכעס — זייערע זיידעס, טאטעס, זין און אייניקלעך, אשטייגער, אין שפּעטערדיקן ראָמאן „דער פאָטער" (1940) דערוויסט איר זיך די אָפּשטאמונג פון ביניאָמינען, סענדערלען און אנדערע העלדן; אין ראָמאן „פון לאַנד צו לאַנד" באגעגענען מיר באקאנטע פארשוינען פונעם פריִערדיקן ראָמאן „נילאָווקע". איר זעט דאָ בוזי פעוזנערן — איינעם פון די אנטדעקער פון די פאָספאָריטן אין נילאָווקע; איר דערוויסט זיך מער געניי וועגן דער בויונג פון די סופערפאָספאט־שאכטעס, וועגן 5־יאָריקן יובילײ פון דער דאָזיקער אנטדעקונג אאוו.

„פון לאַנד צו לאַנד" איז א מין העמשעך פון „נילאָווקע", און גלײַכצײַטיק — א סאָציִאלע און פילאָסאָפישע באזיניקונג פון „צוויי וועלטן". מע וואָלט געקאָנט דעם ראָמאן א נאָמען געבן ניט „פון לאַנד צו לאַנד", נאָר „פון וועלט צו וועלט", ניט געקוקט אף דעם, וואָס דאָ רעדט זיך וועגן דעם לעבנסשטייגער פון צוויי גרענעץ־שטעטלעך „פלוינע" און „נילאָווקע" (פאקטיש — פוילן און סאָוועטנפארבאנד).

ווי געזאָגט, איז די אופירונג פון די צענטראלע העלדן ביניאָמין און סענדערל דאָ ניט אינגאנצן ענלעך אף די געגנג פון מענדעלעס פארשוינען. אָפּט בײַטן זיי זיך מיט די ראָלן: סענדערל ווערט מער ענלעך אפן דאָנקיכאָטישן ביניאָמין — לויט זײַנע נאיִווע און פאנטאסטישע טרוימען און שטרעבונגען, און ביניאָמין, פארקערט, איז מער פראקטיש און גייט הארט בא דער ערד.

אין אלגעמיין זעען איצט אויס (און אפילע, מיר דוכט, דעמלט, ווען דאָס ווערק איז דערשינען, אין 1938) ביידע העלדן א ביסל פרימיטיוו, הינטערשטעליק. עס גלייבט זיך קוים, אז זיי זאָלן אזוי ניספּאָעל ווערן פון אן עראָפּלאן, פון א פאראשוט און פון אנדערע וואָכעדיקע זאכן פון אונדזער יאָרהונדערט. ביפראט נאָך, אז זיי זײַנען גאָר ניט אזוי ווײַט אָפּגעשיידט פון דער סאָוועטישער ערד, וועלכע זיי האָבן א מעגלעכקײַט אפילע צו באָבאכטן פון דעם דאך פון זייער ניט גאָר הויכער שטוב, און הערן נײַס וועגן דער „אנדער זײַט" — אי פון לעבעדיקע איידעס, אי פון בריוו.

באנאנד דערמיט פארמאָגט דאָס בוך א ריי געלונגענע רעאליסטישע שטייגער־שילדערונגען. מיר דערזעען פאר זיך דאָס אלטע ייִדישע שטעטל פון פוילן, דעם סאָציִאלן און נאציִאָנאלן אומרעכט, וואָס הערשט דאָרט, די טרוימען און פאָרשטעלונגען פון די ייִדישע אמכאָמענטשן וועגן גליק (פּאָשעט גערעדט — פארנאָסע).

מיטן ראָמאן „דער פאָטער" (1940) פארענדיקט זאבארע זײַן נילאָווקע־ציקל. דאָ גייען זיך צונויף קימאט אלע ליניעס פון זײַנע פריִערדיקע ווערק, דערין אויך פון זײַן ראָמאן „פון לאַנד צו לאַנד", וואָס שילדערט אייגנטלעך א שפּעטערדיקן פעריִאָד פון אונדזער געשיכטע. אין ראָמאן „דער פאָטער" איז באוויזן דער אָוואר און די פערספעקטיוון פון נילאָווקע, דער גוירל פון אירע פארשיידענע דוירעס — די עלטערן און קינדער. דאָ האָבן מיר פאר זיך די גאנצע דינאסטיע קרענדעל, פון וועלכער א טייל האָט זיך פארוואנדלט אין „דאָנסקאָי", לויטן צונעמעניש, וואָס דער אורפאָטער פון דער דאָזיקער מישפּאָכע, דער ניקאָלײַעווער סאָלדאט ארן־וואָלף קרענדעל, האָט געקראָגן פון דער נאטשאלסטווע פאר זײַנע גרויסע העלדנטאטן אין די רוסישע מילכאָמעס.

אָט אזוי הייבט זיך אָן דער „איילע טוילדעס" פון דער מישפּאָכע קרענדעל, פון וועלכע עס קומען ארויס ניט בלויז אזעלכע פארשוינען, ווי אײַזיק און שמוליק — די באלעבאטים פון סמאָליארניעס, בעקערײַען, פאבריקן און אנדערע אונטערנעמונגען און געשעפטן, נײַאופגעקומענע נעפּמאנישע „גאָבסעקן", נאָר אויך א נײַער דאָר רעוואָליוציִאָנערן, מוזיקאנטן, אינזשעניערן, וויסנשאפטלער, ארבעטער און קאָלווירטניקעס (פון אײַזיקס קינדער — נאכמען, סענדערל, שיינדל, פון שמוליקס קינדער — באסיע, אראָניע).

אין ראָמאן זײַנען געשילדערט א ריי געשעענישן פון בירגערקריג, וויִאזוי אין נילאָווקע האָבן געבאלעבאטעוועט פעטליורע, די ווײַספּאָליאקן און אלערליי באנדעס, די יאָרן פון נעפּ און קאָלעקטיוויזאציע פון דער לאַנדווירטשאפט, די ערשטע יאָרן פון אינדוסטריִאליזאציע.

זאבארע האָט אין ראָמאן „דער פאָטער" ארויסגעוויזן א סאך שעפערישע נײַסן אויך אפן געביט פון שפּראך און סטיל. דאָ זײַנען שוין ניטאָ יענע נאכלעסיקײַטן, וועלכע די קריטיק האָט אָפּגעמערקט אין זײַנע ערשטע ווערק, באזונדערס אינעם „ראַדיִאָ־ראָמאן". דער אווטאָר האָט ארײַנגעפירט פאָלקסטימלעכע אפאָריזמען, גלײַכווערטלעך, לידער און קופּלעטן, וואָס קלינגען דאָסראָוו קלוג, פריש און נײַ: א מיִעסע מויד האָט נאָך פײַנט דער שפּיגל אויך; איין אויג האָט מער גלויבן, ווי צוויי אויערן; ווען אלע מענטשן זאָלן זײַן אף איין זײַט, וואָלט זיך די וועלט לאנג איבערגעקערט; פרעמדע זײַנען טרײַ, ווען זיי זײַנען נײַ; פאר א שטיל וואסער, פאר א שטילן הונט און פאר א שטילן סוינע זאָל מען זיך היטן; אז די רייפן צעשפּרינגען זיך, מוז שוין די פאס זיך צעפאלן; ווי מע שטעלט דעם שטייגער, אזוי גייט דער זייגער; פון ליידיקע פעסער איז דער ליארעם שטענדיק גרעסער; א פרעמד ווײַב האָט א גאָלדן לײַב, און נאָך און נאָך.

א גאָר נײַעם פרוכטבארן שעפערישן פעריִאָד הייבט אָן זאבארע אין זײַנע נאָכמילכאָמע־ווערק. אליין אן אקטיווער אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע אלס זשורנאליסט און שלאכטמאן (אויך נאָך דער מילכאָמע איז ער א מיטארבעטער אין דער בערלינער צײַטונג „טעגלעכע רונדשאו"), האָט נאטאן זאבארע פארעפנטלעכט אין די פראָנט־צײַטונגען און אין דער דערמאָנטער דײַטשישער אויסגאבע פון דער סאָוועטישער אדמיניסטראציע אין בערלין א ריי ארטיקלען און רעפּאָרטאזשן וועגן דער הײַנטצײַטיקער רוסישער ליטעראטור, וועגן קינסטלער און קאָמפּאָזיטאָרן. א טייל פון די דאָזיקע מאטעריאלן איז שפּעטער ארײַן אין א ספּעציִעלער דײַטשישער קאָלעקטיוער זאמלונג אין בערלין וועגן ליטעראטור, מוזיק, טעאטער און קונסט. די דערפארונג פונעם בערלינער צײַט־אָפּשניט האָט שפּעטער געפונען אן אָפּשפּיגלונג אין זאבארעס ראָמאן „הײַנט ווערט געבוירן א וועלט", וואָס איז געווידמעט דעם לעצטן טאָג פון דער מילכאָמע אין בערלין („סאָוועטיש היימלאנד" 1965, נומ. 3).

אין אָט דעם ווערק האָט זאבארע טרעפלעך געוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון א נײַ־געבוירענער וועלט און אויך די סימפּטאָמען פון דעם אופקומענדיקן נעאָפאשיזם אין דײַטשלאנד, די רעוואנש־שטימונגען פונעם ניט דערשלאָגענעם פאשיזם, וועלכע אמעריקע און ענגלאנד האָבן אונטערגעהאָדעוועט פאר נײַע צוקינפטיקע אוואנטיורעס.

אין צענטער פונעם ראָמאן איז געגעבן דאָס געשטאלט פון דער פרײַלן עסטער (עריקע) האמבערג, דער טאָכטער פון הוגאָ פאָן האמבערג, וועלכער איז געווען און פארבליבן א נאצי. דערבײַ איז געגעבן די געשיכטע פון אירע אומגעבראכטע ייִדישער מוטער און ברודער, בא וועמען דער פאָטער דער מענוּוול האָט ארויסגעגאנוועט א דערפינדונג און אליין באקומען אף דעם א פּאטענט. דער דאָזיקער הוגאָ פאָן האמבערג איז אויך דער אווטאָר און פאבריקאנט פונעם ציקלאָן־גאז פאר די פּילצאָליקע גאז־קאמערן. איצט האָט ער קלוימערשט „כאראָטע“ און ווײַזט ארויס „ליבע“ צו זײַן טאָכטער עריקע.

דער פיפיקער כאמעלעאָן איז שוין אין די אמעריקאנער און ענגלישער זאָנעס לאנג „דענאציפיצירט“ געוואָרן און ער קאָן שוין ווײַטער פאָרזעצן זײַנע מײַסים־טאטוים אונטער די פליגל פון זײַנע געטרײַע באשיצער — די אמעריקאנער ביזנעסלײַט.

דער דאָזיקער פינצטערער קנופּיע ווערן אנטקעגנגעשטעלט די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער קאָמאנדשאפט — פּאָלקאָווניק סעליוואנאָוו, לייטענאנט גינזבורג און זײַן פרוי אנא, סאָוועטישע סאָלדאטן, די פרײַלן עריקע האמבערג און אנד.

זאבארע פארופט זיך געלונגען אף אן ארויסטרעטונג פונעם דײַטשישן שרײַבער בערנע, וואָס ווארפט א שײַן אף דער פראגע פון דער פרײַלן עריקע, פארוואָס די פאָרשטייער פון דער קאפּיטאליסטישער וועלט האסן אזוי שטארק אלדאָס סאָוועטישע, דערין אויך דעם פּאָלקאָווניק סעליוואנאָוו.

„איך לייען איצט דעם שריפטשטעלער בערנע, — דערציילט איר דער פּאָלקאָווניק סעליוואנאָוו, — דאָרטן איז פאראן אן אָרט, ווו ער שרײַבט, אז ווען פּיטאגאָר האָט אנטדעקט זײַן בארימטן געזעץ, האָט ער געבראכט פאר די געטער א קאָרבן הונדערט אָקסן, און פון דעמלט אָן ציטערן די אָקסן יעדעס מאָל, ווען עס ווערט אנטדעקט א נײַער עמעס. זיי האסן דען מיך? וואָס האָבן זיי דען צו מיר? דאָס האסן זיי דעם נײַעם עמעס, די גערעכטיקײַט, וואָס מיר טראָגן מיט זיך. איך אליין, אָן אָט דעם אלעמען, וואָס פאר א ווערט האָב איך פאר זיי? פּיטאגאָר האָט געבראכט א קאָרבן הונדערט אָקסן פאר איין עמעס, און זיי זײַנען גרייט מאקריוו זײַן הונדערט עמעסן פאר איין אָקס. און אפילע פאר א וואָלף. פאר אזא, ווי ס׳איז, צום בײַשפּיל, הער פאָן האמבערג...“

זאבארע איז איצט אלט געוואָרן זעכציק יאָר. ער איז טאקע אן אלטער שרײַבער, סײַ לויט זײַן עלטער און סײַ לויט זײַן שאפונג. די ערשטע דערציילונג — „א געשוויר“ — האָט ער אָפּגעדרוקט אין 1930 (אין זשורנאל „פּראָליט“). אזוי, אז מיר האָבן שוין א קײַמעלאָן פון קימאט 40 יאָר ליטערארישע טעטיקײַט. אָבער ניט געקוקט אף זײַן עלטער, האָט נאָך אין זיך זאבארע א סאך „יונגבאָכערישע“ גענג. פון זײַן אלטער נילאָווקע, ווי געזאָגט, לאָזט ער זיך אָפּ אוועק אין פארשיידענע עקסקורסן — פון לאנד צו לאנד, פון שטאָט צו שטאָט, פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט, און אין זײַנע אָפּטע רײַזעס איבער די וועגן און אומוועגן פון אונדזער געשיכטע און פון דער הײַנטצײַטיקײַט באגעגנט ער זיך מיט אינטערעסאנטע מענטשן, און ער דערוויסט זיך פון זיי א סאך פארכאפּנדיקע געשיכטעס.

זאבארע איז א רעאליסט. נאָר זײַן רעאליזם שליסט ניט אויס קיין ראָמאנטיק. ווי בא דאָסראָוו שרײַבער, איז אויך אין זײַנע ווערק פאראן א סאך אווטאָבייִאָגראפישעס, באזונדערס אין זײַן נילאָווקע־ציקל און אין זײַן ראדיִאָראָמאן. דאָס איז זייער לײַכט פעסטצושטעלן, ווען מיר באקענען זיך מיט אייניקע פּראָטים פון זײַן בייִאָגראפיע: ער איז געבוירן געוואָרן דעם 27 דעקאבער 1908 אין וואָלינער שטעטל ראָהאטשאָוו, געענדיקט א סאָוועטישע אוקראיִנישע מיטלשול, געדינט אין דער רויטער ארמיי אין א ראדיִאָ־באטאליאָן, זיך געלערנט אין אספּיראנטור באם קיִעווער ייִדישן אינסטיטוט. זײַן „נילאָווקע“ איז טאקע א פארשטעלטע קאָמבינאציע פון וואָלין (נילאָוו). אָבער צום אונטערשייד פון אנדערע, וועט איר בא זאבארען קימאט ניט געפינען קיין דירעקטע אווטאָבייִאָגראפישע אקצענטירונגען דורך דער דירעקטער איך־פאָרם. זאבארע סטארעט זיך, פארקערט (און אין דעם איז זײַן אייגנארט), צו רעאליסטיש־אָביעקטיווער, אמאָל אפילע נאטוראליסטישער שילדערונג, באזונדערס אין די עראָטישע קאָליזיעס, וועלכע זײַנען בא אים פאראן ניט ווייניק אין פארשיידענע ווערק. ער דערציילט זייער גערן וועגן דעם אורפאָטער, דעם ניקאָלײַעווער סאָלדאט ארן־וואָלף קרענדעל, אז ער האָט כאסענע געהאט מיט א נאָענטן ייִשוּווניקס א טאָכטער, וועלכע האָט געזינדיקט מיט איינעם א פּריצישן בענאָק; ער ברענגט ארײַן א ריי אנטבלויזטע סצענעס פון דעם „פאָטערס“ קינדער (פון ראָמאן „דער פאָטער“), וועלכע האָבן אף פארשיידענע אויפאנים „געזינדיקט“. אמאָל מאכט עס דעם אײַנדרוק, אז דער אווטאָר טוט עס ניט בלויז צוליב דער כאראקטעריסטיק פון זײַן העלד און פון דער סיטואציע, נאָר עס האָט פאר אים קימאט א זעלבשטענדיקע באדײַטונג. דאָס געהערט אויך צו זאבארעס אייגנארט. צי ס׳איז גוט, צי שלעכט, נעמען מיר זיך ניט אונטער אורטיילן. וויכטיק איז, וואָס דער דאָזיקער שטריך איז פאראן באם שרײַבער, און זײַן זאך איז עס אויסצונוצן אין עכט־קינסטלערישן זין מיט טאקט און געשמאק.

אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן שרײַבט זאבארע אייניקע ווערק, געווידמעט אונדזער נאָענטער און אפילע גאָר ווײַטער געשיכטע. אזא איז, לעמאָשל, די היסטאָרישע דערציילונג „אף געקרייצטע וועגן“ („סאָוועטיש היימלאנד“ נום. 12, 1966), ווו עס קרייצן זיך איבער די וועגן פון דער אוקראיִנישער און ייִדישער רעוואָליוציאָנערער ליטערארישער אינטעליגענץ — פון דער אוקראיִנישער שריפטשטעלערן לעסיא אוקראיִנקא (לאריסע), דעם ייִדישן שרײַבער מאָרדכע פײַערבערג פון זוויל (נאָוואָגראד־וואָלינסק), דעם אוקראיִנישן שרײַבער קאָטליארעווסקי, דעם יונגן אגיטאטאָר נאָוואָמיסקי (מוישע אָלגין) און אנד.

די נאָענטע היסטאָרישע פארגאנגענהײַט ווערט געשילדערט אין נ. זאבארעס נאָך ניט אינגאנצן פּובליקירטן ראָמאן־כראָניק „א פּאָשעטע מאמע“ („סאָוו. היימלאנד“ נום. 9—11, 1967). דאָס איז אן ערנסטער פּרווו

אין דער יידישער ליטעראטור צו געבן די העלדן פון אונדזער עפּאָכע, די קעמפער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

דער ראָמאַן איז אָנגעשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן (די דערציילונג פירט די „פּאַשעטע מאמע", אליין אן אקטיווע אָנטיילנעמערן אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג און אין די אָקטיאבער־געשעענישן), וואָס איז ביכלאל א זעלטנהייט אין זאבארעס ווערק. עס איז ארויסגעפירט א שלאל פּערזאָנען, צווישן זיי היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן — טשודנאָווסקי, פּאָדוואָיסקי אא.

דאָס גיט צו דעם ווערק אן אויטענטישע דאָקומענטאלע קראפט און איבערצייגונג, לעבט אוף היסטאָריש און קינסטלעריש די מענטשן און געשעענישן פון יענע יאָרן.

נ. זאבארע ארבעט שוין א ריי יאָרן איבער א היסטאָרישער קינסטלערישער טרילאָגיע, וואָס כאפּט ארום דעם פּעריאָד אָנהייבנדיק פונעם 13־טן יאָרהונדערט און ביז דער ערשטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט. אין דעם דאָזיקן ווערק אונטערן באדינגלעכן נאָמען „גאלגאל האכויזער" (גלגל החוזר), ס'הייסט „די וועלט דרייט זיך", פירט דער אווטאָר ארויס פּראָגרעסיווע טוער און שרייבער, יידן און ניט־יידן, ער שילדערט א ריי געשעענישן, טראגישע און העראָישע, וואָס באלייכטן דעם היסטאָרישן וועג און דעם גורל פון פעלקער, באזונדערס פונעם יידישן פאָלק, אין די אלע ווידעראנאנדן פון יערידעס און אופשטייגן, מאפּאלעס און ניצכוינעס פון דער אייראָפּעישער געזעלשאפט, פון מענטשלעכן געדאנק, קולטור און קונסט, די יאָרן פון מילכאָמעס און פרידן, גזיירעס און הומאניסטישע שטרעמונגען, פינצטערניש און ליכט.

די דאָזיקע טרילאָגיע איז פאר זאבארען ניט קיין צופעליקע. דעם שטויס צו אזא מין פאראנטוואָרטלעכער ארבעט האָט אים מיסטאמע געגעבן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע, ווען דער אווטאָר, אן אקטיווער אָנטיילנעמער פון דער גרויזאמער בלוט־באָד, איז געלעגן א פארווונדעטער אין גרוזיע. שוין דאן האָט ער אָנגעשריבן א כאראקטעריסטיש ארטיקל אין דער מאָסקווער צייטונג „אייניקייט" אונטערן נאָמען „לעכאים", ווו עס ווערט איבערגעגעבן א געוויסער מילכאָמע־עפּיזאָד, און צווישן אנדערן ווערט אויך דערציילט וועגן א גרוזינישן יידן, דעם געלערנטן אראָן קריכעלי, פאַרוואלטער פונעם מוזיי פון די גרוזינישע יידן, וועלכער האָט דאן געאַרבעט אף דער טעמע וועגן די צווישנבאציִונגען פונעם גענייאלן גרוזינישן דיכטער שאָטא רוסטאוועלי מיט די יידן פון זיין צייט.

דאָס ארטיקל „לעכאים", וואָס איז אָנגעשריבן אין 1943, שוין נאָך די שלאכטן פאר סטאלינגראד, מאכט אונדז אין א היפשער מאָס קלאָר דעם אופגעוועקטן אידייִש־שעפערישן אינטערעס פון נאטאן זאבארע צו דער ווייטער געשיכטע און צו אונדזער הײַנטצײַטיקייט אין אייניקלאנג, וואָס דאָס אלץ דארף באקומען א סינטעטישן פאראלגעמיינערטן רעזאָנאנס אין דער פארטראכטער טרילאָגיע. לאָמיר אים, דעם אלט־יונגן שרייבער זאבארע, ווינטשן דערפאָלג אין דער דאָזיקער פאַראנטוואָרטלעכער ארבעט.

צו זיין זעכציקיאָריקן געבורטסטאָג טרעט צו זאבארע צו נייע, געוואגטע שעפערישע אופטוען אין דער ליטעראטור, שעפּנדיק ווייטער פון דער טעמע וועגן דעם געבורט פון א נייער וועלט.

●

כראָניק

לעקאָוועד די אופשטענדלער פון סאָביבאָר

אָשווענטשים, טרעבלינקע, מײַדאַנעק, סאָביבאָר... ווי קאָן מען פארגעסן די דאָזיקע און נאָך פיל שוידערלעכע פאשיסטישע טויט־לאגערן, ווו די ערד איז דורכגעזאפּט מיט בלוט, ווו אין די גאז־קאמערן זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אזויפיל מענטשישע לעבנס.

די אסירים זיינען אָבער ניט געגאנגען צום טויט, ווי שאָף צו דער שכיטע. זיי האָבן ארויסגעשטעלט א העלדישן ווידערשטאנד. מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק, אין אָקטיאבער 1943, איז פאָרגעקומען די באוואָפנטע ארויסטרעטונג פון א גרופּע אסירים פון סאָביבארער לאגער בעראָש מיטן סאָוועטישן אָפיצער אלעקסאנדער אראָנאָוויטש פּעטשערסקי.

דעם סאָביבארער טויט־לאגער (אין לובלינער וואָיעוואָדסטווע) האָבן די היטלעריסטן אויסגעבויט אין מײַ 1942. פאר 18 כאדאָשים זיינען אין אים אויסגעהארגעט געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן. נאָך דעם אופשטאנד האָבן די היטלעריסטן ליקווידירט דעם לאגער.

צום יאָרטאָג פון אָט דעם אופשטאנד האָט דער ראָסטאָווער געגנט־קאָמיטעט פון די וועטעראנען פון דער רעוואָליוציע און פון דער מילכאָמע, צוזאמען מיטן שטאָטקאָם פון קאָמיוג, אָרגאניזירט דעם 12 אָקטיאבער א מאסן־באגעגעניש מיט די לעבנגעבליבענע אָנטיילנעמער פון דעם אופשטאנד.

די באגעגעניש איז פאָרגעקומען אין קולטור־פּאלאץ פון די ענערגעטיקער. אין פּרעזידיום זיינען געזעסן די געוועזענע סאָביבארער אופשטענדלער ארקאדי ווייספּאפּיר, אלעקסיי וויצען, כאים ליטווינאָווסקי, שימען ראָזענפעלד, נאָכעם פּלאָטניצקי. פון מאָסקווע זיינען געקומען דער פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר פון „סאָוועטיש היימלאנד" מישע לעוו, די אווטאָרן פונעם בוך וועגן סאָביבארער טויט־לאגער „בעסער צוריק ניט קומען" — וואלענטין טאָמין און אלעקסאנדער סינעלניקאָוו, פון באקו — א דעלעגאציע פון באקוער שול־אינטערנאט נומ. 12 אף מאקארענקאָס נאָמען, די לערערן ווערא נעדאָסעקאָווא און צוויי שילער פון אכטן קלאס. אין זאל האָבן זיך צווישן אנדערע געפונען פאָרשטייער פונעם מאשינבוי־זאוואָד, ווו עס ארבעט היינט דער אָנפירער פונעם אופשטאנד אלעקסאנדער פּעטשערסקי.

דעם אָוונט האָט געעפנט דער פאַרוואלטער פונעם אידעאָלאָגישן אָפּטייל באם שטאָטקאָם פון קאָמיוג י. קאָזשעווניקאָוו. רירנדיק איז געווען די באגריסונג פון דער פּיאָנערישער מאכנע פון דער ראָסטאָווער 39־טער שול (די פּיאָנער־מאכנע טראָגט דעם נאָמען פון א. פּעטשערסקי), די ארויסטרעטונג פון דער סטודענטקע פונעם ראָסטאָווער אוניווערסיטעט ס. אָסקאַרבינא, די ווענדונג צו דער יוגנט פון די פאָרשטייער פונעם באקוער שול־אינטערנאט נומ. 12.

אין דער קינסטלערישער טייל פונעם אָוונט האָבן די זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון באם ראָסטאָווער קולטור־פּאלאץ געזונגען און דעקלאמירט לידער וועגן פעלקער־פריינטשאפט, וועגן קאמף פאר שאָלעם.

●

א קולטור־פייערונג מיט 20 יאָר צוריק

זעכציק יאָר זיינען אריבער זינט דער ערשטער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען סאָף אווגוסט — אָנהייב סענטיאַבער 1908 אין טשערנאָוויץ.

ס׳איז באַדויערלעך, וואָס מיר פארמאָגן ניט קיין סטענאָגראפישן באריכט; דער איינציקער דאָקומענט איז דער זאמלבוך „די ערשטע ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ“[1], רעפּאָרטאזשן און איינדרוקן פון א טייל אָנטיילנעמער, געזאמלטע לויט דער פּרעסע פון 1908.

אינטערעסאנט צו דערמאָנען איז אָבער ניט בלויז די קאָנפערענץ גופא, נאָר אויך די שיינע קולטור־טראדיציע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין טשערנאָוויץ נאָך דער קאָנפערענץ. וועגן אָט דער טראדיציע וויל איך דאָ עטוואָס דערמאָנען.

בייס דער פאָלקסציילונג פון 1910 האָבן די ייִדישע פּראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכע קרייזן, אונטערגעשטיצט פון דעם סאָציאַליסטישן סטודענטן־פאריין „ייִדישע קולטור“, א סאך אופגעטאָן אף צו פארשטארקן די פּראָגרעסיווע טענדענצן אין ייִדיש. אין 1918, ווי נאָר די ערשטע וועלט־מילכאָמע האָט זיך פארענדיקט, איז אנטשטאנען דער „ייִדישער שול־פאריין פאר בוקאָווינע“, ווען עס איז געווען די פארשפּרייטונג פון ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור. אינגיכן איז גערופן געוואָרן די ערשטע קולטור־קאָנפערענץ פאר „אלטרומעניע“, בעסאראביע און בוקאָווינע, ס׳איז געשאפן געוואָרן די ייִדישע קולטור־פעדעראציע („קולטור־ליגע“). עס געדענקט זיך, אז מוישע אלטמאן, וועלכער איז שוין דעמלט געווען באוווּסט אלס פּראָזאיִקער און עסעיִסט, האָט זיך אויך ארויסגעוויזן ווי א טאלאנטירטער רעדנער. ס׳איז טאקע געווען א קלוגער איינפאל, וואָס דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער קולטור־פעדעראציע האָט אים באשטימט אלס אן אינסטרוקטאָר, און ער האָט דורכגערייזט דאָס לאנד פון איין עק ביזן אנדערן מיט ליטערארישע פאָרטראָגן.

עס דארף אויך דערמאָנט ווערן די פארלעגערישע ארבעט פונעם פּראָגרעסיוון פארלאג „קולטור“, וועלכער האָט אכוץ די זשורנאלן „קולטור“ און „שויבן“, די וואָכנצייטונגען „אונדזער וועג“ און „אונדזער וואָרט“ ארויסגעלאָזט עליִעזער שטיינבארגס „אלעפבייס“ און א סעריע פּראָפּאגאנדע־בראָשורן.

ס׳איז אונטערגעקומען דאָס יאָר 1928. דער ייִדישער שול־פאריין האָט באשלאָסן דורכפירן די פייערונג פונעם 20־יאָריקן יובילײ פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. די שוועריקייטן זיינען אָבער באשטאנען אין דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון די אקטיוויסטעטוער האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין אנדערע מעקוימעס. עליִעזער שטיינבארג, וועמענס שכינע האָט אונדז געווארעמט א סאך יאָרן, איז אין 1927 פארבעטן געוואָרן קיין בראזיליע אלס אָנפירער פון די שאָלעם־אליכעם־שולן. יאנקעוו שטערנבערג, איינער פון די זיילן פון דער קולטור־פעדעראציע, האָט זיך געפונען אין בערלין, ווו ער איז געווען פארנומען מיט א פילם־סצענארי. פאר אונדז איז געשטאנען די פראגע, וויִאזוי צו פארזיכערן די געהעריקע אָרגאניזאציע פון די פייערונגען. צוליב אָט דעם צוועק האָט דער אויספיר־קאָמיטעט פונעם שול־פאריין קאָמאנדירט דעם שרייבער פון די שורעס קיין בוקארעשט מיט אן אופגאבע צו פארזיכערן די מיטארבעט פון די דאָרטיקע פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס.

די בוקארעשטער כאווײרים האָבן זיך פולשטענדיק סאָלידאריזירט מיט אונדזער באשלוס. טייקעף נאָך מיין

פון רעכטס אף לינקס: ה. נאָמבערג, כ. זשיטלאָווסקי, שאָלעם אש, י.־ל. פּערעץ, אווראָם רייזען אף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

[1] ארויסגעגעבן פון ייִדישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט. ווילנע, 1928.

אומקערן זיך האָט דער שול־פאריין צונויפגערופן א זיצונג, וועלכע האָט אויסגעקליבן א קאָמיסיע אף אויסארבעטן דעם טעקסט פון אן אופרוף וועגן די ציִלן פון די פּײַערונגען.

די ערשטע רעאקציע איז געווען — ווי צו דערווארטן — א נעגאטיווע, די אָרטיקע אָרגאניזאציעס פונעם „בונד“ און פון די רעכטע פּויאלעציִען האָבן אונדז געענטפערט, אז זיי וועלן זיך ניט זעצן מיט באָלשעוויסטישע עלעמענטן בא איין טיש. דערפאר אָבער האָבן מיר אין אייניקע טעג ארום באקומען באגריסונגען פון די פּראָגרעסיווע ייִדישע אָרגאניזאציעס פון רומעניע און פון אנדערע לענדער פון דער וועלט. אין דער ערשטער ריי האָבן זיך אָפּגערופן די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ פון 1908 — דר. סאָטעק (רומעניע), נויעך פּרילוצקי (פּוילן), אווראָם רייזען, דר. כאִים זשיטלאָווסקי (אמעריקע) און א סאך אנדערע. אייניקע פון זיי האָבן זיך אָנגעבאָטן צו קומען נעמען אָנטייל אין די פּײַערונגען.

פּונקט ווי אין 1908, ווען דער קעהילע־פּרעזידענט דר. שטרויכער האָט אין די לעצטע שאָען פארן עפענען די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ צוריקגעצויגן זײַן צוזאָג צו לאָזן דורכפירן די ערשטע זיצונג אין נאָרוואָס אופגעבויטן „ייִדישן הויז“, און מ'האָט אריבערגעטראָגן די פּײַערלעכע עפענונג אין הויז פון דער אוקראַיִנישער ראדע, — אזוי אויך איצט האָבן די מאָשלים פון דער קעהילע עטלעכע שאָ פארן אָנהייב פון די פּײַערונגען זיך אָפּגעזאָגט ארײַנצולאָזן אין זאל פונעם „ייִדישן הויז“ די „באָלשעוויסטיש אָריִענטירטע עלעמענטן“, און מיר זײַנען געפאלן אף א האמצאָע צו דינגען דעם זאל... פון שטאָטראט.

...דער זאל איז פולגעפּאקט (בא 300 דעלעגאטן). ס'איז שוין האלב 5 נאָכמיטיק. מירווארטן אף די געסט.

ווען איך בין געשטאנען פארן ראָטהויז און זיך צוגעקוקט צו די אָנקומענדיקע פיאקערס פון דער באן, איז אדורכגעגאנגען דער רעדאקטאָר פון דער בונדישער צײַטונג דר. י. קיסמאן, און, דערזעענדיק מיך, האָט ער איראָניש א פרעג געטאָן: „נו, וואָס הערט זיך? וויפל געסט זײַנען שוין אָנגעקומען פון דער וועלט?“

דערווײַל איז צוגעפאָרן צום ראָטהויז אונדזערער א כאווער, א שאָפער, מיט דער מאשין פון זײַן באלעבאָס. מיר זײַנען גלײַך אוועקגעפאָרן צום וואָקזאל, און פּונקט דעמלט איז אָנגעקומען דער פּוילישער צוג, פון וועלכן ס'זײַנען ארויסגעשטיגן דר. צעמעך שאבאד, נויעך פּרילוצקי, זאלמען רייזען, און דער באוווּסטער וואָרט־קינסטלער הערץ גראָסבארט, וועמען יאנקעוו שטערנבערג, וואָס האָט דעמלט געווילט אין בערלין, האָט צוגעראָטן צו פאָרן.

ווען מיר זײַנען ארײַן אין זאל, האָט דער פּאָרזיצער פּונקט אָנגעהויבן די זיצונג מיט די ווערטער: „ליבע כאוויירים“... — און דערזעענדיק אונדז מיט די טשעמאָדאנעס, האָט ער פאָרגעזעצט: „...און די נאָרוואָס ארײַנגעקומענע ליבע געסט!“ דער אָנגעפּראָפּטער זאל האָט פריידיק אפּלאָדירט.

דער ערשטער האָט גערעדט מוישע אלטמאן. באגריסנדיק דעם אוילעם אין נאָמען פון דער פּראָגרעסיווער שרײַבער־גרופּע, האָט ער דערציילט וועגן דעם ווּוקס פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור אין פּעריִאָד פון 1908 און ביז 1928. „מיר מערקן הײַנט אָפּ דעם 20־יאָריקן יויוול פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ, פון דער קאָנפערענץ, אף וועלכער דער גרויסער י.־ל. פּערעץ האָט געזאָגט זײַן וואָרט וועגן ייִדישער קולטור. מיר רופן זיך הײַנט איבער מיט אלע פּראָגרעסיווע ייִדישע שרײַבער און קולטור־בויער — ווּ זיי זאָלן ניט זײַן, אין פּוילן און אמעריקע, אין ארגענטינע און בראזיליִע, אין ענגלאנד אין קאנאדע און אכרוין־אכרוין אין סאָציִאליסטישן ראטנפארבאנד“...

נאָך אלטמאנען האָט גערעדט זאלמען רייזען, וועלכער האָט באגריסט די פארזאמלטע אין נאָמען פון ייִדישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אפן אָפּקלאנג, וואָס די שפּראַך־קאָנפערענץ האָט געהאט אף דער פּראָגרעסיווער קולטור אין פארלויף פון די צוואנציק יאָר. דער רומענישער שרײַבער בארבו לאזארינו האָט אין א ווּנדערלעך קאָנדענסירטער פאָרם גערעדט וועגן די אײַנפלוסן פון „טשערנאָוויץ“ אפן „אלטרומענישן“ ייִדנטום. מיט באגריסונגען זײַנען אויך ארויסגעטראָטן דר. צ. שאבאד, נויעך פּרילוצקי און דער קינדער־פּסיכאָלאָג דר. סראָל רובין (בערלין), וועלכער האָט גראָד דעמלט געמאכט א נעסיִע איבער רומעניע מיט לעקציעס.

אין צוויי טעג ארום האָט דער בונדיסטישער קולטור־פאריין „מאָרגנרויט“ פארבעטן צו זיך די געסט פון פּוילן און אויך אייניקע אָנפירער פון דער קולטור־פעדעראציע. דאָ איז דער שמועס א ביסל הייס צוגעגאנגען. ווען די בונדישע טוער האָבן גענומען אָנגרײַפן אף דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, האָבן זאלמען רייזען און מוישע אלטמאן זיי באצאָלט די קאָפּעקעס...

יאָ, די טשערנאָוויצער פּײַערונג פון 1928 יאָר איז געווען א שלאכט פאר די פּראָגרעסיווע טענדענצן אין דער ייִדישער קולטור, ליטעראטור און שפּראַך.

מעשולעם סורקיס

בײַם דער פּײַערונג, געווידמעט זעם 20־יאָריקן יובילײ פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. פ ו ן ר ע כ ט ס א ף ל י נ ק ס: זאלמען רייזען, נויעך פּרילוצקי, איציק מאנגער

צו דער געשיכטע פון ייִדישע פאַמיליע־נעמען

א גרויסע צאָל ייִדישע פאַמיליע־נעמען זײַנען געבילדעט אפן סמאך פון דער באַשעפטיקונג פון די, וואָס האָבן זיי אָנגענומען. די פאָרשונג פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פאַמיליע־נעמען (באַלמעלאָכישע, סאָכרישע, פאַרמיטלערישע אאַ.) גיט אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל צו אופשטעלן דאָס בילד פונעם ייִדישן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין רוסלאַנד אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

אין אונדזער צײַט פאַלן די דאָזיקע פאַמיליע־נעמען קימאַט קיינמאָל ניט צונויף מיט דער פאַקטישער באַשעפטיקונג און פּראָפעסיע פון זייערע טרעגער. די בירגער, וועמענס פאַמיליע עס איז שנײַדער, שוסטער, שויכעט אָדער כאַזין, זײַנען איצט ניט קיין שנײַדערס און שוסטערס און אוואַדע ניט קיין שאָכטים און כאַזאָנים.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זײַנען בא אונדז אין לאַנד פאַרשוווּנדן די סאָכרישע און פאַרמיטלערישע שיכטן, ס׳האָבן זיך שטאַרק געענדערט און טיילווײַז זײַנען אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן די באַלמעלאָכישע פּראָפעסיעס. סע האָט אָנגעווירן איר ווירקונג די רעליגיע, און די פּראָפעסיעס, וואָס זײַנען געווען מיט איר פאַרבונדן, זײַנען פונעם לעבן אליין אָפּגעשאַפן געוואָרן. אָבער די פאַמיליע־נעמען, וואָס האָבן בעשײַטע אָפּגעשפּיגלט די עמעסע פּראָפעסיאָנעלע באַשעפטיקונג, זײַנען איבערגעגאַנגען צו די ווײַטערדיקע דוירעס און זיי דינען ביז הײַנט.

פון יאָרנלאַנג, נאָך איידער עס זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן פעסטע פאַמיליע־נעמען, פלעגן די אײַנוווינער פון שטאָט און שטעטל אָנרופן איינער דעם אנדערן מיט א צונאָמען, וואָס האָט באַטײַט די באַשעפטיקונג, ביכדיי צו אינדיווידואַליזירן די מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן איינעם און דעם זעלבן פּערזענלעכן נאָמען: בערל שוסטער, מאָטל קאַמזויל, כאַיִם מעלאַמעד, מענדל קרעמער. אין קליינעם שטעטל האָבן אלע אײַנוווינער געקענט איינער דעם אנדערן פּערזענלעך, און קיין באַדערפעניש אין א באַזונדערן פאַמיליע־נאָמען איז ניט געווען. צענדליקער יאָרן נאָכן אָנעמען פאַמיליע־נעמען האָט מען זיך אָנגערופן לויט די צונעמען און ניט לויט די פאַמיליעס, וועלכע זײַנען געווען פאַרשריבן אין די מעטריקעס און „פּאָסעמיינע ספּיסקעס“ (מישפּאָכע־צעטלען). מיט פאַמיליע־נעמען האָט מען זיך באַנוצט סײַדן בעשאַסן ארויסנעמען א פּאַס באַם אריבערפאָרן פון דעם אײַנגעזעסענעם אָרט אין אַן אנדערן, באַם שטעלן זיך צום פּריזיוו און אין ענלעכע פאַלן.

אָט דער שטייגער איז אָפּגעשפּיגלט אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נעמט, לעמאָשל, שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“. פון די 43 מענלעכע פּערזאָנען, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, איז נאָר איינער, דער שטעטלדיקער גוויר, אָנגערופן לויט זײַן פאַמיליע־נאָמען לוריע. אלע איבעריקע רופט מען נאָכן פּערזענלעכן נאָמען מיט א צונעמעניש, וואָס באַטײַט איבערהויפּט די באַשעפטיקונג: יאָסל דער גאָלדשמיד, נאַכמען דער סטאָליער, בערע שוסטער, הערש־בער דער כאַזן, ארן דער שאַמעס, מוישע דער אײַנבינדער, לייבקע דער וואַסערפירער, מענאַשע דער רויפע, יוינע בייגלבעקער, מענדל שויכעט, באָרעך קוואַסניק, גדאַליע קאַצעוו, ייִדל דער שרײַבער אאַוו. זייערע פאַמיליע־נעמען ווייסט מען ניט. און אפילע דער איינער, וואָס מע רופט אים לויט דער פאַמיליע, איז ניט סטאַם לוריע, נאָר האָט אויך זײַן צונאָמען — „דער נאָגיד“.

אין שאָלעם־אַלייכעמס אווטאָביִאָגראַפיש ווערק „פונעם יאַריד“, ווו עס ווערן ארויסגעפירט רעאַלע, לעבעדיקע אײַנוווינער פונעם שטעטעלע וואָראָנקע מיט זייערע עמעסע נעמען און צונעמענישן, דערוויסט מען זיך בלויז אין צוויי פאַלן די פאַמיליע־נעמען: בערל ליפשיץ און דעם אווטאָרס פעטער ניסל ראַבינאָוויטש. דער פאַמיליע־נאָמען פונעם לעצטן איז באַוווּסט, ווײַל ער האָט צו טאָן מיט „נאַטשאַלסטווע“. אָבער ווײַטער רופט מען אים אין שטעטל, גלײַך ווי זײַנע צוויי ברידער, „וועוויקס“ (נאָכן פאָטערס נאָמען): ניסל וועוויקס, נאָכעם וועוויקס און פּיניע וועוויקס. אלע איבעריקע פּערזאָנען ווערן אין שאָלעם־אַלייכעמס אווטאָביִאָגראַפיע אויך אָנגערופן מערסטנטייל לויט דער באַשעפטיקונג: נאָטע מעלאַמעד, מוישע שויכעט, מייער־וועלוול באַלעגאָלע אאַוו.

בעשאַסן אָנעמען די פאַמיליע־נעמען אָף אַן אָבליגאַטאָרישן אויפן זײַנען די פאַכמענערישע צונעמענישן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סטאַבילע פאַמיליע־נעמען, וואָס דינען אויך אין אונדזער צײַט.

אין אונדזער קאַרטאָטעקע, וואָס נעמט ארום העכער 6000 פאַמיליע־נעמען, פאַרנעמען די פאַכמענערישע בא 20 פּראָצענט, און צווישן זיי בילדן די באַלמעלאָכישע פאַמיליע־נעמען קאָרעוו צו 60 פּראָצענט. דער סאַמע פאַרשפּרייטסטער פאַך צווישן די ייִדישע באַלמעלאָכעס אין פאָריקן יאָרהונדערט איז געווען שנײַדערײַ. מיט דעם איז צו דערקלערן דעם שלאָל שנײַדערשע פאַמיליע־נעמען בא ייִדן. א טייל פון זיי זײַנען די באַצייכענונג פון שנײַדער אין פאַרשיידענע שפּראַכן: אין ייִדיש — שנײַדער, שנײַדערמאַן, שנײַדערזאָן; שניידער און מיט די רוסישע ענדונגען — שניידעראָוו און שניידעראָווסקי; אין העבֿרעיִש — כאַיִט, כאַיעט, כאַעט, כײַט און געבילדעטע פון דעם שוירעש מיט רוסישע ענדונגען — כאַיוטין, כײַטאָוו, כאַיִטאָוו, כײַטאָווסקי, כאַטאַיעוויטש; אין רוסיש — פּאָרטנאָי; אין אוקראַיִניש און פּויליש — קראַוועץ.

די פאַרקלענערונגס־פאָרמען באַווײַזן אָף דער ביטלבאַציִונג צום באַלמעלאָכע אָדער זיי זײַנען אָנגעווענדט צו שנײַדער־יונגען, נאָך ניט קיין זעלבשטענדיקע שנײַדער: כייטאַן, קראַווטשיק (פּויליש), קראַווטשוק (אוקראַיִניש).

אין א ריי שנײַדערשע פאַמיליע־נעמען איז אָנגעוויזן די ספּעציִאַליטעט אינעם פאַך:

דאָס ערשטע אַרטיקל אָף דער זעלבער טעמע זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 7, 1968.

1. נייער פון ווינטערדיקע מאַלבושים: פעלץ, פעלצער, פעלצמאַן[1]; פיטער און פיטערמאַן (פּוילישער דיִאַלעקט), פוטער און פוטערמאַן; קערזשנער, קירזשנער און קורזינער (פאַרקריפּלט), קושנער, קושניר און קושניראָוו — פון פּוילישן Kuśnierz וואָס שטאַמט פון דײַטשישן Kürschner, מיט דער רוסישער ענדונג „אָוו“, טילים און טיליליב (פאַרקריפּלט), טיליפּמאַן פון רוסישן тулуп; קאָזשושניאַן פון אוקראַיִנישן Кожух — א פעלץ פון שעפּסן־שמויסן; שמויס און שמייסעלמאַן.

2. הויזן־נייער: גאַוווזען און נייגאָווזען (דער יִידישער דיפטאָנג „וי“ איז פאַרוואַנדלט אין רוסישן „אָוו“ און דער זילב „ה“ איז טראַנסקריבירט דורכן רוסישן „г“.

3. א ביליקער מאַרק־שנײַדער: טאַנדיט און טאַנדעטניק.

4. אן איבערניצעווער פון אַלטע מאַלבושים: אַלטגאָווזען — אַלטאַוזען און שטוקמייסטער.

5. א ווײַבערשער שנײַדער — קליידמאַן.

א צווייטע גרופּע פון שנײַדערשע פאַמיליע־נעמען איז געבילדעט לויט די נעמען פון שנײַדערשע ניי־מאַכשירים.

6. שער — שערמאַן, שערמאַנזאָן און שערעל; נאָדעל, נאָדעלמאַן און נודעל (פּוילישער דיִאַלעקט), נודעלמאַן; פינגערוט און פינגאַרעט; נודעלשטעכער און איגאָלניק (א קישעלע פאַר נאָדלען); פּרעס, פּרעסמאַן, פּרעסײַזען, שערײַזען, אײַזען און אײַזענמאַן (די לעצטע צוויי פאַמיליע־נעמען קאָנען באַטײַטן אויך א הענדלער מיט אײַזנוואַרג).

א דריטע גרופּע איז געבילדעט נאָך די נעמען פון די אָנגעווענדטע מאַטעריאַלן: פּודים און פּאָדים, פּודימאַן און פּאָדימאַן (די צוויי „מ“ אין די ווערטער „פּאָדים“ און „מאַן“ זײַנען צונויפגעגאָסן אין איין „מ“); קנאָפּ, קנעפּל, קנעפּער, גוזיק (אוקר.), אוק.

צום שנײַדער־פאַך האָבן געהערט אויך די היטלמאַכער, וואָס פלעגן אָפט זײַן אויך שנײַדער. אָט זײַנען זייערע פאַמיליע־נעמען:

גוטמאַכער, גוטנמאַכער, גיטלער, גיטעלמאַכער, גאָטמאַכער — פונעם וואָרט „הוט“, דײַטש Hut (דער אָס „ה“ איז איבערגעגעבן דורכן רוסישן „г“); מיצמאַכער, מיצענמאַכער און מיצעלמאַכער; קאַפּעליוש, קאַפּעליושניק און קאַפּעליושניקאָוו; שאַפּאָשניק, שאַפּאָטשניק און שאַפּאָטשניקאָוו (רוסיש).

דאָס צווייטע אָרט צווישן די באַלמעלאָכישע פאַמיליע־נעמען פאַרנעמען די, וואָס באַצייכענען די באַשעפטיקונגען פון מענטשן, וועלכע באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט שפּײַז־פּראָדוקטן:

מיט ברויט — ברויטמאַן און ברייטמאַן (ליטוו. דיִאַלעקט); בעקער און בעקערמאַן; פּעקאַר און פּעקאַרסקי (רוסיש); בייגעל, בייגעלמאַן, בייגעלמאַכער, בובליק (רוסיש); זעמעלמאַן, בולקין (רוסיש); אויפּע און אויפּאַ (העברעיִש — אופה, דה. בעקער), מעלמאַן; מיט מאַצע אַף פּייסעך — מאַצאַ, מאַצעבעקער, שיבער;

מיט קאָנדיטערײַ — לייקאַך, צוקערניק, צוקערקאַנדעל און קאַנדעלצוקער, פּעטשעני, פּעטשעניק (אוקר.);

מיט בראַנפן — גוראַלניק (פּויליש górzelnja), גאָרעליק (אוקר. горілка), בראַנפמאַן און בראַפמאַן (ארויסגעפאַלן די „נ“), בראָנפענברענער, בראַנטמאַן;

מיט ווײַן — ווײַנער, ווײַנערמאַן, ווײַנמאַן און ווײַמאַן (ארויסגעפאַלן די „נ“); ווינאַר[1], ווינאַראָוו און ווינאַרסקי (אוקר.); ווינאָקור און ווינאָקוראָוו (רוסיש), ווינניק און ווינניקאָוו[2]; געפּען, געפּפען, גאָפּען, גאַפּאַנאָוויטש (העבר. גפן — ווײַנשטאָק) — זעט אויס, א צוגרייטער פון קאָשערן ווײַן אַף פּייסעך; צו דער גרופּע דאַרף מען אויך צורעכענען די פאַמיליע־נעמען ווײַנשטאָק, ווײַנטרויב, ווײַנטראַוב, ווײַנטראָב און ווײַנרוב (די „ט“ ארויסגעפאַלן) און ווינאָגראַד, ווינאָגראַדאָוו (רוסיש);

מיט ביר — בירמאַן, בראָווער, בראָווערמאַן און ברײַמאַן (פון דײַטשישן brauen — קאָכן ביר), בירברײַער און בירבראָווער, מעלצער, מאַלצמאַן און סאָלאָדאָווניק (רוסיש), פּיוואָווער און פּיוואָווראָוו (רוסיש).

א בעקאָוועדיק אָרט פאַרנעמען ווײַטער די פאַמיליע־נעמען פון סטאָליערשן און בויער־פאַך:

1. סטאָליאַר, סטאָליאַראָוו און סטאָליאַרסקי; טישלער, זייגמאַן און זייגעלמאַן; גיבעל, גובעלמאַן (הובעלמאַן), טעסלער, טאָקאַר און טאָקאַרסקי, שניצער;

2. פאַרבער, פאַרבעראָוו, באַרשט און בערשטעל, מאַלער און קראַסילאָוו;

3. גלייזער, גלייזערמאַן, גלאַז, גלאַזמאַן, גלאָזמאַן (ליטוו.) און גלוזמאַן (פּויל. דיִאַל.); סקליאַר, שקליאַר, סקליאַרוק, סקליאַנסקי, סקליאַרסקי (אוקר.); קיט.

די שוסטערשע מעלאָכע איז אויך אָפּגעשפּיגלט אין די פאַמיליע־נעמען אַף פיר שפּראַכן:

יִדיש — שיסטער און שוסטער, שיסטערמאַן און שוסטערמאַן, שיך און שיכמאַן, שטיוועל און שטיוועלמאַן;

העברעיִש — סאַנדלער (אין אַלט־יעהודע — א נייער פון לײַכטע סאַנדאַלן); רוסיש — סאַפּאָזשניקאָוו; אוקראַיִניש — פּאָסטאָלאָוו, פּאָסטעלמאַן, שקראָב און שקראַבאָוו.

די יִדישע באַלמעלאָכישע פאַמיליע־נעמען זײַנען געבילדעט קימאַט פון אַלע פאַכן. אין א זשורנאַל־אַרטיקל איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אויספירלעכער פאָרשונג, פאַרן עטימאָלאָגישן, לינגוויסטישן און קולטור־היסטאָרישן אַנאַליז. א צעטל פון די יִדישע באַלמעלאָכישע פאַמיליעס פון אַנדערע פאַכן, בלויז אן אויסרעכענונג פון זיי, וועלן מיר דאָ ווײַטער געבן:

אײַנבינדער — אײַנבינדער און אַנבינדער, קוירעך (העבר.), פּערעפּליאָטשיק און פּערעפּליאָטשיקאָוו (רוסיש).

באַלעגאָלע — באַלאַגולאַ (העבר.), פורמאַן, פורער און פירער, פערדמאַן און פערטמאַן (רוסיפיצירט), שמײַסער.

באָדנער — באָנדאַר, פאַס, פאַסמאַן.

בויער — מוליער, מולערמאַן און מילערמאַן; צימערמאַן, ציגעלמאַן און צעגעלניצקי.

בעדער —ביידער, ביידערמאַן, בידערמאַן, בודמאַן, בודזאָן, מיקווע;

בלעכער — בלעכער, בלעכמאַן, בליאַכער, בליאַכמאַן.

גאָלדשמיד — גאָלדשמיט, גאָלדשמידט, גאָלדמאַן, צוירעף (העבר.), זלאָטניק, זלאָטניצקי און זאָלאָטניצקי (רוסיש).

דרוקערײַ — דרוקער, זעצער, מאַגיאַ און באַלמאַגיאַ (העבר. מגיה — קאָרעקטאָר).

---

[1] ניט צו פאַרבײַטן מיט פעלצמאַן, וואָס איז געבילדעט פון וואָרט פעלד, פעלדס־מאַן: דער קלאַנג „דס“ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „צ“.

[1] ניט צו פאַרבײַטן מיט ווינער, וואָס איז געבילדעט פונעם נאָמען פון דער שטאָט ווין.

[2] ניט צו פאַרבײַטן מיט ויניצקי, וואָס באַווײַזט אַף דער אָפּשטאַמונג פון דער שטאָט וויניצע (אוקראַיִנע).

דזעגעכץ־פאך — דעכטיאר, דעגטיאר, דיאָגאָט.

וואלד־פאך — טארטאקאָווער און טארטאקאָווסקי (פון פויליש — tartak — וואלד־מיל), אשענברענער, גאָנ־טאר, גאָנטמאכער און גאנטמאכער (פון פוילישן gont — דראנקע צו דעקן דעכער), וואלדמאן.

וואקס־פאך — וואקס, וואקסמאן, וואָסקאָבויניק, וואָס־קאָבויניקאָוו (רוסיש).

וואסערפירער — וואסערפירער, וואָדאָוואָז.

וועבערײַ — לײַוואנט, ליוואָנט, סוקעניק, טקאטש (רוסיש).

זייגערמאכערײַ — זייגער, זייגערמאכער, זייגערמאן.

טעפער — טעפער, טעפמאן, גארניק און גאָרניק (פויל. — garnek — א טאָפּ).

טעפיך־אויסארבעטונג — קילימניק.

טאלעסוועבער — טאלעסניק, טאליסמאן; טעליס, טיליס.

טרעגער — טרייגער און טריגער, טרייגערמאן.

לעדער־אויסארבעטונג — גארבער און גערבער.

ליכט־אויסארבעטונג — לעכט, לעכטמאן, לעכציִער (ארויסגעפאלן דער „ט“).

מילנער — מילנער, מילמאן, מילרוד, מילשטיין, מי־ראָשניק (אוקר). און מיראָטשניק.

מוזיקער — קלעזמער, פידלער, פידעלמאן, פליט, פייפעל, באס, באסיסט, פוקער, שפילער, שפילמאן.

פאפיר־אויסארבעטונג — פאפערני, פאפערנאָ, פאפער־ניקאָוו, בומאזשני.

פארמעט־אויסארבעטונג — פארמעט, פערגאמענט (פון און פאר א סויפער).

פאָטאש־ און סעליטרע־אויסארבעטונג — פאָטאשניק, סעליטרעניק.

קופער־אויסארבעטונג — קופער און קיפער, קופער־מאן און קיפערמאן, קופפער, קופערשמיד, קופערניק (געוויינלעך מיט אן אקצענט אפן אָס „ע“); מעש, מעססינג.

קעסלער — קעסלער, קעסעלמאן, קעסעלברענער, קא־נעגיסער און קאָנגיסער, קאָטליאר און קאָטליארסקי.

רימער — רימער, רימיניק, רעמעניק.

שטיינהאקער — (אף מאצייוועס) שטיינשניידער, שטיינמעץ.

שמוקלער — שמוקלער, שליפער.

שמידן — קאָוועל, קאָוועלמאן, שמידט.

שפיגלער — שפיגעל, שפיגעלמאן, שפיגעלמאכער.

שערער — שערער, ציריולניק, ציריולניקאָוו.

דאָס געבראכטע צעטל פון ייִדישע באלמעלאָכישע פא־מיליע־נעמען באשטעטיקט מיט די מיטלען פון אנטראָ־פאָנימיק[1] דעם היסטאָרישן פאקט, אז באלמעלאָכעס האָבן אין טכום פארנומען א בעקאָוועדיק אָרט צווישן דער באפעלקערונג און איינצײַטיק האָבן זיי גענומען א באדײַטנדיקן פּראָדוקטיוון אָנטייל אין דער רוסלענדישער עקאָנאָמיק אין פארגאנגענעם יאָרהונדערט. עס דארף אָפּגעוואָרפן ווערן די מיינונג, וואָס הערשט נאָך ביז הײַנט אין געוויסע סײַ ייִדישע, סײַ ניט־ייִדישע קרײַזן, אז אין XIX יה. האָבן די ייִדן געצויגן זייער כיִונע נאָר פון קראָם, שענק און מארק.

א. פריבלודע

---

[1] לערע וועגן מענטשלעכע נעמען: פערזענלעכע, פאטראָנימישע, פאמיליע־נעמען.

צום 75-טן געבורטסטאָג פון נאָכעם אויסלענדער

(ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן)

נאָכעם אויסלענדער איז אין בירגערקריג געווען עט־לעכע יאָר א מיליטערישער דאָקטער. נאָר שוין דעמלט זײַנען גאָר ברייט און פילזײַטיק געווען זײַנע ליטעראַ־רישע אינטערעסן. פון זײַנע געדרוקטע ווערק זעט מען, אז ער איז געווען פאַרטראָטן קימאַט אין אלע זשאַנרען פון דער ליטעראַטור.

אויסלענדער איז געווען א קריטיקער, א ליטעראַטור־פאָרשער, א פּראָזאיִקער, א דיכטער, א דראַמאַטורג, א טעאַטער־פאָרשער, א פּובליציסט, א רעדאַקטאָר, אן איבערזעצער. ער איז געווען א פּעדאַגאָג און א גע־זעלשאַפטלעכער טוער. אזא פילזײַטיקע טעטיקײַט האָט געפאָדערט סײַ וויסן, סײַ אקשאַנעס און אויסדויער פון אן עמעסן האָרעפּאַשניק. דאָס אלץ האָט אויסלענדער פאַרמאָגט. און כוץ דעם איז ער געווען מאַמעש פאַר־ליבט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

לויט זײַן כאַראַקטער איז אויסלענדער געווען א „קוועקזילבערדיקער" מענטש. ער האָט גלײַכגילטיק ניט געקאָנט דורכלאָזן קיין איין ליטעראַרישע דערשײַנונג, געמוזט גלײַך זי אָפּשאַצן, אָפּוועגן, אנאַליזירן און בא־קומען א קאָנקרעטע שטעלונג צו איר.

אין מעשעך פון עטלעכע יאָר האָט נאָכעם אויסלענ־דער געלעבט אין א ריי אייראָפּעיִשע לענדער, ווו ער האָט שטודירט ליטעראַטור און קונסט. ער האָט בא־הערשט עטלעכע אויסלענדישע שפּראַכן און פרײַ זײ אויסגענוצט אין זײַנע ארבעטן. ער האָט אויך געשריבן אין רוסיש.

געבוירן געוואָרן איז נ. אויסלענדער דעם 13 (26) דע־קאַבער 1893 אין שטעטל כאָדאָרקאָוו, געוועזענע קיִע־ווער גובערניע, בא פאַרמעגלעכע עלטערן. זײַן טאַטע, יעשוע אויסלענדער, איז געווען א וואַלד־סויכער, אלע זײַנע קינדער האָט ער געגעבן וועלטלעכע דערציִונג.

אין 1907 איז אויסלענדער אָנגעקומען אין א קיִעווער גימנאַזיע און זי פאַרענדיקט אין 1911. אין 1919 האָט ער פאַרענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פונעם קיִעווער אוניווערסיטעט און אין זעלבן יאָר פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי, ווו ער איז געווען מילי־טערישער דאָקטער פונעם 154־טן שיסער־פּאָלק, וועל־כער האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען פון די אינטערווענטן און ווײַסגוואַרדייער די שטאָט אר־כאַנגעלסק. לויט א באַפעל פון דער ארמיי־קאָמאַנד־שאַפט באַקומט אויסלענדער א דאַנק פאַר געפינען זיך א לאַנגע צײַט אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין די שווערע באַדינגונגען פונעם צאָפן־פראָנט. אין די קורצע איבערײַסן צווישן די שלאַכטן שרײַבט ער לידער, דער־ציילונגען און עסייען. אין יענע יאָרן האָט אויסלענדער זיך געדרוקט אינעם אָרגאַן פון דער 6־טער ארמיי „קראַסני וואָיִן" (רויטער שלאַכטמאַן").

זומער 1920. מע קאָמאַנדירט אויסלענדערן אפן מײַ־רעוו־פראָנט. דאָרט איז ער א לעקטאָר־אינסטרוקטאָר אין די רויטארמײַישע טיילן אף דער פראָנט־ליניע ווילנע—גראָדנע—ביאַליסטאָק.

הארבסט 1920. ארבעטנדיק אין סאַנאָפּטייל פונעם מײַ־רעוו־פראָנט רעדאַגירט אויס־לענדער די צײַטונג „נאַבאַט" („שטורעמגלאָק") און פאַרנעמט זיך מיט ארויסגעבן א רויטאַר־מײיִשן קאַלענדאַר (אין רו־סיש).

אין די יאָרן נאָכן בירגער־קריג האָט נאָכעם אויסלענ־דער א יאָר צײַט געארבעט אלס רעדאַקטאָר פון די סאַניטאַר־אויפקלערישע אויסגאַבעס בא דער מיליטעריש־סאַניטאַרישער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער רויטער ארמיי.

אין אָנהייב 1922 איז אויס־לענדער, לויט דער באַקאָשע פון פאָלקקאָמבילד, דעמאָבילי־זירט געוואָרן און האָט זיך די־רעקט גענומען צו וויסנשאַפט־לעך־ליטעראַרישער און פּעדאַ־גאָגישער טעטיקײַט. פון 1922

הילעס פון נ. אויסלענדערס ביכער

איז אויסלענדער איינער פון די רעדאקטאָרן און אקטיווער קריטיקער אין זשורנאל „שטראָם“, וועלכער האָט געשפּילט א באדייטנדיקע ראָליע אין אָרגאניזירן די קוי־כעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אין 1925, ווען עס האָט זיך אָרגאניזירט דער אינסטיטוט פון דער ווייסרוסישער קולטור („אינבעלקולט“) — די שפּעטערדיקע וויסנשאפט־אקאדעמיע פון ווססר, — ווערט אויסלענדער איינגעלאדן אלס פּארוואלטער פונעם סעקטאָר פון דער ייִדישער ליטעראטור. מע וויילט אים אויס אלס מיטגליד פון „אינבעלקולט“. דעמלט טאקע האָט מען אים צוגעטיילט דעם טיטל פּראָפעסאָר. איינצייטיק האָט ער אָנגעפירט מיט דער קאטעדרע פון געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין ווייסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט.

אין סאָף 1926 גרינדעט זיך א סעקטאָר פון ייִדישער ליטעראטור בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוקראַי־נע. די אוקראַינישע הויפּט־פּארוואלטונג פאר וויסנ־שאפט („אוקרגלאוונאוקא“) באשטימט אלס אָנפירער פונעם סעקטאָר אויסלענדערן. ער פּארוואלטעט אויך מיט דער קאטעדרע פון ייִדישער ליטעראטור באם קיִעווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. אין 1926—1931 האָט אויסלענדער אָנגעשריבן א ריי מאָנאָגראפיעס און ליטע־ראַרישע פאָרשונגען, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין די זאמלונגען פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר און אין אנדערע אויסגאבעס.

סאָף 1931 פאָרט אויסלענדער אריבער קיין כארקאָוו, ווו ער ווערט, לויט דער איינלאדונג פון „אוקרמעלוכע־נאצמינדפארלאג“, רעדאקטאָר פון דער אקאדעמישער אויסגאבע פון שאָלעם־אליינכעמס ווערק. אין 1933 איז ער געקומען קיין מאָסקווע, ווו ער האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער וויסנשאפטלעכער ארבעט פון דער קאטעדרע פאר שפּראך און ליטעראטור פון דער ייִדישער אָפּטיילונג אינעם פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען. דאָרטן האָט ער געלייענט א קורס פון ייִדישער ליטעראטור.

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט אויסלענדער געארבעט אלס רעדאקטאָר אף דער אויסשטעלונג „דער קאָמיוג אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע“. דער צענטראל־קאָמיטעט פון קאָמיוג האָט אים באלוינט מיט אן ערן־דיפּלאָם. אין 1936—1948 איז ער אן עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער אין דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר, אָנפירער פונעם ליטעראַרישן סעקטאָר פונעם קאבינעט פאר ייִדישער שפּראך און ליטעראטור בא דער אקאדעמיע. פון 1961 און ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער אָנגעפירט מיטן קריטישן אָפּטייל אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“.

געשטאָרבן איז נאָכעם אויסלענדער דעם 28 סענטיאבער 1962 אין עלטער פון 69 יאָר.

אין דער נאָטיץ „פון מיין אווטאָביאָגראפיע“, דאטירט מאָסקווע, 1956, שרייבט אויסלענדער, צווישן אנדערס: „מיין ערשט בוך ליטעראריש־קריטישע ארבעטן „גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאליזם“, וואָס איז דערשינען אין קיִעוו אין 1919, איז צו מיר דערגאנגען מיט א פארשפּעטיקונג אין פעווראל 1920, ווען די טיילן פון דער 6־טער ארמיי, אין די רייען פון וועלכער כ'האָב זיך דעמלט געפונען, האָבן געשפּאנט אין דער פארשנייטער טונדרע און זיך געגרייט צו פארביסענע און אנטשיידענע שלאכטן אף צו באפרייען די שטאָט ארכאנגעלסק פון די אינטערווענטן און ווייסגווארדייער.

מיין ערשטע מאָנאָגראפישע ארבעט (וועגן וואָלטערן) האָב איך געשריבן אין דער שטאָט וואָלאָגדע, ווו כ'בין געווען דער שעף פון אן אופנעם־פּונקט. דורך וואָלאָגדע (ס'איז געווען אין פרילינג 1920) פלעגן אָן אופהער דורכגיין מיליטערישע עשעלאָנען צום מערעוו־פראָנט. די רויטארמייער, וועלכע איך פלעג אראָפּנעמען פון די עשעלאָנען, ביזן אָפּשיקן זיי אין די טיפאָזנע שפּיטאָלן, פלעגן שאָענווייז זיצן בא מיר אפן „פּונקט“. זיי פלעגן דערציילן פונעם פראָנט־לעבן, און דאָס אלץ, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, פלעכט זיך איין אין מיין ארבעט וועגן וואָלטערן, וועלכע כ'האָב געשריבן אין דער פרייער צייט, דאָ טאקע, אפן אופנעם־פּונקט.

און נאָך איין פאקט דערמאָנט זיך. מיין ערשטע גרויסע אונטערנעמונג — שאפן א ליטערארישע סטודיע אין דער הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאנד, מינסק (הארבסט 1920) — איז געווען אין די טעג פון אקשאָנעסדיקן קאמף קעגן די ווייספּאָליאקן, וועלכע האָבן זיך געריסן צו מינסק. די פייערלעכע דערעפענונג פון דער סטודיע איז פאָרגעקומען אינעם הויז, אפן דאך פון וועלכן עס זיינען געשטאנען קוילנווארפערס (קיין זעניטקעס זיינען דעמלט נאָך ניט געווען). די קוילנווארפערס האָבן געשאָסן אין פּילסודסקיס אעראָפּלאנען, וואָס האָבן זיך געריסן צו באָמבארדירן מינסק. כאָטש אָפיציִעל האָב איך זיך דעמלט גערעכנט אלס לעקטאָר־אינסטרוקטאָר פונעם סאניטארן־טייל פון מערעוו־פראָנט, בין איך איינצייטיק געווען דער רעדאקטאָר פון דער פראָנט־צייטונג „נאבאט“ („שטורעמגלאָק“), און עס גדענקט זיך, אז מיך האָט אלץ באומרויִקט: צי הערט מען דעם שטורעמגלאָק אין מיין ליטעראריש־וויסנשאפטלעכער ארבעט?

אין אָנהייב פון 1922 האָט מען מיך דעמאָביליזירט. די ערשטע ארבעט, צו וועלכער כ'בין דעמלט צוגעטראָטן, איז געווען — צונויפזאמלען די ליטעראַרישע ירושע פונעם דיכטער־שלאכטמאן אָשער שווארצמאן, וועלכער האָט געקעמפט אין די רייען פון אונדזער רויטער ארמיי און איז אומגעקומען אין די שלאכטן מיט די ווייספּאָליאקן אין 1919 יאָר. אף דער ליטעראַרישער ירושע פונעם ערשטן דיכטער־שלאכטמאן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור האָב איך געארבעט יאָרנלאנג, און איך זעץ פאָר די דאָזיקע ארבעט אויך איצט. איך זע אין דעם קלאָר איין יענעם אומצערייסבארן פאָדעם, וואָס ציט זיך פון יענער צייט אָן, ווען כ'בין אריינגעטראָטן אין דער ליטעראטור.

די אומפארגעסלעכע צייט פונעם אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן. עס זאמלען זיך אָן די קויכעס פון דער יונגער סאָוועטישער ליטעראטור.

„...אין אזעלכע צייטן קאָן די קריטיק נאָר צוגיין נענטער צו דער קונסט און באנאנד מיט איר שטרייטגעפיל און איר קעמפערישן מוט גיין דעם „וועג־איין, וועג־אויס“ פון אונדזער עפּאָכע“; „...די ייִדישע ליטעראטור איז איצט אריינגעטראָטן אין אזא עטאפּ, ווען דער וואָרט־קינסטלער איז געצוווּנגען מיט אייגענע קרעפטן צו זיכערן די דערגרייכונגען פון באנייטן ייִדישן וואָרט“.

אָט די געדאנקען האָב איך ארויסגעזאָגט אין דער האקדאָמע צו מיין בוך ליטעראַרישע עטיודן „וועג־איין,

װעג־אױס", װאָס איז דערשינען אין 1924 יאָר. איך האָב אָפנהאַרציק דערקלערט דעם לײענער, אַז איך געפין זיך נאָך אױפן װעג פון ריכטיק פאַרשטײן די אױפגאַבן, װעלכע שטײען פאַר דער ייִדישער סאָװעטישער ליטעראַטור־װיסנשאַפט. כ'האָב גוט געװוּסט, אַז פאַרהאַלטן זיך אין װעג טאָר מען ניט, װײַל דאָס װאָלט געהײסן אָפּשטײן פונעם שטורמישן װוּקס פון דער סאָװעטישער ליטעראַטור, און איך האָב מיט אַלע קױכעס און װי װײַט מעגלעך זיך געסטאַרעט אױסמײַדן די געפאַר און ניט אָפּשטײן.

װעגן דער צװײטער העלפט פון די צװאַנציקער יאָרן דערמאָנט זיך, אַז דאָס איז געװען אַ צײַט פון גרױסער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון שאַפן די ייִדישע סאָװעטישע ליטעראַטור־װיסנשאַפט. אין אָט די יאָרן האָב איך זיך געפונען אין מינסק, קיִעװ און כאַרקאָװ, געאַרבעט אין װיסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אַקטיװ מיטגעהאָלפן אין זײער אָרגאַניזאַציאָנעלן װוּקס. דאָס זײַנען געװען פאַר מיר יאָרן פון אַקשאָנעסדיקער און גרױסער האָרעװאַניע אױף באַהערשן די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע, װעלכע האָט באַלױכטן ביז דעמאָלט פאַר מיר אומקלאָרע דערשײַנונגען אין דער ליטעראַטור.

אין אָט דער נײַער שײַן, מיט דער מאַרקסיסטיש־לענינישער מעטאָדאָלאָגיע, האָב איך געשטרעבט כאַראַקטעריזירן די שאַפונגען פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר־ספֿרים, י.־ל. פּערעץ און שאָלעם־אַלײכעם.

אין די ייִדישע װיסנשאַפטלעכע זאַמלונגען פון יענער צײַט האָב איך געדרוקט פאָרשערישע אַרבעטן, אין װעלכע איך האָב געשטרעבט זיך דערנענטערן צו די גרונט־קװאַלן פון דער שעפערישער ענערגיע פון די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן און באַװײַזן, װי אָט די ענערגיע האָט אין די שװערסטע באַדינגונגען פונעם צאַריזם זיך רעאַליזירט אין דער ליטעראַטור און קונסט אין XIX יאָרהונדערט.

פון די אַרבעטן אין די דרײַסיקער יאָרן איז מיר באַזונדערס טײַער מײַן אַרבעט װעגן א. מ. גאָרקיס װירקונג אױף דער ייִדישער דראַמאַטורגיע (געדרוקט אין 1936). אין די דאָזיקע יאָרן איז דערשינען מײַן ערשטער באַנד פון דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער, דאָס בוך „ייִדישער טעאַטער. 1887—1917".

אין די יאָרן פון דער גרױסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט די ייִדישע סאָװעטישע ליטעראַטור געהאַט גרױסע פאַרלוסטן. פּערציק ייִדישע סאָװעטישע שרײַבער זײַנען העלדיש אומגעקומען אין די שלאַכטן קעגן די היטלערישע מערדער. כ'האָב געהאַלטן פאַר מײַן כױװ צונױפזאַמלען זײער ליטעראַרישע ירושע און באַלײַכטן דעם שעפערישן װעג פון די שרײַבער, װעלכע האָבן אָפּגעגעבן זײער לעבן פאַר אונדזער גרױסן פאָטערלאַנד. מיט אָט דער אַרבעט בין איך די לעצטע יאָרן באַשעפטיקט".

װײַטער װערן געבראַכט ביבליאָגראַפישע ידיעות װעגן נאָכעם אױסלענדערס װערק. זײַן ליטעראַרישע ירושע איז רײַך, זײַנע אַרבעטן זײַנען פאַרעפנטלעכט געװאָרן סײַ אין באַזונדערע ביכער, סײַ אין פאַרשײדענע זאַמלביכער, אױך אין דער פּעריאָדישער פּרעסע. ברענגען אַ פולע ביבליאָגראַפישע רשימה אין אַ זשורנאַל־אַרטיקל איז אוממעגלעך — דאָס װעט אָפּנעמען צופיל אָרט. דאָ זײַנען געגעבן נאָר נ. אױסלענדערס װיכטיקסטע װערק. מיר װעלן אױך באַמערקן, אַז אַ טײל פון די ביבליאָגראַפישע ידיעות האָבן מיר געשעפּט פון רוסישע קװעלן, און מיר קאָנען דעריבער ניט גאַראַנטירן, אַז די איבערזעצונג פאַלט צונױף מיטן אָריגינאַל.

1. באַזונדערע ביכער

לידער. קיִעװ, „קיִעװער פאַרלאַג", 1917, 46 ז.

גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאַליזם. קיִעװ, „קיִעװער פאַרלאַג". 1919, 152 ז. (אינהאַלט: דער נוסעך פון רעאַליזם; די ייִדישע פאָלקס־שאַפונג; מענדעלע מוכר־ספֿרים; י.־ל. פּערעץ, שאָלעם־אַלײכעם).

האַלבער טאָג. לידער (1918—1920). סמאָלענסק, 1920, 79 ז.

פראָנט. לידער. קיִעװ, מעלוכע־פאַרלאַג, ייִדסעקציע, 1921, 32 ז.

װעג־אײַן, װעג־אױס (ליטעראַרישע עפּיזאָדן). קיִעװ, „קולטור־ליגע", 1924, 201 ז. (פונעם אינהאַלט: ש. אַש, דאָװיד בערגעלסאָן, דער ניסטער; אַרום דעם ניסטער־שטײגער; י. אָפּאַטאָשו, ה. לײװיק; מיט אָשער שװאַרצמאַנען; ב. שטײמאַן; דאָװיד האָפשטײן; פּערעץ מאַרקיש; לײב קװיטקאָ).

א. גאָלדפאַדען. מאַטעריאַלן פאַר אַ ביִאָגראַפיע. מינסק, 1926, 140 ז. (צוזאַמען מיט אורי פינקעל).

אױף לאַדאָמירער װעג, דערצײלונגען. בוך אײנס. כאַרקאָװ — קיִעװ, „אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג", 1930, 203 ז.

ייִדישער טעאַטער. 1887—1917. מ., „דער עמעס", 1940, 319 ז.

2. ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרבעטן, פאַרעפנטלעכט אין פאַרשײדענע אױסגאַבעס

פאָרװאָרט צום בוך „ליפּע רעזניק. אין בלײכע אױפגאַנגען" (קיִעװ, „קולטור־ליגע", 1920).

אָשער שװאַרצמאַנס לעבן און שאַפן (אַרײַנפיר צו דער ערשטער אױסגאַבע פון אָשער שװאַרצמאַנס „אַלע לידער", קיִעװ, „קולטור־ליגע", 1923) צוזאַמען מיט ב. ספּיװאַקן.

די שעפערישע געשיכטע פון י.־ל. פּערעצעס „שטעט און שטעטלעך" („צײַטשריפט", בוך, 1, אינסטיטוט פון װײַסרוסישער קולטור, ייִדישער אָפּטײל, מינסק, 1926).

צו דער פראַגע װעגן דער „באַפּוצונג" פון דער ייִדישער פאָלקסליד (דאָרט, 1926).

די עלטערע ייִדישע דראַמע און איר קינסטלערישע אױסשטאַטונג. טעאַטער־בוך. זאַמלונג צום פופציקיאָריקן יובילײ פונעם ייִדישן טעאַטער (1876—1926). קיִעװ, „קולטור־ליגע", 1927.

װאַרשעװער מעכאַברים אין די 50 — 60־ער יאָרן. נאָטיצן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער בורזשואַזער דיכטונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור (ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך. װיסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אוססר, קיִעװ, 1930).

שאָלעם־אַלײכעמס דראַמאַטורגיע (אַרײַנפיר און קאָמענטאַרן צו שאָלעם־אַלײכעמס דראַמאַטישע שריפטן. בוך אײנס. געזאַמלטע װערק. באַנד 19. כאַרקאָװ — קיִעװ, „אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג", 1932).

די ייִדישע דיכטונג פון 1905 יאָר (אַרײַנפיר צום בוך „בערל שאַפּיר. געקליבענע װערק. לידער, דערצײלונגען,

דראמאטישע פּרווון. אופגעזאמלט און באגלייט מיט אן אריינפיר און באמערקונגען פון נ. אויסלענדער. „עמעס“, 1934, 432 ז.).

פאָרוואָרט צום בוך: „שאָלעם־אַליכעם. (אויסגעוויילטע ווערק. ב. 4. פונעם יאריד. בוך איינס“. מ., „עמעס“, 1936).

מענדעלעס מיטגייער אין די 60־ער — 70־ער יאָרן. (זאמלונג „מענדעלע און זיין צייט“. מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור אין XIX יאָרהונדערט. מ., „דער עמעס“, 1940).

אַשער שווארצמאנס פריִע שאפונגען (זאמלונג „אַשער שווארצמאן“, געווידמעט דעם 20־טן יאָרטאָג פון זיין העלדישן טויט. מ., „דער עמעס“, 1940).

3. ווערק, פּאַרעפּנטלעכטע אין זשורנאַלן

א בוך וועגן מילכאמע. וועגן ש. גאָדינערס בוך „טאָג אנטקעגן“ (זש. „רויטע וועלט“ נומ. 1, 1924).

וועגן סענטימענטאליזם און ליטעראטור־קענטעניש (זש. „רויטע וועלט“ נומ. 5, 1924).

וועגן קוויטקאָס בוך „1919“, בערלין (זש. „שטראַם“ נומ. 5—6, 1924).

דער נייער ליטעראַרישער עטאַפּ („נייערד“, זאמלבוך, נומ. 1, 1925).

י.־ל. פּערעצעס מייַסטערשאַפט (זש. „רויטע וועלט“ נומ. 4, 1925).

י.־ל. פּערעצעס וועג (זש. „רויטע וועלט“, נומ. 7, 1925).

מוישע כאשטשעוואצקיס לידער (זש. „רויטע וועלט“ נומ. 5—6, 1926).

דער דיכטער עזרא פינינבערג (זש. „רויטע וועלט“ נומ. 9, 1926).

סאלטיקאָוו־שטשעדרינס סאטירישע געשטאלטן און זייער אָפּשפּיגלונג אין די ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים (זש. „רויטע וועלט“ נומ. 12, 1927).

די גרונט־שטריכן פון מענדעלע מויכער־ספאָרימס סטיל (זש. „יידישע שפּראַך“ נומ. 7, 1927).

די שאַפונג פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעם („זשורנאַל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אוססר“, 1928).

שאלאַקושא. דערציילונג (זש. „שטערן“ נומ. 4, 1929).

מייטע פאַך. דערציילונג (זש. „רויטע וועלט“ נומ. 9 (11—12), 1929).

וועגן צוויי שטראָמען אין פּערעצעס קינסטלערישער שפּראַך פון די 90־ער יאָרן (זש. „יידישע שפּראַך“ נומ. 2—3, 1930).

וועגן י.־ל. פּערעצעס „מיינע זיכרוינעס“. צו דער כאַראַקטעריסטיק פון לעצטן פּעריאָד אין פּערעצעס שאַפן (זש. „שטערן“ נומ. 2, 1935).

שאָלעם־אַלייכעם און דער יידישער בורזשואזער טעאַטער אַרום 1905 יאָר (אַלמאַנאַך „סאָוועטיש“ נומ. 3, 1935).

דער יידישער טעאַטער פאַרן 1905 יאָר (זש. „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע“, 1935).

דער קאַמף פאַר רעאַליזם אַף דער יידישער בינע אין סאָף פון XIX יאָרהונדערט (אַלמאַנאַך „סאָוועטיש“, 1936).

י.־ל. פּערעצעס שאַפן אינעם יאָר 1904 (זש. „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע“ נומ. 1 (8), 1936).

מאַקסים גאָרקי און די יידישע דראַמאַטורגיע אַרום 1905 יאָר (אַלמאַנאַך „סאָוועטיש“ נומ. 4, 1937).

א. גאָלדפאַדענס ליד „דער מאַרש פון מאָשיעכן“ (זש. „פאַרפּאָסט“ נומ. 2 (7), 1938).

עסטער־ראָכל קאַמינסקאַיאַ און אירע מיטשפּילער אין דער „ליטעראַרישער טרופּע“ (זש. „שטערן“ נומ. 3, 1940).

אָפּן וועג צו דער שאָלעם־אַלייכעם־דראַמאַטורגיע. שאָלעם־אַלייכעמס געשטאַלטן אַף דער ביז־אָקטיאַבערדיקער יידישער בינע (אַלמאַנאַך „סאָוועטיש“ נומ. 12, 1941).

וועגן שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „דער מיסטייק“ (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 2, 1961).

באַם סאַמע אָנהייב (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1, 1962).

איך בעט א וואָרט (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 4, 1962).

זאָל ניט פאַרגעסן ווערן זייער ליכטיקער אָנהייב. וועגן די געפאַלענע אין שלאַכט יונגע יידישע דיכטער (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 3, 1963).

פריידיקע גרוסן. וועגן די יידישע סאָוועטישע פּראָזאַיקער (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 6, 1963).

דער פריינט מיינער, דער דיכטער אָפּן פערד. צום 75־טן געבורטסטאָג פון אַשער שווארצמאַן (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 5, 1964).

פּערעצעס פּאָעמעס (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 8, 1965).

דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם. פּיעסע אין דריי אקטן. אַקט בילדער. (זש. „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 5, 1966).

4. אַרטיקלען אין צייטונגען

מענדעלע מויכער־ספאָרים און די פאָלקס־שאַפונגען („נייע צייט“, קיעוו, 1917, נומ. 64).

א בוך פון סאָציאַלן אומרו. וועגן מוישע ליטוואקאָוס בוך „אין אומרו“ (בוך 1) („פאָלקס־צייטונג“, קיעוו, 1918, נומ. 26).

וועגן ניסטערס „מייסעלע“ („פאָלקס־צייטונג“, 1918, נומ. 44).

דער וועג צו אונדז. צו אַשער שווארצמאַנס דריטן יאָרצייט. („דער עמעס“, 1922, נומ. 26).

וועגן דער זאַמלונג „י.־ל. פּערעצעס אָנדענק“ („דער עמעס“, 1922, נומ. 46).

וועגן אַשער שווארצמאַנס דיכטונג („דער עמעס“, 1922, נומ. 97).

דער סאָוועטישער טעאַטער און די פאָלקס־שאַפונגען („אָקטיאַבער“, 1925, נומ. 44).

באַוואָוועריס וועג (פּראָלעטאַרישע פאָן“, 1931, נומ. 82 און 83).

„אין טראָט פון טויזנטער“. וועגן מוישע כאַשטשעוואַצקיס לידער־זאַמלונג („שטערן“, 1932, נומ. 296).

וועגן די אויסגאַבעס פון אונדזערע קלאַסיקער. צום דערשיינען פון שאָלעם־אַלייכעמס אויסגאַבע („שטערן“, 1933, נומ. 79).

דער דיכטער פון אָדעסער אַרעמשאַפט (וועגן דער ליטעראַרישער ירושע פון ב. שאַפּיר. „אָדעסער אַרבעטער“, 1933, נומ. 112).

וועגן אונדזער נאָוועלע („**דער עמעס", 1934, נומ. 179**).

באַמערקונגען וועגן אונדזער ליריק („**דער עמעס", 1934, נומ. 121 און 122**).

מענדעלעס קאַמף פאַר אַ נײַעם טיפּ שרײַבער אין די 60־ער און 70־ער יאָרן („**דער עמעס", 1936, נומ. 50**).

פּושקין — דער דראַמאַטורג („**דער עמעס", 1937, נומ. 206**).

מענדעלעס דעמאָקראַטיזם („**דער עמעס", 1937, נומ. 296**).

דער ביראָבידזשאַנער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער („**דער עמעס", 1938**).

מאַקסים גאָרקיס פּיעסע „פײַנט" אין דער שטעלונג פון מעלוכישן ייִדישן טעאַטער אין ביראָבידזשאַן. („**דער עמעס", 1938, נומ. 214**).

לינעצקיס קאָמעדיע „די וויבאָרעס" („**אָקטיאַבער", 1939, נומ. 104**).

אָשער שוואַרצמאַנס בריוו („**אײניקײַט", 1944, נומ. 32**).

דער אָנהייב פון דער ייִדישער דיכטונג. **צום 125־טן יאָרטאָג פון וועלוול זבאַרזשערס געבורט („אײניקײַט", 1944, נומ. 51**).

דער רוף צו ווידערשטאַנד אין פּערעצעס דיכטונג („**אײניקײַט", 1945, נומ. 24**).

וועגן י.־ל. פּערעצעס אומבאַקאַנטע לידער (די 90־ער יאָרן) („**אײניקײַט", 1945, נומ. 63**).

וואָס זינגט דאָס פאָלק. **וועגן די ייִדישע פאָלקסלידער פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע („אײניקײַט", 1945, נומ. 3**).

נעענטער צום קוואַל פון פאָלקס־העלדישקײַט. **וועגן אונדזערע ליטעראַרישע אויפגאַבן („אײניקײַט", 1945, נומ. 109**).

יויסעף באָוושאָווער. **צום דרײַסיקסטן יאָרצײַט („אײ־ניקײַט", 1945, נומ. 138**).

אַ ליכטיקער שאָלעם־אַלײכעם־גרוס. **צו דער פאַר־עפנטלעכונג פון שאָלעם־אַלײכעמס נאָוועלע „פּערעלע די שיינע" („אײניקײַט", 1946**).

די אורקוואַלן פון גאָלדפאַדענס טעאַטראַלער קונסט („**אײניקײַט", 1946, נומ. 150**).

אומפאַרגעסלעכע זײַטלעך. **וועגן שאָלעם־אַלײכעמס ערשטע דערציילונגען („אײניקײַט", 1946, נומ. 158**).

דאָוויד בערגעלסאָנס „נײַע דערציילונגען" („**אײני־קײַט", 1947, נומ. 123**).

5. ניט פאַרעפנטלעכטע דראַמאַטורגישע ווערק

אינטערמעדיע צו מאָליערס פּיעסע „סקאַפּענס קאַטאָ־וועסן" (אויפגעפירט אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון ווײַסרוסלאַנד).

אינסצעניזאַציע פון מאַקסים גאָרקיס ווערק: „דער באַלעבאָס"; „סטראַסטי מאָרדאַסטי"; „קאַיִן און אַר־טיאָם" (אויפגעפירט אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון אוקראַיִנע אין ספּעקטאַקל „דער שטורעמפויגל").

אינסצעניזאַציע פון שאָלעם־אַלײכעמס „טעוויע דער מילכיקער" (אינײנעם מיט י. דאָברושינען). (ווערט אויפגעפירט אין ייִדיש, רוסיש און אוקראַיִניש אין אַ סאַך טעאַטערן פון פּססר).

סאַטירישע רעוויו (אויפגעפירט אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, אין ספּעקטאַקל „דרײַ פינטעלעך").

6. ליטעראַרישער אַרכיוו

מיר וועלן דאָ אָנרופן אײניקע פּאַקטיש שוין פאַרענ־דיקטע, נאָר ניט פאַרעפנטלעכטע ווערק: 1) אַ בוך זיכרוינעס (וועגן אָשער שוואַרצמאַן, פּערעץ מאַרקיש, עזראָ פינינבערג, אַרן קושניראָוו, דאָוויד האָפשטיין, באָרוך גלאַזמאַן, דאָוויד וואָלקענשטיין, עליק ציִאַנאָוו־סקי, דער ניסטער, דאָוויד בערגעלסאָן און אויך וועגן ייִצכאָק־לייבוש פּערעצעס און כאַיִם־נאַכמען ביאַליקס קומען קיין קיִעוו און זייערע באַגעגענישן מיט די ייִדישע שרײַבער); 2) אַ גרויסע אַרבעט וועגן מאָריס ווינטשעווסקי; 3) באַזונדערע אַרבעטן וועגן פעפערן, ניסטערן, מאַרקישן, אָליעווסקין, מיכאָעלסן; 4) די רויטע אַרמיי אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג; 5) אַליין (אַ פּראָזע־ווערק „פון טאָגבוך"); 6) קריטישע אָפּהאַנד־לונגען וועגן אונדזערע דיכטער און פּראָזאַיִקער אאַ.

אַבע פינקעלשטיין

קורצע רעצענזיעס

באַ זיך אין דער היים

מענדל ליפשיץ. „באַ זיך אין דער היים“. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1967, מאָסקווע.

מענדל ליפשיצעס לידער־זאַמלונג „באַ זיך אין דער היים“ איז באַשיידן אַרויסגעלאָזט, זי אַנטהאַלט 91 לידער. דער אָפּקלײַב, ווי מיר דאַכט, שפּיגלט אָפּ די אייגנאַרטיקײַט פונעם דיכטערס שאַפן. ס׳איז, דאַכט זיך, צוגעפּאַסט אַפילע די הילע. צערטלעך איז דער ווײַסער פאָן מיט די בלאַס־גאָלדענע אויסיִעס פונעם טיטל. ס׳דערמאָנט אַ ווײַסע בעריאָזקע מיט עטלעכע פאַרגעלטע בלעטלעך אין ווײַסרוסישן פּייזאַזש.

מענדל ליפשיץ איז ניט קיין טריבון. צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער ערד, ליבט ער זי „ביז בלוט“, און דערפאַר, קאָן זײַן, האָט דער אורבאַניזם, די אינדוסטריִעלע מאַשינען־וועלט, ניט געפונען קיין אויסדרוק אין זײַן ליד. אומזיסט וועלן מיר אין „באַ זיך אין דער היים“ זוכן געזאַנגען וועגן די דערגרייכונגען פון דער הײַנטצײַטיקער טעכנישער רעוואָליוציע.

די הײַנטצײַטיקײַט האָט אָבער דאָך באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג אין מענדל ליפשיצעס זאַמלונג (די לידער „מײַן וואָרט“, „דער הימל איז טיף, און איז בלוי, און איז הויך“, „ס׳איז גרינע פעלענע“ און אַנדערע).

מענדל ליפשיץ איז אַ ליריקער. דאָס יעכידישע פאַרנעמט באַ אים אַ גרויס אָרט. צווישן דעם אויך דאָס שטייגערישע. דער שטייגער הייסט באַ אים — באַציִונגען צווישן מענטשן אין אינטימען און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די באַציִונגען דאַרפן זײַן צוטרוילעך, אופמונטערנדיק. דער מענטש אין זײַן קרײַז דאַרף שטענדיק פילן די כאַווערישע האַנט פון אַ צווייטן מענטשן, זײַן געטרײַע הילף. דער דאָזיקער טעמע האָט דער פּאָעט געווידמעט אַ ריי לידער: „פאַראַנען ווערטער“ „אין מײַן פאַמיליע זײַנען אַלע שרײַבער“, „איך בענק נאָך פרײַנט“, „אין מײַן פּאָלעסיע“, „מיט פרײַנט“. פעלקערפרײַנטשאַפט אין אַלטעגלעכן לעבן, אין שטייגער ווערט פאַרקערפּערט אין ליפשיצעס ליריק. אין אייניקע לידער רײַסט זיך אַרײַן דאָס גראָטעסקיש־נאַיִווע (לעמאָשל, „אָט דער געדאַנק אַף טויזנטער פּאַפּירן“, וואָס קלינגט ווי אַ באַנאַלע כאָכמע און פּאַסט אוואַדע ניט פאַר מענדל ליפשיצעס ערנסטער, פאַראַנטוואָרטלעכער ליריק).

ליב זײַנען דעם פּאָעט קינדער, נאָר אָן סענטימענטאַלקײַט באַזינגט ער זיי. ערנסט, קימאַט ספּאַרטאַניש, זײַנען זײַנע ווערטער. מערקווירדיק איז די וויגליד „כ׳טו דיך אויס פאַרן שלאָף“. שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס האָט פאַרפאַסט אַ מאַנצבל, אַזוי אומיטלבאַר מוטערלעך קלינגט דאָס.

אַ סאַך לידער זײַנען, פאַרשטייט זיך, באַם לירישן דיכטער געווידמעט דער ליבע־טעמע, וועלכע ווערט באַ אים אין אייניקע לידער פאַרבונדן מיט די טראַגישע גרוילן פון אומקום און פאַרלענדונג אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע.

א שטיין איז א שטיין, ער ליגט אף אן אָרט,
א מענטש האָט א וואָרט, וואָס די ווײַטן צעשפּאלט...
ס׳איז ליבע דאָס שטארקסטע באפליגלטע וואָרט —
און איך האָב מײַן ליבסטע פארלאָרן אין וואלד.

די ליד „דו מעגסט זײַן ווײַבלעך, מעגסט זײַן מענלעך“ פאַרענדיקט ליפשיץ מיט אַזעלכע שורעס:

יונגער שטאָלץ און פרייד פון זיג
אין טרויער־פיבער מאכט גרעסער נאָך דאָס
ווידערקאָל...

אָט דאָס ווידערקאָל אַנטפּלעקט זיך באַ מענדל ליפשיצן באַזונדערס אין זײַן שײַכעס צו דער נאַטור. פאַרקנאַסט איז ער מיט דער אַלוועלט, פאַרקישעפט האָט אים שיינקײַט, לעבנסקראַפט, דערהויבנקײַט.

אינטערעסאַנט איז צו פאַרגלײַכן דעם שעפערישן מאָטיוו אין די לידער „אַ קוואַל“ באַ שמועל האַלקינען און „אַ קוואַל“ באַ מענדל ליפשיצן. האַלקין באַזינגט דעם געני פונעם מענטשן, זײַן קויעך, זײַן האַמצאָע, ער מערקט דערבײַ אָפּ אַפילע די גראַציע פונעם מענטשן. מענדל ליפשיץ באַוווּנדערט די שיינקײַט פונעם קוואַל, זײַן זעלבשטענדיקע שעפערישע מאַכט — „...אין מוטנע וואַסערן זײַן וואַסער לײַכט“.

געלונגען קלינגען די לידער, געווידמעט לענינען („לענין לעבט מיט אונדז“, „דעם ליכטיקסטן לאַנד“, „איך האַלט די וואַך“). מענדל ליפשיץ נוצט אויס איבערכאַזערונגען, אַליטעראַציעס, און ס׳וואַקסט אויס אַ ראַכוועסדיקע ליד.

און ניט צופעליק איז דאָס, וואָס דאַפקע אין די לידער, געווידמעט לענינען, דערקלערט דער פּאָעט זײַן שעפערישע פּראָגראַם:

מיר דארפן, ווי דאָס לעבן,
זינגען פּראָסט,
פּראָסט אזוי, דאָס הארץ
זאָל טאָן א ציטער...

דאָס איז דער אויפן, וויִאַזוי מענדל ליפשיץ קען באַזיניקן און באַזינגען די הײַנטצײַטיקײַט.

און פאַרענדיקן וויל איך די קורצע רעצענזיע וועגן דער זאַמלונג „באַ זיך אין דער היים“ מיט אַן אויסצוג פון דער ליד „דעם ליכטיקסטן לאַנד“:

דער גרעסטער פון קעמפער
איז ער דאָ געווען,
דער שטארקסטער פון קריגער
איז ער דאָ געווען,
דער וואָרהאפטסטער טרוימער
איז ער דאָ געווען.
און ווי נאָר ראסייע
ארויס איז פון קלעם,

האָט ער זיך פֿאַרמאָסטן,
אַז זײַן זאָל איר שעם
ניט לאַנד פֿון דער סאָכע
ניט קאַנט פֿון „לוטשינע“,
נאָר געגנט פֿון בראָכע
און קאַנט פֿון באַגינען...

דאָס קלינגט זייער אופּריכטיק. אין אָט דער ליד איז פֿאַרקערפּערט די דורכגעדרונגענע באַוווּסטזיניקע ליבע צו לעגינען.

פֿאַר דעם אויסגעלײַטערטן ליריזם — אַ דאַנק דעם פּאָעט.

מירע שנייערסאָן

אַ בוך פֿון דערקענטעניש־וואָרט

בעלאַ גאָלדווירט. „איבער גרענעצן“
פֿאַרלאַג „איקוף“, ניו־יאָרק, 1967.

די 15 דערציילונגען, וואָס גייען אַרײַן אין בעלאַ גאָלדווירטס בוך „איבער גרענעצן“, שילדערן דעם שטייגער און דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן, וואָס זײַנען געצוווּנגען זוכן אַ מאָקעםמיקלעט און אַ שטיקל ברויט אין פּוילן, בעלגיע, אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע.

קינסטלעריש זײַנען די דערציילונגען ניט גלײַכוועריק. די גרעסטע און אײַנדרוקספֿולסטע פֿון זיי טראָגט טאַקע דעם נאָמען „איבער גרענעצן“. דער הויפּט־פּערסאָנאַזש, לעאָן שוסטער, אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־יונג פֿון אַ פּויליש שטעטל, איז געצוווּנגען אָנהייב 30־ער יאָרן פֿאַרלאָזן זײַן היימלאַנד און דורך טשעכאָסלאָוואַקיע און דײַטשלאַנד אומלעגאַל קומען קיין בעלגיע, ווּ ער זעצט פֿאָר דעם קאַמף. די דערציילונג לייענט זיך מיט אינטערעס. אָבער דער סאָף, ווּ לעאָן קומט אום אין די שלאַכטן אין שפּאַניע אין 1937, איז געגעבן סכעמאַטיש, רעפּאָרטאַזשאַרטיק.

די צווייטע דערציילונג — „מאַרישע“ איז שוין פֿון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. דאָ איז באַשריבן דער גורל פֿון אַ ייִדיש מיידעלע, וואָס אַ פּוילישע פּרוי האָט געראַטעוועט פֿון די נאַציסטישע מערדערישע הענט. שפּעטער האָט דאָס מיידל כאַסענע געהאַט פֿאַר דעם זון פֿון איר רעטערן. דעם מיידלס ייִדישע קרויווים פֿון אַמעריקע, וועלכע לאַדן זי אײַן צו זיך אַף אַ באַזוך, רעדן איר אײַן, זי זאָל בלײַבן אין אַמעריקע און וואַרפֿן דעם פּוילישן מאַן. אָבער די שרײַבערן לייגט אַרײַן אין מויל פֿון איר העלדן אַזעלכע ווערטער: „איך וועל נישט פֿאַרלאָזן מײַן מאַן, ניט אָפּרײַסן מײַן קינד פֿון זײַן טאַטן; וואָס שײַעך מײַן שטאַם — וועל איך אים טאָמיד טראָגן אין האַרצן, ווּ איך וועל זײַן“ (ז. 34).

מיט שפּאַנונג לייענט זיך די געשיכטע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער דערציילונג „אַ צווייטע מאַמע“. דעם זון פֿון אַן אָרעמער אַמעריקאַנער אַרבעטער־פֿאַמיליע בערעלע (בוירנס) האָט דערצויגן אַן אַנדער מאַמע. באַ איר אין דער מישפּאָכע האָט דאָס קינד געפֿונען זײַן נײַע היים. דער גליקלעכער פֿינאַל איז קינסטלעריש צוגעגרייט דורכן גאַנצן גאַנג פֿון די באַשריבענע געשעענישן.

„נאָך צוויי טעג“ איז אַן אַנטימילכאָמע־דערציילונג, אין וועלכער דער העלד פּיער פּיעלאָ גרייט זיך צו ווערן אַן אַגראָנאָם, אָבער ער ווערט געצוווּנגען צו גיין אַפֿן פֿראָנט הארגענען מענטשן, ווײַזט אויס אין וויעטנאַם. אַ פֿאַרשאַרפֿטע סאָציִאַלע דערציילונג איז „מאַמע און זון“. דאָס צוועלפֿיאָריקע ייִנגעלע פֿון אַן אַרבעטערמוטער מוז איבער דער גרויסער נויט ווערן אַ שיךפּוצער. דאָס ייִנגל קומט צום אויספֿיר: „אויב אַזאַ איז דאָס לעבן — האָב איך פֿײַנט אַזאַ לעבן...“

אייניקע דערציילונגען אין בעלאַ גאָלדווירטס בוך זײַנען קינסטלעריש ניט איבערצײַגעוודיק, ס'איז שווער אַרויסצושיילן די אידיי פֿון דעם ווערק. מאַיאַקאָווסקי האָט אַמאָל געזאָגט: „קונסט איז ניט קיין שפּיגל פֿון לעבן, נאָר אַ פֿאַרגרעסערונגס־גלאָז“. אין אַ קינסטלעריש ווערק ווערט אָפּגעקליבן דאָס איקערדיקע פֿונעם לעבנס־שטראָם. אין אייניקע דערציילונגען פֿונעם בוך „איבער גרענעצן“ איז געוויזן דאָס צופֿעליקע, ניט דאָס פֿאַראַלגעמיינערטע.

אין דער דערציילונג „בענקשאַפֿט“, צום בײַשפּיל, ווערט באַשריבן אַ טיפּישער „דרײַעק“, ווּ דער מאַן יאַנוש איז אייפֿערזיכטיק צו זײַן לײדיקגייערישער פֿרוי. דער סאָף איז אָבער אַ גאָרנישט־זאָגנדיקער. „עפּשער האָט ער אומזיסט כוישעד געווען זײַן רעגינקען“, — טראַכט דער מאַן באַ זיך, און דער לייענער ווייסט ניט, וואָס לאָזט אונדז דאָ דער מעכאַבער צו הערן... אין דער דערציילונג „כאַנע“ ווערט באַוויזן, ווי־אַזוי עס קומט אויף אַ ליבע־געפֿיל צווישן כאַנען און איר אָנקל; אָבער די סוזשעטישע ליניע איז ניט פֿאַרענדיקט. דער פֿאַקט פֿון לעבן ווערט ניט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַקט פֿון קונסט. אויך אין דער דערציילונג „אַ פֿאַרדינטע מעדאַל“ איז ניט פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס שאַרל שאַפּיר, דער לעגענדאַרער העלד פֿונעם בעלגישן ווידערשטאַנד, האָט פֿריִער באַשלאָסן צו בלײַבן וווינען אין לאַנד פֿון זײַנע עלטערן, אין פֿאָלקס־פּוילן, און דערנאָך זיך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן באַשלוס. קיין לאָגיק איז אין דעם ניטאָ, און קינסטלעריש איז עס ניט באַגרינדעט.

די שפּראַך פֿון בוך איז אַ זאַפֿטיקע, אָבער דאָ און דאָרט טרעפֿן זיך נאָך ערטערווײַז ניט געלונגענע, ניט נאַטירלעכע פֿאַר אונדזער ייִדיש לאָשן אויסדרוקן. אָט זײַנען בײַשפּילן: „ער האָט אַרײַנגעבראַכט אַ שטימונג פֿון טיפֿער פֿאַרטראַכטונג“ (ז. 262), „ער האָט איר אָפּט געגעבן קאָמפּלימענטן“ (ז. 241), „אַף זײַן פּאָנעם האָט זיך געלאָזט אַ שווערער אומעט“ (ז. 226), „אָנגעלאָדן מיט פּאַרדרוס“ (ז. 166), „אַ מוטיקער געפֿיל פֿון דערגרייכונג האָט זי אַרומגענומען“ (ז. 198), „ער זאָל זי כאָטש אַמאָל באַרעכענען, אַז זי איז אַליין“ (ז. 165) אאַ.

ב. גאָלדווירטס דערציילונגען זײַנען דאָך וויכטיק מיט זייער דערקענטעניש־וואָרט, ווײַל אין זיי ווערט געשילדערט דאָס לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס און אין נאָכמילכאָמע־פּעריִאָד.

מוני גלייזער

נאַכעם אלפּערטס אקווארעלן

דער ווילנער אקווארעליסט נאַכעם אלפּערט איז א פּאָעט פון מאָלערײַ, ער רופט ארויס מיט זײַנע בילדער דערהויבענע געפילן. אלפּערט האָט דעביוטירט אין 1937 אף דער אויסשטעלונג פון די יונגע ווילנער ייִדישע קינסטלער־פּלאסטיקער. איצט איז ער באקאנט אויסער די גרענעצן פון ליטע. הויך איז אָפּגעשאצט געוואָרן אין ווארשע זײַן פּערסאָנעלע אויסשטעלונג, אײַנגעאָרדנט דורך דער געזעלשאפט פון פויליש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט, פון דעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די ייִדן אין פוילן און פון דעם ווארשעווער אינטערנאציאָנאלן פּרעסע־קלוב.

נאַכעם אלפּערט איז אן אלטער ווילנער טוישעוו. דעריבער איז פארשטענדלעך, פארוואָס די ווילנער טעמאטיק פארנעמט אזא קענטיק אָרט אין זײַן שאפן. אלפּערטס אקווארעלן זײַנען געמאָלט פרײַ, זאפטיק, אינטענסיוו. אזא מאָלערײַ שאפט ברייטע מעגלעכקײַטן צו אנטפּלעקן די שיינקײַט פון אלט־ווילנע.

אלפּערט איז ניט קיין שילער פון א באשטימטער מאָלערײַ־שול. אויסער בא זײַן ערשטן לערער, דעם פּראָפעסאָר פון דער ווילנער צייכענונגס־שול קוליעשא, האָט ער, שטודירנדיק אינעם ערעוואנער קונסט־אינסטיטוט, געשעפּט מײַסטערשאפט און פאך־קענטעניש בא אזוינע גאנץ פארשיידענע מאָלער ווי קאָלאָזיאן, אבעריאן, בעקאריאן און יעסאָיאן. דעריבער דארף מען ניט זוכן בא אים קיין בוילעטע האשפּאָע פון איין מאָלער. פון זײַנע לערער האָט ער געוויס איבערגענומען אזא וויכטיקן עלעמענט, ווי עס איז אין דער פּלאסטישער קונסט די צייכענונג.

אין טאָך אָבער איז אלפּערט אן אָריגינעלער אקווארעליסט מיט אן אייגנארטיקער קינסטלערשער מאניר. אן אײַנגעהאלטענער שטילער אומעט שוועבט איבער זײַנע ווילנער געסעלעך. דעם דאָזיקן אומעט באקומט דער קינסטלער ארויס, באנוצנדיק א געזעטיקטן פארבן־גוס פון אינטענסיווע גרינע און ראָזלעכע טענער. אין אלפּערטס אקווארעלן מערקט זיך א בוילעטער ייִדיש־נאציאָנאלער קאָלאָריט.

שאפנדיק פּייזאזשן פון ווילנער אומגעגנט, פילט אלפּערט דעם שטענדיקן אומבײַט אין דער נאטור. די דאָזיקע אייביקע באוועגונג גיט דער קינסטלער איבער אין זייער לויטערע פארבן, און דאָס פילט אָן זײַנע פּייזאזשן מיט א ליריש־פּאָעטישער שטימונג („שיין איז די ווילִיע“, „שטיל וואסער“ און אנדערע).

ראָמאס אלעקנא, קונסט־קריטיקער.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

צוויי בראָשורן אף ייִדישער טעמאטיק

דער ווינער „אוראָפּא־פערלאג“ האָט אין זײַן סעריע „מאָנאָגראפיען צור צײַטגעשיכטע“ ארויסגעגעבן לעצטנס צוויי בראָשורן אף ייִדישער טעמאטיק. אין דער ערשטער א. נ. „טויטע קעהילעס“ באשרײַבט אלעקסאנדער כארים א ריי פארניכטעטע דורך די פאשיסטן ייִדישע ייִשוווים אין אייראָפּע.

די צווייטע בראָשור איז אן אָפּהאנדלונג פון דזשאָני מאָזער וועגן אומקום פון די עסטרײַכישע ייִדן אין די צײַטן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאציע. דער אווטאָר שטיצט זיך אלץ אף דאָקומענטן פון די פארשיידנסטע היטלעריסטישע מיניסטעריִומס, אינסטאנצן, זייערע פּראָטאָקאָלן, נאָטיצן, באפעלן, קוידעמקאָל פון דער געסטאפּאָ און „ייִדישע אָפּטיילונגען“, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט דורכפירן די „ענדלעזונג“ פון דער ייִדישער פראגע.

שוין גלײַך נאָך דעם נאציסטישן אנשלוס, — שרײַבט דער מעכאבער, — האָט זיך באוויזן די ערשטע פאראָרדענונג מיט אָן א שיר פּאראגראפן און פונקטן, וואָס האָבן געהאט נאָר איין ציל: אף א „געזעצלעכן“ אויפן דערפירן צו דער פארניכטונג פון עסטרײַכישן ייִדישן ייִשעוו. דאָקומענטן, סטאטיסטישע אָנגאבן וועגן טראנספּאָרטן מיט ייִדן, וואָס זײַנען געגוי לויט א פּאָרויס באשטימטן פּאָרפּלאן און אויסרעכענונג אָפּגעגאנגען אין די פארניכטונגס־לאגערן, צו די גאז־קאמערן, צו די קרעמאטאָריעס. די קאָמענטארן פון מעכאבער זײַנען קורץ, זיי ווענדן די אופמערקזאמקײַט פון די לייענער אף דעם אָדער יענעם פונקט פון די דאָקומענטן, פון וועלכע עס רינט מאמעש בלוט. מע האָט פאר זיך דאָס בילד פון דער דײַטשיש־היטלעריסטישער פּינקטלעכקײַט, פּעדאנטישקײַט, מיט וועלכע עס איז אדורכגעפירט געוואָרן די „אקציע“ פון הארגענען, סאמען, ברענען צענדליקער טויזנטער ייִדן פון עסטרײַך. דאָ האָבן מיר פאר זיך אויך דאָקומענטן וועגן די דורכגעגאנגענע דורך ווין טראנספּאָרטן מיט ייִדן פון אנדערע לענדער. מיקויעך צוויי טראנספּאָרטן, וועלכע זײַנען אוועק קיין טרעבלינקע אין מארט 1943 יאָר, האָט דער מעכאבער, ווײַזט אויס, געמאכט א געוויסן טאָעס. ער זאָגט, אז דאָס זײַנען געווען טראנספּאָרטן מיט 2 טויזנט בולגארישע ייִדן. סײַ פון די האאָרעס און סײַ פון די בולגארישע מעקוירים דרינגט גיכער, אז דאָ האנדלט זיך וועגן טראנספּאָרטן פון יוגאָסלאווישע ייִדן, פון סקאָפּיע (די הויפּטשטאָט פון דער יוגאָסלאווישער מאקעדאָניע, וועלכע איז געווען אָקופּירט דורכן מאָנארכאָ־פאשיסטישן בולגארישן מיליטער) און סאלאָניק אין גריכנלאנד.

דער מעכאבער אליין מאכט ניט קיין אויספירן. ער לאָזט עס איבער פאר די לייענער, און דער אויספיר בעט זיך מאמעש אליין.

י. געילער

(„פאָלקס־שטימע“, ווארשע)

פאַרשיידנס

וואָס לייענט די וועלט?

אף וועלכע שפּראַכן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די גרעסטע צאָל ביכער? ענטפערן אף אָט דער פראַגע העלפט די וועלט־סטאַטיסטיק: אף ענגליש, פראַנצויזיש, דײַטש, רוסיש און שפּאַניש. אָט די שפּראַכן געהערט דרײַ פערטל פון דער ביכער־פּראָדוקציע אין דער וועלט. אַגעוו, די פאַרשפּרייטקײַט פון דער אָדער יענער שפּראַך דינט אָפט אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם אַלס אַ סטימוליאַטאָר צו פּאָפּוליאַריזירן דעם ערגסטן מין בולוואַר־ליטעראַטור. פלעמינגס ביליקע אַנטיקאָמוניסטישע דעטעקטיוון אָדער פּאָרנאָגראַפישע ליטעראַרישע מאַכערײַקעס ווערן וועלט־בעסטסעלערס אַדאַנק דעם, וואָס זייער קאָמערציעלע אויסגאַבע איז געמאַכט אין ענגלאַנד אָדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

אָבער האַגאַם די דאָזיקע „ליטעראַטור" ווערט אַרויסגעגעבן מיט מיליאָניקע טיראַזשן, איז ניט זי האָט די אַנטשיידנדיקע האַשפּאָע אין דער וועלט. דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט מיט סטאַטיסטישע אָנגאַבן. לויט די ידיעות פון יונעסקאָ, זײַנען די סאַמע פּאָפּולערע אויטאָרן אין אונדזער צײַט — וו. אי. לעני, שעקספּיר, זשיול ווערן און לעוו טאָלסטאָי. דעם גרעסטן נאָכפראַג פון די לייענער פאַרמאָגן אויך די ווערק פון דאָסטאָיעווסקי, אַנדערסען, באַלזאַק, דיקענס, מאַרק טווען, מאָפּאַסאַן, גאָרקי, סימענאָן, קריסטי, העמינגוועי, סאַרטר, מאָראַוויאַ, לאָנדאָן, טאַגאָר, קאָנאַן דויל. בלויז אָט דאָס צעטל אויטאָרן אַליין זאָגט עדות, אַז די מענטשהײַט ווייסט ווי צו שעצן עכט ליטעראַרישע ווערק.

וו. שטערנישאָוו.

„קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ"

ווי אַזוי מע האָט געשאַפן די שרײַב־מאַשין

די אידיי וועגן שאַפן אַ מעכאַניזירטע שרײַב־מאַשין איז אויפגעקומען אין 1714. אין דעם יאָר האָט דער בריטישער דערפינדער הענרי מיל באַקומען אַ פּאַטענט פון דער ענגלישער רעגירונג צו פּראָדוצירן אַ שרײַב־מאַשין, אָבער ער האָט זײַן פּלאַן קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט. אין 1829 האָט וויליאַם אָסטין כוירט, אַן אַמעריקאַנער דערפינדער, פּאַטענטירט זײַנעם אַ פּלאַן פאַר אַזאַ שרײַב־מאַשין, און אין 1833 האָט קסאַוויע פּראָגען, אַ פראַנצויזישער דערפינדער, געקראָגן בא דער פראַנצויזישער רעגירונג אַ פּאַטענט.

די דאָזיקע דערפינדער האָבן אָבער געשאַפן שרײַב־מאַשינען, וואָס זײַנען נאָך ניט געווען פעיִק צו דינען דעם פּראַקטישן צוועק. די מעטאַלענע שטענגלעך מיט די בוכשטאַבן אף זייערע שפּיצן האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט אף איין און דעם זעלבן פונקט. דער, וואָס האָט געוואָלט זיך באַנוצן מיט אַזאַ שרײַב־מעכאַניזם, האָט באַדאַרפט נאָך יעדן בוכשטאַב זיך אָפּשטעלן און איבערוקן דאָס פּאַפּיר פאַר אַ צווייטן בוכשטאַב.

ערשט אין 1843 האָט טשאַרלס טהורבער פון וווסטעד, מאַסאַטשוזעט, גענומען אַ פּאַטענט אף זײַנער אַ דערפינדונג פון אַ באַוועגלעכן צילינדער, וואָס האָט געמאַכט מעגלעך אָפּצוקלאַפּן די אויסיִעס איינע נאָך דער צווייטער. מע קאָן זאָגן, אַז דעמלט — מיט 125 יאָר צוריק — איז פאַרפולקומט געוואָרן די שרײַב־מאַשינקע אין דער פאָרם, ווי זי איז איצט. אָבער ערשט אין 1867 — עטוואָס איבער אַ יאָרהונדערט צוריק — איז פּראָדוצירט געוואָרן די ערשטע פולקומע מאַשינקע, וועלכע איז וואָס ווײַטער קעסיידער אויסגעבעסערט געוואָרן ביז דער עלעקטראָנישער שרײַב־מאַשין.

לעכאַטכילע איז די מאַשינקע באַנוצט געוואָרן אין גרויסע האַנדלס־פירמעס און אין בענק; שפּעטער אין לערן־אַנשטאַלטן. גלײַכצײַטיק האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט סטענאָגראַפיע, וואָס האָט צוזאַמען מיט דער שרײַב־מאַשין אומגעהייער פאַרשנעלערט און אויסגעברייטערט דעם פּראָצעס פון קאָפּירן בריוו, רעדעס און דאָקומענטן.

לויט דער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט".
ניו־יאָרק

ניט קיין געוויינלעכער סקולפּטאָר

די מעטאַלורגיע רײַסט זיך אַמאָל אַרײַן אין די סאַמע אומגעריכטע געביטן. קעדיי פאַרהיטן די ירושע פון דער אַנטישער צײַט, האָט מען געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון מעטאַלורגן. זיי האָבן געשאַפן אַ מעטאָד, וועלכער גיט אַ מעגלעכקײַט מיט אַ פּינקטלעכקײַט ביז אַ מיקראָן מאַכן קאָפּיעס פון די ווערק, וואָס עס האָבן אונדז געלאָזט די גרויסע אַנטישע מײַסטערס. די סקולפּטאָרן זײַנען ניט געווען בעקויעך עס צו טאָן.

עמעס, קיין מעטאַלורגישער סקולפּטור־וואַרשטאַט עקזיסטירט נאָך דערווײַל ניט. אָבער אף אַזאַ פּראָיעקט אַרבעט מען שוין. דאָס איז אַ זאַך פון דער ניט ווײַטער צוקונפט.

פאָרזיכטיק — א פאַסטקע

לויטן פארנעם — 164 זײַטן — וואָלט אָט דאָס ווערק געקאָנט זײַן א ראָמאן אָדער א גרעסערע דערציילונג. לויטן אויסזען קאָן מען מיינען, אז ס׳איז א פּאָעמע: דער טעקסט איז אויסגעזעצט ווי לידער, אין צוויי שפּאלטן. עמעס, ס׳איז א ביסל מאָדנע, וואָס דער רעכטער שפּאלט איז אויסגעזעצט מיט א פעטערן שריפט, ווי דער לינקער. ס׳איז אָבער גענוג אָנצוהייבן לייענען, מע זאָל זיך איבערצײַגן: דאָס איז ניט קיין פּראָזע און ניט קיין פּאָעזיע. דאָס זײַנען פּאָשעט ווערטער, וואָס דער אוטאָר האָט אָנגעוואלגערט, ווי ס׳איז אים אײַנגעפאלן אין קאָפּ.

דאָס האָט דער מײַרעוו־דײַטשישער ליטעראטאָר פראנץ מאָן — דער פארלעגער פון דער אוואנגארדיסטישער אנטאָלאָגיע „מאָוועגס" און באוווסטער אָנהענגער פון דער „עקספּערימענטאלער קונסט" — ארויסגעלאָזט א ווערק אונטערן נאָמען „דער הארציקער נול", וואָס איז ניט לאנג צוריק פּראָקלאמירט געוואָרן אין דער פעדעראטיווער רעפּובליק פון דײַטשלאנד אלס „בוך פון מאָנאט".

ניט קיין פארענדיקטע געדאנקען, צעקאליעטשעטע, צעדרויבלטע פראזעס, פּרעטענציִעזע „לעקסישע רייען" — אזא איז דאָס געוועב פונעם בוך.

קיין סוזשעט איז, נאטירלעך, אין אים ניטאָ, ווי ס׳איז ניטאָ קיין אידיי. דער אוטאָר איז פארכאפּט מיט דער שפּיל פון ווערטער, ער באמיט זיך איבעראשן דעם לייענער מיטן פילפארביקן וואָרט־געוועב.

אפילע דער שרײַבער העלמוט הײַסענביטעל, וואָס קוואליפיצירט מאָנס ווערק אלס „איינס פון די מאסשטאב־ביכער פון דער דײַטשישער ליטעראטור אין XX יאָרהונדערט", שרײַבט אין זײַן רעצענזיע: „די שוועריקײַט באשטייט דערין, וואָס מע מוז אָנווײַזן, וואָס עס קאָן אָדער דארף זיך פאָרשטעלן דער לייענער בייסן לייענען דעם דאָזיקן בוך..."

אָט די אנערקענונג איז אויסערסט וויכטיק, ווײַל דעם אוטאָר פון דער רעצענזיע איז אין טאָך זייער נאָענט מאָנס „שאפונגס־מאניר".

אפילע א „קאָמענטאר פון א געלערנטן" וואָלט ניט געהאָלפן דעם לייענער ארײַנדרינגען אין די סוידעס פון דעם ווערק, — קאָנסטאטירט דער רעצענזענט. דער לייענער בלײַבט ווירקלעך שטעקן אין דער קלעפּיקער געמויזעכץ פון ווערטער. דעריבער איז קיין ווונדער ניט, וואָס הײַסענביטעל רופט אָן דעם „הארציקן נול" א „בוך פון פאסטקעס".

(„ליטעראטורנאיא גאזעטא")

א באלערעוודיק „שפּיצל"

עטלעכע גרויסע פארלעגער, ווי אויך א ריי בארימטע ליטעראטן, קריטיקער און פּראָפעסאָרן פון מײַרעוו־דײַטשלאנד, עסטרײַך און שווייץ האָבן דורך דער פּאָטשט באקומען א פראגמענט פון א ראָמאן מיט א באגלייט־בריוו פונעם אוטאָר, אין וועלכן ס׳איז געזאָגט געוואָרן, אז ער איז אן אָנפאנגער און בעט זיך ארויסזאָגן וועגן דעם טעקסט.

קיין איין פארלאג האָט זיך ניט פארינטערעסירט מיטן ווערק, און די ספּעציאליסטן האָבן עס צעקריטיקירט. אין די ענטפערס, וואָס דער אוטאָר האָט באקומען, האָט מען געשריבן, אז זײַן ליטערארישער פּרווו גרענעצט מיט כאלטורע, מ׳האָט אים באשולדיקט אין פאלשער סענטימענטאלקײַט, ייִעש און אין ענלעכע זינד.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאר א פּאָנעם ס׳האָבן באקומען די אלע מעווינים, ווען ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער טעקסט איז גענומען געוואָרן פון א בארימטן ראָמאן פון ראָבערט מוזיל[1]. אין טעקסט איז קיין זאך ניט געווען געענדערט, כוץ די נעמען.

דאָס דאָזיקע שפּיצל האָבן אָפּגעטאָן די מיטארבעטער פונעם מײַרעוו־דײַטשישן סאטירישן זשורנאל „פארדאָן".

באלד נאָך דעם האָבן זיך באוויזן אין דער פּרעסע לאנגע ארטיקלען, אין וועלכע ס׳איז דערקלערט געוואָרן, אז מע קאָן ניט אורטיילן לויט פראגמענטן און אז די פּראָזע פון די דרײַסיקער יאָרן קאָן מען ניט אופנעמען ווי א הײַנטצײַטיקע, און אנדערע „ארגומענטן" אין זעלבן נוסעך. נאָר די מעכאברים פון די ארטיקלען האָבן פונדעסטוועגן מוידע געווען, אז „דער פאל מיט מוזילן" קאָמפּראָמעטירט זייער די „ספּעציאליסטן". קוידעמקאָל האָט דער גרעסטער טייל ניט דערקענט דעם ראָמאן פונעם בארימטן שרײַבער און ניט אנערקענט זײַנע ליטערארישע מײַלעס.

נאָך טשיקאווער איז דאָס, וואָס שארפער פון אלעמען האָט זיך וועגן פראגמענט אָפּגערופן דער פארלאג „ראָוואָלט", האגאם דער פראגמענט שטאמט פון א ראָמאן, וואָס דער זעלבער פארלאג האָט ארויסגעגעבן אין 1952.

די מאָראל דערפון איז אן אלטע: כאכאָמים, זײַט אָפּגעהיט אין די רייד.

(„פאָלקס־שטימע", ווארשע)

---

[1] אָנגעזעענער עסטרײַכישער שרײַבער (1880—1942). בייס דעם פאשיזם זײַנען אין דײַטשלאנד און אין עסטרײַך מוזילס ביכער געווען פארבאָטן.

נאָטיצן פון אַ יידישן בוקיניסט

„שמחת הנפש"

עלכאָנאָן (הענלה) קירכהאן, וואָס האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצעטן און אין אָנהייב אכצעטן יאָרהונדערט, האָט זײַן בוך „שמחת הנפש" אָנגעשריבן און ארויסגעלאָזט אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל (פראנקפורט, 1707) באשטייט פון פארשיידענע מײַסעלעך און מעשאָלים. די מאָטיוון און טעמעס פאר זײַנע ווערק האָט ע. קירכהאן געשעפּט פון דעם מעדרעש, פון טאלמוד און פון דעם יידישן „מײַסע־בוך". א געוויסער טייל פון זײַנע מײַסעלעך זײַנען פארשריבן דירעקט פון דעם פאָלקס־מויל און זײַנען וויכטיקע מאַטעריאלן צו דער געשיכטע פון יידישן פאָלקלאָר.

„שמחת הנפש" איז באליבט געוואָרן בא די לייענער און איז א סאך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. עלכאָנאָן קירכהאן האָט אָבער, זעט אויס, ניט געוווסט, אז דער ערשטער טייל פון זײַן „שמחת הנפש" האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג. דערפאר האָט ער באשטימט דעם צווייטן טייל צו שאפן אין אזא זשאנער, וואָס איז געווען מער באליבט אין פאָלק. ער האָט צוערשט צונויפגעקליבן פּאָפּולערע פאָלקס־מעלאָדיעס, און די טעקסטן האָט ער שוין „וויל נאָך געזאנג און גרייס געשטעלט. אויך געשטעלט די מוזיקע צו מאכן באקאנט, דורך ארפארינג בא איינעם מוזיקאנט דען רעכטן ניגן..."

דער צווייטער טייל פון „שמחת הנפש", וואָס באַשטייט פון לידער מיט נאָטן, איז דערשינען אין 1727.

עלכאָנאָן קירכהאן איז ניט געווען קיין פּאָעט, אָבער זײַנע „לידער מיט א מוסער־האסקל" האָבן הײַנט־צו־טאָג א געשיכטלעכן ווערט. דער פילאָלאָג און קולטור־היסטאָריקער קאָן אין זיי געפינען מאטעריאל וועגן דעם לעבן און דער קולטור פון די יידישע פאָלקסמאסן אין יענער צײַט. אויך די נאָטן פון דעם בוך זײַנען א קוואל צו דער געשיכטע פון דער יידישער מוזיק.

פון עלכאָנאָן קירכהאנס שילדערונגען איז צו זען, אז דאָס יידישע לעבן אין מיטל־דײַטשלאנד סאָף 17־טן און אָנהייב 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך שוין דערווײַטערט פון אסקעטיזם און מאָשיעך־טרוימען. אפילע זײַנע, אזוי צו זאָגן, „הייליקע" שאבעס־לידער זײַנען דורכויס גאַשמיעסדיק און ערדיש:

גוט עסן, גוט טרינקען,
וואָס גאָט טוט באשערן.
קיין צאר, קיין רויגעז
צו ווײַזן און לאָזן הערן...
גוט ביר, גוטן ווײַן
זאָל מען אָנבערײַטן.

גוט פלייש, גוטע פיש
מאך פארטיק באצײַטן
און ליכט צו ברענען אויף אלע זײַטן...

אויב גלייבן ע. קירכהאנס גוויִעס־איידעס, האָט מען דעמלט געהאלטן אין איין פראווען סודעס, אף וועלכע מע האָט נאָר געזויפט און געשיקערט. און ווו „נשים ובתולות אירע קולות לאָזן הערן ווי די הורן און לאָזן זיך ניט אָבווערן, דאש מאן מיטן אין דער דרשה מוז אויף הערין. און ווען די דרשה איז פארבײַ, קומען ווידער די חוצפּא לידר ארבייא, מיט יוכצן און שאלן און זינגען. מיט הענט און פיס טוט מען קלאפּן און אף דעם טיש שפּרינגען".

דעם פרומען עלכאָנאָן הענלע איז, פארשטייט זיך, דאָס אלץ ניט צום הארצן. זידלט ער און מוסערט אין גראמען. באזונדערס אופגעבראכט איז ער אף די לעבנסלוסטיקע פרויען, וואָס גייען ארום „איבעראל אוני שומר, אכטין קיין עבירה קל והומר". אין קאס איז ער אף יענע „נשים די טרינקען פיל יין שרף... און טרייבן צוגלייך מיט מאנין און יונגען חוצפת און געלעכטער. ווי זיי, אזוי אויך אירע טעכטער"...

עלכאָנאָן קירכהאן האָט ניט פארזען אויך די סאָציאלע ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען, דעם קלאסן־אנטאגאָניזם אף דער יידישער גאס. ער דערציילט וועגן דער קאָנקורענץ, וואָס קומט פאָר צווישן די אופגעקרומענע סאָכרים און באנקירן, הויף־יידן און ארענדאטאָרס פון מעלוכע־שטײַערן, ווי זיי כאפּן אונטער און עפּענען פרעמדע בריוו, וועגן זייער ניט ערלעכקײַט אין געלטזאכן און זייער רײַסן גרויסע פּראָצענטן פון דעם אָרעמאן און פון דעם עלנטן. עלכאָנאָן קירכהאן איז ניט שטענדיק געווען נאָר אן אָביעקטיווער און גלײַכגילטיקער באאָבאכטער. אף זײַן אויפן שאצט ער אָפּ דאָס גוטע און פארורטיילט דאָס שלעכטע.

...אײַ, מענטש, אײַ, מענטש, וואָס געדענקסטו דען,
דו לויפסט, דו רענסט, וואָס זאָל עס דיר?
. . . .
דײַן געלט און דײַנע הײַזער און גילדענע קייטן
קענען דיר ניט העלפן אויז דײַנע נייטן...

דערבײַ איז וויכטיק צו באמערקן, אז אין דעם באַגריף מענטש האָט עלכאָנאָן קירכהאן ארײַנגעלייגט א ברייטן און אוניווערסאלן אינהאלט. ער האָט אין זינען געהאט ניט נאָר דעם יידן, נאָר דעם מענטשן ביכלאל:

אף איין מענטש טוט קיין איבל וואָרטריידן ארויז,
ער מעג זײַן אנדערשט, ווו אודר אין דיינעם הויז,
ער מעג זײַן אָרעם אודר רײַך,
יהוד, אודר נכרי האלט אלי צוגלײַך...

די יידן האָבן זיך קיינמאָל ניט געפונען אין א גײַסטיקן געטאָ. זייער געשיכטע האָט זיך אנטוויקלט ניט איזאָלירט פון דער אלגעמיינער וועלט. די יידישע ליטעראטור איז אן איידעס דערפון. אויך עלכאָנאָן קירכהאנס לידער מיט נאָטן קאָנען עס באשטעטיקן.

ל. פּאָדריאטשיק

די ייִדישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„שול און לעבן"

די קינדער־ליטעראטור אינעם ערשטן רעוואָליוציע־יאָר

אין דעקאבער־נומער פונעם זשורנאל טרעט ארויס דער שרייַבער נויעך לוריע מיט אן איבערזיכט פון דער קינדער־ליטעראטור, וועלכע פיר ייִדישע פארלאגן האָבן ארויסגעגעבן אין 1918. דער אווטאָר מאָלט א פילזאָגנדיק בילד פונעם אופבלי פון אָט דעם מין ליטעראטור באלד נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, דערבייַ טיילט ער זיך מיט די לייענער מיט א ריי אינטערעסאנטע געדאנקען וועגן דער שאפונג פון באזונדערע שרייַבער. מיר ברענגען דאָ אייניקע שטעלן פונעם איבערזיכט.

„קיִעווער פארלאג". די זאמלונג „קינדער־לידער" איז גוט ארויסגעגעבן און פייַן איליוסטרירט. דאָס איז א בוך, וואָס איז פול מיט רעגן, גרינס און שפיל.

אין ל. קוויטקאָס בוך „לידעלעך" איז אויסגעצייכנט די מייַסע מיטן זשוקל, וואָס דרייט זיך נאָכן רעגן אין רינווע, שפילט זיך מיטן טויט. א שפענדל גיט „א קרים זיך, א לויף, א נייג צום זשוקל און נעמט עס ארוף". דאָס שפענדל טראָגט דאָס זשוקל פארבייַ פריזבעס, דורך ווינט, איבער דער ריטשקע, וואָס זילבערט און בלענדט, ביז דאָס זשוקל „טוט זיך א שטויס און — ארייַן אין א לעכל, ארייַן אין א הויז, ווו עס וווינען קאפּצאָנים און קינדערלעך דרייַ, וועלכע כאפּן דאָס זשוקל און לאָזן עס פרייַ".

פול מיט כיין און קינדערשער טמימעס איז דאָוויד בערגעלסאָנס „דאָס גאָלדענע קייַקעלע". עס רוט אף דעם גוטער פאָלקס־גייַסט.

אָנרופנדיק א ריי גלענצנדיקע איבערזעצונגען פון קינדער־מייַסעלעך פון דער וועלט־ליטעראטור (א. פּושקין, א. וו. פראנקאָ, אָ. ווייַלד, אלפאָנס דאָדע, אנדערסען, ל. טאָלסטאָי און אנד.), רעדט נ. לוריע מיט א באזונדער ווארעמקייַט וועגן דער איניציאטיוו פון „קיִעווער פארלאג", וואָס האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן די „שול־ביבליאָטעק" פון אונדזערע בעסערע שרייַבער. „ס'איז דאָ א ספּעציעלער מין שונד, — שרייַבט נ. לוריע, — דאָס איז די לאקריץ־זיסע פאלש־קינדערשע ליטעראטור, וואָס פארשיידענע פלינקע טאלאנטלאָזיקייַטן מיט א פּען אין האנט פאבריצירן מיט אזא דערפאָלג אין אלע שפּראכן. מיר דארפן זיך דערפון היטן". אין דער „שול־ביבליאָטעק" זייַנען, צווישן אנדערע, דערשינען אין 1918 מענדעלע מויכער־ספאָרימס „דאָס קעלבל", שאָלעם־אלייכעמס „א פארשטערטער פייסעך" און י.־ל. פּערעצעס „ניסים אפן יאם".

אלס שענסטע מאטאָנע פון „קיִעווער פארלאג" פאר די קינדער האלט נויעך לוריע דעם ניסטערס „מייַסעלעך". י.־ל. פּערעץ און דער ניסטער, — שרייַבט לוריע, — ביידע שעפּן זיי פון פאָלקס־קוואל. נאָר ווען אין די „געשיכטן" איז דער איקער און דער צענטער דער ייִד און די קנעסעס־ייִסראָעל... איז בא דעם ניסטער דער איקער און דער צענטער די וועלט פון סטיכייִשע גייַסטער, דער מענטש, ווי א קישעף־שפּיגעלע, אין מיטן קאראהאָד פון די קאָסמישע דערשייַנונגען. באָבע און האָן, קינד און ציגעלע, מייַזל — א שפּרעכער, קעצל — א קישעפ־מאכער, א שטילער מאן און רוכעס, שרעטעלעך, — אומעטום, אין אלע שפּאלטן, אף אלע וועגן. דאָ איז מענטש, כייַע, שטומע זאכן און גייַסטער איבערגעפלאָכטן אין איין וווּנדער־קרייַז. דאָס איז דעם פאָלקס. דעם ניסטערס ביכל „מייַסעלעך" איז גענומען מיטן פולן הויפן פון פאָלקס־אויצער, עס האָט ניט קיין איין סקארבאָוון אויסדרוק, קיין איין באנאלן קריץ, ס'איז געלייַטערט פילפאך, געוואשן אין זיבן טויען. עמעס קינדעריש לויטן בוי, קיין שום צופּאסן זיך, קיין שום געקינצלטקייַט.

פארלאג „אָנהייב". דערשינען צוועלף ביכלעך, וועלכע זייַנען געווים א נוצלעכער אייַנטראָג אין אונדזער קינדער־ליטעראטור. א שיינע, ווערטפולע מאטאָנע איז רעב מאָרדכעלעס „שלוימע־האמעלעך און דער אשמעדייַ". דער רייַכער לעגענדארישער מאטעריאל פון אגאָדעס איז איבערגעגעבן אין א זעלטענער שפּראך און אויסגעהאלטן אין סטיל.

„בלימעלעך" (אָדעסער פארלאג). צווישן די אויסגאבעס טיילן זיך באזונדערס אויס מענדעלע מויכער־ספאָרימס „הערשעלע", א. רייזענס „די נייַע לאטע" און מאמין־סיביריאקס „דער העלדישער האָז".

ב. א. קלעצקין־פארלאג. ריידנדיק וועגן די אויסגאבן פון „ווילנער פארלאג", שטעלט זיך נ. לוריע אָפּ אף י.־ל. פּערעצעס צוויי מייַסעלעך — „סאָרע־באס־טויווים" און „דער ארענדאר". אין „סאָרע־באס־טויווים" האָבן מיר טמימעס, ביטאָכן און די געהיימע האנט פון מאזל, באלויכטן מיטן באוווּסטזיניקן גוטן גייַסט און וווּנדערלעכן געשטאלט פון אונדזער הערצלעכער טכינעס־מוטער. דאָס געוועב פון דער מייַסע — קנאפּ און אייַנגעהאלטן אין געציר און פארבן — איז פול מיט לעבן... עס אָטעמט מיט שטילער ווארעמקייַט און שייַנט מיט צניִעסדיקער שייַן.

פארקערט, „דער ארענדאר" איז אייגנארטיק, פול אייַנפאל, שטארק און טיף דראמאטיש... אינעם קינדערשן הארצן וועט די מייַסע ארייַנפליסן א נייַ, גרויס און ווירדיק געפיל, האגאם די קינדער וועלן עפּשער ניט גענוג באנעמען די פּסיכאָלאָגיע פון דער זאך.

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 85 יאָר צוריק, דעם 10 דעקאַבער 1883, איז אין דאָרף מוטין (טשערניגאָווער גוב.) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיקער יעכעזקל דאָברושין.

הויכבילדונג האָט י. דאָברושין באַקומען אין פּאַריזש, ווו ער האָט שטודירט אין דער סאָרבאָנע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער סיסטעמאַטיש געלייענט לעקציעס וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין א ריי

קיִעווער לערן־אנשטאַלטן, אין מאָסקווער מײַרעוו־אוניווערסיטעט, אין ייִדישן מעלוכישן קאַמער־טעאַטער, אף דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם צווייטן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט און אנד. י. דאָברושין איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די ערשטע סאָוועטישע זאַמלביכער אין ייִדיש — „אייגנס“ (אָנגעהויבן דערשײַנען אין 1918), „אויפגאַנג“ (1919), „שטראָם“ (1922), „נײַערד“ (1925) אא.

י. דאָברושינס ליטעראַרישע ירושה איז א גאָר רײַכע, מיר וועלן דאָ אָנרופן אייניקע ווערק זײַנע, וועלכע זײַנען ארויס אין א בוך־פאָרם: „פאַרנאַכטן“ (לידער, לאָדזש, 1921), „געדאַנקענגאַנג“ (ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען, קיִעוו, 1922), „אין איבערבוי“ (ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען, מאָסקווע, 1932), „סאָוועטישע דיכטונג“ (מאָסקווע, 1935), „מיכאָעלס דער אַקטיאָר“ (מאָסקווע, 1940), „דאָוויד בערגעלסאָן“ (מאָסקווע, 1940), „די דראַמאַטורגיע פון די קלאַסיקער“ (מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, גאָלדפאַדען, פּערעץ. מאָסקווע, 1948).

גאָר א גרויסן צושטײַער האָט י. דאָברושין ארײַנגעטראָגן אין דער פאָנאַנדעראַרבעטונג פון דער ייִדישער פאָלקלאָריסטיק פון דער פאַררעוואָליוציאָנערער און סאָוועטישער צײַט.

י. דאָברושין האָט אָנגעשריבן א ריי פּיעסן („דער גערעכט גייט“, „גאָט דער פײַער“ אא.), ער האָט אויך אינסצענירט א ריי ווערק פון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור, צווישן זיי — פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אַלייכעם („מאַסאָעס בינאָמין האַשלישי“, „טעוויע דער מילכיקער“ אא.) און באַאַרבעט פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער בינע די דראַמאַטורגישע שאַפונגען פון א גאָלדפאַדען („די קישעפמאַכערן“, „דאָס צענטע געבאָט“).

אין מאַרט 1939 האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר באַלוינט י. דאָברושינען מיטן אָרדען „ערן־צייכן“ — „פאַר אָנגעזעענע פאַרדינסטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער טעאַטראַלער קונסט“.

יעכעזקל דאָברושין איז געשטאָרבן דעם 11 אווגוסט 1953.

דעם 10 דעקאַבער ווערט 85 יאָר, זינט עס איז אין איווע (ווילנער גוב.) געבוירן געוואָרן דער ליטעראַטור־פאָרשער און פּובליציסט שאַכנע עפּשטיין.

נאָך ביז דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, אין 1904, איז ש. עפּשטיין געוואָרן א פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער. זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט אין ייִדיש האָט זיך אָנגעהויבן אין 1905. אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן איז ש. עפּשטיין א געוויסע צײַט געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „אמת“. אין 1921 פאָרט ער אוועק קיין אמעריקע, ווו ער רעדאַגירט צוזאַמען מיט ש. אַלגינען די פּראָגרעסיווע ייִדישע אַרבעטער־צײַטונג „פרײַהײַט“ (שפּעטער „מאָרגן־פרײַהײַט“) און דעם קאָמוניסטישן כוידעש־זשורנאַל „דער האַמער“.

אין 1928 האָט ש. עפּשטיין אף שטענדיק זיך באַזעצט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, געווען רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „די רויטע וועלט“ און פון אַנדערע אויסגאַבעס. אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ש. עפּשטיין ביזן סאָף פון זײַן לעבן רעדאַגירט די צײַטונג „אייניקײַט“.

שאַכנע עפּשטיין איז דער אַוטאָר פון ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער שאַפונג פון פיל אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער (שאָלעם אַש, אַנ־סקי, מ. ווינטשעווסקי, יעהויאָש, מענדעלע מויכער־ספאָרים, פּ. סמאָלענסקין, י.־ל.פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם, אַווראָם רייזען און אַנד.).

אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען שאַכנע עפּשטיינס ווערק „קנוט האַמסון“ (וואַרשע, 1913), „י.־ל. פּערעץ אַלס סאָציאַלער דיכטער“ (ניו־יאָרק, 1916). „לענין, ווי איך האָב אים געזען“ (דערשינען אין ייִדיש, רוסיש, דײַטש, ענגליש), „אינעם לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע“ (כאַרקאָוו, 1929) אא.

שאַכנע עפּשטיין איז געשטאָרבן דעם 21 יול 1945 אין מאָסקווע.

דעם 20 דעקאַבער 1883 איז אין נעזשין (אוקראַינע) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער דיכטער מאני לייב (מאני־לייב בראַהינסקי).

מאני לייב האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער זייער פרי, אין עלטער פון 11 יאָר. לויטן פאַך א קאַמאַשנשטעפּער, איז ער אין סאַמע אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט ארײַנגעטראָטן אין דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. ער איז צוויי מאָל ארעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער אָכראַנקע, אין 1904 אנטלאָפן קיין ענגלאַנד, פון דאָרט, אין א יאָר ארום, אריבערגעפאָרן קיין אמעריקע.

מאני לייבס לידער האָבן זיך געדרוקט אין א גרויסער צאָל זשורנאַלן און זאַמלביכער. פון די העכער צוויי טויזנט זײַנע לידער איז בלויז א טייל פארעפנטלעכט אין באַזונדערע ביכער. דאָס זײַנען „באַלאַדן“, „ייִדישע און סלאַווישע מאָטיוון“, „ייִנגל־צינגל־כוואַט“, „די ליד פון ברויט“, „בלימעלעך־קרענצעלעך“, „קינדער־לידער“, „וואונדער איבער וואונדער“, „סאָנעטן“ און אנדערע. ארויסגעגעבן האָט אָט די ביכער דער ניו־יאָרקער פארלאַג „אינדזל“ אין 1918.

זאַלמען רייזען שרײַבט אין זײַן „לעקסיקאָן“: „מאני לייב איז איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער ייִדישער ליריק... זײַן צאַרטע מילדע ליריק איז סוידעספול מיט אירע האַלב־מיסטישע און סימבאָלישע טענער, רײַך מיט אינווייניקסטער איבערלעבונג, קישעפדיק מיט איר שטילן, פארכאַלעמטן טרויער, מיט איר בענקשאַפט נאָך אויסלייזונג און באַפרײַונג פון דעם שווערן לעבנס־יאָך... זײַן קינדער־מײַסעלע „ייִנגל־צינגל־כוואַט“ געהערט צו די באַליבטסטע און לעבעדיקסטע ווערק פון דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור“.

צו מאני לייבס „ליד פון ברויט“ האָט אָנגעשריבן מוזיק דער באַוווּסטער קאָמפּאָזיטאָר יויעל ענגעל.

מאני לייב איז געשטאָרבן דעם 4 אָקטיאַבער 1953 אין א סאַנאַטאָריע הינטער ניו־יאָרק.

דעם 27 נאָיאַבער איז געוואָרן 70 יאָר דעם ייִדישן סאָוועטישן לינגוויסט עליע פאַלקאָוויטש.

ע. פאַלקאָוויטש איז א געבוירענער פון האָמעל. פיל יאָרן האָט ער געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָג אויפן געביט פון ייִדישער שפּראַך אין מײַרעוו־אוניווערסיטעט און אויפן ליטעראַריש־לינגוויסטישן פאַקולטעט באַם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויף לענינס נאָמען. זינט 1927 טרעט ער סיסטעמאַטיש ארויס אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס מיט אַרטיקלען און פאָרשונגען וועגן ייִדיש. אין די צוואַנציקער יאָרן איז פאַלקאָוויטש געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער אינעם דורכפירן די רעפאָרמע פונעם ייִדישן אויסלייג און אין פאַנאַנדעראַרבעטן פעסטע קלאָלים פון דער ייִדישער סאָוועטישער אָרטאָגראַפיע. אין אָנהייב פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז ער אַוועק אויפן פראָנט אַלס אָפּאָלטשענעץ און איז באַלוינט געוואָרן מיט א לענין־אָרדען. גלײַך נאָך דער מילכאָמע איז ער געוואָרן הויפּט־רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג „דער עמעס“.

אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער שפּראַך־וויסנשאַפט פאַרנעמט ע. פאַלקאָוויטש א בכּבֿודיק אָרט. ער איז איינער פון די פירנדיקע לינגוויסטן, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט די ייִדישע סאָוועטישע גראַמאַטיק. זײַן ווערק „ייִדיש“ דינט ביז הײַנט אַלס הילפסבוך פאַר יעדן, וואָס דערלערנט די ייִדישע שפּראַך.

אינעם ערשטן באַנד פון דער פירבענדיקער אויסגאַבע, וואָס די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר האָט ארויסגעגעבן צום 50־יאָריקן יובילײַ פון דער סאָוועטנמאַכט, „די שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר“, האָט עליע פאַלקאָוויטש פאַרעפנטלעכט א מאָנאָגראַפישן איבערזיכט וועגן ייִדיש.

א קעמפער פאַר דער ריינקייט פונעם ייִדיש־לאָשן, האָט ע. פאַלקאָוויטש שוין אין די ערשטע צוויי נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרעפנטלעכט אן אינהאַלטסרײַכע אַרבעט „אָפּשײַ פאַרן לאָשן“. אינעם דריטן נומער פונעם זשורנאַל פאַרן יאָר 1963 איז געווען אָפּגעדרוקט זײַנס אן אַרטיקל „וועגן פאָרמאַליזם“.

אינהאלט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1968

ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פּיעסן, פאַרצייכענונגען

מוישע אלטמאַן. **א מײַסע מיט א נאָמען** (דערציילונג). נומ. 2, ז. 94; **ווי פאַרקויפט מען קינדערשע סוויטערס?** (דערציילונג). נומ. 8, ז. 49.

יאָסל בוכבינדער. **צווישן כוואַליעס.** אילוסטרירט פון ה. א י נ ג ע ר. נומ. 8, ז. 60.

אַרן בייגעלמאַן. **דער גאָלדענער לײַכטער** (דערציילונג). אילוסטרירט פון וו. ז ו ב אַ וו. נומ. 11, ז. 69; נומ. 12, ז. 3.

דאַוויד בערגעלסאָן. **כ'וועל לעבן!** (לא אמות כי אחיה). דראַמע אין 3 אַקטן (אַרײַנפיר „צו דער פּובליקאַציע פון ד. בערגעלסאָנס פּיעסע"). אילוסטרירט פון ב. וואַלי ט. נומ. 11, ז. 23.

דזשאָן בערי (פּשא). **דער צוהערער.** ייִדיש — ב. ק אַ ט י ק. אילוסטרירט פון ג. פּאַ נ ד א פּ ו ל אַ. נומ. 5, ז. 122.

א ו ר אַ ם ג אַ נ ט א ר. **א רײַזע קיין לענינגראַד, וואָס פירט צום גנילאָפּיאַט.** אילוסטרירט פון וו. ז ו ב אַ וו. נומ. 7, ז. 99; **די בערדיטשעווער.** נומ. 11, ז. 117.

שמואל גאָרדאָן. **באַם ווײַנגאָרטן** (דערציילונג). אילוסטרירט פון ד. ל י אַ ן. נומ. 3, ז. 38; **דעם באַלשעמס געסל** (פּיעסע). נומ. 12, ז. 36.

שירע גאָרשמאַן. **וואָלעכישע בילדער.** נומ. 11, ז. 106.

אלעקסאַנדער גובניצקי. **די „ייִדישע שטוב". דריטער טייל.** נומ. 5, ז. 74.

בער האַלפּערן. **דער מאַטעמאַטיקער** (דערציילונג). נומ. 8, ז. 115.

האַרי האַריסאָן (פּשא). **א באַגעגעניש** (נאָוועלע). ייִדיש — א. ז י נ ג ע ר. אילוסטרירט פון ג. פּ אַ נ ד א־ פּ ו ל אַ. נומ. 3, ז. 99.

שלוימע וואַסערמאַן (פּשא). **צוליב א שיף** (דערציי־לונג). נומ. 10, ז. 114.

מייער ווינער (צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג). **לאַס קודיאַס** (דערציילונג). נומ. 10, ז. 65.

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו. **טאַכלעס** (דערציילונג). נומ. 3, ז. 108.

אי. ס. טורגעניעוו (צו זײַן 150־טן געבורטסטאָג). **בירוק** (דערציילונג). ייִדיש — ב ע ר ס ל ו צ ק י. נומ. 11, ז. 58.

יאַנקל יאַקיר. **מײַן מאַמעס רעוואָלוציע** (דערציילונג). אילוסטרירט פון ב. וו אַ ל י ט. נומ. 7, ז. 68; **טאַטע־מאַמעס ניגן** (נאָוועלע). נומ. 11, ז. 101.

מייער יעלין. **דער געאָפּאָליטיקער** (דערציילונג). נומ. 4, ז. 112; **דעם זיידנס שטעקן** (דערציילונג). נומ. 5, ז. 62.

דווירע כאַראַל. **לירישע העפטן.** אילוסטרירט פון ה. א י נ ג ע ר. נומ. 2, ז. 2.

ראָזע לייקינאַ. **מײַנע וואָגלעניש** (דאָקומענטאַלע דער־ציילונג). אַרײַנפיר פון ש י ר ע ג אָ ר ש מ אַ ן. דעם מאַטעריאַל האָט פאַרשריבן מ ײַ ע ר פּ אָ ל אָ נ ס ק י. איבערגעזעצט פון רוסיש — ש י ר ע ג אָ ר ש מ אַ ן. נומ. 5, ז. 95.

מישע לעוו. **ווען ניט די פרײַנט מײַנע...** אילוסטרירט פון י ע. ק אַ פּ ו ס ט י ן. נומ. 9, ז. 3; נומ. 10, ז. 79.

בוזי מילער. **דרײַ דערציילונגען.** נומ. 9, ז. 47.

עסטער מילער. **צוויי כאַווירים** (נאָוועלע). נומ. 12, ז. 104.

וויליאַם סאַראָיאַן (פּשא). **גאַסטאָן.** ייִדיש — ש. ג אָ ר ש מ אַ ן. אילוסטרירט פון ג. פּ אַ נ ד א פּ ו־ ל אַ. נומ. 3, ז. 90.

קליפאָרד ד. סײַמאַק (פּשא). **א ווירדיקער קעגנער.** ייִדיש — ב. ק אַ ט י ק. אילוסטרירט פון ג. פּ אַ נ־ ד א פּ ו ל אַ. נומ. 5, ז. 124.

הערשל פּאָליאַנקער. **א מײַסע מיט אַן אַקשן און אַנד. דערציילונגען.** נומ. 6, ז. 100.

באָריס פּאָלעוואָי (צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג). **איר מישפּאָכע** (דערציילונג). ייִדיש — א. ז י נ ג ע ר. נומ. 2, ז. 83.

רוווּן פּוסטילניקאָוו. **צוויי מיניאַטורן.** נומ. 2, ז. 116.

קאַטאַרינע סוסאַנאַ פּריטשאַרד (אויסטראַליע). **גנולאַ.** ייִדיש — ש. ג אָ ר ש מ אַ ן. אילוסטרירט פון ג. פּ אַ נ־ ד א פּ ו ל אַ. נומ. 3, ז. 94.

יעקבֿ פאַליקמאַן. **דער שוואַרצער ווינט** (ראָמאַן). דריטער טייל. אילוסטרירט פון ג. פּ אַ נ ד א פּ ו ל אַ. נומ. 7, ז. 9; נומ. 8, ז. 3; נומ. 9, ז. 57; נומ. 10, ז. 24.

מאַזי קאָבריאַנסקי. **א גוטער מענטש** (דערציילונג). אילוסטרירט פון אי. ש מ י ד ט. נומ. 1, ז. 3.

איציק קיפּניס. **אונטערוועגנס.** אילוסטרירט פון מ. ג אָ ר ש מ אַ ן. נומ. 4, ז. 73; נומ. 5, ז. 10; נומ. 6, ז. 22.

שימען קריוואָשעין. **צוויי דועלן** (דאָקומענטאַלע דער־ציילונג). נומ. 5, ז. 68.

יוסעף ראַבין. **איך זע דיך, ווילנע...** (ראָמאַן). אילוס־טרירט פון ה. ק ר אַ ו צ אַ וו. נומ. 1, ז. 70; נומ. 2, ז. 30; **זיבן אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלן.** נומ. 12, ז. 75.

יאָשע רוביאַן. **מאָנאָלאָגן.** נומ. 2, ז. 105.

הערץ ריווקין. **דער טאַטע מיטן זון** (אַרײַנפיר: י. יאַקיר — **ער איז געווען א זינגער פון זײַן דאָר**). נומ. 5, ז. 115.

עלי שעכטמאַן (צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג). **ערעוו. דאָס ערשטע קאַפּיטל פונעם פערטן בוך.** נומ. 1, ז. 60.

יעקבֿ שרײַבמאַן. **פיר דערציילונגען.** אילוסטרירט פון וו. ז ו ב אַ וו. נומ. 6, ז. 80.

לידער און פּאָעמעס

בוזי אַליעווסקי (צום 60־טן געבורטסטאָג). **אַ רעגן אין שטאָט ביראָבידזשאַן און אַנד. לידער.** נומ. 4, ז. 110.

הירש אָשעראָוויטש. **היט אָפּ דײַן שטעגעלע** (לידער). נומ. 2, ז. 26; **אַ הײַפּעלע שײַן** (לידער). נומ. 6, ז. 17.

ריווע באַליאַסנע. **פֿון יענער זײַט וואַנט** (לידער). נומ. 1, ז. 116.

ניקאָלאַז באַראַטאַשווילי. **דער טשינאַר** (ייִדיש — א. זינגער), **דאָס קינד** (ייִדיש — ש. דריז). נומ. 11, ז. 116.

איטשע באָרוכאָוויטש. **ערשטער טױ** (לידער) נומ. 1, ז. 112.

יאָסל בוכבינדער. **דרײַ לידער.** נומ. 7, ז. 67; **לידער.** נומ. 12, ז. 99.

הירש בלאָשטיין. **נײַע לידער.** נומ. 5, ז. 91; **פֿאַרליבטע ערד** (לידער). נומ. 10, ז. 118.

יאָסל גאָלדבערג (אַרגענטינע). **צוויי לידער.** נומ. 1, ז. 125.

אַווראָם גאָנטאַר. **איידעס און אַנד. לידער.** נומ. 3, ז. 81; **פֿונעם בוך „טויבן אָפּן דאַך".** נומ. 10, ז. 20.

בינימין גוטיאַנסקי. **פֿון דער ליטעראַרישער ירושה.** נומ. 10, ז. 111.

יויסעף געגערמאַן. **פֿון האַרץ צו האַרץ** (לידער). נומ. 9, ז. 44.

מאָטל גרוביאַן. **פּרימאָרגן** (לידער). נומ. 7, ז. 64; **אָנהייב טאָג** (לידער). נומ. 12, ז. 72.

וולאַדימיר דאַנקאָ. **אין אָט דער העכסטער רעגע** (לידער). נומ. 2, ז. 80.

שיקע דריז (צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג). **עלף לידער.** נומ. 5, ז. 58.

לייזער וואָלף. **לידער.** נומ. 6, ז. 129.

כאַנע ווײַנערמאַן. **צו טיפֿע גרונטן** (לידער). נומ. 6, ז. 94; **צום הויכן ברעג** (לידער). נומ. 11, ז. 99.

אַרן ווערגעליס. **דער דענקמאָל און אַנד. לידער.** נומ. 1, ז. 56; **דאָס געזאַנג וועגן קאַלמענס הענט** (פּאָעמע). נומ. 5, ז. 3; **לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים.** נומ. 11, ז. 15.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. **צו ברייטע ראַכוועסן** (לידער). נומ. 5, ז. 71; **אין לעבן פֿאַרליבט** (לידער). נומ. 12, ז. 33.

מוישע טײַף. **ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע לידער.** נומ. 6, ז. 76; **אַ מײַסעלע פֿאַר קליין און גרויס.** נומ. 12, ז. 100.

שלוימע טשערניאַווסקי. **די האָפֿענונג און אַנד. לידער.** נומ. 8, ז. 114.

איזי כאַריק (צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג). **אָף אַ פּרעמדער כאַסענע. פֿראַגמענטן פֿון אַ פּאָעמע** (אַרײַנפֿיר־אַרטיקל פֿון א. ווערגעליס). נומ. 3, ז. 30.

מייער כאַראַץ. **שטייגעריש** (לידער). נומ. 2, ז. 102.

דאָרע כײַקינע. **דאָס לעבן לערנט מיך** (לידער). נומ. 1, ז. 66; **פֿון אַלע מײַנע וועגן** (לידער). נומ. 4, ז. 8; **מײַן צירונג** (לידער). נומ. 10, ז. 54.

יעשוע לאַצמאַן. **זעקס לידער.** נומ. 5, ז. 120.

מענדל ליפּשיץ. **פֿאַר טויזנטער אָנהייבן** (לידער). נומ. 4, ז. 125; **פֿאַרפֿלייצט פֿון ליכט** (לידער). נומ. 9, ז. 115.

כאַנע לעווין. **ביסט אַ זילבערנער און אַנד. לידער.** נומ. 3, ז. 149.

יאָסל לערנער. **פֿון וויעטנאַמער כראָניק. — מיניאַטורן** (לידער). נומ. 4, ז. 68.

כאַיִם מאַלטינסקי. **די שענסטע ליד אין וואַלד.** נומ. 3, ז. 105; **אַ פֿראָסטער כײַ־וועקײַעם כ'בין** (לידער). נומ. 8, ז. 120; **דער שמיד דער קאַפּוליער** (לירישע פֿאַרצייכענונג). נומ. 12, ז. 119.

לעאָניד מאַרטינאָוו. **לידער אין דער איבערזעצונג פֿון א. גאָנטאַר, מ. גרוביאַן, א. ווערגעליס, י. שטערנבערג.** נומ. 9, ז. 54.

יעכיעל מאַר (פּאַריזש). **פֿון סאַן ביז סען** (לידער). נומ. 9, ז. 134.

גאָלדע מיכעלסאָן. **פֿיר לידער.** נומ. 11, ז. 67.

עדוואַרדאַס מעזשעלײַטיס. **לידער אין דער איבערזעצונג פֿון ה. אָשעראָוויטש און א. ווערגעליס.** נומ. 5, ז. 113.

מאָטל סאַקציִער. **באַגינען** (לידער). נומ. 8, ז. 45.

אײַזיק פּלאַטנער. **ניט פּובליקירטע לידער.** נומ. 9, ז. 42.

לייזער קאַצאָוויטש. **מעשאָלים.** נומ. 7, ז. 123.

אַווראָם קאַצעוו. **די ליד פֿון מײַן געמיט.** נומ. 4, ז. 127.

יויסעף קאַטליאַר (צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג). **זאָל אַ שטערן לײַכטן** (לידער). אַרײַנפֿיר־אַרטיקל פֿון א. גאָנטאַר. נומ. 2, ז. 92; **פֿון ניט געדרוקטע העפֿטן** (לידער). נומ. 8, ז. 56.

פּיניע קיריטשאַנסקי. **אַפּסנײַ** (לידער). נומ. 8, ז. 118.

מאַרק ראַזומני. **צוויי מעשאָלים.** נומ. 6, ז. 120.

עפֿראַיִם רויטמאַן. **פֿיר לידער.** נומ. 10, ז. 78.

שלוימע רויטמאַן. **צוויי לידער — מײַסעלעך.** נומ. 7, ז. 119.

עסטער רימער (אַרגענטינע). **די בין און אַנד. לידער.** נומ. 1, ז. 126.

הירש רעלעס. **לידער.** נומ. 2, ז. 119; **קוקט ניט גלײַכגילטיק** (לידער). נומ. 9, ז. 116.

מאָטל שטורמאַן. **פֿון מײַנע קוואַלן** (לידער). נומ. 4, ז. 70; **פֿון זינגענדיקן שטראָם** (לידער). נומ. 11, ז. 64.

יאַנקעוו שטערנבערג. **פֿאַרשיידענע לידער.** נומ. 7, ז. 95.

צום 25־טן יאָרטאָג פֿונעם אופֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ (נומ. 4, ז. 13—67).

הירש גליק. **זאָג ניט קיינמאָל** (ליד). איליוסטרירט פֿון ג. פֿאַנדאַפּולאָ.

בער מאַרק. **דער אָנהייב און דער סאָף פֿונעם אופֿשטאַנד** (פֿונעם בוך „אופֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ").

קריסטינא זשיווולסקאַ. **פּוסטע וואַסער** (פֿראַגמענטן פֿונעם בוך). פֿון פּויליש — ב. קאָטיק.

יויסעף ברעגמאַן. **קאָמפּנדיקע געטאָס.**

זייער ליד איז דערגאַנגען צו אונדז **(זינגלידער, געשאַפֿענע אין די פֿאַשיסטישע אויסראָטונגס־לאַגערן).**

שימען וויזענטאַל. **און די מערדער לעבן...** ייִדיש — מ. איטקאָוויטש.

אַלעקסאַנדער סינעלניקאָוו. **די פֿאַרברעכער ווערן באַשטראָפֿט.**

טריבונע פון לעבן

באַ אונדז צוגאַסט — „סאָוועטיש היימלאַנד" (קאָ־**לעקטיווער רעפּאָרטאַזש פון צען טשערנאָוויצער שרײַ־בער). נומ. 9, ז. 129.**

מאָטל גרוביאַן. **א וואָך אין ביראָבידזשאַן. נומ. 1, ז. 119.**

יעכיִעל טשיטשעלניצקי. **דער אינדערוואָכן פון א זאַ־וואָד (רעפּאָרטאַזש). נומ. 12, ז. 114.**

די כאַריק־טעג אין ווײַסרוסלאַנד. **נומ. 7, ז. 132.**

כאַיִם מאַלטינסקי. **ווידער אין נאַמאַנגאַן. נומ. 9, ז. 118.**

מייער פּאָלאַנסקי. **קינדער פון אָקטיאַבער (וועגן דער מאַלאַכאָווקער קינדער־קאָלאָניע). נומ. 7, ז. 126.**

עלישעווע קאַנצעדיק. **זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג. נומ. 8, ז. 124.**

אַף די שפּורן פון געשעענעם

נומ. 6, ז. 3—16. שויעל איצקאָוויטש. **דאָס פידל — זײַן געווער;** הערשל באַראַז. **נאָטיצן פון א מיליטערישן מעטעאָראָלאָג;** מ. דאַשעווסקי. **א מישפּאָכע פון העלדן;** הירש פּלאַסקאָוו. **דער זון פון פּאָלק;** נאָכעם קאָן. **צוויי עפּיזאָדן.**

נומ. 10, ז. 120—123. אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי. **נאָך איינער פון די לעבן־געבליבענע;** מ. קאַהאַן. **מייער דער קלעזמער, זײַנע אייגענע און נאָענטע.**

נומ. 11, ז. 3—14. אַווראָם ראַבינאָוויטש. **א מאַטאָנע לעבינגען;** הירש פּלאַסקאָוו. **קאָמיסאַרן;** מאַניע ביליטש. **קינדער מײַנע, אויב איר וועט בלײַבן לעבן...;** שלוימע ראַבינאָוויטש. **א רײַזע מיט ייִדן פון אויסלאַנד.**

נומ. 12, ז. 108—113. מענדל געלער. **דער שווײַגער.** וו. גרעס. **נאַוואַבאַ;** מ. שאַוער. **פון טויט לעבעדיק;** מ. זעליאַני. **איסאַק פרידמאַן — סטעפּאַן יאַראָש;** כ. אַרעצקי. **גאָרקי און מאַיאַקאָווסקי מיטגלידער פון „געזערד".**

ליטעראַטור־קריטיק. קונסט. שפּראַך־פּראַגן

צום 100־טן געבורטסטאָג פון מאַקסים גאָרקי. יויסעף ווײַנבערג. **דער שטורעם־אָנזאָגער; ייִדישע שרײַבער וועגן גאָרקין;** הערש לעווין. **דער גרויסער הומאַניסט און פרײַנט פון די פעלקער;** לעאָניד פאַרבער. **ייִדישע בעלעטריסטן אין דער צײַטונג „ניזשעגאָראָדסקי ליסטאָק" (1901—1903);** אַרטור רובינשטיין. **אין זײַן פּערזענלע־כער ביבליאָטעק. נומ. 3, ז. 3—29.**

צום 75־טן געבורטסטאָג פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי. הערש רעמעניק. **דער גרויסער דיכטער פון דער רעוואָ־ליוציע; פון** וו. קאַטאַניאַנס **בוך „מאַיאַקאָווסקי. ליטע־ראַרישע כראָניק". וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי צוגאַסט באַ די ייִדישע אַרבעטער פון ניו־יאָרק. נומ. 7, ז. 3—8.**

צום 150־טן געבורטסטאָג פון קאַרל מאַרקס. נאָכעם אויסלענדער. **קאַרל מאַרקס' פּאָליטישע פּאַמפלעטן. נומ. 5, ז. 140.**

הילעל אַלעקסאַנדראָוו. **יאָרן פון שווײַגן — יאָרן פון זעלבסטבאַשטימונג. נומ. 11, ז. 140.**

מוישע דובינסקי. **שאָלעם־אַלייכעמס פּראָזעאָלאָגיזמען אין דער רוסישער איבערזעצונג. נומ. 1, ז. 137.**

שמועל גאָרדאָן. **ווּ איז די קריטיק? נומ. 6, ז. 139.**

אַרן ווערגעליס. **געדאַנקען וועגן מאַרקישן. נומ. 7, ז. 137; אַרן קושניראָווס אופטועך אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נומ. 8, ז. 134.**

בעסאָ זשגענטי. **זײַן דיכטונג געהערט דעם פאָלק (צום 150־טן געבורטסטאָג פונעם גרוזינישן דיכטער ניקאָלאָז באַראַטאַשווילי). ייִדיש — מ. א י ט ק אָ ו י ט ש. נומ. 11, ז. 112.**

מוישע מײַדאַנסקי. **צו ווײַטערדיקער פאַרפולקומונג. נומ. 11, ז. 147.**

ייִסראָעל סערעבריאַני. **באַ דער שוועל פון דער נײַער וועלט (צו נאַטאַן זאַבאַרעס 60־טן געבורטסטאָג). נומ. 12, ז. 133.**

אַרן ראַסקין. **דער טראָט פון דוירעס. נומ. 2, ז. 126; פּערעץ און ביאַליק. נומ. 9, ז. 143.**

שלוימע רויטמאַן. **מיט דער מאָס פון מענטשלעכן (צום 60־טן געבורטסטאָג פון א. גאָנטאַר). נומ. 3, ז. 85; א געזאַנג אין גערעאַנגל מיט סטיכייען (וועגן דער דיכ־טונג פון א. ווערגעליס). נומ. 10, ז. 124.**

הערש רעמעניק. **פּאָלעמישע נאָטיצן. נומ. 2, ז. 131; רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיזם און פּאָלקסטימלעכקײַט. נומ. 6, ז. 134; שעפערישע פּראָבלעמען פון דער פּראָזע. נומ. 9, ז. 136; נומ. 10, ז. 141.**

יאַנקעוו שטערנבערג. **מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, פּע־רעץ. נומ. 1, ז. 128.**

ליטעראַרישע פּאָרטרעטן. פּובליקאַציעס. זיכרוינעס. באַגעגענישן מיט די לייענער

זאַיִר אַזגור. **אין וואַרשטאַט פונעם סקולפּטאָר אַווראָם בראַזער. נומ. 1, ז. 144.**

הילעל אַלעקסאַנדראָוו. **פון ייִסראָעל צינבערגס אַר־כיוו. נומ. 8, ז. 141.**

ראָמאַס אַלעקנאַ. **נאָכעם אַלפּערטס אַקוואַרעלן. נומ. 12, ז. 149.**

לעאָניד אָוטיאַסאָוו. **קאָלין — אַקאָסטאַ, טעוויע. נומ. 6, ז. 158.**

ה. אָסטראָווסקי. **אין שעפערישן אומרו (צום 50־טן געבורטסטאָג פון שימען גרויזבערג). נומ. 6, ז. 155.**

באָריס בוריאַן. **וועגן דעם סקולפּטאָר זאַיִר אַזגור. נומ. 5, ז. 148.**

מ. ברײַנעס. **בריוו פון א שרײַבער א שלאַכטמאַן. נומ. 8, ז. 148.**

מוישע גאָלדבלאַט. **אונדזער פּאָלוועך. נומ. 12, ז. 122.**

טעוויע געָן. **אויג אַף אויג מיט זיך אַליין. נומ. 5, ז. 134.**

בער האַלפּערן. **דער פּאָעט מיט דער צאַפּלדיקער נע־שאָמע. נומ. 6, ז. 126.**

יוינע טרעמבאָוולי. **פראַנץ קאַפקאַ און זײַן ראָמאַן „דער פּראָצעס". נומ. 7, ז. 142.**

מייער טשיזש (מאָנטעווידעאָ). **ייִדישע קולטור־פּראָ־בלעמען אין קאָנטעקסט פון דער הײַנטצײַטיקײַט. נומ. 6, ז. 122.**

יעכיִעל טשיטשעלניצקי. **זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע. נומ. 2, ז. 120.**

ה. טשיקין. **די הונדערט ווינטער־טעג (בלעטלעך פון דער לעניניאנע). ייִדיש — מ. בריינעס. נום. 4, ז. 2.**

ייִדישע בינע־מײַסטערס: **מוישע סאָקאָל, עמאנויִל די־באַר. נום. 8, ז. 154.**

יעשוע ליובאָמירסקי. **פון מײַנע באגעגענישן. נום. 8, ז. 128.**

ב. מילער. **א באגאבטער בינע־מײַסטער (וועגן דעם שוישפילער פײַוול אראָנעס). נום. 1, ז. 151.**

מאָטל סאקציִער. **צום יויוול פון א דערציילער (60־טער געבורטסטאָג פון יאנקל יאקיר). נום. 11, ז. 136.**

אדע־ענגעל־ראגינסקאיא. **מײַן פאָטער יולי ענגעל. נום. 4, ז. 128.**

עסטאפעטע פון קאָמיוגישע דוירעס **(צום 50־טן יאָר־טאָג פון לענינישן קאָמיוג). נום. 10, ז. 2.**

לייזער פאָדריאטשיק. **וועגן מייער ווינערס ליטעראַרי־שער ירושע. נום. 10, ז. 58.**

י. רודניצקאיא. **וועגן מ. אקסעלראָדס שאפונג. נום. 10, ז. 148.**

אין קעשענעוו מיט אונדזערע לייענער. **ארויסטרעטונ־גען פון אי. אוליאנאָווא, ש. גאָרדאָן, י טשיטשעלניצקי, י. יאקיר, מ. סאקציִער, אי. סטאווסקאיא, י. ראבין, י. שרײַבמאַן. נום. 11, ז. 129.**

מוישע שאפּיראָ. **א וואָרט פון א פרײַנט (צו כאיִם לויצקערס 70־טן געבורטסטאָג). נום. 3, ז. 150.**

ביבליאָגראַפיע און רעצענזיעס

מוני גלייזער. **א בוך פון דערקענטעניש־ווערט. נום. 12, ז. 148.**

מאָטל גרוביאַן. **דער מײַסטער פון דער ליד. נום. 2, ז. 154; דער וווּנדערלעכער מענטש און שרײַבער. נום. 4, ז. 146; וועגן פּ. ציבולסקיס בוך „דערמאָנונג“. נום. 8, ז. 150.**

נאָכעם לעווין (צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג). **„אנדערע מענטשן“. נום. 6, ז. 130.**

אבע פינקעלשטיין. **צום 75־טן געבורטסטאָג פון נאָ־כעם אויסלענדער. נום. 12, ז. 142.**

מ. ראָזענהויז. **וועגן די ארבעטן פונעם ביבליאָגראַף יעפים יעשורין. נום. 1, ז. 158.**

דאניִעל שיידבערג. **אָשער שווארצמאנס שאפונג — ניט קיין פארוואָרלאָזט פעלד. נום. 1, ז. 153.**

מירע שנייערסאָן. **„בא זיך אין דער היים“. נום. 12, ז. 147.**

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

איליא ערענבורגס לעצטער אינטערוויו **(„ביראָבידזשא־נער שטערן“); די ייִדישע שפּראך האָט א פערטל מיליאָן ווערטער („נײַע פרעסע“). נום. 2.**

דר. ס. איזראעל. **ייִדישע דראמאטורגן אין בולגאַריע („פאָלקס־שטימע“). נום. 5.**

מייער טשיזש. **דער ייִדישער טעאטער אין ראטנפאר־באנד („אונדזער פרײַנט“, מאָנטעווידעאָ);** ה. ווײַנרײַך **אא. דער ייִדישער טעאטער אין אמעריקע (נאָטיצן פון דער ניו־יאָרקער צײַטונג „פאָרווערטס“). נום. 11.**

י. געילער. **צוויי בראָשורן אף ייִדישער טעמאטיק („פאָלקס־שטימע“). נום. 12, ז. 149.**

אונדזערע מיטיילונגען

באָריס אוסטימענקאָ. **טעוויע דעם מילכיקערס כאטע. נו. 9, ז. 147.**

דאָוויד בעלקין. **סאָוועטישע שרײַבער אין די מילכאָמע־יאָרן. נום. 1, ז. 148; א קעמפער פאר פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער. נום. 8, ז. 145.**

הערץ בורד. **דער „דאָרעמדיקער גאָרקי“. נום. 4, ז. 148.**

מייער ברוקאזש. **וועגן דעם קינסטלער יעהודע פען. נום. 2, ז. 139.**

ע. גוסקין. **„איך בין א מאטעמאטיקער“. נום. 4, ז. 148.**

ארן ווינקאָוועצקי. **אן אויצער פון ייִדישן מוזיקאלן פאָלקלאָר. נום. 8, ז. 146.**

כאצקל נאדעל. **שאָלעם אשס פאָפולערקײַט. נום. 2, ז. 138.**

מעשולעם סורקיס. **א קולטור־פײַערונג מיט 20 יאָר צוריק. נום. 12, ז. 137.**

לייזער פאָדריאטשיק. **וואָלפגאנג געטע און די ייִדישע שפּראך. נום. 1, ז. 147.**

אווראָם פריבלודע. **אינטערעסאנטע סטאטיסטיק. נום. 2, ז. 140; צו דער געשיכטע פון ייִדישע פאמיליע־נעמען. נום. 7, ז. 147; נום. 12, ז. 139.**

ז. קאהאן. **די ייִדישע דראמאטורגיע און די צארישע צענזור. נום. 6, ז. 152; א דיסערטאציע וועגן אלכאַרי־זיס מאנוסקריפּטן. נום. 11, ז. 139.**

מארק ראזומני. **א בלעטל געשיכטע פון דער ייִדישער פרעסע. נום. 1, ז. 150.**

ליטעראַרישע דיִאלאָגן. **ארויסטרעטונגען פון י. שטערנ־בערג און מ. שאפּיראָ** (נום. 4).

אף די וועגן פון הײַנטצײַטיקײַט. **ארויסטרעטונגען פון מ. נאָטאָוויטש און א. גאָנטאר** (נום. 4 און 5).

טעאטער און מוזיק. יאנקל יאקיר. **„דער וועג פון א לעגענדע“ אין קעשענעווער ייִדישער דראמאטיש־מוזי־קאלער סטודיע** (נום. 4); **עס דערציילט דער קאָמפּאָזי־טאָר זינאָווי קאָמפּאנייעץ** (נום. 7).

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. **נום. 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 11, 12.**

פארשיידנס. **אין אלע נומערן.**

די ייִדישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן. **נום. 6, 7, 8, 9, 10, 12.**

קאָמענטארן פון רעדאקציע. **נום. 2, 5, 6, 8, 9, 10.**

אונדזערע איבערזיכטן. **נום. 6, 10.**

אונדזערע רעפּליקעס. **נום. 2, 7.**

לייענער שרײַבן אונדז. **נום. 2.**

אָפּקלאנגען, רעפּליקעס, מיינונגען. **רעפּליק פון י. ברעג־מאן** (נום. 2); **רעפּליקעס פון דאניִעל שיידבערג און ס. ראָכקינד** (נום. 7); **ארויסזאָגונגען פון כ. לויצקער, מ. נאָטאָוויטש, מ. געדזינסקי, יא. פליך, אי. שטולמאן** (נום. 10); **מ. בראָדסקי, י. עדעלמאן, א. טרעמבאָוועלסקי, ש. קאץ, א. קיסין** (נום. 12).

לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער. **„די ליד וועגן קאכאָווקע“** (נום. 2).

פרײַנטלעכע שאַרזשן. **פון יאַקאָוו אוערבאַך אף יאַנקל יאַקיר און מאָטל סאַקציִער** (נומ. 2); **פון יויסעף איגין אף מאָטל גרוביאַן און שמואל גאָרדאָן** (נומ. 10).

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו (נומ. 2); אונדזער פאָטאָ־אינפאָרמאַציע (נומ. 11).

כראָניק — **אין אַלע נומערן.**

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר. **יובילייען פון אַלעקסאַנדער בעזימענסקי, באָרוך גלאַזמאַן, מענאַכעם באָריישאָ** (נומ. 1); **יויסעף פערל, בערטאָלד ברעכט** (נומ. 2); **ל. שאַפּיראָ, כאַנע פּיאַטיגאָרסקאַיאַ** (נומ. 3); **ב. גאָרין (ייִצכאָק גוידאָ), יעהוישוע פערלע, מאַריִעטאַ שאַגיניאַן, יויסעף קערלער** (נומ. 4); **מאָרדכע ספּעקטאָר, מענאַכעם קיפּניס, היימי (כאַיִם) רויזענבלאַט, סעם (שעפּסל) ליפּציין** (נומ. 5); **נאָכעם סטוטשקאָוו (שטוטשקאָ), ביניאָמין־יאַנקעוו ביאַלאָסטאָצקי** (נומ. 6); **ז. אָנויכי (זאַלמען־ייִצכאָק אַראָנסאָן), יודיקאַ, שאָלעם זשירמאַן** (נומ. 7); **גערשן באַדער, יאַנוש קאָרטשאַק (הענריק גאָלדשמידט)** (נומ. 8); **ייִצכאָק־בער לעווינזאָן (ריב״ל), באַל־מאַכשאָוועס (איסידאָר עליאַשעוו), א. מוקדוני (אַלעקסאַנדער קאַפּעל), דאַניִעל טשאַרני** (נומ. 9); **יאַנקעוו ראָמבראָ (פּיליפּ קראַנץ), זאַלמען רייזען, מאָניע שאַפּיראָ, אויזער וואַרשאַווסקי, עפראַיִם קאַגאַנאָווסקי** (נומ. 10); **מוישע־לייב ליליענבלום, מאַרק וואַרשאַווסקי, יאַקנעהאָז (יעשײַ־ניסן האַקויהען גאָלדבערג), בער אָרשאַנסקי, נאָכעם־באָרעך מינקאָוו** (נומ. 11); **יעכעזקל דאָברושין, שאַכנע עפּשטיין, מאַני לייב (מאַני־לייב בראַהינסקי), עליע פאַלקאָוויטש** (נומ. 12).

קינסטלערישע בײַלאַגעס. **רעפּראָדוקציעס פון די ווערק פון די קינסטלער ז. אַזגור און א. בראַזער** (נומ. 1); **בילדער פון א מאַזיטאָוו, נ. יעריאָמין, ד. באַרישניקאָוו, יאַקאָוו אוערבאַך** (נומ. 2); **פּאָרטרעט פון איזי כאַריק** (גראַווויור פון די 30־ער יאָרן; וויגליד); **ליטאָגראַפיעס פונעם קינסטלער אַנאַטאָלי זיקאָוו** (נומ. 3); **פראַגמענטן פונעם דענקמאָל די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ; רעפּראָדוקציעס פון די ווערק פון יויסעף קוזקאָווסקי** (נומ. 4); **ווערק פונעם סקולפּטאָר פייסעך קריוואָרוצקי** (נומ. 5); **געמעלן פונעם קינסטלער שימען גרוזבערג** (נומ. 6); **שאַפונגען פונעם קינסטלער גאַווריִעל גליקמאַן** (נומ. 7); **בילדער פון די מאָלער מאַרק זשיטניצקי און אַלעקסאַנדער קערזשנער** (נומ. 8); **פּאָרטרעטן און בילדער פון אַלעקסאַנדער גלוסקין** (נומ. 9); **ווערק פונעם קינסטלער מייער אַקסעלראָד** (נומ. 10); **רעפּראָדוקציעס פון די שאַפונגען פונעם סקולפּטאָר אַראָן פּוטערמאַן און פון די קינסטלער נ. טערעשטשענקאָ, וו. נעטשיטײַלאָ** (נומ. 11); **בילדער פונעם קינסטלער נאָכעם אַלפּערט** (נומ. 12).

לייענט און פאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד"!

עס ווערט פאַרגעזעצט די אַבאָנירונג אפן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אפן 1969 יאָר.

אונדזער זשורנאַל דערשײַנט 12 מאָל א יאָר.

אַבאָנעמענט־פּרײַז:
אף א יאָר — 6 רובל.
אף 6 כאָדאָשים — 3 רובל.

די אַבאָנירונג אף „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט אָנגענומען אָן באַגרענעצונגען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט", אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בא די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער אין די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן.

פאַרגעסט ניט אויסשרײַבן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания восьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), Нотэ Лурье, **Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 18/XI 1968 г. Формат $70 \times 108^1/_{16}$. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2 вклейки.
Цена 50 коп. Зак. 783.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 12

1 9 6 8

В НОМЕРЕ:

А. Бейгельман. Золотой подсвечник (рассказ. Окончание).

С. Гордон. Переулок Балшема (пьеса).

Стихи М. Талалаевского, М. Грубиана, И. Бухбиндера, М. Тейфа.

И. Рабин. Семь автобиографических новелл.

Из еврейской литературы за рубежом. Э. Миллер. Два товарища (рассказ).

По следам событий. Очерки и воспоминания.

ТРИБУНА ЖИЗНИ

Е. Чичельницкий. Будни одного завода.

Х. Мальтинский. Кузнец из Копыля (лирический репортаж).

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА.

М. Гольдблат. Путь Льва Пульвера.

Отклики. Реплики. Мнения.

И. Серебряный. У порога нового мира.

А. Финкельштейн. Н. Ойслендер (биобиблиографические заметки).

Наши сообщения. Краткие рецензии. Листая журналы и газеты. Заметки букиниста. Хроника. Заметки на календаре.